אלע ווערק



ברהם רייזען

ספריה עממית · טורונטו ·
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

אברהם רייזען

געזאַמלטע שריפטן

Printed in U.S.A.

פאַרלאַג „אידיש"

ניו יאָרק, 1930

נייאַטער באַנד:

איז אמעריקע.

יודישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY

אין אמעריקע.

ליעבע אהן א היים.

עס איז ווירקליך געוועזן א גאָט־געבענשט פּאָרל. ער, היי־מאַן, א יונג פון א יאָהר פינף און צוואנציג, א הויכער, א שלאנ־קער, מיט שווארצע גוטסקייט־אויסדריקענדע אויגען, און זי, בעסי, א מיידעל פון א יאָהר אכצעהן פון מיטעלער וואוקס, אָבער שלאנק און בויגיג, ווי א יונג ביימעל. א זיסער גוטער שמייכעל האָט גערוהט אויף איהרע ליפּעלעך און א ברכה צו דער גאנ־צער וועלט — אין איהרע גרויסע שווארצע אויגען.

וואו און ווי אזוי האָבען זיי זיך בעגעגענט? עס איז נישט וויכטיג. אין טעאטער, אויף א קאָנצערט, אָדער גאָר אין א פּארק? אָדער אפשר אין קוני־איילענד אמאָל, רייטענדיג ביידע אויף הילצערנע פערדלעך? וויכטיג איז אבער זייער אמת'ע ריי־נע יונגע ליעבע, וואָס האָט אָנגעפילט זייערע הערצער און האָט מיט חן און פרייד ארויסגעקוקט פון זייערע יונגע וועזענס.

אָנפאנגס האָט ער געהייסען, אז זיי „געהען ביידע אוים". אזוינס האָט קיינעם נישט געארט. וואס פאר א בייז, אז מען געהט שפּאצירען? דאָס איז ערלויבט. ערלויבט איז שוין נישט געוועזן אין א פינסטערער אלעע שפּעט ביינאכט זיך קושען. דאָס האָט דאָס פּאָרל געדארפט טהאָן מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. עפּעס האָבען זיי ביידע דונקעל געוואוסט, אז קושען זענען דאָ אין לאנד שטרענג פערבאָטען.

און אָבוואָהל די פאָרזיכטיגקייט האָט פון איין זייט זיי־סער געמאכט די איינצעלנע אָבגעהאקטע קושען, האָט דאָך פון דער צווייטער זייט דער שרעק געשטערט, און זייער ליעבע האָט געזוכט א מעהר רוהיגען און זיכערען אָרט.

איינמאָל, אין אַ שענער פריהלינגסנאַכט, ווען דער קוואַל פון ליעבע האָט אין זייערע הערצער זיך געעפענט און שטארק געשלאָגען, און עטוואָס מעהרער ווי קושען געפאָדערט, האָט היי־מאן, שטארק דריקענדיג זיין בעסי׳ן אין זיין אָרים, זיך אבגע־רופען:

— בעסילע... וואָלסט אפשר ארייננעגאנגען איצט צו מיר אַ ווײַלע...

בעסי, וואָס האָט אין דער נאַכט היימאנען ליעבער געהאט ווי אלע מאָל, און וואָס האָט געהאט נאָר איין פערלאנג — זיין מיט איהם איצט נאָר אליין, אליין, — האָט זיך דאָך, אביסעל געקווײַנקעלט און חנ׳עוודיג געשאָקעלט מיט׳ן קעפעל...

— ווילסט ניט, נארעלע... — האָט היימאן זי געפאָרשט— ווילסט ניט געהן צו מיר?...

— יאָ, ווילען וויל איך געהן צו דיר... — האָט זי קינ־דיש־קאָקעטיש געענטפערט און זיך געדריקט שטארקער צו איהם — איך וויל זעהר געהן צו דיר, איך האָב אָבער מורא פאר דיין מיסעס...

— עט, נארעלע... וואָס האָסטו מורא? די מיסעס שלאָפט שוין... מיר וועלען ארייננעהן שטיל, פאַמעליך... הערסט, בע־סילע, אבער טאַקע פאַמעליך, זי זאָל זיך ניט אויפחאַפען.

— קום! — האָט בעסי דאָך איינגעוויליגט...

— אַ מיין טייער קלוג, מיידעלע! — האָט היימאן, ענט־ציקט פאר גליק, איהר ארייננעפליסטערט אין אויער און בגנבה פון דער גאס און נאכט זי אַ קוש געטהאָן...

— דו ביזט גאָר ניט פאָרזיכטיג, היימאן, — האָט זי איהם חנ׳עוודיג גע׳מוסרט — זעהסט ניט דאָרטען אויפ׳ן קאָרנער דעם פאָליסמאן!...

— אוי, דו ביזט טאַקע גערעכט, מיין מיידעלע! — האָט איהר היימען נאָכגעגעבען — מען קען טאַקע חאַפען אַ פסק... שוין מעהר ניט... קום, בעסי, קום צו מיר...

און מיט קלאפענדע הערצער, פול מיט זיסער אויפרעגונג האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צום הויז, וואו זיין וואוינונג האָט זיך געפונען.

צוקומענדיג צום הויז, האָט היימאן ווידער איהר גענומען פליסטערן אין אויער אריין:

— נעדענק, בעסי, דו זאָלסט קיין וואָרט ניט אויסריידען... שטיל אריין... גאָר שטיל...

— יאָ, יאָ! — האָט בעסי פערזיכערט, און איהר הארץ איז שיער ניט צוזאַמענגעגאַנגען פאר זיסקייט, און זי האָט קוים זיך איינגעהאלטען ניט צו אָטהעמען.

היימאן האָט אָנגעהויבען שליסען די טיר. בעסי האָט איינגעהאלטען דעם אָטעם.

ענדליך האָט זיך די טיר שטיל געעפענט. דאָס פּאָרל איז שוין געווען אינווייניג.

— ששששש... — האָט היימאן געוואָרענט מיט'ן וואונק און זיי האָבעןביידע קוים־קוים אָנגעריהרט דעם פלאָר...

פלוצים האָט זיך דערהערט א הוסטען פון א שלאָפענדיגען וועזען, עס האָט באלד א קנאק געטהאָן א שוועבעלע, און א פרוי אין א לאנגען נאכט־העמד, דיק און גרויס, איז אויסגעוואקסען פאר זייערע אויגען.

— וואָס איז דאָס, הא? — האָט זי זיך צושריען — ווע־מען שלעפּט איהר מיר אהער... העך? איך ליעג אזוי מיט מיין דזשייקען און פיהל, אז מעניש ען קומען... דזשייק! — האָט זי זיך געווענדט צום מאן, וואָס איז געשלאָפען מיט איהר אין איין בעט... — וואָס זאָגסטו צו אונזער באָרדער? ניין! אזעלכע זאכען ווילען מיר ניט ביי אונז אין הויז... איהר קענט אייך מאָרגען מופען...

און האָט זיך צוריק נעלאָזט אין בעט אריין צו איהר דזשיי־קען...

ארויסגעהענדיג צוריק אויפ'ן סטריט, האט בעסי נעצי־טערט ווי אין א פיבער.

— בעסילע, ביזט בייז... — האט היימאן זי צערטליך גע־פרעגט.

— אבער ניט אויף דיר, היימאן, — אויף איהר... אזא שוויין... אין איין העמד איז זי געשטאנען, עס האט מיך גע־עקעלט...

— זי האט זיך היינט מיט איהר מאן געשלאגען און דאך שלאפט זי מיט איהם איצט... זיי מעגען... פוי...

— אודאי איז דאס מאוס... — האט בעסי נאכגעגעבען היימאנען און האט איהם מיט ליעבשאפט געצויגען צו זיך.

— קום, בעסילע... איך וועל דיך בעגלייטען אהיים...

— ניין, ניין! היימאן! — האט זיך בעסי שיער ניט צו־וויינט, איך וועל דיך נישט אבלאזען... איך האב דיך עפעס די נאכט ליעבער ווי אלעמאל... איך וויל זיך מיט דיר ניט שיי־דען... ווייסט וואס... מיר דאכט, אז צו מיר קענסטו יא אריין... מיין מיסעס שלאפט אימער ווי א גע'הרג'עטע...

— און ער?... — האט היימאן געפרעגט.

— ער אויך... זיי שלאפען אלע מאל ווי גע'הרג'עטע. אז איך קום צו געהן, הערען זיי קיינמאל ניט... קום צו מיר, היי־מאן, קום!

— א, מיין גאלדענע בעסי! — האט איהר היימאן גע־דריקט צו זיך און מיט שרעק און פרייד זיך געלאזט נעהן צו איהר...

שטילער און פארזיכטיגער ווי אימער האט בעסי געשלא־סען די טיר. מיט פערשטיקטע אטעמס זענען די צוויי פערליעב־טע אריין.

— ציגד אן א שוועבעלע! — האט זי איהם אריינגע־סור'עט אויפ'ן אויער.

דאָס שוועבעלע האָט אונערוואַרטעט ווי אַ רעוואָלווער אויסגעשאָסען, און עס האָט דאָס פּאַרפּאַלק, וואָס שלאָפען איי־מער ווי גע׳הרג׳עטע, אויפגעוועקט.

— צוריק! — האָט בעסי מיט שרעק אָנגעכאַפּט הייי־מאַנען.

— פערפאַלען שוין? — האָט היימאַן אין שרעק געשטאַ־מעלט.

און גלייך אויף זייערע רייד איז ארויסגעשפּרונגען פון אַ ברייט בעט אַ פּאָרפּאַלק אין נאַכט־קליידער און האָבען זיך צו־שריען:

— ווער איז דאָ? וואָס איז דאָ?

דער גאַז איז גלייך אָנגעצונדען געוואָרען.

— וואָס איז דאָס? בעסי! איהר! — האָט די מיסיס געמורמעלט... — אזוי שפּעט מיט אַ יונגערמאַן... פע! שעמט זיך...

— טאַקע שעמט זיך! — האָט אויך דער מאַן מיט שטאַרק פערשלאָפענע אויגען און אַ הייזעריגליכער שטים געבייזערט זיך...

— סטייטש, סטייטש! — האָט די מיסעס זיך נישט בערוהיגט — איינס אַ זייגער ביינאַכט מיט אַ באַי... אַט אַזוי ווערט מען דאָס דאָ צולאָזען.

— איך האָב איהם ליעב... ס׳איז מיין חתן... — האָט זיך בעסי קוים געפונען...

— און אַז ליעב, איז וואָס? — האָט די מיסעס גע־טענה׳ט... ביז וואַנען איהר האָט נישט קיין לייסענס...

— נעהמט לייסענס... — האָט אויך דער מאַן, וואָס האָט זיך שוין אויסגעטשוכעט, פעסטער גערעדט... לייסענס, און דע־מאָלט געזונטערהייד... אָבער איצט... איצט נעהט אייך ערגעץ אַנדערש־וואו... מיר קענען נישט ערלויבען איינס אַ זייגער ביינאַכט קומען אהער... ניין... נעהט אייך...

דאָס פּאָרפּאָלק איז אריין צוריק אין בעט און בעסי מיט היימאַנען זענען ארוים צוריק אויפ׳ן גאַס.

— בעסילע, דו וויינסט? — האָט איהר היימאַן געפרעגט, בעמערקענדיג טרעהרען אין איהרע אויגען.

— ניין, היימאַן, ניין! עס איז גלאַט א פערדרוס... אזוינע מיאוסע מענשען... איצט ערשט האָב איך דיך ליעב...

— ערשט איצט האָב איך דיך ליעבער ווי אלעמאָל...— האָט היימאַן פון זיין זייט געזאָגט. — אַ, מיין בעסילע, אונזער ליעבע איז די שעהנסטע און ריינסטע און דאָך... זעה — זי האָט נישט קיין היים...

און דאָס פערליעבטע פּאָרל איז געבליבען שטעהן אין מי־טען סטריט, נישט וויסענדיג וואוהין צו געהן מיט זייער ליע־בע.

די גאַס איז געוועזן שטיל און לעער. אויבען איז געשוואו־מען רוהיג און געלאָסען די אוראלטע לבנה און האָט ווי מיט פאָרוואורף אראָבגעקוקט אויפ׳ן פּאָרל.

אויף דעם צווייטען קאָרנער איז געשטאַנען דער פּאָלים־מאַן און האָט זיי שטרענג נאָכגעקוקט...

די אמעריקאנער איראפעאישע.

ווען אמאליע איז נאך געגאנגען אין פאבליק סקוהל פלעגט זי אין געוויסע אבענדען בעמערקען ווי צו איהר פאטער, דעם דאקטאר וואלפזאהן אין הויז קומען זיך צונויף אזוינע מענשען, וואס זיינען אין געוויסע הינזיכטען זעהר „פאני“. דער טאטע אבער, פלעגט מיט זיי פערברענגען זעהר גערן, פלעגט זיך היצען, מאכען מיט די הענט און פלעגט אט די אלע געסט פון פערשיעדענעם עלטער און געשלעכט נעהמען זעהר ערנסט. און ווי באלד, אז דער פאטער לאכט ניט פון זיי, פלעגט אמאליע אליין אויך קוקען אויף זיי מיט מעהר אדער *וועניגער אכטונג*, כאטש בעפרייען זיך איינגאנצען פון דעם קאמישען געפיהל, וואס מאנכע פון די בעזוכער האבען ביי איהר ארויסגערופען, האט זי ניט געקענט. אז די געסט פלעגען איינער נאכ׳ן אנדערען ענדליך אנהויבען צו פערלאזען דאס הויז, און זי איז נאך שלאפען ניט געגאנגען, פלעגט זי זיך ארויפכאפען צום טאטען אויף די קניה און האלב־לאכענדיג, האלב ערנסט, פלעגט זי איהם פארשענדיג, אין די אויגען אריינקוקען, און פרעגען, אין ענגליש, נאטירליך:

— פא, ווער זיינען זיי דאס?...

— וואס הייסט ווער? פלעגט דר. וואלפזאהן איהר אנגעהמען פאר איהר לאנגער, חנ׳עוודיגער גאמבעלע — האסט אליין ניט געזעהן? — מענשען, געבילדעטע מענשען...

— סאשעליסטען? פלעגט זי ווידער ווי ניט אהן מורא פרעגען.

דאָקטאר וואָלפּזאָהן פּלעגט א שמייכעל טהאָן און ענטפּע־רען:

— עס זיינען צווישען זיי אלערליי, „סאָשעליסטען", אנאַרכיסטען, זייאָניסטען, פּועלי זייאָנים...

— אין בייזבאָל שפּיעלען זיי אויך ?... האקט אמאליע איבער דאָס צעטעל פון די איסטען.

דער טאטע פלעגט זיך צולאכען און ענטפערען:

— ניין, מיין בייבי, זיי זיינען ניט קיין אמת'ע אמעריי־קאנער... צו בייז־באָל זיינען זיי נאָך ניט דערגאנגען — זיי האלטען דערפון ניט...

— זיי זיינען פון אייראָפּא ?...

— יא, מיין בייבי...

— דו, פּא, ביזט אויך פון אייראָפּא ? — פרעגט אמאליע איבער נאָך אמאָל, כאָטש זי ווייסט עס שוין לאנג, איהר ווילט זיך אָבער, אז דער פּא זאָל עס איהר אמאָל אבלייקענען.

דר. וואָלפזאָהן שטאָלצירט אָבער מיט אייראָפּא און ער שמייכעלט:

— שור, בייבי, איך בין פון אייראָפּא...

און אזוי ווי אמאליע פלעגט נאָך דעם דאָזיגען ודוי פון טאטען ווערען אביסעל אומעטיג, פלעגט ער זיין געצוואונגען איהר צו טרייסטען:

— איך בין שוין לאנג, לאנג פון אייראָפּא...

די דאָזיגע ערקלערונג האָט דעמאָלט אמאליע'ן גרינגער געמאכט. און א צופריעדענגעשטעלטע פלעגט זי זיך פרעגען וועגען די געסט:

— זיי זיינען שוין אויך לאנג פון אייראָפּא ?...

— נאָ, מיין בייבי... פאראנען צווישען זיי אזוינע, וואס זיינען ערשט א האלב יאָהר פון לאנד... פיינע מענשען !

— זיי זיינען אָבער „פּאָני"... אמת, פּא ?...

— „פאני“! פאר וואס? דו ביזט א נאר! זיי זיינען גע־לערנטע. אלע געלערנטע און האבען אידעאלען.

— פא, וואס איז דאס אידעאלען? — פלעגט אמאליע פרעגען ניט נאר אהן שרעק.

— אידעאלען... אידעאלען... — פלעגט דר. וואלפזאהן אנהויבען שטאמלען און ניט וויסען ווי אזוי דאס צוועלף־יעה־ריגע טעכטעריל זיינער צו ערקלערען אזא איינפאך ווארט און ער האט עס געמוזט אבלעגען אויף א צווייטען מאל, אז זי וועט ענדיגען פאבליק סקוהל..

אבער, אז זי האט געענדיגט פאבליק סקוהל האט זי שוין ניט געפרעגט „וואס איז דאס אידעאלען“? ערשטענס האט זי זיך געלערענט דאן „דענסינג“, צווייטענס האט זי זיך פארבע־רייט צו האי סקוהל און האט שוין געטרוימט וועגען א לענגע־רער דרעסקע און צו איבערבייטען דעם באיטשיקעל פון פאב־ליק סקוהל אויף א באי פון האי סקוהל... אין דערזעלבער צייט האט זי אנגעהויבען צו בעמערקען, אז צווישען די געסט וואס קומען אריין צום טאטען זיינען דא א פאר באים אויך. מיט איינעם פון זיי האט זי זיך פעראינטערעסירט, כאטש ער איז געווען „פאני“ ווי די איבעריגע, האט זי דאך צווישען די פיעל הויכע פראזען, וואס ער פלעגט שיטען מיט פייער און עקסטאז, איינציגע פערשטאנען און זי פלעגט זיך אמאל צוזעצען נאר נא־הענט און איינהערען זיך וועגען וואס די דאזיגע מענשען רע־דען און פלעגט זיך וואונדערן, פאר וואס זיי היצען זיך אזוי...

האט זי איינמאל געפרעגט דעם פא, וועגען דעם דאזיגען יונגען מאן, וועלכער היצט זיך מעהר ווי אלע. דער פא האט איהם פארגעשטעלט האלב אין ערנסט, האלב אין שפאס. זיין נאמען האט זי דייטליך ניט געקענט בענעהמען. עס האט זיך גע־ענדיגט אויף „סקי“ און אז זי האט איהם געוואלט איבערפרעגען, האט זי זיך געשעמט צו איהם זיך צו ווענדען אהן א נאמען.

אזוי זיינען פערגאנגגען נאָך עטליכע יאָהר. אמאַליע האָט געענדיגט האַי־סקוהל, און האָט שוין געטראָגען קליידער ווי א רערוואַקסענע מיידעל. וואָס איז אַזוינס אידעאַלען האָט זי שוין געוואוסט אַליין, אבער זי האָט נאָך קיין אידעאַל ניט געהאַט. געצויגען אבער האָט איהר שוין יאָ צו א וועלכען עס איז אי־דעאַל!

— פאַ, דו האָסט דאָך אזוי פיעל אידעאַלען? האָט זי זיך פיעסטשענדיג איין מאָל געווענדעט צו דר. וואָלפזאָהן — גיעב מיר עפּעס א שטיקעל אידעאַל. ס'איז מיר אומעטיג...

דר. וואָלפזאָהן, וואָס האָט שוין בעקומען פיעל גרויע האָר אין קאָפּ, און די שלייפען זיינען שוין איינגאנצען זילבערנע געווען — האָט א ביטערען שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— איך האָב שוין אויך באַלד קיין אידעאַלען ניט... איך בין שוין דאָ דרייסיג יאָהר אין לאַנד, שוין צייט צו פערליערען זיי.

האָט זיך אמאַליע אָנגעהויבען אויפמערקזאמער צוצוהערען צו די שמועסען, וואָס קומען פאָר אין איהר פאָטערס הויז. אמאָל האָט זיך איהר געוואָלט אריינוואַרפען א וואָרט, אבער אזוי ווי די שמועסען זיינען געפיהרט געוואָרען אין אידיש, האָט זי ניט געוואָלט מיט איהר ענגליש אריינטראָגען א דיסאַנאַנס. זאָגען איהר מיינונג אויך אין אידיש, האָט זי מורא געהאַט מען זאָל ניט לאַכען פון איהר „אויסשפּראַכע" און זי האָט געשוויגען, מאַכענדיג דעם איינדרוק אויף די געסט פון אַן אונענטוויקעל־טער אמעריקאַנער מיידעל.

איין מאָל האָט דר. וואָלפזאָהן בעמערקט, ווי אמאַליע איז שוין א לאַנגע צייט אין ערגעץ ניט געווען. זי האָט זיך נעלאַנג־ווייליגט און זיך געקלאָגט אויף קאָפּ־שמערצען.

— פאַר וואָס געהסטו ערגעץ ניט, מיין טאָכטער? — האָט ער איהר געפרעגט מיט אנטייל.

— איך האָב ניט וואוהין — האָט זי געשמייכעלט.

— וואָס הייסט, וואו זיינען דיינע אַלע „אַמעריקאַנער" בעקאַנטע? — האָט זיך דער דאָקטאָר געוואונדערט.

— עס איז מיר מיט זיי ניט אינטערעסאַנט, פּאַ. — האָט זי ווי פערשעמט זיך ענדליך מודה געווען — נאָך די אַלע גע־שפּרעכען, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון דיינע געסט, קען איך מיט „מיינע" גאָר ניט רעדען און דאָס וואָס זיי רעדען איז אַזוי ווייט פון מיר... פּאַ — האָט זי נאָך אַ קורצער פּאוזע זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ שמייכעל — האָסט מיך שלעכט ער־צויגען — דיינע בעקאַנטע — ווי פרעמד זיי זיינען מיר — האָב איך דאָך עפּעס פון זיי געגאַשט. אינגאַנצען אָבער זיינען זיי ניט לויט מיין געשמאַק. יענע ווידער זיינען פאַר מיר צו טעמפּ און ניט ענטוויקעלט. עס איז מיר באמת אומעטיג.

דער פאָטער האָט געשוויגען און געטראַכט ווי אַזוי זיין אַמאַליע׳ן פערבינדען נעהענטער מיט זיין געזעלשאַפט.

אין דערזעלבער צייט האָט אַמאַליע זיך בעקאַנט מיט אַן אַמעריקאַנער באָי. האָבענדיג אַלע פרייהייטען ביי איהרע על־טערען, פלעגט זי איהם מאַנכעס מאָל ברענגען צו זיך אַ היים. דער פאָטער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר די געסט פון די פער־שידענע „איסטען". מען האָט איהם גענומען אויפ׳ן פערהער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז כאָטש ער איז שוין אַ פערטיגער אינזשיניר איז ער דאָך אין העכערע פראַגען, אַ גרויסער עם־הארץ. די אייראָפּעאישע געסט האָבען צוגעשמייכעלט און זיך געוואונדערט, וואָס צו דר. וואָלפזאָהן אין הויז האָבען אָנגע־הויבען צו קומען אַזוינע מינים ברואים.

האָט אַמאַליע איהם אוועקגעלאָזט און אויסגעקליבען אַ באָי פון איהר טאַטענס געסט און איהם גענומען צו איהרע בעקאַנטע, האָט זי דאָרט געהאַט פון איהם בזיונות. גע־רעדט האָט ער ניט אַנדערש ווי אידיש און פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער אפשר איין מאָל געזאָגט „עקסקיוז מי!"

איין חבר'טע האָט איהר איינגערוימט אין אויער:

— וואו האָסטו גענומען דעם דאָזיגען „קאַיק“?

און אזוי האָט זיך אמאליע געוואָרפען מיט איהרע באַיעס, דאָ איז זי געגאַנגען מיט א „היימישען“, דאָ מיט אַן אמעריקאַנער און פוןביידערליי מינים האָט זי געהאַט אויסצושטעהן בזיונות: פון דעם היימישען האָבען געלאַכט די אמעריקאַנער און פון דעם אמעריקאַנער האָבען געלאַכט די היימישע.

כאָטש בלייב אויפ'ן גאַנצען לעבען איינע אליין!...

די אילוזיע.

א צימער, אָדער ריכטיגער געזאָגט — א צימערל פלעגט לעווין אימער זוכען מיט א סעפעראטען אריינגאנג, אָדער ווי ער פלעגט עס אליין רופען „גאנץ פריוואט“. עס האָט אבער נים געהייסען, אז לעווין איז א מיזאנטראָפּ און האָט פיינט מענשען און געזעלשאפט. אדרבא, לעווין האָט שטענדיג געבענקט נאָך א פאמיליען־לעבען. ווער רעדט קליינע קינדער איז געווען זיין העכסטער אידעאל. אָבער וויסענדיג גוט אז די אלע, וועלכע לאָזען ארוים א צימער, קוקען אויפ׳ן „קוואַרטיראנט“ ווי אויף א פערדעכטיגער און זאָנדערבארער פערזענליכקייט, האָט דערפאר זיין שטאָלץ ניט ערלויבט ביי אזוינע מינים מענשען זוכען ווארעמקייט און פאמליאריטעט.

און זיין צימערל, וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען דאָס ערשטע ביים אריינגאנג, איז ווירקליך געווען שטיל און איינזאם. זעלטען פלעגט זיך דערטראָגען אהין א קלאנג פון „עס־צימער“, וואו די פאמיליע, ביי וועלכער ער האָט געוואוינט, איז געזעסען און רוישענדיג פערבראכט. מיט א געוויסער פעראכטונג צו זיי און צו זייער גערויש פלעגט ער פעסטער צומאכען די טהיר, אז דער גערויש זאָל צו איהם ניט דערגרייכען...

דאָס זיינען אנדערע מענשען! פלעגט ער טראכטען און פלעגט זיך פערטיעפען אין א בוך אָדער גאָר אין זיין אייגענעם „איך“ וואָס איז געווען נאָך א טיעפערער און שווערערער בוך פון אלע ביכער וואָס ער האָט געלעזען.

פלעגט ער אמאָל דארפען אריינגעהן אין עס־צימער וואו דאָס געזינד פלעגט זיצען ביים קיילעכדיגען טיש מיט׳ן טישטוך

איבערגעדעקט, פלעגט ער פיהלען ווי ער איז צווישען זיי אַן איבעריגער. מיט ניט דרייסטע בליקען פלעגט ער זיך ארומקוקען און קוים־קוים בעמערקען די געזיכטער פון די מיטגליעדער פון דער פאמיליע: — פרעמדע, ווייטע און פיינדליכע! און אמאָל פלעגט ער זיך פערבענקען נאָך זיי און פלעגט בעשליסען: ער וועט זיך אַוועקזעצען ביים טיש אויף א שטוהל און ברייט זיך צושמועסען מיט זיי.

אליין בין איך פון ווילנער גובערניע... איך בין שוין דאַ אין ניו־יאָרק זיבען מיט א האלב יאָהר... ווי הייסט אייער עלטערע טאָכטער? און אַט די קליינטשינקע?... א שעהן מיידעלע... ס'איז גאָר א באָי... איך האָב געמיינט א מיידעלע... טאקע א שעהנער באָיטשיקעל... יא... א שעהנער באָיטשיקעל...

אבער צו וואָס? דאָס זיינען גאָר פרעמדע מענשען, אָבגעצאָהלט זיי בעפּאָר פאר'ן מאָנאט איז גענוג, מעהר האָסטו מיט זיי קיין צוזאמענהאנג, קיין געמיינשאפטליכעס...

און לעווין פלעגט דערפאר זעלטען זיך געפינען אין זיין צימער.

אין קאפע איז שוין געווען פרעהליכער. אויך דאָרט האָט ער ניט מיט אלעמען קיין געמיינזאמעס. יעדער מענש איז פאר איהם א פערמאכטער בוך. אבער, אז מען זיצט ביי איין טישעל און מען שמועסט אפילו וועגען וועלט־פּאָליטיק און וועגען פּרעסע און וועגען א נייעם מיניסטער און וועגען דעם גורל פון אלבאניען, איז דאָך אלץ אינטערעסאנטער און פרעהליכער, ווי דאָרטען אין סעפּעראטען צימערעל, וואו עס דאכט זיך, אז די גאנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבען און אפילו די יעניגע וועלכע געפינען זיך אַט דאָ הינטער איהם, זיינען פאר איהם אויך אזוי פרעמד און ווייט ווי אז אנדער מין מענשען אויף א ווייטען פּלאַנעט...

אין קאפע האָט ער דאָך נעהענטערע בעקאַנטע. ביי איינעם גענומען אַ ר אַ סיגאַרעטעל, אַ צווייטער נעהמט ביי איהם. אָט דער יונגער מאַן מיט דעם גלאַט - גערא־זירטען געזיכט האָט זיך איהם מודה געווען, אַז ער איז אַלט שוין פינף־און־פערציג יאָהר, האָט זיך לעווין איהם צו־ריק מודה געווען, אַז ער איז אַלט זיבען־און־דרייסיג. צורעדט מען זיך וועגען די יאָהרען נאָך היציגער, ווייזט זיך ארויס, אַז דער דריטער ביים טישעל, וועלכער זעהט נאָך אויס אַ אינגעל איז שוין אויך באַלד דריי און פערציג יאָהר.

און אַז מען שאַצט זיך אויס אַלע די יאָהרען, בעשליסט איינער פון דער חברה, אַז ביז פערציג איז נאָך „אַל־רייט", אָבער נאָך פערציג איז שוין באַרג אַראָב און אַז מען איז אַלט פופציג מעג מען שוין זאָגען גוד־באַי.

ווערט לעווין אָפּטימיסטיש און דערצעהלט, אַז ביי זיי אין שטעדטעל איז געווען אַ איד פון נײַנציג יאָהר, האָט ער זיך אין מיטען דערינען מיישב געווען און געלאָזט איבערבויען זיין הויז, האָט מען איהם געפרעגט: כטייטש, ר׳ בעריש? האָט ר׳ בעריש געשמייכעלט און געענטפערט: איך פיהל מיך נאָך גאָר יונג...

אין דעם דאָזיגען נעשפרעך מישט זיך אריין דער איינצי־גער מאַן אין קאפע, וואָס טראָגט אַ באָרד און ער איז געוויס אַ פאַמיליע־מאַן. לעווין איז איהם מקנא! ער האָט אודאי אַ הויז, קינדער... אַ ווייב...

און לעווינ׳ען האָט עס געצויגען צו דעם דאָזיגען אידען מיט דער באָרד.

— און ווי אַלט זיינט איהר, מר. הורוויץ? — האָט ער איהם איינמאָל אַ פרעג געטהאָן.

און מר. הורוויץ האָט אַ גלעט געטהאָן די באָרד און מיט אַ זיפצעלע אָבגעענטפערט:

— איך בין שוין קרוב צו פערציג.

— איז לעווינ׳ען אויך דער ענטפער זעהר געפעלען געוואָ־

רען: „קרוב צו פערציג" — פונקט ווי זיין טאטע אין דער היים האט געענטפערט אמאל, ווען לעווין איז אין דער היים נאך א איינגעל געווען.

— א טאטע פון קינדער איז גאר אנדערע ווערטער! האט לעווין געטראכט און עס האט איהם גענומען ציהען צו דעם דאזיגען אידען מיט דער בארד, מר. הורוויטץ, וואס כאטש ער איז א פאמיליע מאן, קומט ער דאך אזוי אפט צוגעהן אין קאפע און שמועסט מיט די אלע אונפערהייראטע מענער און איז ווי איינער פון זיי.

— א פיינער מענש! א פרייער גייסט! — האט לעווין זיך וועגען איהם אויסגעדריקט.

און איינמאל האט זיך לעווין צו איהם געווענדעט:

— א מאדנע זאך, מר. הורוויץ, איך בין שוין דא אין ניו־יארק זיבען מיט א האלב יאהר און קיינער האט נאך מיך ניט איינגעלאדען צו זיך אהיים טרינקען א גלעזעל טהעע... איך בין ניט אויסען די טהעע, נאטירליך, איך מיין אבער די געמיטליכקייט.

— מען איז פעריאגט, מר. לעווין! — האט הורוויטץ ווי אונטער דער נאז געענטפערט.

און א צווייטען מאל ביים זעלבען געשפרעך האט הורוויטץ זיך אנגערופען:

— אויב איהר ווילט, פאהרט צו מיר טרינקען א גלאז טהעע.

לעווין האט זיך אנגעכאפט:

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, מר. הורוויטץ. איך האלט עס פאר א כבוד און א גליק צוזאמען.

און פאהרענדיג אין דער קאר צו מר. הורוויטץ'ן אויף טהעע, האט לעווינען זיך געמאלט א פרוי אין די מיטעלע יאהרען, הורוויטץ'עס ווייב, א מיידעל פון א יאהר אכטצעהן, מיט שווארצע אויגען און מיט א חנ'עוודיגען געזיכט — הורוויטצ'עס

טאַטער און דערצו א פּאָר קליינע קינדער, א באַיטשיקעל מיט א מיידעלע.

און דערמאָהנענדיג זיך אָן די קלענערע קינדער האָט זיך לעווין פאַרווירפע געמאכט וואס ער האָט ניט געקויפט קיין קענדי פאר זיי.

אראָבגעהענדיג וועט ער זיכער קויפען קענדי.

— וויפיעל רומס בעוואוינט איהר, מר. הורוויטץ? — האָט לעווין אין מיטען פאָהרען א פרעג געטהאָן און בעטראכט דעם־וויל הורוויטץ'ס שעהנע באַלעבאַטישע פאַמיליענבאָרד...

הורוויץ האָט איהם אָנגעקוקט און א שמייכעל געטהאָן:

— וואָס הייסט וויפיעל רומס? וואָס דאַרף איך די כך רומס? איין מענש אליין...

— וואָס הייסט איינער אליין? — האָט לעווין זיך גע־חדוש'ט.

— וואָס חדוש'ט איהר זיך... איך בין א סינגעל מאָן און וואוין אין א פּריוואט רום... אָבער צו טהעע האָט עס ניט... איך האָב דוקא א מאשינקע און איך מאַך אליין טהעע.

לעווין האָט זיך דערפיהלט, ווי ער וואָלט אראָבגעפאַ־לען פון הימעל אין א טיעפען אבגרונד. ער האָט געקוקט אויף הורוויטץ'עס שווארצע באָרד און גאָר ניט פערשטאַנען. ענדליך איז ער צו זיך געקומען און איבערגעפרעגט:

— איהר, מר. הורוויטץ, זיינט אויך אונפערהייראט?...

— נעוויס, וואָס וואונדערט איהר זיך?

— אייער באָרד?... א איד מיט א באָרד... האָט לעווין געשטאַמעלט — איך האָב געמיינט אז איהר זיינט א פאַמיליע מאַן און ביי אייך אין הויז איז דאָ א ווייב, א טאַכטער און קליינע קינדער... אויב ניט, איז דאָך די קשיא: צי וואָס טראָגט איהר א באָרד?...

— אך, די באָרד... האָט הורוויץ געשטאַמעלט — עס איז פרעהליכער...

לעווין האָט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען...

— יא, יא, מר. לעווין, — האָט הורוויטץ נאָך ברייטער געשמייכעלט — א באָרד איז פּרעהליכער, עפּעס מוז דאָך א מענש האָבען, נו האָב איך א באָרד... מען פיהלט זיך דאָך ניט אזוי איינזאַם...

לעווינ׳ען האָט ווי געשווידערט פון דער דאָזיגער מאָדנער ערקלערונג. אבער זיצענדיג ענדליך ביי הורוויטץ׳ן אין צימער־ריל ביי א גלאָז טהעע און בעטראכטענדיג הורוויטץ׳ן גאָר אויף דאָס ניי, האָט ער איין הארצען צוגעגעבען, אז הורוויטץ איז גע־רעכט: מיט א באָרד האָט זיין פריינד אויסגעזעהן ווי א פאמי־ליע מאַן, וואָס זיין ווייב און קינדער שלאָפען שוין אין די הינ־טערשטע חדרים, נאָר ער אליין, דער מאַן און פאָטער פון הויז זיצט שפּעטער אביסעל מיט א פריינד און טרינקט טהעע.

און לעווין האָט פאר א לאנגער צייט זיך געפיהלט ווי דער־ווארעמט און איז אין הארצען דאנקבאר געוועזען זיין פריינד וואָס האָט שכל געהאט צו פערלאָזען זיך א באָרד און שאפען א שטי־קעלע אילוזיע פון א פאמיליען מאַן...

גלייכהייט.

שוין באלד א יאָהר, אז העררי, א הויכער, שלאַנקער פיער־און־צוואַנציג־יעהריגער ברונעט „געהט אוים" מיט דער קליינער גראציעזער צוואַנציג־יעהריגער איידע. די ליעבע צווישען זיי איז א זיכערע, א פעסטע, שוין פעררינגעלט מיט א קליין גאָלדען פינף־דאָלערדיגען רינגעלע, וואָס ער, העררי, האָט איהר געשאָנקען, און פערבונדען מיט א ניין־און־פערציג־סענטיגען „טאי" וואָס זי, איידע, האָט איהם צוריק געקויפט א מתנה. וועגען חתונה האָבען טראַכט מען נאָך נים: סיי איידע, סיי העררי האָבען דאָ נישט קיין עלטערן, וואָס זאָלען זיי צויאָגען חתונה צו האָבען. זיי אליין האלטען, אז חתן־כלה אָדער געליעבטער און געליעבטע איז א פיעל שעהנערער נאָמען איידער מאַן און ווייב. דאָס וואָרט „מאַן" קלינגט נאָך ווי־עס־איז, אבער „ווייב" — דאָס דאָזיגע וואָרט קענען זייביידע נישט פערטראָגען...

—א מיאוס וואָרט: ווייב! — קרימט זיך חן'עוודיג איידע.

— א גראָב וואָרט! — איז העררי מסכים פון זיין זייט.

עס איז זיי א סך אנגענעהמער צו טרעפען זיך א פאָר מאָל אין וואָך ביי געוויסע, אָבגערעדטע פלעצער. דאָ ביי אַן עלעוויטאָר סטיישאָן, דאָ אויף א קאָרנער ביי אַ שטילער סטריט. איידע איז קיינמאָל נישט פינקטליך. א צעהן מינוט מוז זי פערשפעטיגען, אויסער די צעהן מינוט, וועלכע העררי ווייסט שוין זיכער, אז זי וועט פערשפעטיגען. העררי איז שטארק אונגעדולדיג. „א גרויסע עולה!" — טראַכט ער — „וואָס זי איז אזוי נישט פינקטליך. ער וועט איהר דורכרעדען..." אבער אז ער דערזעהט זי נעהן, לאָזט ער זיך איהר אנטקעגען מיט א פריינדליכען שמייכעלע און נאָכדעם ווי זי פרעגט איהם: „דו

וואדטסט שוין לאנג, העררי?“ — ענטפערט ער איהר גוט־מוטיג:

— עס שאדט ניט, איידע.. עס איז אנגענעהם...

אט די דאַזיגע זיסע ערוואַרטונג ווייסט העררי זיכער, וועט נאָכדעם ווי זיי וועלען חתונה האבען — אויפהערען. ווארטען וועט זי אויף איהם אין א שטוב, וואו עס וועלען שטעהען צוויי בעטען הארט איינע נעבען די אנדערע און ווער עס וועט צו זיי אריינקומען וועט גלייך אלץ וויסען און וועט מאָדנע פאַר־דעכטיג שמייכלען...

איז דען ניט בעסער, אז ער גנב׳עט זיך אריין צו איהר אין ציבערעל, וואו עס געפינט זיך איין קליין שמאַלע בעטעלע, וויים און פינקעלדיג, און ער האָט ניט קיין העזה אוועקצוזע־צען זיך צו זיך ביין ברעג אפילו; ביז וואנען די ליעבע איידע פערזיכערט איהם ניט, אז אדרבא און אדרבא זי וויל ער זאָל זיך דוקא זעצען אויפ׳ן בעט, ווייל דער איינציגער „טשער“ וואָס די מיסעס האָט איהר אריינגעשטעלט איז „א קלאָג צו די יאָה־רען...“

אָדער דאָס ארויסגעהן בגנבה צוריק פון צימערעל שוין מיט איידע׳ן צוזאמען און איידע׳ס בעקעלאך פלאמען פון די קושען זיינע, און דאָס קאלטע וואסער מיט וועלכע זי האָט זיי אָבגעוואשען, מען זאָל ניט דערקענען, האָט ניט געהאָלפען און זי בייזערט זיך כלומרשט:

— מיר ברענען די באקען ווי פייער, העררי.

און העררי פערזיכערט איהר, אז עס דוכט זיך איהר נור, און מאכט א וויצעלע, אז „אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטעל“... איידע צולאכט זיך מיט איהר קלינגענדען געלעכטעריל. אויף די טרעפ, אראָבגעהענדיג, ווערט העררי ווידער אויף דאָס ניי פערליעבט אין איידען: א שפּאָגעל נייע ליעבע! און אויף די טרעפ גופא גיט ער איהר ווידער א קוש. מאכט זיך איידע, אז זי איז שטארק אין כעס און מוסרט איהם:

— דו ביזט, הערדי, גאַר ניט פאַרזיכטיג, מענשען קענען זעהן... — און זי צולאכט זיך פלוצלונג אזוי, אז מען דארף זיין שטארקער פון אייזען, נישט צו געבען איהר ווידער א קוש. אָבער זיי געפינען זיך שוין אויפ'ן גאס און מען זעטיגט זיך בלויז מיט דעם שטארקען דריקען זיך אין די אָרעמס און מיט'ן טוליען זיך איינע צו די אנדערע.

דאָס אלעס, ווייכען ביידע זיכער, וועט נאָך דעם ווי זיי וועלען חתונה האָבען פערענדיגט. און דאָס גליקליכע פּאָרל וויל דערפאר פון חתונה גאָר ניט טראכטען...

פון דער פראקטישער זייט לוינט דאָס חתונה האָבען אודאי ניט. הערדי פערדיענט 15 דאָלאר א וואָך — איז ער א „ספּאָרט". פערמעגט דריי סוטס, איינער איז געמאכט געוואָרען „טו אָרדער" פאר גאנצע פינף און צוואנציג דאָלאר; איינעם האָט ער גע־קויפט א פארטיגען פאר פופצעהן דאָלאר און איינער איז שוין א צעהנ־דאָלארדיגער סוט, געהט ער אין איהם צו דער ארבייט. וואָס אנבעטרעפט „טאיס" איז אויסער דעם „טאי", וואָס איידע האָט איהם געקויפט, פערמעגט ער נאָך זעקס, וועלכע זיינען נאָך שפּאָגעל ניי, און דריי, וואָס מען דארף נור אויספרעסען, אויסער דעם רויטען, וועלכען ער טראָגט דעם ערשטען מאי און אמאָל ביי א גרויסער דעמאָנסטראציע פון סטרייקער...

ווער רעדט וועגען קליינינגקייטען, איז דאָך אָבגערעדט... קראגנעט פערמאָגט ער אודאי ביי א זעקס טוץ. געהט ארויס א נייער סטייל קראגען, קויפט הערדי דער ערשטער א פערטעל טוץ... און אפילו אויבער העמדער, וואָס דאָס איז שוין א מעהר טהייערע זאך, פערמאָגט ער אויך צוויי האלב־זיידענע, און איי־נע אַן עכטע זיידענע, געקויפט אויף א סייל... שיך האָט ער צוויי פּאָר: שווארצע אויף ווינטער, געלע אויף זומער, און האלבע־שיך פאר זעהר שעהנע זונענדינגע טעג, ווען ער פאָהרט זיך דורך אין קוני־איילענד.

אז מען איז „סינגעל“ איז פופצעהן דאָלאר א וואָך א מטבע! מען קען זיך ערלויבען אפילו גייסטיגע זאכען: אלע טאָג קויפט ער צוויי פּייפּערס — א ראַדיקאַלען וואו עס ווערען בעשפּראָכען זיינע ארבייטער אינטערעסען, און א נאַציאָנאַלען, וואו עס ווערען בעשפּראָכען די אינטערעסען פון זיין טאַטען און מאַמען אין דער היים. זונטאג קויפט ער א „וואָירלד“ פאר גאנצע פינף סענט. די שעהנע פּיקטשורס שניידט ער אויס און שענקט עס איידען. פאַר זיך אליין שניידט ער בלויז אויס דעם קאָפּ פון דער שעהנסטער אקטריסע און בעהאלט עס טיעף אין וועסט קעשענע.

בעווייזען ביי א געלעגענהייט זיינע בעקאנטע אין שאָפּ אדער אין רעסטאָראַן ביין לאָנטש...

מיט איין וואָרט: הערריי אלס „סינגעל“, פיהרט זיך ברייט. ער האָט אליין, וואָס עס ברויכט א ספּאָרט פון זיין גראַד, און עס בלייבט נאָך איהם גענוג אום ער זאָל קענען „אויסגעהען“ א פּאָר מאָל אין וואָך מיט איידען און ספּענדען א שעהנע פּאָר סענט פאר ריינעם „פּלעזשור“.

דער גרעסטער פערגעניגען זיינער איז, ווען ער זיצט מיט איידע'ן אין א רעסטאָראַן, הייסט דערלאנגען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, ביז סטראָבעריס מיט קרים זומער צייט און ביז א בייקט־עפּעל מיט קרים ווינטער־צייט... און בעקומענדיג פון „וועיטער“ די צוויי טשעקס פאר איהם און איהר, מאכט ער א חשבון, בעטראַכט ביידע סומען, וועלכע זיינען צוזאמען קיינ־מאָל ניט מעהר פון פערציג און ניט ווייניגער פון פינף־און־צוואַנציג סענט, לאָזט איבער, אלס ספּאָרטס־מאַן, א ניקעל אויפ'ן טיש פאר'ן וועיטער, און לאָזט איידען געהן אין פאָר־אויס און שטעלט זיך אָב ביי דער קאַסע. עס הייסט: דו, איידע, געה, צאָהלען — דאָס איז שוין מיינע ביזנעס...

נאָכ'ן צאָהלען פיהלט זיך הערריי שטאָלץ, ווי נאָך זעהר א בעדייטענדע טהאַט.

אויפ׳ן גאס ווערט איידע נייגעריג און פרעגט:

— האסט, הערדי, א סך בעצאהלט?

און ער ענטפערט, ווי אוועקמאכענדיג עס:

—א קלייניגקייט...

אבער אין דעם דאזיגען ענטפער קלינגט דער שטאלצער טאן פון מאן, וואס צאהלט פאר דער פרוי...

און איידע לעגט אריין איהר קליין הענטעל אין זיין אויס־געשטרעקטען ארעם און מען לאזט זיך געהן צרגיץ אין א מוא־ווינג־פיקטשור פלאץ...

ער שטעלט זיך אב ביי דער קאסע, בעצאהלט צוויי ני־קעלס פאר צוויי טיקעטס, פאר זיך און פאר איהר, און דער „טריט״ איז ווידער פארטיג.

אט דער דאזיגער פראצעס פון „טריטען״ האט איהם גע־מאכט שטאלץ און מענליך... כאטש געטהאן האט ער עס לייכט, מיט א געוויסער גראציע...

איידע האט די אלע „טריטמענטס״ אנגענומען, ווי א נא־טירליכע זאך: געוויס צאהלט דער מאן פאר דער ליידי, אבער מאנכעס מאל פלעגט זי איהם בעמערקען:

— ווייסט הערדי, אפט ווילט זיך מיר צאהלען פאר דיר.

און נאכדעם פלעגט זי זיך צולאכען און זיך אנרופען:

— איך וויל דיר געבען א „טריט״...

פלעגט הערדי ערנסט בעליידיגט ווערען און מאכען א מי־נע ווי מען וואלט איהם אנגעריהרט דאס סאמע הייליגסטע:

—רעד נישט, איידע, קיין נארישקייטען. פון דיינע זיע־בען דאלאר א וואך ועסטו מיר געהן טריטען...

—יא... נאטירליך... — פלעגט איידע שטאמלען פער־שעמט — איצט טאקע ניט, אבער שפעטער, ווען איך וועל אנהויבען ארבייטען ביי דרעסעס און וועל פערדיענען פופצעהן דאלאר א וואך...

— דו, פופּצעהן דאָלאַר א וואָך! — פלעגט איהר הערריי אָנקוקען ווי מיט חוזק.

— אודאי... דו גלויבסט דען ניט, אז א מיידעל קען פער־דיענען פופּצעהן דאָלאַר א וואָך?

— יאָ.. — פלעגט הערריי מורמלען ווי אונצופריעדען— עס זיינען דאָ אזעלכע אפשר... אבער צו וואָס דארפסטו עס...

און ווען איידע פלעגט זיך צורעדען וועגען איהרע קינפ־טיגע פופּצעהן־דאָלאַר־וויידזשעס, פלעגט הערריי אויסהערען, שאָקלען מיט'ן קאָפּ, שמייכלען און ווי אייפערזיכטיג צו דער דאָזיגער מאנסבילשער סומע, פלעגט ער איהר אָנהויבען מוסר'ן:

— אָט שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ די נארישקייט!...

— א שעהנע נארישקייט! — צולאכט זיך איידע — עס וועט זיין די גרעסטע חכמה!

און אריינקוקענדיג הערריי'ן אין די אויגען, פלעגט זי זיך מיט איהם רייצען:

— דעמאָלט וועל א י ך צאָהלען ביי דער קאסע די טשעקס. אך, וועט עס זיין שעהן!..

הערריי פלעגט דאן ניט אויף א געלעכטער בייז ווערען און פלעגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל איהר אָבשטעלען:

— מען וועט שוין זעהן...

ענדליך איז איידע'ס ערווארטעטער טאָג געקומען. איהרע א חבר'טע האָט נאָך א לאנג מיהען זיך איהר אריינגענומען אין איהר שאָפּ, וואו מען האָט געארבייט דרעסעס און האָט איהר אויסגעלערנט די ארבייט, ביי וועלכער זי קען פערדיענען — לאנג־געהאָפטע סומע.

א צוויי וואָכען צייט האָט זי עס געהאַלטען פון הערריי'ן בסוד. ערשטענס, האָט זי אין די ערשטע צוויי וואכען נישט פערדיענט די פולע סומע, אויסארבייטענדיג א קלענערע צאָהל קליידער... די דריטע וואָך אבער האָט זי זיך שוין אין איהר

ארבייט פערפאַלקאַמט און ווען זי האָט מאָנטאג געעפּענט איהר „ענוועלאָפּ“ האָט זי דאָרט איבערגעצעהלט פופצעהן דאָלאר...

דעם זעלבען אבענד האָט זי זיך געדארפט טרעפען מיט הערריי'ן.

דאָס מאָל האָט זי נישט פערשפּעטיגט. הערריי איז געווען איבערראשט...

— ביזט געקומען צו דער צייט!

— איך האָב דיר אָנגעזאָגען א שמחה!

— א שמחה! — האָט הערריי זיך פערוואונדערט — וואָס איז מיט דיר היינט די שמחה?

— קום בעסער עסען, איך בין אזוי הונגעריג.

זי האָט איהם אָנגענומען אונטער'ן ארעם און זיי האָבען זיך געלאָזען געהן צו דער ריכטונג פון א בעקאנטען רעסטאָראנט.

אין וועג האָט זי זיך אָבגעשטעלט, אריינגעקוקט הערריי'ן אין די אויגען און שעלמיש זיך אָנגערופען:

— הערריי, היינט בעקומסטו פון מיר —א טריט!

הערריי האָט זיך ווי דערשראָקען און קוים מיט א שמייכעלע אָבגעענטפערט:

— זיי נישט קיין נאר!

— הערריי, איך מיין עס ערנסט — האָט איידע זיך צו־היצט — אנדערש וועט עס נישט געהן — היינט צאָהל איך פאר'ן סאפּער.

זי האָט זיך צולאכט...

הערריי האָט געוואָלט עפּעס בעמערקען, אבער זי האָט איהם איבערגעשלאָגען און מיט א שטאמלענדען געזיכט ווידער חן'עוודיג געפּלאַפּעלט:

— און נאָכדעם נעהם איך דיך אין טהעאטער, פער־שטעהסט, טאקע אין אן אמת'ן טהעאטער, נישט אין א מוא־

ווינג־פיקטשור, אַן ערנסטע דראַמאַ... ווייסט וואו? — צו פּופּ־ציג סענט אַ טיקעט... איך וועל צאָהלען...

זי האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט און לאַכענדיג, מיט אַ גליקליכער מינע, האָט זי ארויסגענומען פון פּאַקעט־בוך דעם ענוועלאָפּ:

— צעהל! — האָט זי זיך געווענדעט צו העררי'ן איבער־געבענדיג איהם דעם ענוועלאָפּ.

העררי האָט מיט ציטערדיגע הענד גענומען דעם ענוועלאָפּ, אַן עפּען געטהאָן און אינוועניג דערזעהען אַ צעהנ־דאָ־לערדיגען און פינף־דאָלארדיגען בילל...

— פופצעהן דאָלאַר! — האָט ער אויסגעשריען מיט שרעק.

— יאַ, איך ארבייט שוין דאָרטען, ביי די דרעסעס... — האָט זי ווידער מיט פרייד געמאָלדען.

העררי איז בייז געוואָרען נישט וויסענדיג אליין פאַר וואָס און האָט אויסגעשריען:

— ביזט אַ נאַריש מיידעל!

— ביזט אליין אַ נאַר! — האָט איידע גוטמוטהיג גע־חוזק'ט — אבער אַ „טריט" וועל איך דיר געבען...

העררי איז איהר נאָכגעגאַנגען, ווי געטראָפען פון אַ גרויסען אומגליק. איידע האָט דעם גאַנצען וועג געלאַכט און גע־טריבען שפּאַס. העררי האָט נישט געפונען קיין ריכטיגען וואָרט צו זאָגען, וואָס עס זאָל זיך אריינפּאַסען אין איהר פרעה־ליכער לאַגע. ענדליך האָט ער ארויסגעמורמעלט ווי תם'עווא־טע:

— ווייסט, אויב אַזוי קענען מיר דאָך שוין חתונה האָבען...

— איצט ווילסטו שוין חתונה האָבען — אַזוי גאָר? — האָט איידע זיך צולאַכט — אַ רייכע כלה געפעלט דיר שוין.. טאַ וואָרט אַקאָרשט, לאָמיר אָנזאַמלען עטליכע הונדערט דאָ־

לאר... און נאָכדעם וועל איך ערשט מישב זיין זיך צי עס לוינט מיר...

און אָנקוקענדיג איהם, צו זעהן דעם איינדרוק וואָס איה־רע ווערטער האָבען אויף איהם געמאכט, האָט זי זיך צולאכט...

הערריי האָט אויך געלאכט. דאָס לאכען זיינס איז אבער געווען נישט עכט. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען זויער און טריעב...

זיי זיינען אריין אין רעסטאָראַנט.

איידע האָט א לאבענדיגע צוגערופען דעם וועיטער.

— עס איז נישט שעהן! — האָט הערריי איהר אריינגע־שושקעט אין אויער. — א ליידי רופט נישט קיין וועיטער, דאָס טהוט דער מאן...

— עס שאדט ניט — האָט איידע איינגעווענדעט —היינט וועל איך שפּיעלען ד י י ן ראָלע. איך האָב דיר אלע מאָל אזוי מקנא געווען. עס פלעגט מיר שטענדיג אזוי געפעלען.. נו, הערריי, וואָס געהסטו עפּעס נעהמען, אבער עפּעס רעכטס, איך צאָהל !...

און כאָטש הערריי האָט עס אָנגענומען בלויז פאר א שפּיעל פון איהר זייט, האָט ער דאָך ערנסט געענטפערט:

— איך וועל נעהמען עפּעס א קלייניגקייט... איך בין נישט הונגעריג...

— נעהם וואָס דו ווילסט ! — האָט איידע ברייטהערציג פאַרגעלעגט.

נאָכ'ן עסען האָט זי שנעל צוגענומען ביידע טשעקס, וואָס דער וועיטער האָט זיי דערלאנגט און האָט זיי פערקוועטשט אין איהר פויסט...

— גיעב מיר אהער די טשעקס — האָט הערריי, כאָטש מיט א שמייכעלע, אָבער מיט א געוויסע שטרענגקייט, געפאָדערט.

— פאר קיין פאל ניט! — האט איידע געהאלטען זיך פעסט און איהר געזיכט האט אויסגעדריקט ענטשלאָסענקייט...

און מיט שטאָלצע טריט האט זי זיך געלאָזט צו דער קאַסע.

א לאַכענדיגע האט זי דערלאַנגט די צוויי טשעקס מיט א פינף־דאָלאר־ביל. די קעשירערין, א הויכע שלאַנקע ברונעטקע, מיט א שעהן פריזירטען קאָפּ, האט אויף איהר א קוק געטהאָן, נאָכדעם אויף הערריי, און האט זיך לייכט צושמייכעלט...

— פאר טו! — האט איידע אַנגעוויזען אויף הערריי'ן. און נעהמענדיג מיט א שמייכעל דאָס רעשט איז זי מיט שטאָלצע טריט ארויס. הערריי נאָך איהר...

דרויסען האט הערריי נישט געפונען פאר כעס וואָס צו זאָגען איהר. ענדליך האט ער ארויסגעוואָרפען א פראַזע:

— איידע, דו האסט געהאַנדעלט מאָדנע... דו האסט מיך בעליידיגט...

— מיט וואָס? — האט איידע לאַכענדיג געפרעגט.

— אַט מיט דעם צאָהלען פאר מיר.

— פארוואָס־זשע האסטו מיר אזא לאַנגע צייט בעליי־דיגט? — האט איידע געפרעגט און איז ערנסט געוואָרען.

— איך — דיך בעלעדיגט? — ווען? — האט הערריי אויסגעשטעלט די אויגען פערוואונדערט.

— ווען דו האסט פ א ר מ י ר געצאָהלט... מיינסט, אז עס איז טאקע אזוי אַנגענעהם: אלע מאָל דו! איך וויל אויך אמאָל האָבען דאָס פערגעניגען צו צאָהלען... פערגינסטו עס מיר נישט... אך, איהר עגאָאיסטלעך! — האט זי זיך ענד־ליך צולאַכט, — איהר ווילט ניט מיר זאָלען האָבען גלייכע רעכטע מיט אייך...

הערדי האָט דערויף נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען. ער האָט דאָ געשמייכעלט, דאָ ערנסט געוואָרען. ער האָט אבער גע־פיהלט, אז די דאָזיגע גלייכהייט איז צו ניי און ראדיקאל און, ווי יעדע נייע זאַך, האָט עס איהם געשראָקען.

און ער האָט דאָס מאָל איידע׳ן שטארקער און אנדערש ווי שטענדיג געהאלטען אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי נישט צו פערלירען...

אויגען.

אין דעם שטעדטיל, וואו גרשון האָט זיין גאנצע קינדהייט און א שטיק יוגענד פערבראכט, וועלכעס איז ביז גאָר ניט לאַנג זיין היים געווען, פון וואנען ער איז קיינמאָל ניט ארויסגעפאָהרען געפינט ער זיך איצט עלענד ווי א שטיין און בייִנקט נאָך זיין נייער היים, נאָך אמעריקא... און עס ציהט איהם אהיין צום טאַטען, צו דער מאמען, צו די ברידער און שוועסטער, צו די פעטערס און מוהמעס, וועלכע זיינען ביסלעכוויין, איינציגוויז, פאָרוויין און חברות'וויין אריבערגעפאָהרען, אויסהעלפענדיג איינע די אנדערע מיט שיפסקארטען.

ער נאָר איז געבליבען אליין.

און געבליבען איז ער ניט, ווייל מען האָט איהם פיינט, אָדער אין דער שיפסקארטע, וואָס מען האָט געשיקט פאר די גאנצע שטוב, איז זיין נאָמען ניט געווען. אויך פאר איהם איז די שיפסקארטע געווען, און ליעב האָט מען איהם גלייך מיט אלע קינדער, אָבער נעהמען איהם גלייך מיט אלע האָט מען ניט געקאָנט. די וואָס האָבען די שיפסקארטע געשיקט האָבען צעהנדליגע מאָל געוואָרענט, אז טאָמער האָט ווער שוואכע אויגען, זאָל ער זיך ניט וואגען צו פאָהרען קיין אמעריקא. „וואָרום אין אמעריקא — האָבען זיי געשריבען — קוקט מען אויף אויגען מעהר ווי אויף א קאָפּ, חאָטש א קאָפּ דארף אויך זיין ריין... אויגען אָבער זיינען נאָך ערגער". יענקע גנב", אזוי האָבען זיי געשריבען, „האָט האַלט געזונטע אויגען. זעהט־זשע למען השם"...

און דערשראָקענע האָבען די עלטערן זיך גענומען בודק

זיין די קינדערס אויגען און האָבען זיך געכאַפּט, אַז דער על־טערער 15־יעהריגער גרשון האָט טאַקי שלעכטע אויגלעך...

— וועה צו מיר, וואָס טהוט מען מיט איהם! — האָט די מאַמע געבראָכען מיט די הענד.

— אפשר מיט בליי־וואַסער זיי וואַשען, — האָט דער טאַטע געראַטען.

— וואָס בליי־וואַסער, וועה איז מיר? — האָט די מוטער געקרעכצט. — מען דאַרף מיט איהם אריינגעהן צום דאָקטאָר.

און דער דאָקטאָר האָט, בעטראַכטענדיג גרשון׳ס אויגען געפונען, אַז ער האָט טראַחאָמע און מען מוז זיי לאַנג היילען.

— לאַנג היילען! — האָט די מוטער פערבראָכען מיט די הענד, — אַז די שיפסקאַרטע געהט סך הכל באַלד אויס...

דער דאָקטאָר איז אבער געבליבען ביי זיינס און האָט מיט אַ קאַלטקייט פון אַ גזלן געזאָגט:

— איהר וועט איהם מוזען לאָזען דאָ, מען וועט איהם ניט אריינלאָזען...

גרשון האָט זיך פונאַנדערגעוויינט...

— וויין ניט, וועה איז מיר... האָט די מוטער ניט דער־לאָזט... דו וועסט זיי נאָך מעהר קאַליע מאַכען...

— אודאי טאָר ער ניט וויינען! — האָט דער דאָקטאָר פערזאָגט.

און גרשון האָט צוגעזעהן, ווי זיין טאַטע מאַמע, ברידער און שוועסטער פאַקען זיך אין וועג אריין, און ער וועט בלייבען אַליין, איינער אַליין, און האָט ניט געטאַרט וויינען.

און אַז אַלע זיינען אוועקגעפאָהרען און איהם האָט מען איבערגעלאָזען ביי אַ ווייטער קרובה, וועלכע האָט אויך גע־וואַרט אויף אַ שיפס־קאַרטע און האָט איהם געדאַרפט מיטנעה־מען, ווען די אויגען וועלען זיך אויסהיילען, ערשט דאַן האָ־בען איהם די טרעהרען געוואָרגען. געשטיקט, נאָר געוויינט האָט

ער ניט. און שטיקענדיג אזוי די טרעהרען, פלעגט ער אנהויבען זידלען אמעריקא.

— א בייז לאנד! א שלעכט לאנד! וואס איז דארטען זייער דאגה, אז איך האב שלעכטע אויגען! זיי טהוט דען וועה? מיר טהוט דאך וועה, ניט זיי.

און באלד פלעגט ער חרטה האבען:

— אז עס איז גאר א ליגען, אז מיר טהוט גאר ניט וועה... איך האב געזונדע אויגען... איך זעה די קלענסטע ווערטער אין סדור'ל...

און דאמאלס האט זיך איהם פערוואלט אויפהויבען אי־בער די דעכער און א פליה טהאן אזש קיין אמעריקא, און ווייזען זיי דארט אלעמען זיינע אויגען, ווי אזוי ער זעהט גוט.

„מען לאזט ניט אריין"! דערמאהנט ער זיך פלוצלונג...

און ער ווערט מלא רציחה, ווי אמאל אויפ'ן שמש, וואס פלעגט איהם ניט ארייגלאזען אין שוהל, ווען דער חזן פלעגט דאווענען.

שילטען וואלט ער זי װעלען... נאר ווי אזוי קאן ער זי שילטען, אז דארטען זיינען זיינע עלטערן, זיינע ברידער און שוועסטער, פעטערס און מוהמעס?...

ניין, ער וועט אמעריקא ניט שילטען... די בעסטע זאך וואלט געווען וויינען, וויינען... נאר וויינען טאר מען ניט...

אבער, אז עס איז אנגעקומען דער ערשטער בריעף פון „דער נייער היים" און ער האט נאר איבערגעלייענט די ערשטע ווערטער: „מיין ליעבער זוהן", האט ער זיך ניט געקאנט איינ־האלטען. א שטראם טרעהרען האבען זיך פון איהם א גאס גע־טהאן און יעדער טרעהר האט זיך איהם געדאכט מאכט איהם אלץ ווייטער, ווייטער פון אמעריקא, פון זיין היים...

און דערויף האט ער זיך ערשט פונאנדערגעוויינט...

ראטשילד און ראקאפעלער.

פון שיף האָט ברוך'ן אראָבגענומען זיין שוואָגער ביינוש, א יונגער־מאַן פון א יאָהר 35, וועלכער איז שוין פינף יאָהר אין „לאנד". דערזעהענדיג איהם מיט די קורץ־געשווירענע וואָנסען און מיט דעם גלאט געראזירטען פנים, האָט ברוך גלייך דרך ארץ פאר איהם בעקומען און אנשטאָט, וואָס אין דערהיים איז ער, ברוך, געוועזן דער יחסן און ער פלעגט ביינוש'ן זאָגען דו און ביינוש איהם — איהר — האָט ער ביים בעגעגעניש גלייך איהם גענומען איהרצען, און צו זיין גרויס פערוואונדערונג האָט איהם ביינוש דוקא געזאָגט דו, דעמאָלט האָט ברוך דער־פיהלט, וואָס הייסט א גר און האָט זיך שוין מכין געוועזן אויף א סך ערנידערונגען.

אויף מאָרגען האָט ביינוש, קומענדיג פון דער ארבייט, און זעצענדיג זיך גלייך ביי דער וועטשערע, וואָס די בעל־הבית'טע וואו ער איז א שכן געוועזן, האָט איהם צוגעטראָגען, זיך גע־וועדנעט צום גרינעם:

— נו, ווי געפעלט דיר, ברוך, אונזער אמעריקא?

ברוך איז נאָך געוועזן שטארק מיעד פון וועג, געדאכט האָט זיך איהם נאָך אלץ, אז ער איז אויפ'ן שיף און אלץ שאָקעלט זיך נאָך... אין דרויסען איז ער סך־הכל א האלבע שעה געוועזן— אי דאָס בלויז נעבען הויז. אויסער קליינע קינדער, גרויסע „עזות־פנימער" פאָהרענדיג אויף „רעדלעך" האָט ער נאָך גאָר נישט געזעהן. אבער אז דער שוואָגער פרעגט, דארף מען ענטפערן ערעל:

— א וואוילע מדינה...

— א וואוילע מדינה! האָט ביינוש שפּאַטיש איבערגע־
חזר'ט. א, דו גרינער, האָסט דען א בעגריף, וואָס אמעריקא
איז.

ער איז אנטשוויגען געוואָרען. האָט ארויסגענומען פון
טאַש א באַנאַנע און קוקענדיג שטאַלץ אויף ברוך'ן האָט ער
געפרעגט:

— וואָס דאָס איז ווייסטו?

ברוך האָט זיך נכנע'דיג צוגעבויגען, בעטראַכט די ווילדע
פּרי און ווי א פערשולדיגטער מיט א מאָגערען שמייכעלע גע־
ענטפערט:

— לאָם איך אזוי וויסען פון בייז...

— אודאי, ווי קומען גרינע צו וויסען פון אזוינע זאַ־
כען, — האָט ביינוש געלאכט מיט גאוה — ביי אייך אין איי־
ראָפּא ווייסט מען נאָר פון בולבע...

— בולבע איז איצט אויך ביי אונז זעהר טייער געוואָ־
רען — האָט ברוך מיט א זיפץ איבערגעריסען...

— און וואָס איז ביי אייך ניט טייער? — האָט ביינוש
גע'חוזק'ט... אזא באַנאַנע אויב מען קריגט שוין ביי אייך,
מוז אודאי קאָסטען א פערציגער און ווייסט וויפיעל קאָסט
זי דאָ? טרעף!

— אודאי נישט מעהר ווי פינף סענט... האָט ברוך שוואַך
ארויסגערופען, ציטערנדיג צי איז ער חלילה ניט אריינגעפאלען
מיט'ן מקח.

און טאַקי אריינגעפאלען! ביינוש האָט אויף איהם זינגע־
ריש ארויסגעשטעלט די אויגען און זיך פונאנדערגעלאכט שטאַלץ,
געזונד און זיכער:

— א גרינער איז א גרינער! מענש דו! פאר פינף סענט
קריגסטו צעהן אזעלכע!

— צעהן שטיק! — האָט ברוך זיך בעגייסטערט פון דעם

זול — טע ! טע ! טע ! — האָט ער געמאַכט מיט די ליפּען. אַט דאָס הייסט א זול.

בלייבענדיג צופריעדען וואָס דער גרינער איז דאָך א שטי־קעל מבין אויף זיין אמעריקא, האָט ביינוש גוטמוטהיג איהם פאַרגעלעגט די באַנאַנע.

— נא, פערזוך, וועסט זיך אויסגרינען.

ברוך האָט גענומען די פרוכט מיט ציטערדיגע הענד און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— אַהאַ, איך האָב גאָר פערגעסען, אז דו ביזט א גרינער, וויין, איך וועל דיר אָבשיילען...

— אזוי גאָר... דאָס שיילט זיך, הייסט עס... האָט ברוך זיך געמאַכט חדוש'ן.

— אודאי שיילט זיך עס... האָט ביינוש דערקלערט און קונציג ארונטערגענומען פון דער באנאנע די גראָבע הויט.

— ס'איז הייסט עס, אינווענינג גאָר וויים... האָט ברוך ווידער אויסגעדריקט זיין התפעלות...

— עס בעסער, וועסטו זעהן וואָס הייסט גוט... האָט ביי־נוש ווי בעפוילען, ווי מען בעפעהלט א קינד.

ברוך האָט פאַרזיכטיג אָבגעביסען דעם שפּיץ, געגעבען א קיי און זיך מיט ישארפער מבינות צוגעהערט צום טעם... ביי־נוש האָט אויף איהם געקוקט און געוואַרט אויף מבינות. „מען מוז לויבען!" האָט ברוך בעשלאָסען, חאָטש געוואָלט האָט ער דעם ביסען צוריק אויסשפּייען. פאר איהם איז עס צו זיס גע־ווען:

— נו ?

— עס צוגעהט פשוט אין מויל... אַט דאָס הייסט פרוכט ! האָט ער אויסגערופען מיט התפעלות...

און ביינוש איז מיט'ן שוואָגער פון ערשטען עקזאַמען גע־בליבען צופריעדען.

אויף מארגען האט ברוך אויסגעהאלטען אויף דעם עקזא־מען פון די „טומייטעס“, ביי וועלכע ער האט זיך פון דעם ווילדען טעם פערקרימט, האט אבער שטארק געלויבט און גע־זאגט, אז ביי „זיי“ וואלט מען עס צוצוקערט...

ביינוש איז געבליעבען מיט זיין גרינעם וויעדער צופריע־דען. האט איהם צוגעזאגט אין גיכען געפינען א שאפ, וואו ער וועט צונעהען העגגערס צו מיידעלישע בלוזקעס... און ער וועט מאכען א לעבען...

דארף אבער אין א פאר טעג ארום ביינוש מאכען א שמועס וועגען אמעריקאנער מיליאנערן און דא הויבט זיך אן ברוך'ס אומגליק.

אנגעפאנגען האט ביינוש איהם צו ערקלעהרען, אז אמע־ריקא פערמאגט 400 מיליאנערען, אזוי הייסען זיי טאקי — „די פיער הונדערט!“ נאר דער גרעסטער פון זיי איז ראקעפעלער...

— ווער איז דער ראקעפעלער?

— ראקעפעלער, האט ביינוש ערקלערט, איז דער גרעס־טער מיליאנער פון דער גאנצער וועלט.

דא האט זיך ברוך דערמאהנט אן ראטשילד'ן. ראטשילד איז ברוך'ן געווען איינגעבאקען טיעף אין הארצען: ערשטענס, א איד און צווייטענס, טאקי ראטשילד. און דערהערענדיג, אז ראקעפעלער איז גאר דער גרעסטער מיליאנער, האט איהם עפעס א ריהר געטהאן ביים הארץ און זעהר פארזיכטיג האט ער בעמערקט:

— און ראטשילד...

— עט, ביזט א שוטה, האט ביינוש זיך אנגעכאפט... ביי אייך אין אייראפא איז ראטשילד א שיסער, דא ווייסט מען אפילו ניט פון איהם... ראטשילד פערמאגט ניט אפילו ראקע־פעלער'ס מיסט...

ברוך האט ביטער א שמייכעל געטהאן און בעשלאסען, אז אונטערגעבען זיך דארף מען ניט אזוי גיך. באנאנעס און טו־

מייטעם קאַנען טאַקי גוט זיין, ער איז א גרינער און קריעגען זיך דערפאַר מיט זיין שוואָגער וועט ער ניט. אבער עס האָט דאָך אַלץ א גרענעץ!... און ער האָט איידעל בעמערקט:

— מיר דאכט זיך ביינוש, אז איהר האָט א טעות... איך, למשל, האָב פון ראקעפעלער קיינמאָל ניט געהערט. פון ראָט־שילד'ן אָבער וויים א קינד אין וויעג... א קלייניגקייט — ראָט־שילד...

— נו, — האָט ביינוש א שטאָך געטהאָן — וואָס זשע ביזטו ניט געפאָהרען קיין פאריזש צו ראָטשילדען?

— חע־חע־חע! — וואָס האָב איך מיט איהם פאר א נע־שעפטען — האָט ברוך מוטהלאָז געלאכט — נאָר איך מיין, אז מען רעדט, רעדט מען: ס'הייסט, ווער וויים דאָס ניט אז ראָט־שילד איז דער גרעסטער מיליאָנער!

— ביזט א גרינער — האָט ביינוש גע'טענה'ט — מען זאָגט דיר, אז ראקעפעלער איז דער גרעסטער מיליאָנער, קומסטו מיט דיין ראָטשילדען...

— מיינער, וואָס הייסט מיינער — האָט ברוך זיך גע־האַלטען פעסט — ער איז מיינער, ווי דיי... ווי דיי... ווי איי־ערער... עס רעדט זיך נאָר, ראָטשילד ווייסט יעדער איז דער גרעסטער מיליאָנער...

— אויב אזוי, לאָמיר בעסער וועגען דעם ניט רעדען — האָט ביינוש טרוקען ארויסגערעדט, זיך אויפגעשטעלט און שטום פערדרויכערט א דריי־סענטיגען סיגאר...

ברוך האָט געפיהלט, אז דער שוואָגער איז בייז אויף איהם, נאָר קיין חרטה האָט ער דאָך ניט געהאט.

— ס'איז דאָך נארישקייט! — האָט ער פאר זיך גע־טראכט — עס האָט דאָך אַלץ א גרענעץ!

זיין רייזע קיין אמעריקא.

נאָך דעם ווי מיין חבר היימאן איז אבגעוועזען פינף יאָהר אין ניו יאָרק און האָט איבערגעארבייט ביי פערשיעדענע „טריידס" — פון א קעסטעל־מאכער ביז א פייפער־הענגער, פון א פייפער־הענגער ביז א „האנד" אין א רעדאקציע, — האָט איהם אָנגעהויבען ציהען אין דער וועלט אריין.

— איך קען דאָ מעהר ניט זיין, — איך ווער דערשטיקט! האָט ער זיך פאר מיר געקלאָגט און האָט צושפרייט די הענד ווי ער וואָלט וועלען פליהען.

— וואוהין ווילסטו — צוריק אין אייראָפּא? — האָב איך איהם אבגעהאקט די פליגלען.

— ניין, — האָט ער אויסגעזיפצט, — איך וויל אין אמע־ריקא!

און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א מאָדנעם פייער, — אין אמעריקא וויל איך פאָהרען!

— ביזט משוגע! — האָב איך זיך דערשראָקען, — דו ביזט דאָך אין אמעריקא, — ניו יאָרק איז דאָך די הויפּט שטאָדט...

— ניין, ברודער, האָט ער אויסגעקרעכצט, — ניו יאָרק איז נישט אמעריקא, ניו יאָרק אין בריסק, קאָוונאָ, בערדי־טשעוו, לעמבערג, יעהופּעץ, וואָס דו ווילסט אליין — איך אָבער וויל פאָהרען אין אמעריקא. אז איך בין נאָך געוועזען א קינד האָב איך שוין געטרוימט פון אמעריקא.

— וואו זשע איז אמעריקא? — האָב איך איהם גע־פרעגט, שטארק בעאונרוהיגט וועגען זיין גייסטיגען צושטאַנד...

— חאַטש קאַליפאָרניא... — האָט ער אויסגעברומט, און זיין געזיכט האָט זיך בעשטראַהלט. — חאַטש קאַליפאָרניע, ברודער! דאָרטען הויבט זיך ערשט אָן. חאַטש די אמת'ע אמע־ריקא איז בראַזיליען.

— זאָג שוין באַלד — יאַפאַן! — האָב איך גע'חוזק'ט.

— יאַפאַן נישט! — האָט ער נישט נאָכגעגעבען, — חאַטש צוריק געשמועסט, מעהר אמעריקא ווי ניו יאָרק איז עס זיכער. איך אָבער וויל אין דער אמת'ער אמעריקא — אין קאַ־ליפאָרניע...

און מיין חבר האָט זיך גענומען גרייטען אין אמעריקא, אין קאַליפאָרניע הייסט עס.

איז אַן אומגליק אָבער — מיין חבר היימאַן האָט בשום אופן נישט געקענט אבישפאָרען די גרויסע סומע געלד וואָס די רייזע נאָך קאַליפאָרניע האָט געפאָדערט...

עס איז אריבער צוויי יאָהר און מיין בחור קרעכצט וויע־דער, שפּרייט די הענד, ווי פליגלען, און בעט זיך:

— גוואַלד, איך וויל פאָהרען קיין אמעריקא! — און ער לאָזט שוין אראָפּ פון קאַליפאָרניע אויף שיקאַגאָ.

— קיין שיקאַגאָ אָבער מוז איך פאָהרען!

געווים איז קיין שיקאַגאָ די רייזע ביליגער — אכטצעהן דאָלאַר — און מיין חבר קען דאָרטען זיין! אָבער די צייטען זיי־נען ביי מיין חבר ערגער געוואָרען: „סלעק“, פּוילקייט און אנ־דערע אומשטענדען.

ניין, אזוי ווייט — אין שיקאַגאָ — קען ער זיך ניט אונ־טערנעהמען.

און עס געהט אוועק נאָך א יאָהר. מיין חבר היימאַן בעט זיך:

— ברודער, גיעב אַן עצה, — ווי ווערט מען פּטור פון ניו־יאָרק, און ווי אזוי פּעקעלט מען זיך פאָרט איבער ערגיץ אין א שטיקעל אמעריקא.

איך נעהם אנטהייל אין זיין לאנג באמת, ווייל איהם אויסהעלפען מיט אן עצה, און מיר נעהמען דעם קורס־בוך פון די רייזען, זוכען שטעדט אין אמעריקא, און געפינען אויס אז אין דעטראָיט קאָסט ביי א דרייצעהן דאָלאר. מיין חבר גיעט א פאטש אין רייזע בוך אויף דעטראָיט און צווינגט זיך:

— יאָ, איך פאָהר קיין דעטראָיט! — און ער ציהט אויס די הענד — ער פליהט שוין, הייסט עס!

אָבער באלד גלעט ער דעם שטערען, זוכט אין די טאַשען און געפינט ענדליך אויס, אז דרייצעהן דאָלאר איז טאקי נישט קיין געלד, אבער ער פערמאָגט עס דערווייל ניט...

ער וועט מוזען, הייסט עס, ווייטער נעהמען זיך צו זאמלען, שפּאָרען נאָך א פּאָר מאָנאָט...

די פּאָר מאָנאָט זיינען אריבער. איך בעגעגען מיין חבר היימאן א פערביינקטען: — נו? — פרעג איך איהם.

ער האָט ערשט זיעבען דאָלאר, און מיט צושפּרייטע הענד קלאָגט ער:

— מעהר ווי 7 דאָלאר האָב איך ניט געקענט אָבשפּאָרען. איך געה דאָ אויס, אין ניו יאָרק, ווי א ליכט... איך וויל אין אמעריקא!

— פאָהר אין באָסטאָן, — ראָט איך איהם, — באָסטאָן איז אן עכט אמעריקאנער שטאָדט, דאָרט ערשיינט אפילו א אידישע צייטונג, אבער קיינער ווייס פון איהר ניט, מען זעהט זי נישט אָן... יאָ, ברודער, פאר זיעבען דאָלאר קענסטו פאָה־רען קיין באָסטאָן...

מיין חבר איז צופריעדען. געוויס איז באָסטאָן אמערי־קא. פון דער איינציגער אידישער צייטונג דאָרטען לאכט ער. ער וועט זי זיכער נישט אָנקוקען, און טאָמער קומט אהין איינער א ניו יאָרקער לעקטשורען, וועט ער זיך מאכען כאילו לא ידע— ער וואָהנט אין אמעריקא, און אויס לעקטשורס פון גרינהאָרנס!

מען קען איהם דאָרט גאָר נישט טהאָן — ער וועט זיין אין אמעריקא.

אבער ביז ער האָט זיך צוגעגרייט איז פון די זיעבען דאָלאר געוואָרען דריי מיט א האלב; האָט ער פאר א דאָלאר גע־מוזט אויסלייזען די וועש, ווארום ווי נעהמט מען אונטער אזא רייזע אָהן וועש?

— ברודער! — האָט ער פאר מיר ווידער געקלאָגט,— אוים מיט באָסטאָן — איך האָב פונקט צוויי און א האלב דאָלאר... איך מוז אבער פאָהרען ערגעץ קיין אמעריקא. דאָ וועל איך קראנק ווערען, שטארבען און בעגראָבען ווערען ערגעץ ביי מיינע לאנדסלייט אויף דער סעמעטערי און וועל קיינמאָל אמעריקא נישט אָנזעהן.

— אויב דו האָסט נאָך באמת צוויי און א האלב דאָלאר— האָב איך איהם געטרייסט, איז נאָך דער אונגליק ניט אזוי גרויס, — פאר אזא סומע קענסטו פאָהרען אין פילאדעלפיא. דאָרטען איז אויך אפילו דאָ א אידישע צייטונג, און צום אונגליק, א טעגליכע. אבער — אויף די אייגענע מעשה ווי אין באָסטאָן — קיינער ווייס פון איהר נישט — דערפאר אבער פערמעגט פילאדעלפיא יענעם גלאָק, וואס האָט אויסגע־קלונגען פרייהייט פאר אמעריקא — איך מיין, אז דערפאר אליין מוזטו פאָהרען קיין פילאדעלפיא.

מיין חבר הײמאָן האָט זיך מאָדנע דערפרעהט, גענומען צעהלען זיין קאפיטאל, ערשט ער כאפּט זיך: ער פערמאגט בלויז א דאָלאר מיט א האלבען...

און א דאנק מיין עצה בעשטימט ער צו פאָהרען קיין פּע־טערסאָן... ס'איז דאָך נעהנטער צו קאליפאָרניע, און עס וועט נאָך איהם בלייבען ביי א דאָלאר אויף די ערשטע טעג לעבען.

און ער האָט זיך ענדליך געלאָזט אין וויטען וועג אריין— קיין פּעטערסאָן.

אָבער, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט איז ער אויך אין פּע־

טערסאָן נישט געפאָהרען. בעגעגענט האָב איך איהם אין א פּאָר מאָנאַט ארום שפּאַצירען אויף פּיטקין עוועניו אין בראָנזוויל.

— ביזט גאָר נישט געפאָהרען קיין פּעטערסאָן? — האָב איך זיך פּער'חדוש'ט.

— ניין, ברודער, איך האָב נישט געקענט... עס האָט זיך אונטערגערוקט שוין פאר'ן פאָהרען א זייטיגע הוצאה און איך בין געבליבען ביי א האַלבען דאָלאר. פאר גרויס בענקשאַפט בין איך אנטלאָפען קיין בראָנזוויל.

און דערביי האָט ער אויף מיר א וואָרף געטהאָן א האָפּ־נונגסלאָזען בליק, ווי גערעדט: שווער, ברודער, צו דערגריי־כען אמעריקא, ווען דו פאָלסט אריין אין ניו יאָרק...

דעם ברודער׳ס טשעק.

מיסטער גאָלדבערג, א מאן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט א לאַנגליך מאָגערען געזיכט, מיט א שטרענג־פערזאָרגטען אויסדרוק, איז געזעסען אין זיין אָפיס ביים שרייב־טיש און דורכגעקוקט די פריהמאָרגענדיגע פּאָסט. לייענען איז אין די בריעף ניט געווען קיין סך. עטליכע ווערטער, דייטליך געשריבען, ווי עס קען נאָר שרייבען א שרייב־מאַשין (קיין האַנד־געשריבענע בריעף האָט ער ניט בעקומען!), האָבען איהם שוין קלאָר געמאַכט מיט דעם ענין. די בריעף זיינען געווען ניט נאָר געשריבען מיט א מאַשין, נאָר אויך ווי מיט א מאַשין געטראַכט — און גאָלדבערג, פון דער נאַטור א ראָמאַנטיש געשטימטער מענש, האָט ביי די דאָזיגע בריעף זיך געפיהלט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף א גלאַטער שאָסע, וואו ביי די זייטען פון וועג איז ניטאָ קיין בוימעל און קיין בלימעל און קיין גרעזעלע, און מאַנכמאָל פלעגט ער האָבען ביים לעזען די דאָזיגע בריעף געפיהלט, ווי עס דאַרשט איהם...

שווערער איז איהם געווען אויף די דאָזיגע בריעף צו ענטפערען, דאָס הייסט צו דיקטירען דער „טייפּרייטערין“, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין זיין אָפיס. די ווערטער האָט ער אַרויסגעלאָזט פון מויל מעכאַניש, דאָס מיידעל פלעגט עס סטענאָגראַפירען אויף א שטיקעל פּאַפּיר און נאָכדעם נעהמען עס קלאַפּען אויפ׳ן מאַשין „טאַק־טאַק־טאַק־טאַק!“ גאָלדבערג פלעגט נאָר מיט דער פעדער מוזען אונטערשרייבען זיין נאָמען. אבער די אונטערשריפט איז אויך אַרויסגעקומען ווי מאַשינאַל. איין אונטערשריפט האָט זיך ניט אונטערשיידט פון דער צווייטער.

זיין ערשטער און צווייטער נאָמען הערריי גאָלדבערג האָט שטענ־דיג פערנומען איין לענג, איין ברייט און די אותיות תמיד שפּי־ציגליך און ווי בייזליך. דער לעצטער שטריך פערקרימט ווי א העקעלע...

מאנכמאָל פלעגט ער אליין בעוואונדערען, וואָס זיין אונ־טערשריפט געהט ביי איהם אזוי איינארטיג. אז ער איז געווען א אינגעל, געדענקט ער, פלעגט ער יעדעס מאָל זיך אנדערש אונטערשרייבען. נאָך די דאָזיגע פערשידענארטיגע אונטער־שריפטען האָט ער מאנכמאָל ווי פערבענקט זיך. אבער א וויכ־טיגערע ביזנעס־אידעע פלעגט איהם פון דעם דאָזיגען סענטי־מענטאלען צושטאנד אברייסען און ער האָט זיך ווידער פער־וואנדעלט אין א געשעפטס־מענשען, מיט געוויסע פליכטען, גע־זעצען און כללים...

אין אָפּים איז אריין א מאן.

גאָלדבערג האָט איהם געשעפטליך געענטפערט אויף זיין העללאָ, אנגעוויזען א שטוהל און זיך מיט איהם גענומען חשבונ׳ען.

נאָכ׳ן אויס׳חשבונ׳ען זיך האָט גאָלדבערג איהם אָנגע־שריבען א טשעק, אונטערגעשריבען זיין נאָמען, איהם אבגעגע־בען און געווארט, אז יענער זאָל זיך אבטראָגען.

דער מאן אבער, אריינלעגענדיג דעם טשעק אין טאש איז נאָך געבליבען זיצען און ענדערענדיג די ביז־אהעריגע מינע פ׳ן זיין פנים אין א פריינדליכערע, האָט ער זיך אָנגערופען מיט א ליעבען שמייכעלע:

— איהר ווייסט, מר. גאָלדבערג, איך האָב צו אייך א גרוס...

— פון וועמען? — האָט גאָלדבערג געפרעגט, מיינענדיג אז יענער האָט עפּעס צו דערצעהלען פון א געשעפטס־מאן.

— פון אייערען א ברודער...

— א ברודער! — האָט זיך גאָלדבערג שוין אנגעכאפּט

מיט מעהר טעמפעראמענט. — איך האב דא בלויז איין ברו־דער...

— נו, איז דאס פון דעם ברודער. מיר וואוינען גראד אין איין הויז... א גאנץ וואוילער מענשעל... ניט רייך... עפעס א קינד איז ביי איהם ניט געזונד...

גאלדבערג איז רויט און בלאס געווארען, האט אנפאנגס זיך פערלארען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען און ווי אזוי צו האלטען זיך ביי דעם דאזיגען פאל... באלד אבער האט זיך זיין געשעפטליך פערזארגט געזיכט אויסגעלויטערט, זיינע גראהע אויגען האבען ווי פון זיך אליין זיך אויסגעווישט און ער האט געמורמעלט:

— אזוי, פון מיין ברודער... יא.. איך דאנק אייך... איז ביי איהם א קינד געביך קראנק?... אי וועה! א שאד!...

און די אלע ווערטער, וואס גאלדבערג האט איצט ארויס־געשאטען פון מויל אהן א ארדענונג, נישט געשעפטליך איבער־געטראכט, האבען דא אין אפים אזוי מאדנע געקלונגען, אז סיי גאלדבערג, סיי די טייפרייטערין און דער מאן, וואס איז דא געזעסען האבען זיך אומגעקוקט ווי פער'חידוש'ט...

גאלדבערג האט זיך אזש פערשעמט און ווען דער מאן איז ארויס האט ער זיך געפיהלט ערלייכטערט...

אבער דאס געזיכט פון זיין ברודער האט זיך געטראגען פאר גאלדבערג'ס אויגען אויך נאכ'ן מאנ'ס ארויסגאנג... און דער דאזיגער ברודער, וועלכען ער האט שוין א לאנגע צייט, צוליעב דעם וואס ער איז שטענדיג פערנומען, ניט געזעהען, האט פול געמאכט דעם גאנצען אפיס... וואו ער האט זיך געקעהרט האט ער געזעהען זיין ברודער, וועלכען ער האט אלע מאל אזוי ליעב געהאט און וועלכען ער האט צוליעב טרוקענע געשעפ־טען אזוי פערגעסען און אזוי לאנג ניט בעזוכט...

ער האָט געוואָלט שוין טאקע אריבער געהן צו איהם, גע־וואָהר ווערען דאָס קראַנקע קינד... אָבער היינט האָט ער נאָך אזוינע וויכטיגע געשעפטען צו פערזאָרגען... מאָרגען? ניין, מאָרגען וועט ער אויך ניט קענען... ער וועט א גאַנצע וואָך ניט קענען געהן צו איהם...

— איך וועל איהם דערווייל שרייבען א בריעף און שיקע: א טשעק... האָט ער בעשלאָסען און ער האָט פאר אויפרעגונג עס הויך ארויסגערעדט:

— מען דארף איהם שרייבען א בריעף!...

די טייפּרייטערין דערהערענדיג „א בריעף“ האָט זיך שוין אַנגעגרייט מיט א שטיקעל פּאַפּיער און געקוקט דאָ אויף גאָלד־בערג'ן און דאָ אויף דער שרייב־מאַשין...

—ניין... — האָט גאָלדבערג ווי פערשעמט געשטאַמעלט— דאָס איז גאָר אַן אנדער בריעף... דעם מוז איך אליין מיט דער האַנד שרייבען...

און ווערענדיג זעהר דערוואַרימט האָט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל:

— דאָס איז צו א ברודער...

די טייפּרייטערין האָט אויף גאָלדבערג'ן א קוק געטהאָן, ווי זי וואָלט אַנפאַנגס ניט פערשטאַנען, אבער באַלד האָט זי ווי בענעהמענדיג עס, פריינדליך געשמייכעלט און ווי צוגעגעבען:

— אַך, צו א ברודער... דאָס איז פיין!...

און אין אָפּיס האָט עפּעס א וועה געטהאָן מיט ברודער־שאַפט...

די שרייב־מאַשין איז ווי א פערשעמטע געשטאַנען אויפ'ן שרייב־טיש און געוואַרט, געוואַרט אויף עפּעס און האָט זיך ניט דערוואַרט...

דעם בריעף צום ברודער האָט גאָלדבערג געשריבען מיט דער אייגענער האַנד... די אותיות, פולע און רונדע, ווי אמאָ־ליגע, ווען ער פלעגט איננעלוויז שרייבען, האָבען זיך געגאָסען

אויפ׳ן ווייסען גלאַטען פּאַפּיר און גאָלדבערג האָט נאָך יעדער זאַץ זיך אָבגעשטעלט און בעוואונדערט זיין האַנדשריפט. נייע אותיות!...

אפילו אין דעם טשעק, וואָס ער האָט געשריבען פאַר׳ן ברודער האָט ער יעדען אות אָבגעטאַקט. דער „פיפטי“ איז ארויס ווי געמאָלען און דעם ברודער׳ס נאָמען האָט זיך צושפּרייט איף א גאַנצער שורה. דער עיקר אָבער האָט גאָלדבערג זיך אָבגעגעבען מיט׳ן אונטערשריפט אויפ׳ן טשעק. שוין לאנג, אז ער האָט קיין פערגעניגען ניט געהאט פון שרייבען זיין נאָמען אויף א טשעק, ווי איצט אויפ׳ן טשעק צום ברודער.... ווען ער וואָלט געקענט אנשטאט דעם בלויזען נאָמען נאָך צושרייבען דאָס וואָרט ברודער!... זאָל מען טאַקי אין באַנק וויסען, אז דאָס איז ניט סתם אַ טשעק, נאָר א טשעק צו א ברודער...

אין עטליכע טעג ארום, איבערקוקענדיג די פריהמאָרגען פּאָסט, האָט גאָלדבערג געעפענט א בריעף און אינעווייניג איז געלעגען א בעקאַנטער טשעק...

דאָס איז געווען דערזעלבער טשעק, וואָס ער האָט געשיקט דעם ברודער....

דער ברודער דאנקט איהם פאַר זיין פריינדליכקייט און בעדויערט, וואָס דער טשעק איז צוריקגעקומען, ווייל ער איז עפּעס ניט ריכטיג געשריבען. ער האָפט, אז ער וועט איהם זעהען פיקסען...

גאָלדבערג האָט בעטראַכט דעם טשעק און געזוכט דעם פעהלער...

ער האָט אַ ביטערען שמייכעל געטהאָן: דער אונטערשריפט איז געווען, ניט דער, ווי ער האָט זיך אין דער באַנק אונטער־געשריבען: דאָ איז ער גאָר אַן אַנדער גאָלדבערג: פּול, רונד און ברייט. ניין! די באַנק ווייס פון אַן אַנדער גאָלדבערג! אַזאַ קען זי ניט!...

און גאָלדבערג האָט זיך פערשעמט...

ערשטע רייהע.

פון אלע ביזנעס, וואָס זלמן האָט אונטערגענומען פאר די עטליכע יאָהר וואָס ער איז אין ניו יאָרק האָט זיך אויסגעלאָזען א טייך. „עס געהט ניט כאָטש צוריים זיך!“ — אזוי האָט זלמן אליין געזאָגט מיט א שמייכעלע. א זייטיגער מענש פלעגט צוריק א שמייכעל טהאָן. און באמת, וואָס געהט עס אָן א זייטיגען מענשען ווי אזוי זלמן פיהלט זיך נאָך אלע קראכען. נאַטירליך, זיינען נאָך ניט אלע מענשען אזוי שלעכט און צווישען זיי געפינען זיך אזעלכע, וואָס גיבען זלמנ׳ען עצות. איינער הייסט איהם זיך „צולערנען די שפּראך“ און ווערען אַן „אינשורענס איידזשענט“, ווערליג ער איז א מענש אָן „אַסאַבע“ און אז ער וועט אריינגעהן צו עמיצען „אינשורען“ וועט מען איהם געוויס ניט אָבזאָגען. אַן אנדערער האָט נאָך א בעסערע עצה— אינשורענס איידזשענטס זיינען שוין דאָ צופיעל, אָבער א „פּייפּער סטענד“ וואָלט פונקט גוט געווען. קיין סך געלד דארף מען דערצו נישט האָבען און דער עולם לייענט היינט זעהר א סך... א דריטען פאלט איין, אז פאר זלמנ׳ען וואָלט גוט געווען ארויסצופאָהרען אין א קליינער קאָנטרי־שטאָדט... דאָרטען, מיט זיינע פלענער, קען ער ווייט אוועקגעהן.. .א פיערטער הייסט דוקא בלייבען אין ניו יאָרק, נאָר אויב יא זוכען גליק, איז שוין בעסער פאר איהם צו פאָהרען קיין סאן פראנציסקא, מען זאָגט, אז דאָרטען איז געלד ווי בלאָטע, קיין פּענים זעהט מען דאָרטען גאָר נישט אָן, בלויז ניקעלס און ניקעלס...

אָבער פון די אלע עצות זיצט שוין זלמן באלד א יאָהר אָהן א „ביזנעס“ און נישט קוקענדיג וואָס ער האָט נאָך אין זיך

גענוג שטאָלץ, פיהלט מען שוין, אז ער איז אין גאנצען גע־בראָכען. עס האלט שוין דערביי, אז א רייכערער לאנדסמאַן שלאָגט איהם פאָר עטליכע דאָלאר א גמילת־חסד.

אָבער זלמן געהערט ניט צו דעם סאָרט אידען וואָס באַר־גען גמילת־חסדים גלאט אין דער וועלט אריין. ערשטענס, איז א גמילת חסד גלאט א מאוס׳ע זאך. דאָס הייסט, דער וואָס גיט דער גמילת חסד איז דוקא א שעהנער מענש, אָבער דער וואָס נעהמט איז שוין א פערפאלענער. א מענש — זאָגט זלמן פאר זיינע נאָהענטע, מוז זיך אליין ראנגלען. צו לייטען אנ־קומען דאַרף מען ניט.

און זלמן אליין וואָלט אפילו געקענט הונגערן און קיינער זאָל ניט וויסען וואו ער האלט אין דער וועלט. איז אָבער זיין ווייב, עטיל, שוין אן אנדער מין מענש. זי וויל דוקא מאכען א לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען און זי האָט טענות צו דער וועלט.

— וואָס הייסט עס — פאלט זי אמאָל אריין צו קרובים און לאנדסלייט — פאר וואָס זאָל מען מיין זלמנ׳ען לאָזען פאַ־לען? — ער, אז ער האָט געהאט פלעגט ער אלע מאָל געבען. נישקשה, זי האָפט נאָך, אז ער וועט צוריק אויפגעריכט ווערען און ער וועט נאָך ווידער מענשען העלפען.

דערווייל אָבער וויל זי מען זאָל איהם אויסהעלפען. אבער אויף אזא אופן, אז ער אליין זאָל ניט וויסען. — ער קען זיך חלילה א מעשה אָנטהאָן — צעוויינט זי זיך. ער איז דאָך א משוגענער. ביי לייטען אז עס טרעפט אן ענגע צייט, לעגען זיך פריינד און קרובים צוזאמען און מען העלפט אויס צו מאכען עפּעס א געשעפט, צי וואָס. מיט איהם אבער איז אן אומגליק— ער וויל צו קיינעם נישט אָנקומען.

דערפאר מוז מען איהם אזוי אויסהעלפען, אז עס זאָל אויסקומען אויף אן איידעלען אופן און שטארק בסוד...

און עטעל, א כוואטסקע ווייבעל גיט אויף א פּלאַן: מען זאָל נעהמען א „טהעאטער“, פערקויפען טיקעטס און דאָס געלד

וואָס וועט אַריינברייגגען זאָל מען איהר אַוועקגעבען. און זי וועט זאָגען, אַז דאָס האָט זי בעקומען פון דער היים פון איהרע עלטערען.

און ענדליך האָבען זיך צוויי יונגע באַיעס אַרויסגערופען די דאָזיגע אונטערנעהמונג דורכצופיהרען.

—זאָלט איהר זשע גערענקען, אַז ער טאָר דערפון ניט וויסען, עס מוז זיין בשתיקה פון איהם, ווייל טאָמער ווערט ער געוואָהר וועט ער זיך בעגראָבען אַ לעבעדיגער.

און בעקומענדיג אַן הבטחה, אַז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען אין דער גרעסטער בעהאַלטענקייט איז עטיל אַוועק אַ היים.

אין אַ וואָך אַרום איז זלמן געזעסען ביי זיינעם אַ לאַנדס־מאַן. עס איז געווען אַ זונטאַג נאָכמיטאָג. זלמן האָט זיך גע־פיהלט זעהר גוט אויפגעלעגט, ער האָט אין דער פריה געקריגען אַן אַלטען חוב — פינף דאָלאַר — האָט ער דריי דאָלאַר אַוועק־געגעבען אין שטוב און צוויי דאָלאַר איז איהם נאָך געבליע־בען אויף צו בעצאָהלען מאָרגען אין גראָסערי. דערווייל אָבער האָט ער זיי געפיהלט אין טאַש און דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ ביסעל מוטה און קוראַזש. די צוויי דאָלאַר זיינען גראַד גע־ווען איינציגע און אַזוי ווי די מיסעס האָט גראַד געדאַרפט האָבען צוויי איינציגע דאָלאַר האָט ער זיך דער ערשטער אויס־גערופען, אַז ער קאָן אויסטוישען.

— דער רייכסטער פון אונז איז פאָרט זלמן. — האָט די מיסעס אַ זאָג געטהאָן און געשמייכעלט.

— וואָס דען ? — האָט דער לאַנדסמאַן פאַרטאַקעוועט און וויסענדיג פון דער אונטערנעהמונג, וואָס מען געהט פאַר זלמן'ען מאַכען, האָט ער צוגעגעבען:

— זלמן וועט נאָך ערשט ווערען אַ נגיד !...

זלמן האָט פון דעם דאָזיגען אויסרוף זיך דערפיהלט נאָך געהויבענער, ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער דערווייל

האָט זיך געזעגנט די טהיר און עס זיינען אריין די צוויי באַ־יעס.

אזוי ווי אין הויז איז געווען א מיידעל, וואָס האָט געראַפט א חתן, האָט מען די באַיעס זעהר שעהן אויפגענומען. דער לאַנדסמאַן האָט זיי געבעטען זיצען און די מיסעס האָט זיי פאַרגעשלאָגען צונעהמען אַן אָראַנזש פון טעלער.

די באַיעס אָבער, האָבען אויסגעזעהן צו ביזי צו זיין, זיי האָבען געקוקט אויף זלמן׳ען, ווי ער וואָלט זיי אין עפּעס גע־שטערט. אבער באַלד האָבען זיי זיך איבערגע׳סוד׳עט און איי־נער האָט זיך אָנגערופען:

— מיר האָבען איצט קיין צייט נישט. מיר זיינען געקו־מען וועגען ביזנעס...

דערהערט ביזנעס, האָט זיך זלמן דער ערשטער אָנגע־כאַפּט:

— ווי באַלד אז ביזנעס, וויל איך טאַקע הערען...

די צוויי באַיעס האָבען זיך איבערגעקוקט און לייכט גע־שמייכעלט, אבער באַלד זיינען זיי ערנסט געוואָרען און איינער האָט זיך אָנגערופען:

— דאָס זיינען ניט פאַר אייך קיין ביזנעס, ר׳ זלמן... דאָס געהט מען מאַכען א טהעאַטער אונטערנעהמונג פאַר אַן אָרי־מען לאַנדסמאַן. מיר פערקויפען טיקעטס...

— טיקעטס... דאָס איז זעהר שעהן — האָט זלמן זיי געמוטהיגט. שטיצען א לאַנדסמאַן איז אלע מאָל א יושר... גע־ווים... געווים... ווער איז ער דער דאָזיגער לאַנדסמאַן... איך קען איהם אויך?...

— דאָס איז א סוד... האָט איין באַי געענטפערט.

— נו, אויב א סוד, צווינג איך אייך ניט צו דערצעהלען, איך בין ניט פון די מענשען וואָס זיינען שטאַרק נייגעריג צו וויסען.

— יאָ נייגעריג זיין דאַרף מען טאַקי ניט... האָט דער לאַנדסמאַן אַליין זיין מיינונג אַרויסגעזאָגט. איז הייסט עס ווילט איהר איך זאָל נעהמען טיקעטס...

— געוויס! — האָבען די באַיעס אויסגערופען און איינער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקיל טיקעטס און פאַרגעשלאָגען פער־שיעדענע סאָרטען: באָקס, אָרקעסטער און ערשטע באַלקאָני.

דער לאַנדסמאַן האָט זיך געישוב׳ט וועלכע צו נעהמען: צי אָרקעסטער אָדער באַלקאָני, די מיסעס האָט געראָטען באַל־קאָני.

— פאַר וואָס באַלקאָני? — האָט זלמן אָבגעשלאָגען — באַלקאָני איז צו ווייט. איך וועל נעהמען אָרקעסטער.

די צוויי באַיעס האָבען זיך איבערגעקוקט און האָבען זיך אָנפאַנגס, ווי פערלאָרען. אָבער באַלד האָבען זיי זיך געכאַפּט, אַז אדרבא, זאָל ער טאַקי קויפען — און האָבען זיך צו איהם העפליך געווענדעט:

— איהר ווילט אָרקעסטער, ר׳ זלמן...

— יאָ, אָרקעסטער, דאָלאַרדיגע... און אָרימער לאַנדסמאַן געוויס... וואָס הייסט? — מען מוז אזא אונטערשטיצען, עס איז אַ יושר... איך ווייס אפילו ניט ווער ער איז, אָבער ס׳איז נאָך גרעסער די מצוה...

די באַיעס האָבען זיך ווידער אומגעקוקט און זיך ניט געקאָנט בעהערשען און איינער האָט הויך זיך צולאַכט.

— וואָס זשע לאַכט איהר — איז זלמן אָבהענדיג גע־וואָרען — וואָס איך זאָג, אז עס איז אַ מצוה... וואָס דען איז דאָס? — אודאי אַ מצוה...

— פערקעהרט... האָט זיך דער באַי פערטיידיגט און איז רויט געוואָרען. איך האַלט אויך, אַז עס איז אַ גרויסע מצוה, דערפאַר געה איך דאָך אַרום פערקויפען די טיקעטס.

און ווערענדיג צוריק ערנסט, האָט דער באַי איהם דער־לאַנגט צוויי טיקעטס ערשטע רייהע און ער האָט בעצאָלט:

— איהר בעקומט ר' זלמן ערשטע רייהע...

זלמן האָט זיך דערפיהלט זעהר שטאָלץ. ער האָט גענומען די צוויי טיקעטס, בעטראַכט זיי פון אלע זייטען און מיט אַ רחבות'דיגען שמייכעל ארויסגענומען די צוויי לעצטע דאָ־לאַר:

— אָט האָט איהר צוויי דאָלאַר... איז הייסט עס, ווען וועט דאָס זיין?

איינער פון די צוויי האָט איהם געזאָגט דעם דאטום.

— זעהר פיין! זעהר פיין! — האָט זיך זלמן ענטציקט — איך וועל טאקע געהן מיט מיין עטלען.

און אז די צוויי באַיעס זיינען שמייכלענדיג ארויס, נאָכ־דעם ווי זיי האָבען פערקויפט נאָך צוויי באלקאָני־טיקעטס, האָט זלמן ווי מיט גדלות זיך געווענדעט צום לאַנדסמאַן:

— האָט איהר, ווייסט עס, געקויפט באלקאָני — צו 75 סענט...

דער לאַנדסמאַן האָט געשוויגען, נאָר די מיסעס האָט מיט־אַ זיפץ געענטפערט:

— עס איז דאָס אויך היינטיגע צייטען שווער, נאָר וואָס זאָל מען טהאָן מיט אַן אָרימען לאַנדסמאַן?

דער דאָזיגער טרויעריגער טאָן פון דער מיסעס האָט זלמן'ען אויפגעוועקט פון חלום, ער האָט זיך דערמאָהנט, אז ער האָט אוועקגעגעבען די לעצטע צוויי דאָלאַר פאַר טיקעטס ערשטע רייהע.

ער האָט שוין מעהר ניט געקאָנט איינזיצען, עס האָט איהם געהויבען פון אָרט.

און אָבזעגענדיג זיך מיט זיי איז ער ארויס פון שטוב.

און אַ דערשלאָגענער, נישט האָבענדיג קיין ניקעל אויף קאַר־פער, האָט ער געשפאַנט אַ היים צו פוס מיט די צוויי טיקעטס ערשטע רייהע אויף זיין אייגענער אונטערנעהמונג...

—

דער גענאַכע מיט'ן ווײַן.

זיצענדיג ערב יום טוב אין „על“ פאַהרענדיג צו דער ריכ־טונג אין בראָנקס, איז ביי א צווייטער סטיישאָן אריין אין קאר א בעקאנטער אלטער גנאָסע. ער האָט אויסגעזעהען פערמאַ־טערט און צורודערט. זיינע אויגען האָבען געקוקט ווי בייז אויף דער גאנצער וועלט, אין האנט האָט ער געהאלטען א לעגגלי־כען און שמאָלען פעקיל, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי א פּאָר פּערפאקטע פלעשער וויין. קענענדיג אבער דעם דאָזיגען ראַ־דיקאל־געזינטען מענשען, האָב איך דאָך שטארק געצווייפעלט צי דאָס איז טאקע וויין, און אויב יא וויין — האָב איך גע־טראכט —- איז דאָס געוויס חמצ'דיגער.

איך האָב איהם געוואָלט פרעגען און גלאַט לאָזען זיך איהם זעצען. פּאָרט אן עלטערער מענש! אבער בעמערקט האָב איך, אז דער דאָזיגער עלטערער מענש מיידט אויס מיינע בליקען און וויל זיך ניט בעגעגענען מיט מיר.

ענדליך האָב איך איהם פּאָרט אָנגעקוקט אזוי, אז ער האָט קיין ברירה ניט געהאט אוועקצוקוקען פון מיר.

ביי דער נעקסטער סטאַנציע איז שפּעטער געוואָרען א פריי־ער פּלאַץ נעבען מיר. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און דאָס פעקעל האָט ער געלעגט הינטער זיך, ווי טריפה סחורה.

— וואָס איז דאָס פאר א פּעקיל, מר. פיינקינד? — בין איך נייגעריג געוואָרען.

— ווייס איך וואָס — נאַרישקייטען! — האָט ער בייז געברומט.

און אנקוקענדיג מיך שוין אביסעל פריינדליכער, ווי ער וואלט פאר מיר זיך געוואלט אויסריידען דאס הארץ, האט ער פארטגעזעצט:

— א פעקעל... ס'איז שוין איינמאל א פעקעל... ס'איז א פאר פלעשלעך ויין...

און צולאכענדיג זיך מיט א בייזקייט, האט ער פער־ריכט:

— פסח'דיגע וויין... צום סדר...

— אזוי... איהר מאכט א סדר!... — האב איך זיך גע־זויצעלט, — איהר ווערט, הייסט עס, אויך א בעל תשובה...

— ניט דערלעבען וועלען עס די אמעריקאנער קאפיטאליס־טען... — האט ער געענטפערט, ווי בעלעדיגט — איך וואלט עס קיינמאל ניט געטהאן. אבער מיין זוהן — וואס זאל מען טהאן מיט די היינטיגע קינדער? זיי האבען פערגעסען אין גאנצען דאס, וואס איך האב מיט זיי געלערענט. די טאכ־טער אפילו איז, געלויבט דער אויבערשטער, געבליבען א טרייע גענאסין און ראדיקאלע עד היום. פון מיין זוהן אבער האב איך ניט קיין נחת — ער איז אוועק אין גאנצען אויף אן אנדער וועג. איך האב שוין געפרופט ווערען ברוגז אויף איהם. עס האט דאך אלץ א שיעור!... שטעלט זיך פאר אז דאס צווייטע קינד, א אינגעלע זיינס, האט ער געלאזט מל זיין. א מין בארבאריזם! איך האב געקעמפפט מיט איהם, געקעמפפט, און ס'האט נישט געהאלפען. נאטירליך בין איך אויפ'ן ברית ניט געווען.. אבער אונטער די אויגען איז מיר אויך געגוג געווען. מיינע בעקאנ־טע האבען פון מיר חוזק געמאכט: „אזוי, גענאסע פיינקינד, איי־ער זוהן איז אוועק אין א שלעכטען וועג — ער פראוועט גאר ברית'ן!" עס האט מיר באמת געפלאמט דאס פנים. נאכדעם האט זיך אנגעהויבען א סדרא מיט פסח, מיט סדרים. אמאל פלעגען מיר צום ערשטען סדר האבען א סאציאליסטישען מי־טינג, איהם פלעג איך שטענדיג מיטנעהמען. זאל ער וויסען וואס

עס טהוט זיך ביי אונז! איך האָב געגלויבט, אז ער וועט נאָך מיך איבערשטייגען; איז אבער ניט נאָר ער איז קאַלט געוואָרען צו אַלע אונזערע לעהרען, פאַר וועלכע מיר האָבען אונזערע בעסטע יאָהרען אוועקגעגעבען — ער איז געוואָרען אַן עכטער איד! אַט מאַכט ער שוין דאָס דריטע יאָהר א סדר!

סדרים מיט ברית'ן!..

דאָס ערשטע יאָהר, נאַטירליך, אז איך האָב עס ערפאַהרען, בין איך אויף מאָרגען אוועקגעלאָפען צו איהם און זיך צושריען: סטייטש, וואָלטער, וואָס איז מיט דיר געוואָרען? פערגעסט, אז דו טראָגסט א נאָמען פון דעם גרויסען פראַנצויזישען ראַציאָנאַליסט — וואָלטער! אבער אנשטאָט צו פערענטפערען זיך, האָט ער זיך אויסגעלאַכט. „וואָלטער“, זאָגט ער, איז טאַקע א שעהנער נאָמען. אבער משה איז אויך געווען א רעוואָלוציאָנער און דער סדר איז אַן אנדענקונג פון דער בעפרייאונג“. היינט געהט טענה זיך אוים מיט איהם.

— אָבער, ווי איך זעה, האָט איהר דאָך מיט איהם פאַרט שלום געמאַכט? — האָב איך געפרעגט דעם פערביטערטען טאַטען, אָנווייזענדיג אויף די וויין.

— שלום געמאַכט? — האָט ער טרויעריג געשמייכעלט— עס איז דאָך א זוהן... מען קען זיך העלפען — ער האָט מיך שטאַרק געבעטען צו קומען.. שוין צוויי יאָהר, אז ער לאָזט מיך ניט רוהען... מען איז דאָך ניט מעהר ווי א טאַטע, א צולאָזענער זוהן איז דאָך אויך א זוהן...

— א צולאָזענער? — האָב איך דעם אַלטען פערוואונדערט אנגעקוקט.

— עס רעדט זיך אַזוי... — האָט דער אַלטער געגאָסע זיך פערכאַפּט, — אַזוי איז ער זעהר א וואוילער מענש... נאָר א פיינער מענש, נאָר דאָס וואָס ער האָט פערראַטהען דעם טאַטענס לעהרען און איז געוואָרען צופיעל איד... אַט וואָס מיך קרענקט...

איך האָב אָנגעקוקט דעם אַלטען'ס פּנים און האָב בע־מערקט אין זיינע אויגען א מיעפען צער. דאָס איז געוועזען דער אַלטער צער, וואָס קוקט ארוים ביי יעדען טאַטען זייט לאַנגע דורות... אזוי האָבען מיט צער געקוקט די אויגען, פון ז י י ן טאַטען, ווען ער איז אמאָל פּסח, צו דער ערש־טער סדר־נאַכט אוועק אויף א „סחאָדקע“ אין וואלד...

דעם באַרבערס ווייבעל.

שבת, עלף אַ זייגער אין דער פריה. היימאַן דער באַרבער שטעהט איבער אַ יונגען ארבייטער, וועלכער ליעגט אויסגעצויגען איבער'ן טשער אַ שלאָפּעדיגער און ער, היימאַן, מאַכט איהם צורעכט. שאָבט איהם די באַקען מיט גרויס פלייס, ווי ער וואָלט איהם וועלען כשר'ן צו אַ הייליגע זאַך. די ארבייט געהט ביי היימאַן'ען, ווי געשמירט, ער איז שוין 15 יאָהר אַ באַרבער, 10 יאָהר אין יוראָפּ און שוין 5 יאָהר אין ניו־יאָרק, אין אידישען קוואַרטאַל, ער וואָלט יעצט פערמאָגט אַ הונדערט חלק וויפיעל מאָל 10 סענטען ער האָט שוין בעקומען, וואָלט ער קיין באַרבער ניט געדאַרפט שוין זיין. ער וואָלט שוין דאָ געהאַט הייזער און וואָלט אויף זיי אַ סענט אפילו ניט שולדיג געווען. אויסער דעם האָט ער גלאַט אַ פלינקע האַנד, און דאַך פיהלט ער, אז ער וואָלט פיעל פלינקער און בעסער געשייווט, ווען הינטער איהם וואָלטען ניט געזעסען פיער יונגע לייט, ארבייטער, און וואָלטען ניט געוואַרט. מילא זייער ווארטען וואָלט איהם שוין ניט געאַרט, ער איז זיכער, אז ער וועט זיי אַלעמען אבראַזירען, זיינען זיי אבער אַלע אַזוי אונגעדולדיג, אז ער קען בשום אופן זיי ניט בערוהיגען, און אַלע ווילע רייסט זיך יעמאַנד פון די ווארטענדע אוועקצוגעהן. אמת, ער האָט דערפאַר קיין מורא ניט — אוועקגעהן וועלען זיי ניט. ערשטענס זיינען זיי אַלע לאַנדסלייט און צווייטענס — וואוהין וועלען זיי דען געהן? ביי אַ צווייטען באַרבער וועלען זיי דאַך ווידער דאַרפען ווארטען. אָבער נאָך אַלעם דעם איז איהם ווי אנגענעהם.

— איך זאג דיר, היימאן, קלאנט זיך אויפשטעהענדיג איין ארבייטער פון די ווארטענדע, אז דו פערשטערסט מיר דעם שבת. א גאנצע וואך אין שאפ, קומט דער שבת, וויל מען אבי־סעל ארויסגעהן, מוז מען ביי דיר זיצען און ווארטען די „רייהע". נעהם, צו אלדי טייוועל „א האנד".

— ניין, ברודער, צוליעב א פאר שעה אין וואך קען איך קיין האנד ניט נעהמען — ענטפערט היימאן, פערענדיגענדיג שאבען די באקען פון דעם קאסטימער, וואס איז שוין ליגענדיג אויפ'ן טשער גוט איינגעשלאפען און חלום'ט אודאי פון דעם שאפ — אין מיטען וואך איז סלעק, קיין מענשען האלטען קען איך ניט. נישקשה, דיר וועט נאך בלייבען צייט צו ארומגעהן, און וואס געהט מען גלאט ארום? — פאלט היימאן אריין אין א מוסר־טאן — איך א גאנצע וואך, זיץ דאס רוב אין אין שטוב. אט נעהם לייען א פייפער.

—איך האב שוין דריי פייפערס דורכגעלייענט, — ענט־פערט מיט רוגזא דער ארבייטער — צו אלדי טייוועל, נאך דעם מיסטער מוזטו מיר שייווען.

דערהערענדיג די דאזיגע פארלעגונג, שטעלט זיך אויף נאך אן ארבייטער פון די ווארטענדע און שרייט אוים:

— ניין, מיסטער. איך בין געקומען פריהער פאר אייך.

— איך וועל אייך אלעמען אבשייווען — בערוהיגט היי־מאן די קאסטימער.

ער האט אפילו קיין מורא ניט, אוועקגעהן וועלען זיי ניט. נארישקייט! ערשטענס זיינען זיי לאנדסלייט, און צווייטענס, וואוהין וועלען זיי געהן? אבער אנגענעהם איז עס איהם ניט און ער איילט וואס גיכער צו פערענדיגען דעם קאסטימער, וועלכען ער וואשט שוין דעם קאפ, פון וואס יענער כאפט זיך אויף.

— אט שוין געענדיגט — טרייסט היימאן דעם וויעדער־שפענסטיגען קאסטימער, זיין לאנדסמאן. דו ביזט דער דריי־טער, א האלבע שעה און דו ביזט א געשייווטער.

דער ארביימער לאָזט זיך בערוהיגען, נאָר ניט אין גאַנ־צען, ער מורמעלט אליין:

— האָסט כאָטש אויף שבת אליין געדארפט נעהמען א מענשען, צו אלדי טייוועל!

היימאן שייוט שוין א צווייטען, וועלכער שלאָפט שוין אויף, און פליהענדיג מיט דעם ראזיר־מעסער איבער דעם צוויי־טען קאָסטימערס באקען, ענטפערט ער:

— אויף שבת אליין, זאָגסטו, און אבצאָהלען איהם צוויי דאָלאר און וואָס וועט מיר בלייבען? אָט נעהם לעז א פייפער. באלד, באלד קומט דיין אָטשערעד, נאָך א האלבע שעה'לע...

דער ארבייטער פערלאָזט זיך אויף גאָט'ס בעראָט און נעהמט אויף זיך צו זיין געדולדיג, זיצען אבער קען ער שוין ניט, עס הויבט איהם פון טשער. נעהמט דעם „פאָרווערטס" און לעזט די אדווערטייזמענטס פון אידישען טהעאטער.

— ביזטו געוועזן אויף „לייזער'ס בלינצעס?" — פרעגט ער, בעמערקענדיג די אדווערטייזמענטס.

— ווער האָט צייט צו געהן? — ענטפערט היימאן — מען זאָגט, אז עס איז א זעלטענע „שאָו".

— איך בין שוין געוועזן צוויי מאָל און היינט געה איך מאטינעע. נאָר ווער וועט שוין געהן, פערכאפט ער זיך צו־ריק, ביז דו וועסט פערטיג ווערען וועט מען שוין אָבשפּיעלען.

— ביזטו בדלות! — ענטפערט היימאן, — וועסט ניט פערשפעטיגען. געה בעסער אויף „א מענש זאָלסטו זיין" — וועסטו זעהען ווי האלב נאקעטע נקבות הוידען זיך און זינגען... אויף זעהר א שעהנע זאך...

דער ארבייטער לאָזט זיך אבער ניט טרייסטען, ערשטענס האָט ער שוין „א מענש זאָלסטו זיין" געזעהען 20 מאָל און טאקע א דאנק די האלב נאקעטע נקבות, וואָס הוידען זיך אויף דער סצענע, און זיי זיינען איהם שוין נמאס געוואָרען און ער

הויבט זיך אָן ווידער צו בונטעווען. באַלד אָבער ווענדט ער זיך מיט א פראַגע:

— זאָג מיר היימאַן, וואָס זעהט מען עפּעס ניט דיין ווייבעל?

— דו האָסט זיך פערביינקט נאָך איהר — ענטפערט היימאַן איגנאָרירענדיג — איך ביינק נאָך איהר ניט אזוי שטאַרק.

פון הינטער'ן צימערעל, וואָס איז פערהאַנגען מיט א פאָרהאַנג, דערהערט זיך א שטים און באַלד ווייזט זיך א קאָפּ פון א יונג־חן'עוודיג ווייבעל.

— דו ביינקסט ניט, איז ווי דו ווילסט זיך, איך ביינק אויך ניט נאָך דיר. וואָס מאַכט איהר זיסעל? ווענדעט זי זיך צום אַרביימער.

— אַט אזוי, שמועס אביסעל מיט מיין ווייבעל, — זאָגט היימאַן צו זיסלען — זי קען גאָט צו דאַנקען אביסעל שמועסען, וואָלט זי אזוי אַנדערע זאַכען געקענט.

— איהר קריעגט זיך נאָך אַלץ! — פרעגט זיסקע.

— איך האָב שטאַרק מורא פאַר איהם! — לאַכט בייז דאָס ווייבעל.

— זאָג מיר. היימאַן, פאַר וואָל גאָר דיין ווייבעל ניט מאַכען אמאָל א שייוו, צו אַלי טייוועל — חולה איז זי! מיך האָט שוין אמאָל, נאָך אין יוראָפּ, א נקבה געשייווט, ס'איז זעהר אנגענעהם, עס קיצעלט — האָט ער זיך ציניש צולאַכט.

די איבעריגע אַרבייטער, וואָס זיינען פאַר לאַנגווייליגען וואַרטען שיער ניט איינגעשלאָפען, האָבען זיך אויך צולאַכט און דאָס ווייבעל האָט זיך אַנגערופען, וואַרפענדיג אויגלעך צו זיסקען:

— נו, זעץ זיך, זיסקע איך וועל אייך מאַכען א שייוו.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — האָט זיך זיסקע אַנגעכאַפּט און האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שייוו־טשער.

— נו, נו, מען בעט דיך ניט — האָט היימאן בייז אויס־געראָפען — איך בין שוין באַלד פאַרטיג.

— וואָס אַרט עס דיר — האָט זיסקע זיך געווענדעט צו היימאַן׳ען ווי מיט געבעט, — זי וויל מיר מאַכען אַ שייוו, זאָל זי מאַכען. אין יוראָפּ זיינען דאָ ליידיס, וואָס שייווען.

—דאָ אויך, — האָט בעשטעטיגט איינער פון די וואַר־טענדע און עס איז געווען קענטיג, אַז ער וואָלט אויך ניט געווען דאַגעגען אַז דאָס חן׳עוודיגע ווייבעל זאָל איהם מאַכען אַ שייוו. ער האָט אויף איהר געקוקט און געקוקט. ווי ער וואָלט זיך גע־בעטען: מיך אויך...

— זעצט זיך! — האָט דאָס ווייבעל פאַרגעלעגט, ווינ־קענדיג צו זיסקען.

— זי וועט דיר צוקראַצען דאָס פּנים, אַז דו וועסט אין גאַס ניט קענען אַרויסגעהן —האָט היימאן געוואָרענט און גע־קוקט בייז אויף זיין ווייבעל.

— זאָל זי צוקראַצען, עס מאַכט ניט — איך קען שוין, ווי איך בין אַ איד, מעהר ניט וואַרטען — האָט זיסקע געענט־פערט און זעצענדיג זיך אויפ׳ן שייוו־טשער.

— אָט איך ענדיג שוין! — האָט היימאן איהם בערו־היגט. נאָך דעם קומסט דו.

— ניין, איך בין פריהער געקומען — האָט זיך אָנגעכאַפּט איינער פון וואַרטענדע.

— לאָזט איהם היינטיגעס מאָל איבער — האָט זיך היימאן ווי געבעטען. און צום ווייבעל האָט ער זיך געווענדעט, וואַר־פענדיג בייזע בליקען אין איהר זייט.

— דו געהסט אוועק, צי ניט?

דאָס ווייבעל איז אַ ברוגז׳ע אַריין צוריק אין הינטער־צימערעל, היימאן איז רוהיגער געוואָרען און האָט פערענדי־גענדיג דעם צווייטען קאַסטימער זיך געווענדעט צו זיסקע׳ן:

— אט באלד, זיסקע, באלד, נעהם לייען א פייפער... א בעלנות פון א מענשען, לאזען זיך שייווען פון א פרוי, זי וואלט דיך אזוי צוקראצט, אז דו וואלסט זיך אויפ׳ן סטריט ניט גע־קענט ווייזען.

זיסקע, וועלכער האט טאקע באמת געוואלט פערזוכען א ווייבערשען שייוו, האט בייז געענטפערט:

— דו צוקראצט אמאל, ברודער־לעבען, אזוי, אז ערגער קען שוין ניט זיין... זאג בעסער — האט ער איראניש צוגע־געבען — אז דו ביזט „פעפערזיכטיג“. אי, איך האב דאס פיינט!

היימאן האט זיך ווי בעליידיגט און ער האט אויך בייז געענטפערט:

— נו, ברודער, אויב דו ווילסט אז דוקא מיין ווייבעל זאל דיר מאכען א שייוו, קען איך דיר ניט העלפען. דאס ווייי־בעל ברויך איך פאר זיך... איך בין נאך א יונגערמאן...

— איך וואלט זי ניט אבגעביסען! — האט זיסקע א מור־מעל געטהאן...

— פאר אבבייסען האב איך שוין קיין מורא ניט, נאר קיין בארבער, וויל איך ניט זי זאל זיין, איך וועל מיך אים־פראווען אליין.

זיסקע האט גאר נישט געענטפערט, היימאן האט אין זיין שווייגען געפיהלט א בייזקייט. ווער ווייס, אפשר וועט ער שוין א צווייטען מאל נישט קומען. א קאסטימער איז א שאד, דאס ווייבעל איז איהם אבער אויך א שאד און א פיעל גרעסערער, ווי א קאסטימער...

און, אז זיסקע האט ווידער זיך גענומען בונטעווען אין שרייען, אז ער קען ניט ווארטען, האט היימאן איהם שוין ניט

פערהאלטענ, קיין פייפער לעזען ניט פארגעלעגט, נאָר טרוקענ און לאקאָניש ארויסגעמורמעלט.

— מילא, אז דו יאָגסט אזוי, טאָ געה געזונטערהייט...

זיסקע האָט נישט געענטפערט, איז אבער ניט אוועק און אין דעם ענגען בארבער־רום האָט געהערשט א דריקענדע שטיל־קייט...

די הינקעדיגע טענצערין.

— ליזא איז שוין א מיידעל פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, אָבער איהר ניט־הויכער וואוקס און דראָבנעם פּנים'ל גיט איהר אן אויסזעהן פון א זיעבצעהניעהריג מיידעל. איהרע שווארצע בענקענדיגע אויגען קוקען שטענדיג נאאיוו און פרעגענדיג, און בשעת זי רעדט מאכט זי מינעס ווי קינדער וואָס ווערען פון אלץ נתפּעל, גלויבען אין אלץ און בעזונדערס גיט איהר צו קינדערי־שעס, וואָס נאָך יעדע פראזע לעגט זי צו מיט זיכערקייט: אודאי אזוי, אמת...

עס הייסט אָבער ניט, אז ליזא איז טאקי א קינד, פּער־קעהרט, זי האָט שוין אין איהרע עטליכע יאָהר נאָך איהר ווירק־ליכער קינדהייט פיעל שטארקע געפיהלען דורכגעלעבט, פיעל מאָל שוין אהינגעריסען געוואָרען פון שווארץ־אויגיגע און לאנג־לאָקיגע בחורים, שוין געוועזן בעקאנט אפילו מיט עפּעס א הויכען טרעמפּ, און אפילו ווענען איהם פלעגט זי אויך האָבען א ריין קינדיש אויסדרוק:

— יא, ער איז זעהר א פיינער מאן, ער וועט מיך נעה־מען אין דער וועסט, צו־פוס.. ער האָט מיר דערצעהלט, אז דאָרטען דארף מען גאָר ניט ארבייטען, איך וועל אמאָל געהן מיט איהם.. בעסער, ווי אין שאפּ... יא, אודאי אזוי, אמת...

די חבר'טעס איהרע, ניט עלטערע און אמאָל אינגערע פון איהר, פלעגען איהר ווארנען:

— אָ, ליזוטשקע... רעד ניט קיין נארישקייט... א טרעמפּ בלייבט א טרעמפּ... בעגעגען זיך מיט איהם מעהר ניט... ער וועט דיך נאָך פערפיהרען...

דאַן פּלעגט זי אויסשטעלען דערשראָקען די אויגען און זיך חדוש'ן:

— פערפיהרען ? וואָס קען ער מיך פערפיהרען ? ער איז דאָך אזא שעהנער... יא, אודאי אזוי — ער איז א שעהנער.

שעהן האָט ביי איהר געהייסען ניט נאָר שעהן אין אויסזעהן, נאָר אין נעפיהלען און פיהרונג...

נאָר דער פערלאַנג צו געהן אין דער וועסט מיט'ן טרעמפּ האָט ביי איהר נישט לאַנג אָנגעהאַלטען: דער טרעמפּ מיט וועלכען זי פּלעגט זיך צופעליג אבער אָפט טרעפען אין יוניאָן סקווער איז ערגעץ פערשוואונדען און זי האָט זיך היינגעריסען מיט א צווייטען יונג, שוין דער גענענזאַטץ פון א טרעמפּ: דאָס איז געווען א שעהנער יונגער סטודענט פון קאָלומביא קאָ־לעדזש. מיט דעם דאָזיגען סטודענט פלעגט זי זיך טרעפען שבת און זונטאג און פלעגט מיט איהם פערברענגען דעם גאַנ־צען טאָג ביז צוועלף אין אבענד. ער פלעגט איהר נעהמען אויף בראָדוויי אין די בעסערע מיוזיק־האָלס. דאָרט פלעגט זי זיך אָפט ענטציקען פון די טענצערינס און ביי יעדער ארויסטריט פון א טענצערין פלעגט זי דעם סטודענט א סוד אריינרוימען:

— דו ווייסט, אז איך וואָלט אויך געקענט זיין א טענצע־רין...

דער סטודענט קוקט זי אָן שמייכלענדיג און וואָרענט איהר פריינדליך:

— עס איז א מיאוסע בעשעפטיגונג...

נאָר ליזא צינדט זיך אָן מיט א קינדערשען כעס און ענטפערט:

— א מאוסע בעשעפטיגונג.. ס'אליגען.. איך ווייס אַז ס'איז א ליגען. מיר האָט דערצעהלט די הינקענדיגע טענצע־רין...

— וועלכע טענצערין ? — וואונדערט זיך דער סטודענט.

— די הינקעדיגע...

דער סטודענט צולאכט זיך.

— א הינקעדיגע טענצערין... ווי אזוי איז דאס מעגליך, נארעלע, דו...

— הערסט... אודאי אזוי, אמאל איז זי געווען ניט קיין הינקעדיגע... איך האב זיך מיט איהר בעקענט, אז זי איז שוין געווארען הינקעדיג... זי האט מיר אלץ דערצעהלט: זי האט מיר געזאגט, אז איך האב שעהנע פיס און איך בין א קליינינקע און דאס איז גוט... א גרויסע קען ניט זיין קיין טענצערין, זי איז אויך א קליינע, נאר זי האט איינמאל געטאנצט מיט אזא שנעל־קייט, אז זי האט אויסגעלונקען א פוס, און פון דאמאלס אן הינקט זי...

— און מעהר טאנצט זי ניט... האט דער סטודענט גע־לאכט גוטמוטהיג, ארייגקוקענדיג אין ליזע׳ס אויגען...

— געוויס טאנצט זי שוין ניט... אבער זי האט דאך דריי יאהר געטאנצט... זי האט געזאגט, אז עס איז אזוי גוט צו זיין א טענצערין. די ערשטע וואך נעהמט מען אכטצעהן דאלאר און נאכדעם נעהמט מען דאפעלט... נאר א האלב שעה טאנצט מען... און דערנאך איז מען פריי...

— און וואס האט זי דיר נאך דערצעהלט? — פארשט מיט א שמייכעלע דער סטודענט.

— א, רויטעלט זיך ליזא, די הינקעדיגע טענצערין האט מיר דערצעהלט א סך זאכען... אודאי אזוי... זי וויים... זי זאגט אז איך בין ווי געבארען דערצו... זי האט געזאגט אז איך האב שעהנע פיס... און איך וואלט געהאט ערפאלג...

זי האקט אב, ווייל א נייע טענצערין געהט ארויס אויפ׳ן סצענע. קלינגענדיג מיט צוויי גלעקעלעך אין די ביידע קאקע־טיש אויסגעשפרייטע הענד דרעהט זי זיך איבער די ביהנע און איהר קורץ־קליידעל, בלויז ביז די קניה, בילדעט זיך אין א גאל־דענע ראד...

— אט אזוינע טענץ האט די הינקעדיגע טענצערין גע־

טאַנצט... — בעגייסטערט זיך ליזאַ, — פאַר אַזאַ טאַנץ נעהמט מען אַ סך... און דערצו...

זי האַקט אָב...

דער סטודענט ווערט נייגיעריג:

— וואָס דערצו? שמייכעלט ער.

— דאָס וועל איך שוין ניט דערצעהלען, לאָזט ליזאַ אַראָב די אויגען...

— שעמסט דיך?...

— ניין, ס'איז גאָר ניט מיאוס... נאָר איך וויל ניט... דו וועסט ניט פאַרשטעהן. אָבער ס'איז ניט מאוס... אודאי אַזוי...— בעהויפּטעט זי פעסט... — מען טאָר דען נישט פערברענגען נאָכדעם מיט שעהנע מענשען...

— אַהאַ... האַפּט זיך דער סטודענט... — אַהאַ!

— דו ווייסט שוין?... פרעגט זי.

— אודאי...

— יאַ, ווען דו הערסט ווי די הינקעדיגע טענצערין דער־צעהלט עס, וואָלסטו געזאָגט, אַז עס איז שעהן...

— קען זיין... איז מסכים דער סטודענט...

— געוויס איז שעהן... ווערט ליזאַ דרייסטער... זי זאָגט, אַז דאָרטען איז גאָר אַן אַנדער וועלט, און מען פערגעסט אַן אונזער וועלט... זי זאָגט, אַז אונזער וועלט איז אַ מאוסע, אַן אומעטיגע... אַ וועלט פון שעפּער און סטאַרס... אודאי אַזוי, זי איז טאַקע גערעכט... איך וועל אויך ווערען אַ טענצערין... סטראַ־שעט זי צום סוף, — וועסט זעהן!...

— נו־נו, איז מסכים דער סטודענט... און באַלד פרעגט ער:

— וואו איז זי איצט?

— ווער?

— אַט דיין הינקענדיגע טענצערין...

— איך ווייס ניט, זי איז ווי אין וואסער ארייננעפאלען... איך זוך זי אומעטום...

— וואָס דארפסטו זי?

— יא, איך דארף זי... זי דערצעהלט אזעלכע שעהנע זאכען... איך האָב אזוי ליעב געהאט צו הערען...

— אפשר טאנצט זי ווידער?

— חי־חי־חי — צולאכט זיך ליזא מיט א קינדערשען געלעכטעריל... ווי אזוי קען זי איצטער טאנצען, אז זי איז הינ־קעדיג...

— אָבער דו וואָלסט געקענט טאנצען... לאכט דער סטו־דענט...

— אַ, אוואדע! חאפט זיך ליזא אַן דערמונטערט... איך האָב א קליינע וואוקס און שעהנע פיס... אזוי האָט זי מיר פער־זיכערט... זי ווייסט דאָך... זי האָט דריי יאָהר געטאנצט... דריי יאָהר איז דאָך א סך, אמת? זעהר א סך...

דער סטודענט פערטראַכט זיך און מורמעלט ארויס:

— יא, א סך, א סך... אבער דערנאָך ווערט מען הינקע־דיג.

— אבער דערפאר האָט זי דאָך געטאנצט, — שפּארט זיך ליזא מיט קינדערשע עקשנות....

דער סטודענט שווייגט...

דער אלטער.

איך בין געווען ניט לאנג איינגעלאדען אויף דינער אין א ראדיקאלען ארבייטער פאמיליע.

די יוגענד איז געווען פרעהליך געשטימט. עס איז געווען א זונטאג, איילען זיך צו דער ארבייט דארף מען ניט. דערצו איז מען געווען אנגעגרייט נאך דינער צו זעהן אויף א פיק־ניק, וועלכער האט געזאלט זיין זעהר אינטערעסאנט.

די צוויי טעכטער, וועלכע ארבייטען א גאנצע וואך אין שאפ, האבען זיך געפלייסט, אז דער דינער זאל לכבוד מיר ארויס וואס גרעסטענער. די צוויי זיהן, וויעדער, האבען געקוקט אז עס זאל זיין א גוט גלעזעל ביער ביי׳ן עסען. און דערפאר האבען די הכנות צום דינער צו לאנג געדויערט און איך האב מיך שוין אנגעהויבען אביסעל צו לאנגווייליגען.

ענדליך איז שוין אלץ צום דינער געוועזען גרייט. די טע־לער האט מען שוין אוועק געשטעלט אויפ׳ן טיש, אויסלעגענדיג ביי יערען טעלער א גאפעל, לעפעל און מעסער. דאכט זיך אלץ איז שוין פארטיג געווען און דאך איז מען נאך עסען אלץ ניט געגאנגען.

די עלטערע טאכטער, חוה, מיט בלאסע באקען און טיעף איינגעגראבענע אין שטערען פינקעלדיגע שווארצע אויגען, האט זיך גע׳סוד׳עט מיט׳ן ברודער, חיים׳ן; דערנאך מיט דער אינ־גערער שוועסטער, לייקע, א מיידעל פון א יאהר צוויי־און־צוואנ־ציג, וועלכע האט נאך ענטהאלטען אביסעל נאטירליכע פארב אין געזיכט און די שווארצע האר פערקאמט אין א צאפ. האט זי נאך פיעל איננער געמאכט. אבסוד׳ענדיג זיך זאלבע־

דריט צווישען זיך איז ענדליך לייקע צו מיר צוגעגאנגען און מיט א פריינדליכען שמייכעל מיך געפרעגט:

וואלט איהר וועלען זיך בעקענען מיט אונזער טאטען?

— אך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! — האב איך מיך אנגעכאפט מעהר אויס העפליכקייט. איך האב געהערט נאך פריהער אז זייער פאטער איז איבער אכציג יאהר אלט און איז אונגעוועהנליך פרום.

— וועט ער וועלען קומען דען? — האט די מוטער, א פרוי פון א יאהר זעכציג געצווייפעלט — ער וועט ניט אוועקגעהן פון בית מדרש.

— גאנצע טעג זיצט ער אין בית־מדרש... האט זי זיך צו מיר געווענדעט מיט א בעדויערונגס־שמייכעל — אינטערע־סירט זיך ניט מיט קיין זאך.

— צוליעב'ן גאסט וועט ער געוויס קומען, — האט לייקע פערזיכערט. — חיים, זאג איהם, אז דער גאסט איז א בעל־הביתישיער יונגער מאן און קומט ערשט פון רוסלאנד... צו א"א וועט ער לויפען...

— יא, יא! — האט די מוטער געזיפצט, — דערהערט ער אז עמיצער איז געקומען פון רוסלאנד, ווערט ער אן אנדער מענש.

איצט ערשט האב איך מיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם אלטען פאטער זייערען, און האב ארויסגעזאגט מיין פער־לאנג, אז מען זאל איהם רופען.

חיים איז אוועק נאך איהם אין בית־מדרש, וועלכער האט זיך געפונען ניט ווייט פון זייער וואהנונג. איך האב מיט אונ־געדולד געווארט...

אין עטליכע מינוט ארום איז מיט חיים'ן אריין אין שטוב א גרייז־גראהער הויכער זקן, אביסעל אונטערהינקענדיג אויף א פוס...

איך האב מיך איינגעקוקט טיעף אין זיין פנים און האב

דערזעהען אין זיינע אויגען א פערבארגענע שרעק, צומישונג און אונגעהייערע בענקשאפט...

ער איז שטעהן געבליבען אין מיטען שטוב און האט ווי פערווירט געקוקט ארום.

— טאטע, דאס איז אונזער גאסט! — האט ענדליך לייקע פרעהליך זיך געווענדעט צו איהם.

איך בין גלייך צוגעגאנגען צו איהם..

— שלום־עליכם! — האט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין אלטע ביינערנע האנד.

אין דעם „שלום עליכם" האט א קלונג געטהאן אזוי פיעל ליעבע, מענשליכקייט און אין דער זעלבער צייט עלענדקייט, אז איך האב די האנד זיינע שטארק א דריק געטהאן און הויך און דייטליך, ער זאל גוט הערען, איהם געענטפערט:

— עליכם שלום!

— טאטע, — האט שוין די עלטערע, חוה, זיך געווענדעט צו איהם, — דער יונגער מאן איז ערשט פון רוסלאנד.

— הא? — האט ער האלב ניט גלויבענדיג זיינע אויערען אויסגערופען הייזעריגליך, — וואס זאגסטו, טאכטער?

— ערשט פון רוסלאנד געקומען...

אין זיינע אלטע אויגען האט א פינקעל געטהאן א פייעריל און ער האט מיט א בעזונדער מין ווארימקייט צו מיר זיך אנגערופען:

— אזוי, ערשט פון רוסלאנד... זעצט זיך... זעצט זיך... זעצט זיך... און אבשטאמלענדיג א פאר פראזען האט ער שוין דייטליך ארויסגערעדט:

— דער עולם פאהרט נאך אלץ אהער... דארטען איז דאך בעסער... חי־חי־חי... מיינע קינדער ארבייטען דא אלע, נעבעך.. אלע ארבייטען...

— אבער דא איז דאך פרייער... האב איך איהם געוואלט עפעס בעמערקען.

— יא, פרייער, פרייער... האָט ער געזיפצט. מען מעג טהאָן וואָס מען וויל... אוואדע... פון דעסטוועגען וואָלט איך נאָך געפאָהרען צוריק אהיים...

— ווי אזוי וואָלט איהר געלאָזען די קינדער דאָ?

— חי־חי־חי! — האָט ער גוטהערציג לעכאט... די קינ־דער... דאָ בין איך א קינד... זיי ארבייטען נעבעך און שפּייזען מיר...

— ווי אזוי קומט איהר טאקי צו פאָהרען אהער? — האָב איך געפרעגט.

— ווי אזוי? הא, ווי אזוי? עס איז טאקי א קשיא... ווי קום איך אין אמעריקא?... האָט ער זיך צוזיפצט... איך אין אמעריקא?... געווען א איד א סוחר, ברייט געהאנדעלט... געווען אלערליי צייטען, אבער שטענדיג געווען א בעל הבית, מיט א נאָ־מען, מיט א פונדאמענט... נו, האָט מען דאָך געוואָלט „פריי־הייט“, חי־חי־חי — פרייהייט. איז געוואָרען פריי, פערשטעהט איהר מיך, און מען האָט געמאכט פּאָגראָמען, גערויבט, גע־שלאָגען...

— איהר קומט אהער נאָכ׳ן פּאָגראָם?

— וואָס דען — פאר׳ן פּאָגראָם וואָלט איך אהער גע־פאָהרען?... איך האָב געדארפט אמעריקע?... איך האָב דען ניט געוואוסט וואָס אמעריקע איז... אלא וואָס דען? מען איז ניט געוואָרען זיכער מיט׳ן לעבען אפילו נאָכ׳ן פּאָגראָם. דער עיקר — די טעכטער... א קליינינקייט, אז אידיש בלוט און אי־דישער כבוד איז הפקר... האָב איך טאקע געוואָלט, אז די טעכ־טער זאָלען אוועקפאָהרען; דער בחור איז נאָך נאָכ׳ן ערשטען פּאָגראָם אוועקגעפאָהרען... האָבען זיי אָבער מיך ניט געוואָלט לאָזען אליין... אין דער היים איז א טאַטע ניט ווי דאָ... און צוריק גערעדט האָב איך אויך דאָ גאָר נישט צו זיי...

— הייסט עס זענט איהר צוליעב די קינדער געפאָהרען.. האָב איך געפרעגט...

— עס פערשטעהט זיך, וואָס דען — איך האָב דען געקענט צו פאָהרען אין אמעריקא?... איך האָב נאָר געוואָלט זיי זאָלען פאָהרען און איך וואָלט מיין לעבען געענדיגט אין דער היים, ליעגען לעבען מיינע עלטערען... אויף וואָס האָב איך געדופעט... אז מען וועט מיך ניט אריינלאָזען... די „הצפירה“ האָב איך געלייענט, האָב איך דוקא געוואוסט, אז אלטע לייט לאָזט מען ניט אריין און דערצו נאָך בין איך אין פאָגראָם געראַניעט געוואָרען אין פוס, געלעגען זעקס וואָכען אין האָספּיטאל, און הינק עד היום, איז דאָך אודאי גוט, וועט מען דאָך מיר אודאי ניט אריינלאָזען — און מיט די אויגען מיינע בין איך אויך געוועזען זיכער, אז זיי טויגען ניט פאר אמעריקע... איך האָב דאָס אלץ געוואוסט פון דער הצפירה. בין איך דאָך געוועזען ביי מיר זיכער, אז מיך וועט מען שיקען צוריק און אָהן מיר וואָלטען די קינדער ניט געפאָהרען — האָב איך זיי געוואָלט אָבנארען. אויסען בין איך נאָר געוועזען, אז זיי זאָלען בלייבען אין אמעריקא, ווייל מען איז דעמאָלט ניט געוועזען זיכער מיט'ן לעבען... איבערהויפט די טעכטער... א קלייניגקייט, אז עס איז הפקר...

— הייסט עס זענט איהר געפאָהרען לכתחילה אז מען זאָל אייך שיקען צוריק? — האָב איך מיך שוין שטארק פערוואונדערט.

— וואָס דען? — האָט זיך דער אלטער אָנגעכאַפּט, — ווען איך וויים, אז מען לאָזט מיך אריין, וואָלט איך דען געפאָהרען?... איך אין אמעריקע?... ווייזט זיך אָבער ארויס, אז די הצפירה וויים טאַקע און דאָס האָט זי גראָד ניט געוואוסט... ס'הייסט די הצפירה איז ניט שולדיג... אריינלאָזען האָט מען טאַקי לכתחילה מיך ניט געוואָלט; אלא וואָס דען? ווי באלד, אז איך האָב געליטען פון פאָגראָם הייס איך שוין א „פּאָליטישער“ — איהר פערשטעהט? און ווי באלד איך בין א פּאָליטישער קומט מיר שוין אריינלאָזען... דאָ איז פונקט פערקעהרט... איך האָב דערהערט דעם גזר איז מיר געוואָרען פינסטער אין די

אויגען. די קינדער פרעהען זיך, די אלטע פרעהט זיך און איך בין ווי צוטומעלט: מיין גאנצער פּלאן, הייסט עס, איז צו גאָר־נישט געוואָרען... ניט איינגעגעבען זיך... זיי א חכם און וויים, אז אמעריקא האָט אזוי פּיעל יושר...

— איז דאָך גוט — האָב איך איהם געוואָלט טרייסטען. ווי באלד אז דאָ איז אזוי פּיעל יושר, היינט וואָס בענקט איהר אהיים... ביי אונז אין דערהיים איז דאָך ניטאָ פון דעם מין... היינט וואָס בענקט איהר?

— וואָס הייסט איך בענק... האָט ער זיך געווענקעלט... עס איז גלאט ניט קיין דרך אויף דער עלטער צו לעבען אין אמעריקא... פאר מיר האָט דאָס ניט געפּאסט... עס איז דען א לאנד?... איהר ווייסט — האָט ער ענדליך צוגעגעבען, אמאָל דאכט מיר, אז דאָ איז אלץ אויף צוכלומרשט... ס'איז אלץ עפּעס ניט דאָס... דאָ איז דאָך אויך דאָ א בית־מדרש... און א רב, און א שוחט, און א קצב... נאָר ס'איז אלץ אויף צו כלומרשט... ווי מיינט איהר? דאכט זיך עס אייך אויך ניט דאָס זעלביגע?

ער האָט אויף מיר א קוק געטהאָן און האָט דערזעהען מיין געראָזירט פּנים, האָט ער אראָבגעלאָזען די אויגען און מעהר נישט געפונען קיין ווערטער...

איך האָב שטיל אָבגעזיפצט און געוואָלט וואָס זאָגען, נאָר עס איז צוגעגאנגען דער זוהן חיים, אָהן א היטעל און מיך איינ־געלאַדען צום טיש.

— און איהר? — האָב איך שוואך געפרעגט, ווענדענדיג זיך צום אלטען.

— ניין, א דאנק, איך עס ניט קיין פליייש..

— און מילך אפנים עסט ער? — האָט די אלטע זיך צוזיפצט... אלץ איז דאָ ביי איהם טרייף...

— טרייף? חלילה! — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט — ווער זאָגט דען?... נאָר איך גלויב זיי נישט...

מיר האָבען זיך געזעצט אלע ביין טיש... די קינדער האָבען פרעהליך געפּלוידערט. מיר אבער איז געווען עפּעס ניט צום מוט, און טיעף אין הארצען האָב איך בעדויערט דעם אלטען, וואָס דער מזל איז צו איהם נעווען אזוי גרויזאם און מען האָט איהם יא ארייננעלאָזען אין דעם פרייען לאנד...

א שאפ מיידעל.

דבורה איז שוין אכט יאָהר אין אמעריקא. געקומען איז זי, אז זי אלט געווען 20 יאָהר. אזוי האָט זי דאמאָלס אליין געזאָגט. איצט זאָגט זי, אז זי איז געקומען, איי[illegible] אלט גע־ ווען זיעבצעהן יאָהר. דריי יאָהר וויל זי ארא[illegible]מען, ווי זי וואָלט וועלען דערמיט גרינגער מאכען די משא [illegible]ן די יאָהרען. מענשען אָבער געדענקען גוט יענעמס יאָהרען און די פּאָר חבר'טעס און בעקאנטע, וואָס דבורה האָט זיך דאָ אין פערשיע־ דענע שעפּער און וואָהנונגען ערוואָרבען, שמייכלען אינעווייניג, ווען זיי הערען, ווי דבורה כאפּט אראָב דריי קיילעכדיגע יאָהר, פּונקט, ווי דריי יאָהר לעבען אין ניו־יאָרק וואָלט געגאנגען בארפעס....

דבורה אליין לאכט אמאָל אויך פון זיך, וואָס זי וויל פער־ לייקענען דריי יאָהר. „וואָס איז די נפקא מינה — רייצט זי זיך מיט זיך אליין — ווי פיעל דו ביזט אלט: 25 יאָהר, צו 28. צו 25 יאָהר האָסטו אויסגעזעהען ניט בעסער ווי יעצט און ניט גליקליכער ווי יעצט, און קיין גאָהנטען מענשען ווי יעצט ניט געהאט... און אזוי וועט זיין אין דריי יאָהר ארום, אין פינף יאָהר ארום, אויב דו וועסט לעבען"...

„אויב דו וועסט לעבען" — דערמיט מיינט זי צו זאָגען זיך אליין, אז דער טויט שרעקט איהר ניט. כאָטש אויב שטאר־ בען — וואָלט בעסער געווען אין דער היים... ליגען אויפ'ן ניו־יאָרקער בית־עולם מוז זיין א גוואלד, ווי אומעטיג...

א היים אָבער וועט זי ניט פאָהרען. זי שעהמט זיך צו קו־ מען אהין. פאר'ן אלטען טאטען־מאַמען ניט — פאר שכנים

אָבער יאָ! אָט הערט זי שוין ווי זיי וואונדערן זיך: אוי, וואָס פון דבורה'ן איז געוואָרען!...

וואָס וואונדערן זיך די נאַראָנים! זיי מיינען, אז אכט יאָהר אָבאַרבייטען אין שעפּער איז פון די גרינגע זאכען און דערצו נאָך אָנזאמלען דערפון פיער הונדערט דאָלער...

די פיער הונדערט דאָלער ציהט זיך דורך ווי א ווייסליכעס פּאסעלע אויף דעם שוואַרצען פאָן פון איהר לעבען...

באלד אָבער דערטרינקט עס זיך אין די שוואַרצקייט. און ס'איז ווידער דורכאויס שוואַרץ...

— וואָס [illegible]ף זי זיי, די פיער הונדערט דאָלער? אמאָל האָט זי זיי געו[illegible]ן פאַר א חתן, איצטער: טאָמער ווערט זי קראַנק און וועט ניט קענען אַרבייטען...

ס'איז געוועזן א נאַרישקייט, וואָס זי האָט געזאמעלט פאַר א חתן. איצט זעהט זי ערשט, ווי זי האָט געלעבט אין טעות! פאַר געלד קען מען קיין חתן ניט קויפען — א ליגען די מעשה. אָט האָט זי טאַקי יענע וואָך געלייענט, ווי איינער האָט זיך געשאָסען פאַר א מיידעל. ער האָט זי ליעב געהאַט און זי איהם ניט. נעמט ער און שיסט זיך... די מיידעל האָט קיין נדן געוויס ניט געהאַט. ווער דאַרף האָבען איהר נדן? דער עיקר איז מען פערליעבט זיך...

דאָס פערליעבען זיך איז ביי איהר א רעטעניש: צוויי חבר'טעס, ביידע זיינען שעהן: איין חבר'טע האָט ארום זיך אפשר צעהן באָיעס, וואָס געהען אויס נאָך איהר, און די אנ־דערע געהט אום שטענדיג אליין און בעזוכט אלע פערזאמלונגען, ליטערארישע אבענדען און אלץ אליין...

זי געהט אויך אויף פערזאמלונגען. מען פערגעסט זיך אביסעל... אויף די פערזאמלונגען איז אָבער אויך ניט גוט... איז לעדיג איז זעהר אומעטיג — זיץ אליין אויף א באַנק און קוק אויף די ווענד... איז פול, שטויסט מען דיך און מען איז דיך אין גאַנצען מבטל, ווי אן איבעריגע...

מענטשען זיינען עפּעס מאָדנע, אז זיי איז גוט פערגעסען זיי גאָר אַן דעם צווייטען. פאר וואָס זיינען מענשען אזוינע שלעכ־טע?

ווייסען ווייס זי אפילו יאָ דעם סוד נאָר זי האָט מורא זיך אליין עס צו ענטפּלעקען! בגנבה זאָגט זי זיך אליין אויס. מענ־שען האָבען ליעב פרעהליכע, שעהנע, געזונדטע...

וואָס דאַרף זי מעהר? זי האָט דאָ א קרובה, האָט די קרובה א זוהן, איז ער א מענש א דימענט, וועגען שעהנקייט רעדט זי שוין ניט. אמאָל קומט זי צו געהן, רעדט ער מיט איהר גאַנץ פריינדליך. זי זעהט בעשיינפּערליך, אז ער האָט אויף איהר רחמנות... פון דעסטוועגען, אז עס קומט אריין צו איהם די יונגע שעהנע בעלא, טהוט ער זיך גלייך אַן, ער זעהט אויס דאמאָלס ווי א מאָנאַרכע! און געהט מיט יענער אוועק... אמת, פאר'ן אוועקגעהן גיעט ער איהר, דבורה'ן, די האנד און זאָגט איהר מיט א ליעבען שמייכעל: איהר וועט דאָ נאָך זיצען. איך וועל באלד קומען.. קומט אריין אָפט...

אָבער איינלאָדען זי אויך געהן מיט איהם — דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געטהאָן, און א נאָהנטער קרוב!...

אמת, די מוטער זיינע, די קרובה, נעהמט איהר אויף פיין. נאָכדעם ווי דער זוהן געהט אוועק גיט זי איהר טהיי און לעגט אוועק אויפ'ן טיש צוויי פּאָמעראַנצען... דעם טהיי טרינקט זי נאָך אויס ווי עס איז א האלבע גלאָז, אָבער צו די פּאָמעראַנ־צען האָט זי שוין קיין מוטה ניט צוצושטעקען זיך: עס קריכט איהר ניט אין האלז..

— עס, דבורה, א פּאָמעראַנץ, בעט פריינדליך די קרובה.

— איך דאַנק אייך זעהר — ענטפערט דבורה שטאַרק גע־ריהרט, און זי ציטערט זי זאָל זיך ניט פונאַנדערוויינען — איך מוז שוין געהן...

— וואָס איילסטו זיך? — פרעגט די קרובה און ניט אַ געגנעץ...

— איך מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט...

— ארבייטסט נאָך אלץ אין דעם זעלבינגען שאפּ ?—פרעגט די קרובה און לעגט ארויף די האנד אויפ׳ן מויל, כדי ניט צו געגעצען...

— אלץ אין זעלבינגען שאפּ — ענטפערט דבורה און זעגענט זיך אָב אהיים צו געהן — אלץ אין זעלבינגען שאפּ...

און אראָבגעהענדיג פון די שטיגען, בלייבט זי שטעהן און רעדט ארויס ווידער, ווי זי וואָלט אימיצען געענטפערט:

— אלץ אין זעלבינגען שאפּ...

ספריה ... פאלקס ביבליאטעק ... PUBLIC LIBRARY

די צוויי ארבייטער מיידלעך.

דאָס זיינען געווען צוויי אידישע ברונעטקעס מיט א אידישע אויגען, אידישע נעזלעך און אידישע בעוועגונגען. איינע, נעלי, אלט א יאָהר צוויי און צוואנציג; די אנדערע, איידע, עטוואָס אינגער. אין באָרדינג הויז, ביי דער פארם זיינען זיי ביים טיש געזעסען שטענדיג צוזאמען. רעכטס, נעבען נעלין, איז געזעסען מר. קאָהן; לינקס — נעבען איידען — מר. קווין, מיט וועלכע זיי פלעגען אין צייט פון עסען פלירטעווען אויפ'ן „אמעריקאנישען שטייגער": קוויטשען, לאכען און פאטשען זיך איבער די הענטלעך.

איך בין געזעסען קעגען־איבער, — אזוי האָט מיר די ווירטהין בעשטימט. איך רעד עס בפירוש אויס, כדי מען זאָל מיר ניט חושד זיין, אז איך האָב דאָס אליין געוואָלט... פערקעהרט, די דאָזיגע צוויי מיידלעך האָב איך שטארק ניט „געגליכען". צופיעל האָבען זיי מיר פערלעצט מיינע עסטעטישע און נאציאנאלע געפיהלען. ערשטענס האָב איך שטארק פיינט געהאַט זייערע גרויסע „פּאָוס" אויף זייערע קליינע קעפּלעך, געמאכט פון בילינע האָר. וועלכע האָבען מיר דערמאָהנט אָן די האָר פון פערדישע עקען. פון וועלכ איך האָב איינגעלוויז געמאכט סטרונעס אויף די הילצערנע פידעלעך. צווייטענס — זייער שטענדיג ענגליש רעדען, ניט וועלענדיג נעמען קיין אידיש וואָרט אין מויל, כאָטש ווי איך האָב געוואוסט פון א ריכטיגע קוועלע, האָבען זיי געשטאמט פון אידיש־שפּרעכענדע עלטערן אויף מעדיסאָן סטריט.

און דריטענס — און דאָס איז די הויפּט־זאַך — האָב איך זיי ניט געגליכען דערפאַר, ווייל זיי האָבען מיך ניט געגליכען פאַר מיין גרינקייט, ווייל איך האָב שטענדיג גערעדט אידיש, ניט אויסגעטהאָן אין הייסע טעג דעם ראָק, ווי מר. קאָהן און מר. קווין, און ניט געשפּיעלט אין באַל נאָכ'ן עסען. די דריי זינד האָבען זיי מיר נישט געקענט מוחל זיין. נאָך מעהר האָב איך זיך צום סוף פערזינדיגט דערמיט, וואָס איך האָב ארויסגעזאָגט א זעהר ווילדע מיינונג, נעמליך: אז אין אייראָפּא איז מען ציוויליזירטער ווי אין אמעריקא.

דערהערט פון מיר די ראַזינע מיינונג אין אידיש, און גוט פערשטעהענדיג עס, האָבען זיי זיך דאָך געווענדעט, איינע צו מר. קאָהען, די צווייטע צו מר. קווין, יעדער זאָל זיי זאָגען וואָס זאָג איך.

— ער זאָגט — האָט מר. קאָהען פון דער רעכטער זייט איבערגעגעבען זיין „לידי“, — ער זאָגט, אז די אמעריקאנער דאַרפען זיך לערנען ביי די אייראָפּעער.

— ער זאָגט, — האָט מר. קווין פון דער לינקער זייט איבערגעזעצט פאַר זיין „לידי“ — אז די אייראָפּעער זיינען עדעלער פאַר די אמעריקאנער.

א געלעכטער האָט פערטויבט אלע געסט וואָס זיינען געזעסען ביים טיש.

— אויב אזוי — בין איך בייז געוואָרען, — וועל איך אייך נאָך מעהר זאָגען, — איך האָב זיך אויפגעפלאַמט און האָב באלד ארויסגעשאָסען:

— וואָרים א בעוויז האָט איהר, אז די רייכע אמעריקאנער פאָהרען זיך לערנען איידעלע מאַניערען אין יוראָפּ — צו אונז!...

מר. קאָהען און מר. קווין האָבען עס ווייטער פערטייטש פאַר די צוויי „גוירלס“ פון רעכטס און פון לינקס, און מיין מפּלה איז שוין פאַלקאָם געוואָרען: אנשטאָט צו לאַכען זיינען

זייערע אויגען אנגעפילט געווארען מיט האס און איינע האט צו דער אנדערער געשיפּט:

— א גרינהארן! רעד מיט איהם ניט!

און פון דאן האבען זיי שוין אויפגעהערט צו קוקען אין מיין זייט, ווי זיי וואלטען מיר אין גאנצען איגנארירט.

נאכ'ן עסען, ווי געזאגט, פלעגען די דאזיגע צוויי מיידלעך שפּיעלען אין באל, זינגען ניגער־ליעדלעך און טאנצען די אמע־ריקאנער טענץ, ארויסווארפענדיג איין פוס אין מזרח־זייט, די אנדערע אין מעריב זייט. אן עקעל פלעגט מיך אנכאפּען צוקו־קענדיג עס און אונזער גענענזייטיגע פעראכטונג איז געוואקסען פון טאג צו טאג.

אין צוויי וואכען ארום נאך מיין אנקומען אהער, האב איך בעמערקט, אז די צוויי מיידלעך ווערען פון טאג צו טאג טרויע־ריגער און ערנסטער. דער האס אין זייערע אויגען איז פער־שוואונדען, און עס האט פּאסירט אז אמאל איינע, אמאל די אנ־דערע האט זיך צו מיר געווענדעט, זיצענדיג ביי דינער ביים טיש, איך זאל איהר דערלאנגען דעם קרוג וואסער.

— פּליעז, גיוו מי דהי וואדער!

איך בין מיך מודה, אז איך האב עס געהאלטען פאר א שטי־קעל זכיה: אמעריקאנער מיידלעך אין פּאוס ווענדען זיך צו מיר אין ענגליש. און ווענדענדיג ווייזען אז איך בין א דזשענטעל־מען, האב איך שנעל ערפילט די ביטע.

[illegible]ער האבען זיי שוין אין באל זיך ניט געשפּיעלט. טרויעריג זיינען זיי געזעסען אויף דער וועראנדע, צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער, און האבען עפּעס ערנסט געשמועסט.

איך האב זיך געזעצט נישט ווייט פון זיי און זיי בעטראכט.

— וואס איז מיט זיי פּלוצים געשעהן? — וואו איז אהינ־געקומען זייער פרעהליכקייט?

איך האב מיט אנטהייל זיי אנגעקוקט, ווי איך וואלט גע־פרעגט דערמיט די אורזאכע.

ענדליך האָב איך צו מיין גרויס איבערראשונג, דערהערט ווי איינע פון די צוויי רופט זיך אָן צו מיר אין א געבראָכען אידיש:

— אין ניו יאָרק היינט זעהר הייס.

— אָ, יא, יא! הייס, אין פייפער שרייבט מען, אז נעכ־טען האָט די היץ געהאַלטען הונדערט אין שאָטען.

— דו הערסט, — האָט זיך איינע געווענדעט צו דער אנדערער.

— וואָס קען מען העלפען?...

נאָך א קורצעם שווייגען האָט איינע פון זיי מיך אָנ־געקוקט, און ווי נאָך א לאנגען ישוב הדעת, מיך הכנעה׳דיג געפרעגט:

— איז אין יוראָפּ אויך אזעלכע היצען?

די דאָזיגע פראגע האָט מיך געקיצעלט: אָט איצט זענט איהר אין מיינע הענד! — האָב איך אין געדאנק טריאומפירט. וואָס דען? אזוינע היצען ווי דאָ! — האָב איך זיך געוואָלט רייצען מיט זיי פאר זייער נישט וועלען אנערקענען יוראָפּ. איך האָב אָבער זיי אָנגעקוקט און בעמערקט אין זייערע אוי־גען א מין שרעק.

— נאַטירליך, נישט ווי דאָ, אָבער זומער איז איבעראל הייס.

מיין ווייכער טאָן האָט זיי גאָר גוט אויפגעלעגט צו מיר, און די אינגערע, איידע, האָט צו מיר זיך אָנגערופען:

— ווי לאנג דו פון יוראָפּ?

דער „דו", וואָס איז געזאָגט געוואָרען גאנץ אונשולדיג, בלויז א דאנק דעם וואָס זי ווייס ניט פון „איהר", האָט מיך דאָך געריהרט. איך האָב אָנגעקוקט דאָס שווארצע מיידעלע מיט׳ן קליין פנים׳ל און גרויסע פּאָוס, און האָב מיך מודה גע־ווען:

— פיער מאָנאַטען.

מיין ענטפּער האָט זיי ביידען איבערראשט. אזוי גרין האָ־בען זיי, ווייזט אויס, זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען. זיי האָבען זיך ווי פערשעהמט איבערגעקוקט און אראָבגעלאָזט די קעפּלעך.

אָבער באלד האָט נעלי מיך אָנגעקוקט און זיך געווענדעט צו מיר מיט א פראגע:

— האָסט אזא גוטען דזשאָב — קענסט אויף קאונטרי זיצען?...

— איך? — האָב איך געשטאמעלט, פערשעהמענדיג זיך, — אָ, איך קען...

— און מיר מוזען פאָהרען מאָרגען צוריק אין ניו־יאָרק,— האט איידע נאאיוו זיך מודה געווען.

— איהר ארבייט? — האָב איך מיט אנטהייל געפרעגט.

— שור ארבייט איך! — האָט איידע, ווי בייז, געענט־פערט...

— אין אמעריקא מוז מען ארבייטען! — האָט נעלי אונ־טערגעהאָלפען און איהר שטימע האָט געקלונגען צורייצט...

איך האָב געוואָלט איהר צוגעבען, אז ארבייטען מוז מען. שור... וואָס דען... זאָל זי ניט מיינען, אז איך בין חלילה אזא גרינהאָרן, וואָס ווייס ניט, אז מען דארף ארבייטען; נאָר די ווירטהין פון הויז, א יונגע פרוי, מיט גוטע שווארצע אויגען, איז צוגעגאנגען צו אונז, עפּעס זיי דערלאנגט א פּאַפּיערעלע און געזאָגט אין ענגליש:

— אָט האָט איהר אייער ביל...

דיביידע מיידלעך האָבען אויסגעשטרעקט די הענט צום ביל, און גלייך איבערגעקוקט דעם חשבון. באלד האָט זיך נעלי אָנגערופען:

— אלרייט!... — און האָט א זיפץ געטהאָן.

— פאָהרט איהר מאָרגען נאָך דינער? — האָט די פרוי געפרעגט.

— יעס, נאך דינער... — האט נעלי געענטפערט, און גע־וואָרפען א בליק אין דער ווייט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָנ־זעטיגען מיט'ן שעהנעם געגענד, וואָס איז געלעגען אויסגע־שפּרייט ארום און ארום...

די פרוי איז געבליבען שטעהן אהן ווערטער, ענדליך האט זי בעמערקט, קוקענדיג דאָ אויף איידען, דאָ אויף נעלין:

— איהר'ט זיך אין די צוויי וואָכען פיין געפיקסט...

נעלי איז פון דער בעמערקונג פרעהליכער געוואָרען, און זי האט איבערגעפרעגט:

— געפיקסט... יאָ, מיר דאכט...

איידע האט אנגעטאפּט מיט די קליינע הענטלעך דאָס פּנים'ל און נאאיוו געפרעגט:

— און איך?

— אָ, איהר אויך... — האט די פרוי גוטמוטהיג געשמיי־כעלט. — איהר קוקט פיין...

— נעלי, — האט זיך איידע געווענדעט צו איהר פריינ־דין, — מיר וועלען זיך מאָרגען אין דיפּאָ אָפּוועגען...

— אָלל־רייט! — האט נעלי צוגעגעבען.

איך האב דעם גאנצען שמועס צוגעהערט מיט גרויס אינ־טערעס. די דאָזיגע צוויי מיידלעך, וועלכע האבען מאָרגען געמוזט אוועקפאָהרען, האָבען מיך טיעף גערירט. איך האב זיי אין הארצען מוחל געווען זייער פריהעריגעם בענעהמען זיך, און האָב אנשטאט זייער פריהערדיגען האס, דערפיהלט צו זיי א גרויס רחמנות:

און וואָס אָרט מיר וואָס פאר א שפּראך זיי רעדען, און וואס פאר א האר זיי טראָגען? האב איך זיך גע'מוסר'ט,—אי־בערמאָרגען וועלען זיי אין אזא היץ אין שאפּ שטעהן, און אר־בייטען, און עס וועט זיי פעהלען לופט צו קענען אטהעמען.

איך האָב געוואָלט זיך ווענדען צו זיי מיט עפּעס א פראגע. נאָר באלד איז אָנגעפאָהרען די פוהר, וואָס האָט געבראכט פון סטיישאָן נאָך נייע געסט.

פון וואָגען איז אראָבגעקראָכען א דיקע פרוי מיט צוויי קינ־דער, קליינע מיידעלעך פון א יאָהר זיעבען און ניין.

די פרוי פון הויז איז זיי ענטקעגען געלאָפען און זיי גע־האָלפען אראָבנעהמען די געפּעק.

באלד איז זי פאַרגעשטעלט געוואָרען פאר די באַרדערס פון פארם.

— היים אין ניו יאָרק? — האָט נעלי געפרעגט.

— אך, וואָס פאר א היץ! אונמעגליך צו לעבען! — האָט די נייע באַרדערקע מיט שרעק איבערגעגעבען — איבער פופ־ציג מענשען זיינען געפאלען... וועגען פערד איז שוין גאָר קיין צאָהל נישטאָ — זיי פאלען ווי פליגען.

איך האָב בעמערקט ווי נעלי מיט איידען האָבען א ציטער געטהאָן...

— ס'איז ניט אזוי שרעקליך... — האָב איך זיי שטיל גע־טרייסט, — אלטע לייט שטארבען סיי ווי סיי, שרייבען די פּייפּערס אז דאָס איז פון היץ... ס'איז א בלאָף...

מיינע ווערטער האָבען קענטיג געווירקט. דען איך האָב גע־זעהן ווי די צוויי מיידלעך האָבען זיך ווי בערוהיגט פון דעם ערשטען איינדרוק, וואָס די ערשט אָנגעקומענע פרוי האָט אויף זיי געמאכט מיט זייער שווערען גרוס...

אויף מאָרגען איז געוועזען די היץ אונערטרעגליך. די זון איז געשטאנען הויך אויפ'ן הימעל און פון דאָרט מיט א זיכערע און פעסטע רוהיגקייט געשאָסען מיט ברענענדע שטראהלען. די געסט פון באָרדינג הויז זיינען אלע ווער געזעסען, ווער געלעגען צווי־שען די ביימער אָדער העמאקען, און מען האָט זיך געפוילט אפילו צו רעדען איינע מיט די אנדערע.

נאָר די צוויי מיידלעך, נעלי און איידע, האָבן אַרומגע־שמייעט פון הויז אין זייער רום און פון רום צוריק; האָבן זיך געפּאַקט אין וועג אַריין און געווישט דעם שווייס פון זייערע מאָגערע געזיכטער...

ענדליך האָט דער גלאָק גערופן צו דינער.

אין עס־צימער איז געווען שרעקליך הייס. די געסט האָבן געטריבן גיכער צו דערלאַנגען דאָס עסן, כדי צוריק אַרויסצוגעהן אונטער׳ן פרייען הימעל — אַזוי שטיקענד איז געווען אין צימער. איך בין געזעסן, ווי שטענדיג, קעגן איבער די צוויי מיידלעך און האָט ניט אַראָבגענומען פון זיי קיין אויג.

זיי זיינען געזעסן ווי פער׳מישפ׳טע. אין זייערע שוואַרצע אויגן האָט מען דייטליך געזעהן אַ ווילדען שרעק אַרומלויפען; און אַט האָב איך געהערט ווי איידע האָט זיך שטיל אָנגערופען צו נעלין:

— מוזען מיר טאַקע היינט פאָהרען ?

נעלי האָט דערויף גאָר ניט געענטפערט. זי האָט נאָר אַ שטומען פאַרוואורף אויף איהר פריינדין געוואָרפען, ווי זי וואָלט געזאָגט:

— קענסט לענגער בלייבען ?...

נאָך דינער בין איך אַרויס אויף דער וועראַנדע. די פוהר איז שוין געשטאַנען גרייט צו נעהמען די צוויי מיידלאַך.

טרויעריג זיינען די צוויי, צום וואָגען געשפּאַנטע פערד געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, און האָבן געוואַרט מיט פילאָזאָפישער געדולד.

באַלד זיינען אַרויס נעלי און איידע. נאָך זיי די פרוי פון הויז.

— ווער פאָהרט בעגלייטען ? — האָט די פרוי פריינדליך זיך געווענדעט צו די אַרומיגע.

אַלע האָבן געשוויגען.

— מר. קווין, איהר פאָהרט? — האָט די פרוי געפרעגט, ווענדענדיג זיך צו א הויכען, געזונדען יונגאטש, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע אָהן א ראָק, מיט פערקאַטשעטע ארבעל פון העמד ביז די עלענבויגענס, אזוי, אז עס האָבען זיך ארויסגעזעהן זיינע פעסטע הארטע מוסקולען, מיט וועלכע ער האָט קענטיג, שטאַרק שטאָלצירט — איהר פאָהרט בעגלייטען?

— צו הײם, — האָט ער קאַלט געענטפערט.

אויך מר. קאָהען, א ניעדעריגער אבער פעסטער באַי, אין זעלבען אנצוג ווי מר. קווין, האָט זיך ענטזאָגט:

— אך, מיין גאָט! יעצט פאָהרען! בין איך פעררירקט!

— און איהר, גרינהאָרן? — האָט די פרוי לאַכענדיג צו מיר זיך געווענדעט.

— איך פאָהר מיט פערגניגען! — האָב איך זיך אָנגע־כאַפּט.

איידע מיט נעלין האָבען זיך אָנגעקוקט. נאָכהער האָבען זיי זיך צו מיר געווענדעט מיט די בליקען, און נעלי האָט זיך אָנ־געדופען:

— ס'איז דאָך היים!...

— אָ, עס מאכט ניט... — האָב איך געשטאַמעלט, — הײם!... וואָס הייסט היים... איך וועל אייך בעגלייטען.

זיי האָבען זיך שטיל אָבגעזעגענט מיט די פערבליעבענע געסט, מיט מאנכע זיך צוקושט. מר. קווין האָט לאַכענדיג גע־זאָגט:

— מיס נעלי, מיט מיר צוקושען זיך?

— מיס איידע, איהר מיט מיר? — האָט מר. קאָהען אָנ־געשטעלט שפּאַסענדיג די רעכטע באַק.

די מיידלעך זיינען רויט געוואָרען און נעלי האָט בייז גע־זאָגט:

— שאַט־אַפּ!

זיי האָבען זיך אַריינגעזעצט אין וואַגען. דער פוהרמאַן, א הויכער דאַרער איירישמאַן, האָט גענומען די געפּעק, אוועקגעלעגט הינטען. באַלד בין איך אַרויף און זיך געזעצט נעבען איבער נעלי און איידע, אַזוי אַז מיר דריי זיינען אויסגעקומען ווי א סגל.

די פרוי פון הויז האָט זיך געזעצט נעבען פוהרמאַן.

— גוד־באַי! — האָבען די מיידלעך מיט פערשטיקטע שטימען אַראָבגעשריען פון זיץ.

— גוט־באַי! גוד־באַי! — האָבען די אַרומיגע אָבגעענטפערט. דער וואַגען האָט זיך גערירט.

אַז די פוהר איז געקומען צום סטיישאָן איז נאָך געבליעבען א האַלבע שטונדע צום צוג. אין דיפאָ־געביידע איז געווען א שטיקענדע היץ. די בוימעלעך ביים דיפאָ זיינען געשטאַנען אונבעוועגט, ווי פער'חלש'ט, און האָבען זיך ניט גערירט מיט קיין בלעטעל...

נעלי און איידע, וועלכע זיינען געווען די איינציגע פּאַסאַזשירען, האָבען גלייך געקויפט טיקעטס, און האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דעם צוג...

זיי האָבען גאָר נישט גערעדט... זיי זיינען נאָר אַרויסגעגאַנגען הין און צוריק, און פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען מיר א בליק...

ענדליך איז זייער בליק געפאַלען אויף דער וואָג.

— נעלי, אָט איז א וואָג! קום זיך וועגען! — האָט איידע אויסגערופען.

נעלי האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, ווי געזאָגט: וואָס מאַכט עס אויס? דער שאַפּ וועט שוין אָבנעהמען דאָס ביסעלע צוגעקומענע.

דאַך איז זי אַרויפגעגאַנגען אויף דער וואָג, אַריינגעוואָרפען אויבען אין שפּאַלט אַ ניקעל און זיך צוגעקוקט:

—115 פונט! דריי פונט צוגעקומען,—האָט זי געמאָלדען.

— און איך? — האָט זיך איידע אָנגעכאַפּט, איז אויך אַרויף אויפ׳ן וואָג, אַריינגעוואָרפען אַ ניקעל און זיך צוגעקוקט:

— נעלי, וויפיעל וועג איך?... איך פערשטעה ניט.

נעלי האָט בעטראַכט די ציפער און בעשטימט:

— 112... וויפיעל האָסטו פריהער געוואויגען?...

— אויך אַזוי, — האָט איידע טרויעריג געענטפערט, — וואָס הייסט עס, גאָר ניט צוגעקומען!

זי האָט געוואָרפען אַ בליק ווי מיט פאַרוואורף אויף דער פרוי פון הויז, וועלכע איז צוגעגאַנגען און ווי פערשולדיגט געזאָגט:

— ווייס איך... ווער האָט אייך געהייסען אַזוי פיעל וואָקען?...

איבריגענס האָט זיי דאָס וועגען אַביסעל צושטרייט. איך האָב בעמערקט און עס האָט מיך געפרעהט.

— נישקשה, איהר וועט זיך אין ניו יאָרק פיקסען, — האָב איך אַריינגעוואָרפען אַ פראַזע.

זיי האָבען מיך אָנגעקוקט ווי משוגע, און נעלי האָט זיך אָנגערופען צו דער פרוי:

— אַ גרינהאָרן...

איך האָב מיך אָבער ניט בעליידיגט. אין געגענטהייל. איך האָב דערפיהלט צו די צוויי מיידלעך ווי איך בין זיי עפּעס אַ סך, אַ סך שולדיג... און אַ פערשולדיגטער בין איך געבליבען שטעהן וואַרטען אויפ׳ן צוג.

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען.

די צוויי מיידלעך זיינען ווי צוטומעלט געוואָרען. זיי האָבען זיך שנעל און מיט פערצווייפלונג גענומען זעגענען מיט דער פרוי.

די פרוי האָט זיך מיט יעדער ארומגענומען און צוקושט.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט...

— נו, מיסטער, גוד־באי! — האָט מיך נעלי אויסגעצויגען די האנד.

— גוד באי! גוד באי! — האָב איך מיך צוטומעלט...

— גוד־באי! גוד־באי! — האָט אויך איידע דערלאַנגט מיר איהר הענטעל...

איך האָב זי שטאַרק, שטאַרק געדריקט...

איך האָב אָבער דערפיהלט א נויטיגקייט צו צוקושען זיך מיט די צוויי מיידלאַך... און נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך אָבגעזעגענט און זיי זיינען אריין אין וואַגאָן, בין איך אַלץ געשטאַנען און געפיהלט אז די דאָזיגע צוויי מיידלאַך, זיינען מיינע שוועסטער, כאָטש זיי רעדען נישט מיין שפּראַך און זיינען געבוירען אין אן אנדער לאַנד!

און צולעגענדיג מיינע פינגער צום מויל, האָב איך זיי צוגעשיקט א קוש אין דער לופט.

די טריין האָט זיך געריהרט און האָט מיין קוש מיטגענומען און ווי דערטרונקען איהם אין א געדיכטען נעבעל פון רויך און דאַמפ, און האָט איהם פערשריען מיט ווילדען ליאַרמען...

צוקונפטס־ארטיקלען.

דער רעדאַקטאָר פון דער טעגליכער צייטונג „דער וועלט־קוריער“, א מאַן פון אונבעשטימטען עלטער און אונבעשטימטע איבערצייגונגען, איז זיך בעגאַנגען מיט זיינע מיטארבייטער זעהר שטרענג. די יעניגע מיטארבייטער, וואָס האָבען בעפאָר געארבייט אין געוועהנליכע שעפּער, האָבען דעם רעדאקטאר פערגליכען צו א פאָרמאַן אין ניט קיין יוניאָן שאָפּ.

אין אמת'ן אבער האָבען די מיטארבייטער, דאָס רוב פער־ביטערטע מענשען, א דאנק די קארגע געהאלטען און שלעכטע מאָגענס — די זאך אביסעל איבערגעטריבען. דער רעדאקטאָר האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט די ארבייט זאָל זיין שעהן, ווי דאָס פלעגען פאָדערען געוויסע פּאָרלייט. זעלטען ווען ער האָט געהייסען אן ארטיקעל איבערשרייבען, צוגעבען מעהר גלאַנץ, אויספרעסען די שפּראך עס זאָל זיך לעזען גלאַטער, אדער אמאָל אָבשטעפען א שטיקעל נייעס, אז די וואהרשיינליכקייט זאָל זיך בעסער האלטען. פערקעהרט, די אלע זאכען זיינען איהם כּלל ניט אָנגעגאנגען. די עלטערע מיטארבייטער האָבען זאָגאר אין דער שטיל געשמועסט, אז וואָס דאָס ארטיקעל אָדער שטיקעל נייעס איז טאנדעטנער געשריבען, איז דער רעדאקטאָר אַלץ מעהר צופריעדען. עס האָט ניט איינמאָל פּאסירט, אז דער רע־דאקטאָר האָט שעהנער געשריעבענע ארטיקלען צוריקגעוויזען פערקרימענדיג זיך: — אונזער צייטונג איז ניט פאר דער אינ־טעליגענץ: אזוינס וועט דאָס פאָלק ניט פערשטעהן!

וואָס דער רעדאַקטאָר האָט שטרענג געפאָדערט איז גע־ווען נאָר — פּינקטליכקייט...

— מיר זיינען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט שונאים! האָט ער גערונערט, ווען א שטיקעל נייעס איז ניט צו־דער צייט פארטיג געוואָרען, מיינענדיג מיט דעם וואָרט שונאים די איבעריגע צייטונגען — אלץ וואָס האָט פּאַסירט אין דער וועלט און אין אונזער לאַנד און אין אונזער שטאָדט, מוז זיין ביי אונז פריהער ווי ביי יענע באַנדיטען.

און גלייך ווענדעט ער זיך צום עלטסטען רעפּאָרטער:

— געוועזען אין פּאָלים סטיישאָן?

— געוועזען...

— נו, עפּעס דאָ אונגליקען, מערדערייען, פערברעכענס...

— יא... אן אויטאָמאָביל האָט איבערגעפאָהרען אן עלטע־רען אידען...

— אויף טוידט? — פרעגט דער רעדאַקטאָר קאַלט־בלוטיג...

— עס איז נאָך אומבעשטימט... שווער פערוואונדעט...

— שטערבליך! — פערריכט דער רעדאַקטאָר... — ווייַ־טער!...

— א פייער אין ברנאָזוויל...

— מענשליכע קרבנות דאָ? — דורשט דער רעדאַקטאָר...

— ניין! מען האָט אלע געראַטעוועט...

— הם.. געראַטעוועט... איז דער רעדאַקטאָר ניט צופריע־דען — ניט וויכטיג...

— א פיערצעהניעהריג מיידעל פערנאַרט פון א זעכציג־יעהריגען מאַן...

— וויכטיג! — בעשטעטיגט דער רעדאַקטאָר. — אויפ'ן ערשטען פּיידזש, ראָבל־קאָלום־קעפּיל...

און ער געהט צו צום צווייטען מיטאַרבייטער:

— מעקסיקאָ בונטעוועט זיך ווידער... — מעלדעט דער מיטאַרבייטער מיט שרעק, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט דעם בונט געמאַכט...

— אַ קליין אַרטיקעל וועגען דעם!

— איך וועל אָנשרייבען! איז זיך מכין דער מיטאַרביי־טער...

— אָנשרייבען!.. — קרימט זיך דער רעדאַקטאָר. — עס דאַרף ליגען פאַרטיג אַזוינע מינים אַרטיקלען.

— ווייס איך... פערענטפערט זיך דער מיטאַרבייטער — איך האָב גראַד אָנגעגרייט אַן אַרטיקעל וועגען אַ שטילשטאַנד אין מעקסיקאָ...

— עס דאַרף זיין אָנגעגרייט אַרטיקלען אויף אַלע פאַלען... ערקלערהרט דער רעדאַקטאָר — אין גרויסע צייטונגען זיינען דאָ אָנגעגרייט אַרטיקלען אויף אַלץ וואָס עס קען פּאַסי־רען...

— אַזוינע אַרטיקלען האָב איך! — האָט זיך אָנגערופען אַ קליין־מענשעל, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ פּרוש אין אַ פערצייטיגען בית־מדרש׳ל, אָבער אין זיינע אויגען האָט גע־גליהט עפּעס אַן אונהיימליך פייערל...

דאָס איז געווען דער ראָמאַן־שרייבער פון דער צייטונג, וועלכער האָט אָבער אויך געמוזט אַלע טאָג געבען אַן אַרטיקעל איבער אַ פראַגע — סתם אין דער וועלט אריין...

דער רעדאַקטאָר איז צו איהם צוגעגאַנגען, איהם אָנגע־קוקט און געפרעגט:

— וועלכע אַרטיקלען, למשל, האַ טאַיהר פאַרטיגע?...

— איך האָב פאַרטיג אַן ערד־ציטערניש אין קאַליפאָר־ניע, אין סיציליע, איבער אַ קלענערע ערד־ציטערניש אין איי־ראָפּאַ, וואָס וועט דאָך אַמאָל מוזען פאָרקומען...

— דאָס איז שעהן! האָט דער רעדאַקטאָר געריהמט פאַר דער פּינקטליכקייט.

— איבער וואָס האָט איהר נאָך — האָט ער ווערענדיג נייגיעריג געפרעגט:

— איך האָב אַן ארטיקעל איבער א פערפלייצונג אין ניו־יאָרק... אַן ארטיקעל איבער דער אויסגעלאָשענער זון, איבער דעם קאָמעט ב... וואָס דאַרף אמאָל אראָבפאַלען אויף דער ערד און צושמעטערען זי...

— פיין! פיין! — האָט דער רעדאקטאָר זיך ענטציקט.

— איך האָב פארטיג נעקראָלאָגען אויף די גרעסטע לייט פון דער וועלט, וואָס זיינען עלטער פון פופציג יאָהר און קע־נען א ליאדע טאָג שטארבען... זייערע אויספיהרליכע ביאָגראַ־פיען, מעלות און חסרונות, זייערע טוגענדען און פערדאָרבענע זייטען...

— אויף וועמען, למשל? איז דער רעדאקטאר נאָך נייגע־ריגער געוואָרען, אבער ער האָט שוין דערפיהלט אַן אונהיימליכ־קייט.

— אויף וועמען? אויף אלעמען! — האָט דער מיטאר־בייטער אויסגערופען מיט גרויס בעגייסטערונג און זיינע אוי־גען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א מאָדנעם פייער. — איך האָב פארטיג נעקראָלאָגען אויף וועלט־הערשער, גרויסע מיליאָ־נערען, בעריהמטע באנקירען, גרויסע ערפינדער פון לופט־באַ־לאָנען... פון אייראָפּלאנען, פון צעפּעלינס...

— געפעהרליכער מאטעריאל! — האָט דער רעדאקטאר מיט דייטליכען שרעק אָנגעקוקט זיין מיטארבייטער, וועלכער איז געזעסען און האָט רוהיג געשמייכעלט, בליצענדיג מיט די אויגען ווי א חיה, וואָס קוקט אַן איהר רויב.

— אך! האָט דער מיטארבייטער איהם בערוהיגט — איך האָב געלאסענעם מאטעריאל אויך... ביי מיר, למשל, זיינען דאָ פארטיג א רייהע נעקראָלאָגען איבער גרויסע דיכטער, שריפט־שטעלער און רעדאקטאָרען...

דער רעדאקטאָר איז דאַ רויט און דאַ בלאס געוואָרען, האָט פערביסען די ליפען, א הוסט געטהאָן און בעמיהענדיג זיך צו שמייכלען האָט ער א מורמעל געטהאָן:

— אזוי — רעדאקטאָרען אויך?... די עלטערע, הייסט עס.

— יא, די עלטערע... — האָט דער מיטארבייטער נאָכגעגעבען און האָט אראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד...

— האָפענטליך, האָט איהר מיך נאָך ניט בעעהרט מיט א נעקראָלאָג... האָט דער רעדאקטאָר געשמייכעלט און פארשענדיג אָנגעקוקט דעם מיטארבייטער...

דער מיטארבייטער, וועלכער האָט דוקא געוואָלט ארויסווייזען זיין גרויס פערעהרונג צו זיין רעדאקטאָר, האָט דאָך אין דעם פאל ניט געוואוסט ווי צו האנדלען. אבער דער אינסטינקט פון זעלבסטפערהיטונג האָט איהם אונטערגעזאָגט, אז כאָטש דער רעדאקטאָר איז עהרגייציג, זאָל ער בעסער ענטפערען ניין... אבער אום דעם רעדאקטאָר אינגאנצען ניט צו פערשעמען, וואָס איהם האָט ער דורכגעלאָזט האָט ער דיפּלאָמאטיש געענטפערט:

— פאר אייך, הערר רעדאקטאָר, האָב איך אָנגעגרייט א יובילעאום־ארטיקעל...

דעם רעדאקטאָר איז אראָב א שטיין פון הארץ... ער איז געוואָרען, ניט נאָך זיין שטייגער ווייך געשטימט, האָט זאָגאָר א שמייכעל געטהאָז און ווי פאר זיך א מורמעל געטהאָן:

— ווי ווייט איז אייגענטליך א יובילעאום פון א נעקראָלאָג...

און דעם דאָזיגען טאָג איז דער רעדאקטאָר געוועזן אין א בעזונדער ווייכער שטימונג. האָט ניט געפאָדערט קיין פינקטליכקייט, פאר וואָס די מיטארבייטער האָבען איהם געוואונשען אין הארצען לאנג לעבען...

זיין אייגען ארטיקעל, וואָס ער האָט אין יענעם טאָג גע־שריבען האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א געוויסען גוטמוטיגען יאוש, איבער די צייל'ן האָט געשוועבט א לייכטער הומאָר און אין מאנכע שטעלען האָט געקלונגען א פילאָזאָפישע נאָטע...

דאָס איז געווען דאָס איינציגע ארטיקעל, זייט די צייטונג האָט עקזיסטירט, וואָס די לעזער האָבען ניט פערשטאַנען...

וויכטיגע מיטונגען.

נאָך דעם קליינעם סאפער, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי געריכטען, האָט זיך איסאַק אויפגעהויבען פון שטוהל, זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן שטוב און ארויסנעהמענדיג דאָס זייגערל פון וועסט־טאַש, האָט ער ווי פאר זיך געמורמעלט:

— איך מוז שוין געהן אויפ'ן מיטינג...

דאָס יונגע ווייבעל העלען, וועלכע האָט אבגערוימט פון טיש, האָט מיט א גלאָז אין האנט זיך אנידערגעשטעלט קעגען איסאַק'ן, איהם ארייננעקוקט אין די אויגען און זיך געקלאָגט:

— ווייעדער א מיטינג? ביזט געוואָרען א גאנצער כלל־טהוער.

— וואָס־זשע מיינסטו, העלען, מען מוז פאר דער מענשהייט אויך עפּעס טהאָן — האָט איסאַק געענטפערט און זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו שמייכלען...

— די מענשהייט! — האָט העלען איהם נאָכגעקרימט — די מענשהייט איז ביי אייך טייער, נאר דער יחיד האָט ביי אייך קיין ווערט...

און אַנשטעלענדיג א וויינענדיגען פּנים האָט זי זיך נעבעטען:

—איך וויל אויך געהן אויף מיטינגען, ארבייטען פאר דער מענשהייט, מיר איז אליין דאָ אומעטיג...

— אומעטיג! — האָט איסאַק ווי אויסגעשריען — וואָס הייסט אומעטיג... האסט דאָך עפּעס פאר דער חתונה געהאַט חבר'טעס... נעהם מען אריבער צו זיי...

— ניט נאר חבר'טעס... — האט העלען זיך בעליידיגט... איך האב געהאט חברים אויך...

— זאל זיין חברים... איך בין ניט אייפערזיכטיג...

— ביזט ניט אייפערזיכטיג — האט העלען אויסגעשטעלט אויף איהם בייז די אויגען — אט דאס איז טאקע מיין אונגליק... איך האב געוואלט דו זאלסט יא זיין אייפערזיכטיג...

— א מאדנע זאך מיט די ווייבער! — האט איסאק געפילאזאפירט — קיינמאל קען מען זיי ניט צופריעדען שטעלען; איז מען אייפערזיכטיג פראטעסטירען זיי, איז מען ניט אייפערזיכטיג — קלאגען זיי — איבריגענס, איך מוז שוין געהן... דער מיטינג הויבט זיך אן אכט שארפ...

און איסאק איז ארויס, לאזענדיג העלענ'ען א בייזע און דערצארענטע...

דער מיטינג איז פארגעקומען אין א קליינעם, שעהן־אויפגערוימטען צימער, ביי מיס בערטע פיין.

מיס פיין האט איסאק'ען בעגעגענט מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס און נאך דעם קוש, וואס ער האט מיט געוויסער עמיקעט אבגעזיגעלט אויף איהרע ראזעווע ליפעלעך, האט ער זיך ענטשולדיגט...

— זי האט מיך פערהאלטען, מיין ווייבעלע.

בערטע האט זיך אנגעבלאזען:

— דיין ווייבעלע... אט דאס איז דאך מיין אומגליק, וואס זי איז דאס ווייב און איך בין בלויז א געליעבטע, צו מיר מעג מען קומען, נאר דאן, ווען דאס ווייב לאזט אב...

איסאק, פון דער נאטור, אן אנהעננגער פון פרויען־רעכט, האט דערפיהלט אין בערטע'ס טענות א געוויסע מאס גערעכטיגקייט און ער האט זי ארומגענומען און געזאגט:

— דו ביזט גערעכט, מיין טייערע, אבער די פליכטען צו א ווייב, קען מען אויך ניט אבלייקענען... ענטשולדיג...

בערטע האָט אָבער געפאָדערט איחר רעכט, די רעכט פון א געליעבטער:

— איך האַלט, אז א געליעבטע שטעהט העכער פאַר דער געזעצליכער פרוי...

—צי העכער צי נידעריגער ווייס איך ניט — האָט איסאַק געמורמעלט — אָבער מיט דער געזעצליכער פרוי איז מיר אי־בערדריסיג, לאַנגווייליג, — און מיט דיר, מיין ליעבע...

און צו אילוסטרירען ווי אזוי איהם איז מיט איהר, האָט ער זי פעסט צוגעדריקט צו זיך און געקושט...

— ווי לאַנג אָבער וועט עס זיך ציהען אזוי?... — האָט בערטע געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט — נאָך אלע גלי־קען, וואָלט איך וועלען דיך ליעבען פראַנק און פריי, און ניט גנב'ענען די פּאָר פונקען ליעבע...

— ס'הייסט דו וואָלסט וועלען ווערען מיין געזעצליכע פרוי...

— געוויס... — האָט בערטע איהם געגלעט איבער די הענט און זיך געטוליעט צו איהם ווי א קעצעלע...

איסאַק, דערוואַרעמט פון איהרע צערטליכקייטען, האָט זיך ווי פערלוירען, און פערגעסענדיג אַן זיינע פליכטען צו העלען, האָט ער אויסגערופען:

— האָב געדולד... איך וועל מיט העלענ'ען איבעררייסען, איך וועל זיך מיט איהר צוגעהן... איך וועל מאַכען אזוי, אז זי וועט זיך בעטען, מיר זאָלען זיך צוגעהן...

אין פערלויף פון א יאָהר צייט האָט ענדליך העלען ער־פאַהרען איסאַק'ס בעהאַלטענע ליעבע צו בערטע'ן.

— איסאַק, אַט אזוי האָסטו מיך גענאַרט! אויף מיטינ־גען געגאַנגען, אַרבייטען פאַר דער מענשהייט...

— יאָ... — האָט איסאַק געמורמעלט און האָט אויסגע־וויזען זעהר נעבאַכדיג...

—טאַ גנעה און קום שוין קיינמאָל ניט... איך וועל מיין שטעדטעל בעשטעהן אליין...

איסאַק האָט זיך געוואָלט פערענטפערען, פערטיידיגען, אָבער העלען, א בייזע און שטאָלצע, האָט זיך אָבגעקעהרט און ניט געוואָלט הערען:

— גנעה, אָדער איך גנעה אוועק!

און זעהענדיג ווי ער בלייבט זיצען אונבעוועגט אויף זיין שטוהל, האָט זי זיך גענומען פּאַקען און באַלד איז זי גע־שטאַנען אין אַנגעטהוענע מיט א פּעקיל אין האַנט און זאָגענדיג: איך בעפריי דיך! — איז זי ארויס פון צימער...

איסאַק איז מיט א געזונקענעם קאָפּ אוועק צו בערטע'ן.

— בערטע... איך בין פריי... זי האָט מיך פערלאָזט...

בערטע, וועמענס אידעאַל איז געווען צו בעזיצען אי־סאַק'ען אליין, און צו ווערען זיינע פאַר דער וועלט, איז מיט פרייד אויפגעשטאַנען פון זאָפקע, וואו זי איז געלעגען אויסגע־צויגען, און ארומנעהמענדיג איסאַק'ן האָט זי געפליסטערט:

—אַ, מיין טהייערער, איצט ביזטו מיינער אין גאַנצען, אין גאַנצען...

איסאַק האָט זיך דערפיהלט אונבעקוועם אין איהרע ארעמס און האָט זיך בעמיהט צו בעפרייען:

— פאַרוואָס ביזטו אזוי צוטראָגען, איסאַק? — האָט בערטע געפרעגט.

— צוטראָגען... חלילה... נאַטירליך... האָט ער גענומען שטאַמלען — נאַטירליך, אזא מאָמענט...

און פאַר זיינע אויגען האָט פארגעשוועבט דאָס געזיכט פון דער בייזער און שטאָלץ־אוועקגעהענדיגער העלען...

„וואוהין און צו וועמען האָט זי געקאָנט אוועקגעהן?"— האָט זיך איהם געבאָמבעלט אין קאָפּ און ער האָט געקוקט אויף בערטע'ן מיט גלייכגילטיגע בליקען...

ער האָט אָבער די אויגען געהאַלטען אראָבגעלאָזט און זי

האט זיין בליק ניט געקאנט כאפען...

עס איז אוועק א יאהר, בערטע איז געזעסען מיט איסאק'ן אין צימער, וואו זיי האבען גאר וואס אבגעגעסען סאפער. איסאק איז געווען נערוועז, אויפגערעגט, ווי א מענש, וואס וויל עפעס טהאן און האט מורא פאר עמיצען...

— וואס איז מיט דיר, איסאק? — האט בערטע געפרעגט, אריינקוקענדיג איהם אין די אויגען.

— מיין סאסייעטי „מיטעט" היינט און איך מוז געהן... איך האב אזוי קיין גערולד דערצו ניט...

— וועלכע סאסייעטי?... — האט בערטע זיך פערחדוש'ט.

— וועלכע סאסייעטי! — האט איסאק בייז איהר איבערגעקרימט — זי ווייסט שוין גאר ניט...

— ביזט אויפגעגרעגט... — האט בערטע געמורמעלט, ניט קענענדיג פערשטעהן...

— נו, געוויס... פרעגסט אזוינע נארישקייטען... איך האב א וויכטיגע זיצונג... איך מוז געהן...

— העלאו, העלען! — האט איסאק אויסגערופען אריינגעהענדיג אין א קליין געמיטליכען צימערל, וואו העלען האט געוואוינט דעם לעצטען יאהר...

זי האט איהם אויסגעצויגען די האנט און געבעטען זיצען.

— אז איך קום צו דיר, פיהל איך מיך אזוי גוט, אזוי גוט...

— עס פרעהט מיך... — האט העלען מיט אויגען אנגעגאסענע מיט ליעבשאפט געענטפערט — מיר ווערט אויך אזוי גוט... אך, ווי נאריש מיר זיינען!... — האט זי מיט א גוטמוטיגען שמייכעל אויסגעזיפצט, און אוועקזעצענדיג זיך נעבען איסאק'ן אויפ'ן פארענטש פון וויעג־שטוהל, האט זי וויגענדיג איהם, געפרעגט:

— וואס האסטו איהר געזאגט פאר א תירוץ?

— איך האב איהר געזאגט, אז איך געה אויף א מיטינג...

— דערזועלבער אלטער תירוץ... — האט העלען שטימונגס־פול אויסגערופען...

און אננעהמענדיג איהם פאר'ן האנט האט זי פארטגעזעצט:

— ווייסט איסאק, אז איך וויל שוין ניט מעהר מיט דיר צוזאמענגעהן זיך... אזוי איז בעסער... איצט האסטו מיך ליע־בער... נארסט אב צוליעב מיך אן אנדערע... אבער מיך — ניט... איך וויל ניט זיין קיין ווייב, איך וויל בעסער זיין א געליעבטע... א ווייב לאזט מען אליין און מען געהט אוועק אויף א מיטינג און צו א געליעבטער קומט מען און מען זיצט אזוי לאנג, אזוי לאנג. איסאק, וועסט דאך היינט ביי מיר לאנג זיצען... יא? מיר וועלען אבהאלטען א וויכטיגען מיטינג.

— א, זעהר א וויכטיגען! — האט איסאק מיט בעגייס־טערונג אויסגערופען און האט זיך געדריקט פעסטער און פעס־טער צו דער געוועזענער ווייב און צו דער איצטיגער געליעב־טער...

דער מאַן קומט!

דער „קאטעדזש“ איז געשטאַנען ווי אָבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. שטעהענדיג אויף דער לאַנגער און ברייטער וועראַנדע האָט מען בלויז געזעהן וואו ניט וואו א הייזעל, א פארם און ווידער פעלד, וואלד און האָריזאָנט.

ליזע, וועלכער דער מאַן האָט געשיקט אהער אויף עטליכע וואָכען האָט זיך דאָ געפיהלט ווי ניי געבוירען. די ערשטע טעג האָט זיך איהר בשום אופן ניט געגלויבט, אז דאָס איז א קאונ־רי אין אמעריקא. וואוינענדיג אין אן ענג בעזעצטען געגענד אין ניו יאָרק האָט זיך איהר געדאכט, אז גאנץ אמעריקא איז געפאקט מיט מענשען, קארס און בייבי־קערעדזשעס. די ברייט־קייט, פרייהייט האָט איהר דערמאָנט איהר היים, א שטעדטעל ערגעץ אין טשערניגאָווער גובערניע, וועלכע זי האָט פערלאָזט מיט זיבען יאָהר צוריק, ווען זי איז אלט געווען זיעבצעהן יאָהר. דאָרט איז אויך געווען אזוי ברייט און פריי און זי פלעגט אזוי ליעב האָבען מיט איהרע יונגע חבר'טעס זיך לאָזען לוי־פען און יאָגען זיך יעדער פרייען פארנאכט און יעדען שבת, ווען דער טאַטע, א בייזער און שטרענגער איד, פלעגט נאָר ניט זיין אין דער היים.

דאָ איז זי ווידער פריי. מיט די עטליכע יונגע מייד־לעך און יונגע ווייבלעך וואָס האָבען זיך געפונען מיט איהר אין זעלבען קאטעדזש איז זי געוואָרען בעפריינדעט אין די ערש־טע פאָר טעג און האָט זיך געפיהלט מיט זיי, ווי מיט יענע חבר'טעס אין דער היים. אויך מיט די פאָר באַיעס וואָס האָבען זיך דאָ געפונען האָט זי זיך געפיהלט היימיש און זיך געהאל־

טען פריי, ווי א יונג מיידעלע וואָס ווייס נאָך פון קיין זאך ניט..
זי האָט זיך מינוטענווייז פערגעסען, אז זי איז שוין א יאָהר
פערהייראט מיט עפּעס איינעם א מיסטער און דער מיסטער
האָט עס איהר טאקע געשיקט אהער צו פיקסען זיך...

און שפּיעלענדיג מיט א באָי אין באָל אָדער אזוי אויס־
פּרואווענדיג זיך אין לויפען: ווער וועט וועמען אריבעריאָ־
גען — דער באָי זי, אָדער זי דעם באָי — פלעגט זי זיך פּלוצ־
לונג דערמאָנען אָן איהר מאַן און פלעגט זיך אין מיטען גע־
לויף אבשטעלען, אזוי אז דער באָי האָט איהר שנעל געקענט
כאַפּען. ארומנעהמענדיג זי און האַלטענדיג זי פעסט אין די
הענט. זי פלעגט זיך אבער אויסרייסען פון איהם, מורמלענדיג:

— דאָס טאָר מען ניט...

— פאַרוואָס טאָר מען ניט?

פלעגט זי זיך פערשעהמען און ענטפערען:

— איך האָב דאָך עפּעס א מאַן.

און גלייך פלעגט איהר פערדריסען וואָס זי האָט זיך אויס־
געדריקט אזוי איראָניש: „עפּעס א מאַן" און זי פלעגט זיך
פערריכטען:

— מיין מאַן איז א שעהנערער פאַר אייך.

און נאָך דעם ליגען וואָס זי האָט אזוי גלאַט אבגעזאָגט
פלעגט זי זיך צולאכען מיט א העלען קלינגענדען געלעכטער
און אין א ווײַלע ארום ווידער פערגעסען אָן מאַן, אָן ניו־יאָרק
און האָט זיך ווידער געלאָזט לויפען מיט'ן באָי צי מיט א מייד־
דעל, ביז וואַנען דער יונגער פאַרמער פלעגט ניט ארויסנעהן
מיט'ן גלאָק אין דער האַנט און מיט'ן קלינגען צונויפזאמלען,
ווי א פאַסטוך זיין סטאַדע, די „געסט" זיינע, וואָס האָבען זיך
צושפּרייט איבער'ן פעלד, דער דאָ, דער דאָרטען.

דערהערענדיג דאָס קלינגען פלעגט ליזע זיך לאָזען לוי־
פען די ערשטע צום הויז. געלאָפען איז זי ווי א קליין מיידעלע,
ווען די מאַמע רופט עסען און האָט ווידער פערגעסען אָן דעם

מיסטער דארט אין ניו־יארק, וואס האט איהר אהער געשיקט. איהר האט זיך געדאכט, אז דא איז זי געבוירען געווארען און דא וועט זי שוין בלייבען אויף שטענדיג, א פרייליכע, א גליקליכע, א פרייע...

פלעגט איהר דער יונגער פארמער ברעננען פון סטיישאן, וועלכע האט זיך געפונען א פאר מייל פון קאטעדזש, א בריוועל, פלעגט זי זיך ווידער דערמאנען און איהר פרעהליכקייט פלעגט פערשווינדען. אין יעדען בריוועל האט זי ערווארטעט אן אונאנגענעהמע נאכריכט: אדער אז עס איז שוין איהר צייט צו פאהרען צוריק אין ניו יארק, אדער אז ער קומט אליין אויף א פאר טעג. איבערלעזענדיג דאס קורצע בריוועל פון דעם „ביזי" מאן און אויסגעפינענדיג אז ער איז נאך אלץ ביזי און קומען קען ער נאך ניט און איהר הייסט ער נאך בלייבען, פלעגט זי דאס בריוועל צורייסען מיט הנאה אויף קליינינקע שטיקעלעך און פערווארפען ערגעץ אויפ'ן פעלד. דער ווינט פלעגט די שטיקלעך צוריסענע פאפיר אויפהויבען פון דער ערד, פליהען מיט זיי אין דער לופט און מאכען שטיקעל איהר צוריק ברעננען — פונקט ווי דער ווינד האט אלעם געוואוסט און האט געוואלט איהר דערמאנען אן איהרע פליכטען און אז צו פרעהליך דארף זי ניט זיין, ווייל פריהער־שפעטער וועט זי מוזען אדער צו איהם פאהרען אדער איהם דא אויפנעהמען...

ענטפערען פלעגט זי זיך ניט איילען. דאס שרייבען איהם איז פאר איהר געווען אן אפקומעניש. זי מוז שרייבען „מיין ליעבער מאן", אבער די פעדער, ווי זי וואלט געפיהלט דעם ליגען פון דער פראזע, האקט זיך אריין אין דעם פאפיר און זי מוז פערבייטען אויף „מיין טייערער מאן". איהר דאכט זיך, אז „מיין טייערער" איז װעניגער פאלש ווי „מיין ליעבער". זי האט שוין געפרופט שרייבען „האכגעשעצטער מאן", האט זי זיך צולאכט און פערשעהמט פאר זיך אליין.

ענדליך איז איהר אָנגעקומען א בריוועל, וואו ער מעלדעט איהר, אז ער קומט אויף שבת... דאָס בריוועל איז איהר אָנגע־קומען דאָנערשטאג פארנאכט. יענעם אווענד האָט זי שוין וועניגער פערבראכט און ווען א קליינע קאָמפּאניע מיידלעך מיט די צוויי כוואַטסקע באיעס האָבען זיך פאַרבעריייט צו נעהמען א ווייטען „וואָק“ און זי אויך איינגעלאדען, האָט זי זיך ענט־זאגט. אלעמען האָט עס געוואונדערט: וואָס איז געוואָרען מיט דער פרעהליכער ליזע׳ן? זי האָט אויסגעטראכט א תירוץ, אז זי פיהלט ניט גוט און איז געבליבען זיצען אליין אין א ווינ־קעל, ווי זי וואָלט שוין אָנגעהויבען צו ערווארטען איהר מאַן.

פרייטאג האָט זי דער יונגער פארמער גענומען צום סטיי־שאָן צו בעגעגענען דעם מאַן. זי איז געזעסען מיט׳ן פארמער זייט ביי זייט און ווען עס איז געקומען אראָב־בארג, האָט ער איהר צוגעדריקט צו זיך, זי זאָל ניט אראָבפאלען פון שמאָלען קערעדזשעל. ארום איז געווען ברייט און פריי און דאָס יונגע פערד איז גאַלאָפּירענדיג געלאָפען ווי צום טאַקט. ליזע איז איצט אזוי ווייט געווען פון מאַן, אז זי האָט גאָר ניט גע־וואוסט, ווי אזוי ער זעהט אוים און וואָס פאר א שטימע ער האָט. אבער קומען וועט ער זיכער און אפשר וועט איהם דאָרט וואָס אָבהאַלטען און זי וועט בעקומען א דעפּעשע, אז ער ק ע ן נ י ט קומען, און זי האָט געפרעגט ביים פארמער: ק ע ן אָ נ ק ו מ ע ן אהער א דעפּעשע? דער פארמער האָט געענטפערט: ניין!

ביים סטיישאָן איז נאָך אויסגעקומען צו ווארטען. ליזע האָט נאָכגעפרעגט די אורזאכע. דער טריין האָט זיך פערשפּע־טיגט. דאָס איז גוט. טרעפט ניט אמאָל אז א טריין פער־שפּעטיגט אויף א טאָג? אבער אָט קומט ער שוין אָן! פער־שפּעטיגט און דאָך געקומען. אָט קריכט פון א וואגאָן ארויס א נידעריגער, ברייט־ביינינגער מאַן. דאָס איז ער דאכט זיך? יא,

דאָס איז דער מיסטער, וועלכער האָט זי אהער געשיקט, דאָס איז ער!

— העללאָו, ליזע!

— העללאָו, אייב...

מאנכע יונגע ווייבלעך, וועלכע בענגענען דאָ די ערוואַר־טעטע מענער, צוקושען זיך מיט זיי. ליזע טראכט, אז זי האָט זיך אויך געדאַרפט צוקושען, אבער עס איז אראָב די בענגעניש גלאַט אהין א קוש און זי איז געווען צופריעדען. דער מאַן האָט זי בעטראכט און א צופריעדענער געזאָגט:

— האָסט זיך פיין געפיקסט...

און וואַרפענדיג א בליק אויף דער וואָג וואָס איז געשטאַ־גען ביים סטיישאַן האָט ער העפליך פאַרגעלעגט:

— שטעל זיך, ליזע. איך וועל דיך אָבוועגען. איך האָב גראַד אַן איינציגע פעני...

ליזע, געהאָרכזאַם ווי א קינד, ווען דער טאַטע הייסט וואָס טהאָן, האָט זיך מיט א פערשולדיגטען שמייכעל אוועקגעשטעלט אויפ'ן וואָג. דער ווייזער האָט זיך געגעבען א הויב ארויף און איז געגאנגען ביז הונדערט און צוואַנציג און נאָך אריבער א שטיקעל.

— הונדערט איין און צוואַנציג מיט א האַלב! — האָט דער מאַן געמאַלדען. — גאַנץ שעהן זיך געפיקסט! דו וועסט דאָ נאָך בלייבען א פּאָר וואָכען... איך וועל אויך בלייבען עט־ליכע טעג. די ביזנעס זיינען איצט שטילער...

און פאָהרענדיג צוריק צו דער פאַרם האָט זיך ליזע'ן געדאַכט, אז דער וועג איז ווי שמאָלער געוואָרען און דער וואַלד פון דער ווייט איז ניט דער זעלביגער... אויך דאָרט דער ווייסער קאַטעדזש, וועלכען זי האָט אהין פאָהרענדיג בעמערקט איז גאָר ניט אזוי שעהן ווי זי האָט געמיינט, א געוועהנליכער קאַטעדזש. און זי וואָלט בכלל שוין געוואָלט פאָהרען צוריק אין ניו יאָרק. דאָרטען ווייסען אלע אז זי האָט א מאַן און דאָ דאַרף זי איהם

ערשט ווייזען. זי וועט זיך שעהמען און יענער כוואטסקער באַי מיט די לעבעדיגע אויגען וועט אזוי לאכען... זי האָט אויפגע־הויבען די אויגען און געוואָרפען בגנבה א בליק אויף דעם מאַן, וועלכער האָט געשעפּט די פרישע לופט מיט א מינע, ווי ער וואלט עס געטהאָן צוליעב זיין שוואכען געזונט און ליזע האָט בעשלאָסען, אז דער באַי וועט זיכער לאכען און אפשר וועלען די מיידלעך אויך לאכען...

און עס האָט איהר גענלאָפּט דאָס הארץ פאר ערוואַרטונג.

עס איז אזוי גוט וואָס דאָס פערד איז מיעד און דער וועג צוריק איז ארויף־בארג און מען פאָהרט אזוי לאנגזאם...

דער רב.

פון דער לעצטער בעקאנטשאפט אין סענטראל פארק איז הערמאן ענטציקט געווען. אויסער, וואס דאס מיידעל איז א זעהר חנ׳עוודיגע און אן אינטערעסאנטע, איז זי דערצו פון גרויסען יחוס: איהר טאטע איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי א רב, און כאטש הערמאן איז א ראדיקאל געשטימטער יונגערמאן, ווייס ער אבער אז די אמת׳ע אידישע אריסטאקראטיע זיינען די רבנים. קיין אנדערע אריסטאקראטישע קאסטעס אויסער די רבנים זיינען ביי אידען ניטא. און איידער הערמאן האט נאך געוואוסט געננוי איהר שטאם איז דער ערשטער קאמפלימענט וואס ער האט דער דאזיגער מיידעל געמאכט געווען אזוי:

— עפעס שפיגעלט זיך אב אין אייערע אויגען, וואס ציינגט, אז איהר שטאמט פון יחסנים...

— געוויס בין איך א יחסנ׳טע! — האט זי פערשעמט געענטפערט.

— איך האב געוואלט וויסען ווער איז אייער פאטער?

— אייך וועט ער ניט געפעלען...

— א, איך בין זיכער, אז איהר האט א שעהנעם טאטען!

— יא... אבער אייך וועט עס ניט געפעלען... ער איז א רב...

— א רב! א רב! — האט הערמאן ענטציקט אויסגערו־פען, — וואס רעדט איהר. דאס איז דאך דער שעהנסטער יחוס.

און בעטראכטענדיג זי נאך אמאל ביים שיין פון דער עלעק־טרישער לאמטערן אין פארק, האט ער ווידער זיך בעגייסטערט:

— איהר זעהט טאקע אויס ווי א רב'ניש קינד. דער אידי־שער אדעל ליענט אייך אויפ'ן פנים...

זי האט זיך צולאכט און געענטפערט:

— און איך האב גאר ניט געוואוסט, אז עס וועט אייך אזוי געפעלען...

— עס געפעלט מיר זעהר! — האט הערמאן זיך אלץ בעגייסטערט. — נאטירליך, איך בין א פריידענקער, אבער איך האלט זעהר פון יחוס. און צו די אידישע רבנים האב איך נאך א שוואכקייט פון דער קינדהייט.

און פאר הערמאנ'ען האט זיך גלייך פארגעשטעלט דער רב פון זיין שטעדטעל, ר' אהרן־מאיר, מיט דער לאנגער, ברייטער באָרד, מיט די גרויסע, קלוגע און עטוואס געהיימניספולע אויגען, מיט זיין שטילען און עדעלען אויסדריקען זיך. הערמאן געדענקט, ווען זיין מאמע פלעגט איהם שיקען פרעגען א שאלה איז ביי איהם געווען א יום־טוב, וואָרים אויסער דער רב אליין איז דאס גאנצע רב'נישע הויז געווען פול מיט צוציהונגען און פערלאָקונגען: די רב'יצין מיט איהר עדעלען פנים, דעם רב'ס חדר... אין רב'ס חדר האט זיך ניט מעהר געפונען ווי א טיש, צוויי בענקלעך — אמת, געפארבטע — און א גרויסער אלמער מיט ספרים. אט דער אלמער האט צוגעגעבען דעם רב'ס חדר א פאנטאסטישען אויסזעהן. הערמאן, וועלכער האט דאן נאך געהייסען הער־שעלע, פלעגט ניט וואגען נאָהענט צוצוגעהן צום רב, נאר בייב שוועל פון חדר פלעגט ער בלייבען שטעהן און ווארטען ביז דער רב וועט זיך אבהייסען פון דער גמרא. אז דער רב פלעגט זיך ענדליך אבהייסען פון דער אָפענער גמרא און, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, איהם בעמערקען, פלעגט הערמאן בלייבען ווי דער־שראָקען און פאר שרעק פערגעסען די גאנצע „שאלה“.

אבער דער רב פלעגט איהם גלייך ערמוטהיגען:

— וועמעס ביזטו, אינגעלע?

— הערשעל, לייבע דעם קרעמער'ס.

— אזוי, לייבע דעם קרעמער'ס. ביזט מסתמא א גוטער שנץ... קום אהער.. קום, שעהם זיך נישט...

און דער איצטיגער הערמאן און דער דאמאלסדיגער הערשעלע פלעגט פון די דאזיגע גוטמוטיגע ווערטער גלייך דערמאנען זיך אן דער שאלה:

— די מאמע האט אויסגעמישט מיט א מילכיגען לעפעל דעם פליישיגען טעפעל.

— האט דער טעפעל בשעת מעשה געקאכט?

— יע... געקאכט...

— דאס לעפעל איז געווען א הילצערנע, צי א צינענע?

— א חילצערנע.

— אויב א הילצערנע, איז דאס לעפעל טריף און דער טעפעל איז כשר...

און געהענדיג צוריק, האט ער די גאנצע צייט גע'חזר'ט:

— דאס לעפעל איז טריף און דאס טעפעל איז כשר...

און קומענדיג אהיים צו דער מאמע'ן, האט ער עס מיט שמחה איבערגעגעבען:

— מאמע, דאס לעפעל איז טריף...

— אבער דאס טעפעל, גזלן! — איז די מאמע דערשראקען געווארען, ווייל עס איז געווען איינס פון איהרע בעסטע, געדראטעוועטע טעפלעך.

— דאס טעפעל איז כשר, זאל איך אזוי געזונד זיין.

— לאנג לעבען זאל ער! — האט די מאמע געבענשט דעם רב אונטער די אויגען. — ווען ער מאכט מיר טריף דאס טעפעל, וואלט איך ניט געוואוסט וואס צו טהאן, ערשט פאר פסח איהם איינגעדראטעוועט...

און איצט, שטעהענדיג נעבען א רב'ס א טאכטער, האט הערמאן דערפיהלט א בענקשאפט נאך יענער צייט. זיין שטימונג איז געווארען אזוי געהויבען, אז ער האט רב'ס טאכטער

אַנגענומען פאַר'ן האַנד און געפרעגט:

— אייער טאַטע פּסק'ענט אויף שאלות ?...

— יאָ, אַמאָל... זעהר זעלטען...

— און ער האָט אויך א גרויסען אַלמער מיט ספרים ?

— ניט זעהר... — האָט זי געשמייכעלט.

— און א באָרד... א לאַנגע...

— ניט זעהר...

— איך וואָלט געוואָלט זעהן אייער טאַטען... — האָט ער ווי אויסגעזיפצט.

— איהר קאָנט אַמאָל צו אונז אריינקומען ! — האָט זי איהם געגעבען די ערלויבניש.

— וואָס זאָל איך זאָגען פאַר א תירוץ ? — האָט הערמאַן געפרעגט נאַאיוו.

— א תירוץ ! — האָט זי געלאַכט, — איהר דאַרפט גאָר ניט זאָגען קיין תירוצים, איהר וועט פרעגען אויף מיר...

— מעג מען ?

— פאַרוואָס ניט... צו מיר קומען אריין אַפּט יונגע לייט... מען פערברענגט...

הערמאַן איז געבליבען ווי ענטוישט. ערשטענס דערפאַר, וואָס זי, וועלכע ער האָט שוין, דאַכט זיך, ליעב בעקומען, האָט נאָך בעקאַנטע יונגע לייט און ער איז ניט דער איינציגער און צווייטענס, איז נאָך פערדריסליכער, וואָס צו א רב'ס א טאָכטער קאָן מען ארויפגעהן אַזוי פראַנק און פריי... אבער דאָך האָט ער אַנגענומען איהר איינלאַדונג.

— יאָ, איך וועל אריינגעהן. ווען ?...

— קומט שבת אָווענד... א זייגער זיעבען...

—שבת אָווענד ! שעהן ! שעהן !

און הערמאַן האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז ער וועט נאָך אודאי כאַפּען א רב'ס א המבדיל און הערען זינגען די „אליהו'ס".

— איך וועל קומען זיכער, — האָט ער איהר געגעבען די האנד און מיט בעגייסטערונג זי געדריקט...

הערמאַן האָט קוים דערוואַרט, אז עס זאָל אנקומען דער גליקליכער שבת. ערשטענס האָט ער שוין געבענקט נאָך איהר, און צווייטענס, איז ער געווען שטאַרק נייגעריג צו זעהן דאָ אין אמעריקא א רב... ער האָט זיך פאָרגעשטעלט א הויכען, שעהנעם עלטערען אידען מיט א לאַנגער באָרד און מיט א גרויסען שטערען און צוויי גרויסע טיעפע אויגען... און הערמאַן האָט געמאַכט פּלענער, ווי אזוי צו רעדען מיט איהם. איהם האָט באַנג געטהאָן, וואָס ער איז אזוי גלאַט געראַזירט: דער רב וועט געוויס האָבען גרויס צער... אמאָליגע צייטען האָט מען זיך ניט געראַזירט.

דערפאַר אבער האָט ער בעשלאָסען, וועט ער זיצען די גאַנצע צייט אין היטעל, און זאָל איהר טאַטע, דער רב, ניט האָבען קיין עגמת־נפש...

א פערטעל צו זיעבען איז שוין הערמאַן געשטאַנען ביי א גרויסער טענעמענט־הויז אין א אידיש־איטאַליענישען געגענד און געקוקט ארויף צו די פענסטער און ניט געקאָנט כאַפּען מיט'ן אויג, וואו זאָל דאָ אין דעם דאָזיגען הויז זיך קאָנען איינאָרדנען א רב...

ביים הויז האָבען זיך געשפּיעלט איטאַליענישע באָיס, געפּרובט די מוסקולען און געראַנגעלט זיך. אין האָל זיינען געשטאַנען פּאָרלעך און געמאַכט חנ'דלעך איינע צו די אנדערע.

הערמאַן האָט בעטראַכט דעם נומער פון הויז און געצווייפעלט, צי איז דאָס דערזעלבער נומער, וואָס דעם רב'ס

טאַכטער האָט איהם אָנגעגעבען... איהם האָט זיך ניט גע־גלויבט, אז דאָ זאָל וואוינען א רב.

אָבער אריינגעהענדיג אין האָל און קוקענדיג אויף די האלב אָבגעריבענע אונטערשריפטען אונטער די „לעטערבאקסעלעך“ האָט ער געפונען דעם נאָמען און די וואוינונג פון רב... דאָס איז געווען אויפ'ן פינפטען פלאָאָר...

— עס איז „פּאָלג מיר א גאַנג“, — האָט ער אונצופריע־דען געמורמעלט, — וואוהין א רב קאָן אין אמעריקא פער־קריכען...

און דערגרייכענדיג דעם פינפטען פלאָאָר האָט ער אָנגע־קלונגען.

אנטקעגען איהם איז ארויס א בייזער איטאליענער און האָט איהם אָנגעקוקט מיט חשד...

און טאקע דערזעלבער איטאליענער האָט איהם אָנגע־וויזען די קעגענאיבערדיגע טהיר.

הייסט עס, אז דער רב וואוינט בשכנות מיט אן איטאל־יענער. הערמאַן האָט א שמייכעל געטהאָן און האָט זיך צוגע־גרייט צו איבערראַשונגען.

ער האָט אָנגעקלונגען און האָט קיין ענטפער ניט בעקו־מען. הערמאַן האָט אונגעדולדיג געווארט, נאָר קיינער האָט איהם ניט אויפגעמאכט די טהיר.

ער האָט א פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט און ערשט דאַן האָבען זיך געהערט טריט פון אינווייניג. די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט און פאר הערמאַנ'ען איז ערשיענען א איד אין די מיטעלע יאָה־רען, מיט א געשווירען שפּיציג בערדעל, אָנגעטהאָן אין א קור־צען רעקעל.

— וואוינט דאָ דער רב? — האָט הערמאַן קוים ארויס־גערעדט און איז געווען זיכער, אז ער האָט פערבלאָנדזשעט...

— דאָ, דאָ... — האָט דער איד געענטפערט. — דאָס בי'ן איך טאקע אליין... פּליעז, קאָם אין.

הערמאַן איז אַריין. באַלד איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען די טאָכטער מיט אַ שמייכעל.

— פּאַפּאַ, איך וועל דיר אינטראָדיוסען: דאָס איז מר...

— אי עם ווערי גלעד... — האָט דער רב זיך פערניינגט—קאַם אין!...

הערמאַן איז איהם נאָכגעגאַנגען און האָט זיך ענדליך אונגעלומפּערט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל.

— נעהמט אַראָב אייער העט — האָט דער רב פאַרגע־שלאָגען.

הערמאַן האָט זיך דערפיהלט בעליידיגט און האָט ניט גע־וואגט עס צו טהאָן...

— נעהמט אַראָב! נעהמט אַראָב! — האָט דער רב גע־וואָלט צייגען זיין אויפגעקלערטקייט. — מיר זיינען ניט קיין פאַנאַטיקער... פּליעז...

און הערמאַן האָט דעם העט אַראָבגענומען און דער־פיהלט, ווי עפּעס הייליגעס וואָלט פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט בעטראַכט דעם רב, ווי ער וואָלט איהם אינגאַנצען שוין ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט בלויז געוואָלט וואָס גיכער אַרויס־געהן.

ער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער און געשמייכעלט, ווי ער וואָלט זאָגען:

— מיט אַזאַ רב וועלען מיר שוין אויסקומען בשלום.

זי האָט זיין שמייכעל פערשטאַנען און האָט, ניט צערע־מאָניענדיג זיך, זיך געווענדעט צו הערמאַנ׳ען:

— וועלען מיר אביסעל געהן...

— יאָ, יאָ... — האָט זיך הערמאַן אָנגעכאַפּט.

— יעס... — האָט זיך דער רב אַריינגעמישט, — אַ וואָק נאָך סאַפּער־טיים איז זעהר גוט...

אַרויסגעהענדיג פון רב׳ס הויז מיט דער טאָכטער, האָט זי זיך צו איהם אויף די טרעפּ געווענדעט:

— נו, ווי געפעלט אייך מיין פאטער? —

— א גאנץ קלוגער מענש! — האט הערמאן ווי אבגע־פטר'ט זיין מיינונג.

— יעס — האט זי צוגעגעבען. — ער איז אלרייט.

אבער הערמאן האט געבענקט נאך אן אנדער רב, נאך דעם רב פון דער היים, מיט דער לאנגער בארד, מיט די גרויסע געהיימניספולע אויגען און מיט'ן גרויסען געהיימניספולען אלמער ספרים...

דער זין פון ארבייט.

גרשון טויבקין, וועלכער איז שוין דא אין לאנד זייט פיער יאהר, קען זיך נאך אלץ ניט צוגעוועהנען צו דער ארבייט אין שאפ. אליין פון בעל־הבית'שע קליינשטעדטעלדיגע על־טערען, מיט א נייגונג צו פוילקייט, פערשילט ער זיך און די וועלט, ווען ער דארף מאנטאג פריה אויפשטעהן צו דער אר־בייט. ער ארבייט דערפאר פון שטיק און ארבייט אוים בלויז אזוי פיעל, אז עס זאל איהם גענוג זיין צו דערהאלטען די נשמה; און קען ער זיך א טאג אין מיטען דער וואך ארויס־דרעהען פון ארבייטען און מאכען א יום־טוב, טהוט ער דאס מיט גרוים הנאה. סיידען, אז ער וויים פאראוים, אז דער באס פון שאפ וועט איהם פאר אזא „יום־טוב מאכען" אין גאנצען אבזאגען. אמת'ע יום־טובים אבער פייערט ערביידערליי, סיי די אידישע און סיי די אמעריקאנישע, נישט קוקענדיג, וואס אין דאס רוב שעפער וואו ער ארבייט, זיינען די באסעס אויף די אידישע יום־טובים נישט שטארק מקפיד.

זייענדיג אין הארצען אן אנטי־סאציאליסט און א פיינד פון דער יוניאן און איהרע פיהרער, איז ער אבער שטענדיג דער ערשטער פאר א סטרייק. און וואס דער סטרייק ציהט זיך לענגער אלץ מעהר צופריעדען איז ער. ווען עס קומט צו שטימען פאר ענדיגען דעם סטרייק, איז ער דער גרעסטער געג־נער און קאכט זיך מעהר פאר'ן בעסטען סאציאליסט. ער שיט שווארצען מאהן אויף די באסעס און ווארענט דערביי די אר־בייטער, אז זיי זאלען זיין פארזיכטיג מיט די יוניאן־פיהרער,

ווייל, ערקלעהרט ער זיי, דאס וואס זיי ווילען אזוי שנעל סעט־לען, בעווייזט, אז די באסעס האבען זיי אונטערגעקויפט.

נאכ'ן סטרייק בעט ער גאט, אז דער סיזאן זאל אריבער און עס זאל זיך אנהויבען דער „סלעק“. אין סלעק האט טויב־קין א רוהיגען געוויסען: קיין ארבייט איז ניטא, און ער האט דאס פולע רעכט ארומצוגעהן ליידיג, אדער זיצען אין דעם בי־ליגען רעסטאראן און טרינקען דריי־סענטיגע קאפע, און פער־ברענגען מיט די איבעריגע לעדיג־געהער פון דעם קליינעם ארי־מען רעסטאראן.

זייענדיג אזא פיינד פון ארבייט, מוז ער זיך דערפאר אב־זאגען פון בעקענטשאפט מיט מיידלעך. חאטש קיין פרויען־פיינד איז ער דוקא ניט. ער ווייס אבער, אז אן אמעריקאנער מיידעל, דערוויסענדיג זיך פון זיינע פערדיענסטען און פון זיין בליק אויף ארבייט בכלל, וועט אנטלויפען פון איהם און קיין איינציגע וועט ניט וועלען האבען מיט איהם קיין נאהענטע מגע ומשא...

און אין א געשפרעך וועגען אמעריקאענר מיידלעך פלעגט ער זיין מיינונג ארויסזאגען מיט בייזקייט:

— זיי זיינען מיר דערווידער מיט זייער פראקטישקייט... און אז ער פלעגט זיך שוין יא בעקענען מיט א מיידעל, פלעגט ער לענגער ווי צעהן, פופצעהן מינוט מיט איהר נישט פער־ברענגען, כדי עס זאל איהם ניט אויסקומען נאך א לענגערען פערברענגען צו „טריטען“ איהר. ער וואלט נאטירליך ניט קארג געווען, אבער זיין טאש האט איהם קיינמאל ניט ערלויבט, א דאנק זיין פוילקייט, צו ספענדען אויף א מיידעל אפילו א ני־קעל אין מואווינג־פיקטשורס.

זייענדיג אמאל אויף א באל פון זיינע לאנדסלייט וואו ער פלעגט א דאנק זיין קרובה'שאפט מיט'ן סעקרעטער, א טיקעט בעקומען אומזיסט, פלעגט ער אויך דארט נישט קענען זיך ער־לויבען צו נאהענט ווערען מיט א מיידעל, כדי ער זאל זי ניט

ברויכען אָבפיהרען א היים. קיין צוויי ניקעלס אויף קאר־פעיר האָט ער זעלטען פערמעגט. ער איז געווען צופריעדען ווען נאָכ'ן באָל איז איהם געבליבען א ניקעל פאר זיך אליין. דאָס רוב פלעגט ער נאָך'ן באָל א היים געהן צו פוס, ניט ווענדיג בויגען זיין שטאָלץ און זיך ווענדען צו א לאנדסמאן נאָך א קליינעם גמילת־חסד.

אויף אזוי האָט ער זיך געהיט פון א צו נאָהענטער בע־קאנטשאפט אויפ'ן לעצטען באָל וואָס זיינע לאנדסלייט האָבען פעראנשטאלטעט. בעמערקט אבער האָט ער, ווי איין מיידעל א יונגס און א שעהנס מיט א זעהר גוטמוטיג און צוגעלאָזטען פנים'ל, מיט שמייכלענדיגע אויגען, — קוקט איהם נאָך, געהט איהם נאָך און שטעלט זיך זאָגאר אוועק דאָרט וואו ער שטעלט זיך אָפּ צו דער דאָזיגער מיידעל האָט איהם עפּעס אנגעהויבען צו ציהען. גראד איז איהם נאָך פון די פאָר דאָלאר „פּעי" געבלי־בען עטליכע ניקעלס און ער וועט זיך קענען ערלויבען, אויב מען וועט דארפען, אָבפיהרען זי אהיים און צאָהלען פאר איהר קאר־פעיר און אויב זי וועט ווערט זיין, וועט ער נאָך אימשטאַנד זיין צו טריטען איהר טאקי דאָ אין האָל גופא מיט א גלאָז לימאָניאד, אויב זי וועט נאָר זיין דורשטיג...

די בעקאנטשאפט איז געשלאָסען געוואָרען איינס און צוויי. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איהרע א חבר'טע האָט מיט איהר שוין אמאָל פון איהם גערעדט. — איהר זייט א מאָדנער — האָט זי געזאָגט... איהר האסט די ארבייט!...

און דאָס מיידעל האָט זיך צולאכט און אין איהרע אויגען האָבען זיך אזש טרעהרען בעוויזען. טויבקין האָט זיך פון דעם דאָזיגען געלעכטער אנפאנגס פערלאָרען, אבער באלד איז דאָס מיידעל ערנסט געוואָרען, האָט איהם אנגענומען פאר'ן האנד און זיך אָנגערופען מיט אנטייל:

— איך פערשטעה אייך גאנץ גוט...

די דאַזיגע ווערטער האָבען טויבקין'ען שיעור נישט ווייינען געמאכט. אַזוי פערטרויליך און חבר'יש זיינען זיי ארויסגעזאָגט געוואָרען. ניט זייענדיג צו דרייסט מיט דעם שעהנעם געשלעכט, האָט ער דאָך דערפיהלט, אז ער מיז זי זיכער אָננעהמען פאר דער האנד.

און דאָס מיידעל האָט ניט נאָר איהר האנד נישט אוועקגענומען, זי האָט זאָגאר זיין האנד אריינגעדריקט אין איהרע און נישט אָבגעלאָזען...

טויבקין איז פון דער דאַזיגער פריינדליכקייט געוואָרען ווי בערוישט. ער האָט זי אינסטינקטיוו אָנגערופען אָן א זייט און אריינקוקענדיג אין איהרע ריינע במעט נאָך אונשולדיגע, אבער זעהר קלוגע אויגען, האָט ער אויסגערופען מיט פייער:

— איהר זייט די, נאָך וועלכע איך האָב געבענקט!

און אברוהענדיג זיך נאָך דער דאַזיגער ערקלעהרונג, האָט ער צוגעגעבען:

— פאר אייך וואָלט איך געארבייט מיט'ן גרעסטען חשק...

— איך וואָלט עס געוואָלט זעהן! — האָט זי קאָקעטיש אבער אויפריכטיג געזאָגט און איהם אָנגעקוקט מיט פאַרשענרע בליקען.

און צולאכענדיג זיך באלד ווי א גרויסע קינד, האָט זי ארויסגעמורמעלט:

— איך פערלאנג עס נישט!

— אָט טאָקע דערפאר וואָלט איך פאר אייך אזוי פליסיג געארבייט; ווייל איהר זענט ניט גלייך ווי אלע.

זי האָט איהם בגנבה א דריק געטהאָן די האנד. נאָכדעם האָט זי זיך גענומען פאָכען און חנודיג געקרעכצט:

— אָך, דאָ איז אזוי הייס!...

און טויבקין, ווען עס איז באמת שוין שטארק היים געווארען האט צוגעגעבען:

— ווירקליך, זעהר היים. וועט איהר טרינקען א גלאז לימאנאד?

— יא... קומט צום בופעט.

ער האט פונקט געהאט צו בעצאהלען.

צום גליק האט דאס מיידעל געוואהנט ביי א זעקס בלאק פון זאל, וואו דער באל איז פארגעקומען און ער האט זי בע־גלייט צו פוס.

אין „האל" איז דער שידוך געשלאסען געווארען מיט א לאנגען קוש.

דער קוש וואלט נאך לענגער געדויערט, אבער א צווייטע אנקומענדע פאר'ל האט איבערגעשלאגען.

נאך דעם ווי דאס פארעל איז אוועק האט טויבקין געוואלט דעם קוש פערלענגערן, אבער דאס מיידעל האט לאכענדיג זיך אבגערופען:

— היינט ווילען מיר עס מאכען בקיצור...

און טויבקין האט זיך בעגנוגענט מיט א שטארקען דריק טהאן איהר האנד, אברערענדיג צו טרעפען זיך קינפטיגע וואך.

די דאזיגע ערשטע וואך האט טויבקין אבזיכטליך געאר־בייט אין אן אנדער שאפ, וואו קיינער האט איהם נישט גע־קענט. ער האט געוואלט ווערען אין גאנצען אן אנדערער, א נייער, א שטארקערער.

עס איז געווען אנפאנג פון סיזאן, ארבייט איז געווען לרוב און אויך דא האט טויבקין געארבייט פון שטיק. דער פאר־מאן האט ניט געקענט פערשטעהן וואו נעהמט זיך ביי דעם דאזיגען ערעלען יונגען מאן אזוי פיעל כח.

— מיין גאָט ! — האָט דער פאָרמאַן ביי ענדע וואָך אַרויס־גערופען פערוואונדערט — איהר אַרבייט דאָך פאַר דריי !

— ניין, בלויז פאַר צוויי... האָט טויבקין מיט א שמייכעל געענטפערט.

און ווירקליך ער האָט געאַרבייט ניט אליין : ער האָט פאַר זיך געזעהן דאָס מיידעל און האָט איהם מיט איהר ליעבען שמייכעל צוגעהאָלפען און עס האָט זיך געאַרבייט אזוי גרינג. די אַרבייט האָט בעקומען א זין און אן אינהאַלט.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

וויסענשאפטליכע ליעבע.

אויסער דעם, וואָס הערדי וויינער איז געוועזען א שטאַר־
קער ברונעט, איז ער נאָך דערצו געווען „וויסענשאפטליך“ גע־
בילדעט. אזוי פלעגט ער זיך אויסדריקען וועגען זיך אליין פאר
זיינע בעקאַנטע און חברים. איבערהויפּט אבער פלעגט ער
פּראַנטעווען מיט זיין וויסענשאַפט פאר זיינע בעקאַנטע מייד־
לעך. איב אנדערע בחורים פלעגען קומען צו זייערע מייד־
לעך יעדע וואָך אין א נייעם „טאַי“ אדער אין א נייעם סטייל „קאָ־
לער“, פלעגט וויינער דוקא געהן שטענדיג אין איין סאָרט
קאָלער און אין איין טאַי, — דערפאר אבער פלעגט ער יעדעס
מאָל קומען געקליידעט אין א נייער וויסענשאַפט.

און אז וויינער פלעגט נעהמען אויסלעגען זיינע וויסענ־
שאַפטען איז ער טאַקי געווען אינטערעסאַנט און אַנציהענד
אָהן נייע קראַוואַטען און קראַגענס. אַט האָט ער למשל געבראכט
די נייעסטע סטייל וויסענשאַפט וועגען ליעבע.

— און וואָס מיינט איהר איז ליעבע אין גאַנצען, ווען מען
נעהמט עס וויסענשאַפטליך ? — האָט ער א פרעג געטהאָן
אין קרייז פון עטליכע בחורים און א פּאָר מיידלעך, איינע א ברו־
נעטע און די צווייטע א בלאָנדינע. — וויסענשאַפטליך גענומען
איז עס בלויז דער „טריב“ אויפצוהאַלטען דעם מענשליכען מין.

— פאר וואָס־זשע ווילען מיר דוקא שעהנע און געראַ־
טענע ? — האָט איינער פון די בחורים געפרעגט בתמימות.

איז הערדי געבליבען אָהן אן ענטפער, אבער ער האָט נאָכ־
דעם דורכגעשטודירט א נייע וויסענשאַפט און דאָס צווייטע
מאָל האָט ער שוין געהאַט דעם ענטפער גרייט אין טאַש.

— מיר ווילען דוקא שעהנע און געראָטענע, ווייל די נאַ־טור פערלאַנגט פון אונז, אז דער מענשליכער מין זאָל זיין וואָס שעהנער און פאָלקאָמענער.

אָבער מעהר פון אַלץ האָט ער געגלויבט אין דער וויסענ־שאַפט, אז יעדער מאַן זוכט דוקא אַזא פרוי וואָס איז דער גע־גענזאַץ פון איהם. אויב למשל ער איז א ברונעט, מוז ער ליע־בען א מיידעל וואָס איז בלאָנד.

די בלאָנדע מיידעל, וואָס האָט די דאָזיגע וויסענשאַפט אויסגעהערט, האָט זיך געדרויטעלט און האָט געענטפערט:

— דאָס איז טאַקי אמת — מיך ציהט אַלע מאָל צו ברונע־טע יונגע לייט.

— דאָס איז נישט קיין וואונדער! — האָט הערדי ווי א זיעגער אויסגעשטעלט זיינע שווארצע אויגען אויף איהר בלאָנ־דען קאָפּ האָר. — דאָס הייסט אין דער וויסענשאַפט: „די דער־פילונג“, דאָס הייסט, דער ברונעט פילט אויס אין אייך דאָס, וואָס אין אייך איז ניטאָ.

איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל און א דאַנק דער טעאָרי האָט דאָס בלאָנדע מיידעל, וואָס האָט געהייסען בעלאַ, זיך פערליעבט אין דעם ברונעט הערדי וויינער.

און הערדי וויינער איז ניט געווען איבערראַשט פון דער דאָ־זיגער ליעבע. וויסענשאַפטליך איז עס זעהר נאַטירליך. איהר, דער בלאָנדער פרוי, ציהט צו איהם, צום ברונעטען מאַן.

דערפאַר פלעגט ער ניט ארויסווייזען קיין שום שפּור פון אייפערזוכט, ווען די בלאָנדע בעלאַ זיינע פלעגט אמאָל שמייכ־לען צו דעם בלאָנדען פריינד זיינעם, בערמאַן. אמת, בערמאַן איז געווען טאַקי א שעהנער יונגער מאַן, אבער ווי באַלד ער איז בלאָנד און בעלאַ איז בלאָנד, קען ביי זיי קיין ערנסטעס ניט פאָרקומען, אויסער פריינדשאַפט ווי צווישען מאַן און מאַן אָדער פרוי און פרוי. צוויי בלאָנדע איז פּונקט ווי איין מאַן, מעג עס זיין בחור און מיידעל.

און ווען וויינערס פערעהרער (אלס וויסענשאפטסמאן האט ער נעהאט פערעהרער) פלעגען אמאל איהם אויפמערקזאם מא־כען:

— דיין בעלא איז עפּעס צו פיעל מחותנת'טע מיט בער־מאן.

— מיט דעם בלאָנדען בערמאן? — פלעגט וויינער שמייכ־לען.

— יאָ, מיט דעם בלאָנדען...

— זענט איהר אומזיסט חושד... — פלעגט וויינער נאָך טיעפזיניגער שמייכלען, — איך האָב אייך שוין איינמאָל גע־זאָגט, אז וויסענשאפטליך קענען זיי איינע צו די אנדערע קיין שטארקען געפיהל ניט האָבען, ווייל ער איז בלאָנד און זי איז בלאָנד!

און אזוי ווי וויינער האָט על פי וויסענשאפט געוואוסט, אז דער מענש דארף זיך אמאָל אויך אמוזירען, פלעגט ער אָפט מיט זיין בעלא'ן געהן אויף א באָל. אויף די בעלער זיינען גע־ווען פערשיעדענע יונגע לייט. וויסענשאפטליך האָט ער גע־וואוסט איז די פרוי פּאָליגאמיש, און דערפאר פלעגט ער בע־לא'ן אָבהיטען נאָר פון ברונעטע יונגע לייט, אבער קוים איז ארומגעגאנגען ארום בעלא'ן א בלאָנדין, איז ער געווען רוהיג, פונקט ווי זי וואָלט פערבראכט מיט א מיידעל.

אזוי האָט זיך עס געצויגען א יאָהר צייט.

ביז א פריינד זיינער האָט איהם אבגערופען אמאָל אין א זייט און איהם אריינגע'סוד'עט:

— איהר זאָלט וויסען, וויינער, אז בעלא איז גאנץ ערענסט פערליעבט אין בערמאנ'ען.

— איהר זענט א נאָר, — האָט וויינער וויסענשאפטליך געשמייכעלט, — ער קען, אויסער א פריינד, קיין אינטערעס פאָר איהר ניט האָבען. איהר זענט ניט גענוג וויסענשאפטליך

עס צו פערשטעהן. א בלאָנדע מיידעל ווי בעלא קען ליעבען בלויז אזא ווי איך — א ברונעט!

ביז וואנען עס איז אריבער א צייט, ווען וויינער האט זיך געכאפט, אז בעלא איז באמת צו בערמאנ'ען נישט גלייכגילטיג. עפּעס זעהט ער זיי צוזאמען צו אָפט און צו איהם, וויינער'ן, אז זי קומט יא, זיצט זי ווי אויף שפּילקעס און איהר גאנצער גע־שפּרעך איז וועגען בערמאנ'ען.

האט איהם נישט געארט אזוי זיין ליעבע צו בעלא'ן, ווי דאָס, וואָס די טעאָריע וועגען דער פערשידענהייט פון די מינים ווערט אזוי פערלעצט און פערשוועכט. און איינמאל האט ער זיך אנגענומען מיט מוט און זיך געווענדעט צו בעלא'ן:

— איז דאָס מעגליך, אז דו, אן עכטע בלאָנדינע, זאָלסט היינגעריסען ווערען מיט איינעם פון דיין מין, אויף א בלאָנ־דין?...

— איך דאכט זיך נאָר, — האט בעלא געשמייכעלט.

— וואָס דאכט זיך מיר, — האט וויינער זיך אנגעכאַפּט מיט פרייד.

— איך דאכט זיך, אז... — און זי האט זיך אָבגעהאקט.

— אז וואָס?

— אז איך בין א בלאָנדע... — האט בעלא נאָך פערדעכ־טיגער געשמייכעלט.

— וואָס דען ביזטו — א שווארצע? דיינע האָר זיינען דאָך עכט בלאָנד...

— יא... געווים... בלאָנד... איך האָב זעהר ליעב בלאָנד... שטענדיג האט מיך געצויגען צו בלאָנד און דערפאר האָב איך מיינע האָר אָבגעפארבט....

— הייסט עס, ביזט אליין גאָר א ברונעטע! — איז וויי־נער מיט פרייד אויפגעשפּרונגען.

און ערשט איצט האָט ער פערשטאַנען דעם סוד, פאַרוואָס איהר האָט אזוי געצויגען צו בערמאַנ׳ען — הייסט עס, אז די וויסענשאַפט האָט געוויענט.

דער אויטאמאביל.

אז א מענש מוז זיך מיט עפּעס אויסצייכענען, אויב ער וויל פערנעהמען א פּלאַץ אין לעבען און אין דער געזעלאפט — דאָס האָט דאַבקין געוואוסט נאָך זייענדיג אין ניו יאָרק. מיט וואָס אבער צייכענט מען זיך אוים?

פון וואוקס איז ער מיטעלמעסיג, אויגען האָט ער ווי אלע אידישע בחורים — שווארצע, און ביים טרייד איז ער א קלאָוק־מאכער, ווי אלע קלאָוקמאכערס. איז א סטרייק — סטרייקט ער מיט אלע, איז סלעק — הונגערט ער גלייך מיט אלע, און איז סיזאָן — שפּאָרט ער אָב א פּאָר דאָלאר און עסט זיי אויף אין געגנעהטע טאַשען אנשטאָט איינגענעהטע אינוועניג און מיינט סלעק — אויך ווי אלע. קויפט ער אמאָל אן אנצוג מיט ארויפ־אז דערמיט וועט ער זיך אויסצייכענען — כאפּט ער זיך, אז דעם דאָזיגען מין „סוט" טראָגען שוין אלע און ער איז ניט דער איינציגער... קומט זומער די צייט פון די שטרויענע העטס און דאַבקין קויפט זיך א פּאַנאַמא און מיינט, אז דערמיט וועט ער זיך אויסצייכענען — ווייזט זיך ארוים, אז פּאַנאמא העטס טראָגט שוין יעדערער. קויפט ער א געוועהנליכע שטרוי־העט. טראָגט עס אודאי יעדערער — מיט איין וואָרט: עס איז שווער היינטיגע צייטען מיט עפּעס זיך אויסצוצייכענען!

האָט ער זיך פערשריבען אין א קלאָב פון „ליטעראטור, קונסט און דראמא" און געהאָפט, אז ער וועט דאָרט ווערען אַ דעקלאַמאַטאָר און פארלעזען אויף פערשיעדענע אונטערנעהמונ־גען, — האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האָט ניט קיין „דיקציע", און אָהן דיקציע קאָן מען ניט דעקלאמירען.

האט ער זיך גענומען לערנען שפּיעלען פּיעדעל; אפשר וועט איהם די פּיעדעל ארויפטראָגען אין דער הויך, — האט ער זיך אויסגעלערענט א פּאר לייכטע סאָנגס אויסשפּיעלען און ווייטער איז עס ניט געגאנגען.

איז ער געוואָרען בייז אויף ניו יאָרק און איז אוועקגעפאָהרען אין א קלענערע שטאדט. דאָרט, האט ער געהאָפט, זיינען מענשען וועניגער און אפשר צווישען א קלענערע צאָהל מענשען וועט ער זיך לייכטער מיט וואָס עס איז קאָנען אויסצייכענען.

אין דער קאָונטרי האט ער זיך גלייך בעקענט מיט די העכערע קרייזען, מיט די מאכער און פיהרער פון די אלערליי פערבאנדען און פּארטייען. געהאָפט האט ער, אז אין דער קאָונטרי, וואו פעהיגע מענשען זיינען וועניג, וועט ער קאָנען זיך דערדיענען צו א וועלכען עס איז ראנג. אבער אויך דאָ אין קאָונטרי האט איהם ניט געגלאָטען, — אלע עמטער זיינען שוין געווען פערכאפּט!

האט ער אויפגעגעבען אלע האָפנונגען ווען עס איז ארויפצושווימען אויף דעם געזעלשאַפטליכען ים און האט אנגעהויבען לעבען רוהיג, ווי דער גרעסטער טייל פון דער מענשהייט, אויסזוכענדיג עפּעס א שטיקעל בעשעפטיגונג.

און גראָד דעמאָלט איז איהם געקומען א געדאנק אין קאָפּ. ווי אזוי צו פערנעהמען א פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

פאר די עטליכע הונדערט דאָלאר, וואָס ער האט אָבגעשפּאָרט וועט ער קויפען אן אויטאָמאָביל.

און איידער ער האט נאָך דעם אויטאָמאָביל געקויפט, האט ער שוין בעמערקט, ווי יעדער, וועמען ער האט זיין פּלאן פערטרויט, האט אויף איהם אנגעהויבען צו קוקען מיט אכטונג.

— איז ווען, מר. דאָבקין, קויפט איהר איהם, דעם אויטאָמאָביל?

— איך לערן מיך צוערשט איהם פיהרען... — האט ער געמאלדען.

— איז ווי געהט עס?...

— עס געהט גרויסארטיג, — איך האב גרויס פעהיגקייט...

און ענדליך איז דער אויטאמאביל געקויפט געווארען. אבגעצאהלט פאר איהם די סומע, וואס ער האט פערמאגט און בלייבענדיג אהן איין פעני, האט דאבקין זיך גענומען מעהרער צו ארבייטען. א דאנק דעם אויטאמאביל איז זיין הוצאה פערגרעסערט געווארען. אן אויטאמאביל פאדערט א דירה להבדיל ווי א מענש און ער האט געמוזט צאהלען פאר איהם דירה־געלד. נאכדעם האט ער זיך געכאפט, אז מען קען איהם גנבה'נען, האט ער איהר פערסטראכירט פאר גנבה, שפעטער האט ער איהם פערסטראכירט אין פאל טאמער פאהרט ער איבער א מענשען און עס וועט אויסקומען צו בעצאהלען פאר א לעבען, זאל צאהלען די קאמפאניע... נאכדעם האט ער איהם פערסטראכירט אין פאל ער צוברעכט זיך ביי אן אינצידענט און נאך שפעטער אין פאל זיין אויטאמאביל צוברעכט אן אנדערען...

ביז וואנען פאר איהם, דאבקינ'ען אליין איז גאר ניט געבליבען...

פלעגט איהם מאנכעסמאל אויסקומען צו פאהרען א הונגעריגער אויפ'ן אויטאמאביל...

אבער לאנג הונגערען ווען מען האט אן אויטאמאביל קומט ניט אויס: ער זעצט זיך אוועק אויפ'ן אויטאמאביל סאפערטיים און פאהרט צו צו א בעקאנטענס הויז. אבשטעלענדיג זיך ביים הויז, מערקט ער ווי אלע קוקען ארויס פון די פענסטער. אין הויז דארט ווערט א גערודער: דאבקין איז געקומען מיט'ן אויטאמאביל! און אום דעם איינדרוק צו פערשטארקען, פארעט ער זיך אביסעל ביי דעם מאטאר, דרעהט אב די גומענע ראד

און פערדרעהט צוריק, פערבייגעהער שטעלען זיך אב און קוקען און דאַבקין האָט פאר זיך דעמאָלט גרוים דרך־ארץ. — ענדליך זיך ארויפגעארבייט !...

נאטירליך קומט ער אריין אין הויז „צופעליג" צו סאַ־פער... ער ווערט אייננעלאדען צום טיש און דערפאר גיט ער נאָכ'ן סאפער א רייד דעם יונגען ווייבעל מיט'ן קינד...

קיין געלט, ווי געזאָגט, פערמאָגט ער קיינמאָל ניט קיין פעני, אבער צו וואָס דארף ער געלט? זייט ער האָט דעם אוי־טאָמאָביל זיינען פאר איהם אָפען אלע טהירען. ער איז א מעמ־בער אין קלוב פון אויטאָמאָבילען - אייגענטימער און אויך דארט כאפט ער א סאפער, וואָס עס „טריט" איהם א רייכע־רער אמעריקאנער.

קומט ער אין אבענד א היים און כאפט זיך, אז ער האָט ניט קיין מעטש אָנצוצינדען די געז און קיין פעני אויף א פע־קעל מעטשעס קויפען האָט ער ניט, געהט ער ארויס צוריק אויף דרויסען, דרעהט אָן די מאשין, רודערט מיט גדלות, לאָזט ארויס דאמפ, קנאלט ווי מיט באָמבען און זעצט זיך אוועק ביים מאָ־טאָר און יאָגט פייל אויסען בויגען.

מענשען בעוואונדערען זיין שנעל פליהען. דער פאָליסמאן ווארענט איהם מיט'ן קלאָב פון ווייטען, אז ער וועט איהם אוועק־פיהרען אין סטיישאָן, אבער דאַבקין הערט די ווערט ניט.

דאָס יאָגט ער צו א בעקאנטער פאמיליע נעהמען א פאָאר מעטשעס אָנצוצינדען די געז און אפשר וועט ער שוין באַרגען א דיים אויף מאָרגענדיגען ברעקפעסט...

און ער פליהט אויפ'ן אויטאָמאָביל פייל אויסען בויגען...

דער נייער לעזער.

א גרופּע יונגע לייט, צווישען וועלכע איינינגע זיינען געוועזן ליטעראריש אנגעהויכט און די איבעריגע אויך ניט פרעמד פון דעם וואס מען רופט „שווארצע פינטעלעך“, זיינען געזעסען אין א קאפע און געפיהרט א געשפּרעך וועגען דער ווירקונג פון ליטעראטור אויפ'ן לעבען.

ווען דער שמועס האט שוין אנגעהאלטען אין רעכטען ברען, האט איינער פון דער גרופּע, א הויכער ברונעטער יונ־גער מאן מיט פּער'חלומ'טע, אבער קלוגע אויגען א מאך געטהאן מיט דער האנד, א שמייכעל געטהאן, ווי ער וואלט זיך אן עפּיס קאמישעס דערמאהנט, ערנסט געווארען, ווי ער וואלט שטארק נאכגעדענקט פון אן אלטער, וויכטיגער פּאסירונג, ווידער א שמייכעל געטהאן און געבעטען דאס ווארט.

אלע האבען דערפיהלט, אז דער דאזיגער יונגער מאן האט עפּעס צו דערצעהלען און זיי זיינען אלע אויפמערקזאם געווא־רען. ער האט אנגעהויבען:

„איהר אמפּערט זיך וועגען ביכער... וועגען לעזען, וועגען לעזער... די פראגע האט מיך אלע מאל אינטערעסירט. האט דאס בוך ווירקליך אן איינפלוס אויפ'ן לעבען? אז איך זיץ אמאל אין דער שטאדטישער לייבּרערי, וואו מיליאנען ביכער ליגען אין די אלמערס, ווערט מיר מאדנע אומעטיג. מיר דאכט זיך, אז ווען די אלע ביכער וואלטען באמת געווירקט און איינ־פלוס געהאט, וואלט די וועלט משוגע געווארען... שטעלט זיך פאר, אז די אלע מתים וואס ליגען בעגראבען אויף די בית־עולם'ס זאלען אויפשטעהן תחית המתים און זיך אלע ארויסלא־זען פון די קברים און יעדער מת פון יעדען דור וואלט גענומען

רעדען זיין שפּראַך און געגומען פאַדערען דאָס לעבען לויט זיינע אנשויאונגען, מען וואָלט געמוזט בויען דול הייזער... שטעלט זיך פאַר וויפיעל דולהייזער... עס וואָלטען נישט גע־קלעקט קיין פילאַנטראָפּען, וועלכע האָבען אזוי ליעב צו פער־זאָרגען די מענשהייט מיט די דאָזיגע וויכטיגע געביידען...
אבער איך געה אראָפּ פון ענין... איך בין נאָר אויסען צו זאָ־גען, אז ביכער זיינען אין גרונד גענומען די לאַנגווייליגסטע זאַך אין דער וועלט, און דער עיקר — מיר האָבען טיעף אין הארצען זיי נישט ליעב... אזוי ווי מיר האָבען נישט ליעב אין א געזעל־שאַפט פון יונגע בחורים און מיידלעך, אז עס כאַפּט זיך אריין א פרעדיגער און הויבט אונז אָן צו דערצעהלען וועגען יענער וועלט...

„אבער אין מיין זכרון איז מיר געבליעבען א זונדערבאַ־רער לעזער.

ענטשולדיגט, וואָס איך דערצעהל אייך אזוי אין אָן אָב־געריסענער פאָרם. די פראַגע אינטערעסירט מיך זעהר. פון מיינע פריהערדיגע בעמערקונגען מוזט איהר אודאי מיינען, אז איך בין א האסער פון ביכער... האָט איהר ווידער א טעות. איך האָב בלויז מורא פאַר זיי, מיט זיי איז מיר אומעטיג, אבער איך וועל דאָך נישט וואגען צו זאָגען, אז די וועלט זאָל זיך בעגעהן אָהן ביכער.

„אלזאָ צוריק צו דעם לעזער.

„איין לעזער האָב איך קענען געלערענט נישט לאַנג אין ניו יאָרק אין א קאַר, וואָס איז געגאַנגען פון דאַון טאַון אין די בראָנקס — א לאַנגע רייזע. מיר איז געווען שטאַרק לאַנגווייליג. אבער מיין צייטונג האָב איך שוין געהאַט דורכגעלעזען אין די ערשטע פיער סטאַנציעס. איך לעז זעהר שנעל. נאַטירליך, ווען איך זאָל לעזען די אַרטיקלען מיט'ן ראָמאַן, וואָלט מיר גע־קלעקט לעזע שטאָף נאָך אויף עטליכע סטאַנציעס, אבער די דאָזיגע זאַכען לעז איך ניט. איך בין צופיעל געשמאַקס־מענש!

האָב איך מיר געקוקט אויף מיין שכן, וואָס איז געזעסען געגענ־איבער מיר און האָט געלעזען א ביכעל. נישט קיין געבונדענעם ביכעל. געלעזען האָט ער זעהר רוהיג, דאָס ערשטע זייטעל, נאָכ־דעם דאָס צווייטע און דאָ האָב איך בעמערקט, ווי דאָס ערשטע זייטעל ליגט נעבען זיינע פיס אויף דר'ערד. איך האָב מיך אויפ־געשטעלט, איינגעבויגען און אויפגעהויבען דאָס בלעטעל און איהם דערלאנגט.

„ער האָט א שמייכעל געטהאָן און בעדאנקט און האָט דאָס בלעטעל צוריק אראָבגעלאָזט אויף דר'ערד.

„די זאך איז מיר קשה געוואָרען. אבער איך האָב קיינע בעמערקונגען נישט געמאכט, האָב בלויז געקוקט דאָ אויף מיין שכנ'דיגען לעזער, דאָ אויפ'ן בלעטעל, וואָס איז געלעגען נעבען זיינע פיס...

„דערווייל איז פון דעם לעזער שוין א צווייט בלעטעל פ ע ר ש ל ו נ ג ע ן געוואָרען אינוועניג; דאָס האָב איך בע־מערקט לויט זיין אויסדרוק פון געזיכט. עס איז קענטיג גע־ווען אן אינטערעסאנט בלעטל, ווייל די אויגען זיינע האָבען געפינקעלט פייערליך. אבער באלד האָב איך געזעהן, ווי דאָס צוויי בלעטעל ליגט ביי זיינע פיס.

„אזוי איז געווען מיט'ן דריטען און מיט'ן פיערטען בלע־טעל פון מיין לעזער.

„האָב איך דאָ צו טהאָן מיט א משוגענעם? איך האָב אָנ־געהויבען אביסעל מורא צו קריגען. אזא זאָנדערבארען לעזער האָב איך נאך נישט געזעהן. נישט ער פערליערט די בלעטלעך, נאָר ער רייסט זיי אליין אָפּ! מיין גאָט! עס איז דאך שטארק טשיקאַווע. און דאָ אין וואגאָן זיינען ווענעג מענשען. עס איז געווען אין מיטען טאָג, ווען ניו יאָרק איז ביזי אין די שאָפּס, פעקטאָריעס, און רעדאקציעס. און וואָס א סטיישאָן ווייטער ווערט דער וואגאָן לעדיגער. טאָמער איז ער ווירקליך א משוגע־נער וועט ניט זיין צו ווענדען זיך צו ווענדען נאך הילף...

„און אזוי זיצענדיג האלב אין שרעק, האלב אין העכס־טער ערשטוינונג, איז דאס ביכעל וואס ער האט געלעזען שוין א האלבס אין אבגעריסענע בלעטלעך געלעגען נעבען זיינע פיס ווי ווייסע בלעטער פון א בוים... מאנכע בלעטלעך האבען זיך פערשארט צו מיר... איך האב איינס אויפגעהויבען און מיט שרעק גענומען אריינדרינגען אין דעם אינהאלט. אבער דער אינהאלט איז געווען א גאנץ געוועהנליכער. עס איז געווען א פאמיליען־ראמאן, די העלדען האבען געטראגען אוניווער־סאלע נעמען, אזוי, אז עס איז מיר געווען שווער צו בעשטי־מען צי איז עס אן אריגינעל ענגלישער אדער איבערזעצטער ראמאן.

מיין נייגעריגקייט איז געוואקסען ביז דער העכסטער שטו־פע. און דא זעה איך ווי דאס ביכעל איז שוין באלד אבגעריסען געווארען ביז דאס לעצטע בלעטעל, דאס הייסט, ער האלט שוין ביים ענדיגען. אין האנד האלט ער נאך צוויי דריי בלעטלעך, און אט לעזט ער שוין דאס לעצטע בלעטעל. די איבעריגע לי־גען אלע נעבען איהם אונטער די פיס, אויף מאנכע בלעטלעך טרעט ער זאגאר נאכלעסיג אן...

„אט איז שוין בלויז דאס לעצטע בלעטעל אין זיין האנד. ענדליך ווארפט ער אוועק דאס לעצטע, רייבט אב די שפיץ פינגער און צוגעניצט זיך ברייט. א גאנץ נארמאלער מענש, הייסט עס!

„איך האב שוין אויף איהם גענומען רוהיגער קוקען. מיין שרעק איז אריבער. קיין משוגע'נער איז ער זיכער ניט. א משוגע־נער געניצט ניט! אבער זיין טהאט איז דאך פארט אוננאר־מאל.

„זאל איך איהם פרעגען?

„איך בין אימער א שטיקעל בישן. מיט פרעמדע מענ־שען מאך איך זעלטען בעקאנטשאפט. איך בין אמאל געפאהרען פון ניו יארק ביז סאן פראנציסקא און האב מיט קיין מענשען

ניט אויסגערעדט קיין זייטיגען ווארט, כאטש מאנכע פון די פא־סאזשירען האבען מיך שטארק אינטערעסירט.

„אבער דא האב איך גובר געווען מיין שעמעוודיגקייט און האב זיך צו איהם געווענדעט:

— וועט איהר מיר ערלויבען אייך עפעס צו פרעגען?

דער מאן האט מיך פריינדליך אנגעקוקט און געענטפערט:

— מיט פערגעניגען.

„זיין ווייכער ענטפער האט מיר נאך מעהר מוטה צוגע־געבען און איך בין גלייך צוגעשטאנען צו דער עצם פראגע:

— ווארום לעזט איהר אזוי זאנדערבאר א בוך?

— ווארום זאנדערבאר? — האט ער מיך אנגעקוקט.

— איך מיין — אט דאס אברייסען יעדעס איבערגעלע־זען בלעטעל...

— אך, דאס מיינט איהר... האט ער זיך צושמייכעלט — איך בין שוין אזוי געוואהנט צו בעהאנדלען אזוי מיינע ראמאנען, אז איך מערק גאר ניט, אז דאס איז פאר א זייטיגען מענשען אביסעל איבערראשענד, איך פערגעס מיך, ענטשול־דיגט... אבער איך טהו עס פשוט דערפאר, ווייל דאס ביכעל האט ביי מיר קיין שום ווערטה נישט... צו וואס זאל איך האלטען אין האנד אן איבעריגע משא, אבגעלעזען און פריי געווארען. עס איז דאך גרינגער אין האנד. איהר פערשטעהט? צו וואס זאל א מענש זיך שווער מאכען ווען ער קען זיך פערגרינגערען.

„און בעמערקענדיג דעם גומער פון דעם סטיישאן וואו די קאר האט זיך אבגעשטעלט, איז ער איילענדיג ארויסגעגאנגען געבענדיג זיך א פריינדליכען נויג.

„נאך זיין אוועקגאנג האב איך מיך פערטראכט. צי האב איך נישט געטראפען דעם קליגסטען לעזער אין דער וועלט? א מענש קויפט א ביליגען ביכעל, לעזען מוז ער, ווייל די קאר געהט, לויט דעם טעמפעראמענט פון דעם היינטיגען שנעלען מענשען, צו לאנגזאם. נון קויפט ער א ביכעל פאר א ניקעל, צי

פאר צעהן סענט, דאס געלד האט ביי איהם קיין ווערט. צו וואס נוצט איהם אין אמת'ן דאס אבגעלעזענע בלעטעל. צו וואס זאל ער אן איבעריגע משא האלטען אין האנד. ער וויל זיך פון דאס אבגעלעזענע בלעטעל גלייך בעפרייען...

„און מיר — מיינע פריינד — האט דער יונגער מאן מיט א בעלעהרענדען שמייכעל געענדיגט — מיר ווילען גאנצע ביבליאטעקען טראגען אויף זיך און אין זיך... איז דאס נישט אביסעל צו שווער?“...

די צוהערער האבען זיך איבערגעקוקט און ניט געקענט געפינען גלייך קיין ווארט אבצושלאגען דעם דערצעהלער. עס איז אבער געווען קענטיג, אז זיי זיינען שטארק נישט צופריע־דען...

ער האָט געלאַכט.

דער שטילסטער פון אַלע די, וואָס פלעגען בעזוכען די קליינע קאַפע אויף דער איסט־סייד, איז געווען מר. בערקמאַן. ניט קוקענדיג, וואָס אין קאַפע־הויז איז געווען ניט איבריג געראַם און יעדער טישעל פלעגט זיין בעזעצט פון עטליכע פאַרשוינען, האָט בערקמאַן זיך שטענדיג „געקליגט" צו געפינען א טישעל פאַר זיך אַליין, טאָמער פלעגט אַזא טישעל פאַרט ניט זיין, פלעגט ער זיך צוזעצען נעבען „באָס" פון קאַפע־הויז, ווען עס איז געווען אין סאַמע ווינקעל. מיט'ן באָס איז ער ניט געווען מחויב צו רעדען, בפרט, אז דער באָס איז אַליין ניט געווען קיין שטאַרק־רעדעוודיגער. עסען פלעגט מען בערקמאַנ'ען זעלטען ווען זעהן, דאָס רוב פלעגט ער טרינקען א „שווארצע" — אַזוי האָט געהייסען פערקירצט קאַפע אָהן מילך. אז מען האָט איהם איינמאָל, ווען ער איז געווען אין א עטוואָס רעדעוודיגער שטימונג, געפרעגט:

— וואָס טרינקט איהר, מר. בערקמאַן, שטענדיג שווארצע קאַווע?

פלעגט ער מיט א טרוקענע אויסדרוק אויפ'ן פנים ענטפערען:

— ערשטענס האָב איך ליעב דעם קאָליר, און צווייטענס רודערט עס מיך א ביסעל אויף.

אָבער גיכער איז געווען ריכטיגער דאָס ערשטע, אז ער האָט ליעב דעם קאָליער, ווייל וואָס אַנבעטרעפט דאָס אויפרודערן, איז געווען איבערגעטריבען: נאָך דער „שווארצער" וואָס ער פלעגט אויסטרינקען פלעגט ער בלייבען זיצען אַזוי שטיל און פערטיעפט, ווי בעפאָר. זעלטען ווען ער פלעגט ענטפערען

איינעם, וואָס פלעגט פערבייגעהן זיין טישעל, אויפ'ן „העלאָו בערקמאַן“, מיט א שטילען „אַלרייט“. דאָס רוב פלעגט ער יוצא זיין אויף א בעגריסונג ענטפערן מיט א דריק מיט'ן פלייצע, וואָס דאָס האָט געזאָלט בעדייטען: „ווייס איך וואָס—אַט גאָרנישט“...

עס פלעגט אָבער פּאַסירען, אז ער האָט זיך אמאָל געוואָלט גאָר שטאַרק אויפרודערען, דאַן פלעגט ער אויסטרינקען צוויי שוואַרצע. נאָך דער צווייטער „שוואַרצער“ פלעגט ער ארויס־נעהמען פון קעשענע דאָס טיכעל, זיך אָבווישען דעם שוויים און האָט ווי עפּעס געמורמעלט און דערביי געפּויקט מיט די צוויי מיטעלסטע פינגער פון דער רעכטער האַנד אויפ'ן טיש. דאָס האָט געהייסען, אז ער איז שטאַרק אויפגערודערט, אז זיינע נערוועז האָבען זיך צושפּיעלט און אויב מען פלעגט איהם דאַן, פערבייגעהענדיג זיין טישעל, בעגריסען, פלעגט ער שוין ענטפערען ברייטער:

— עט, גאָר נישט... מען וועט מוזען שטאַרבען!

דאָס איז געווען דער איינציגער וויץ, וואָס ער פלעגט נו־צען אין דעם קאַפע־הויז. און ווי באַלד ער פלעגט דעם דאָזי־גען וויץ אָבזאָגען, פלעגט ער זיך פיהלען אין א געהויבענער שטימונג און שוין אויסרעדען נאָך עטליכע ווערטער.

אָבער נאָך אַזאַ געהויבענער שטימונג, פלעגט באַלד אָנ־קומען א רעאַקציע. זיין שטימונג פלעגט פאַלען צוריק. ער פלעגט ניט נאָר אויפהערען מורמלען און פּויקען מיט די פינגער נאָר זיין געזיכט פלעגט נאָך אָננעהמען אן ערנסטערן און טרו־קענערען אויסזעהן, ווי בעפאָר, איידער ער האָט געטרונקען די צוויי „שוואַרצע“. דעם קעלנער פלעגט ער דאַן צורופען מיט א וואונק, שטילערהייט בעצאָהלען און ארויסגעהן פון קאַפע צו־ריק אין אַפּיס, וואו ער האָט געאַרבייט שוין זייט יאָהרען.

איינמאָל איז בערקמאַן אריין אין קאַפע־הויז און אנשטאָט אויסצוגעפינען א לעדיגע טישעל און זיצען אליין ביי א גלאָז

שווארצע, האט ער גראד זיך אנידערגעזעצט נעבען אן ענג־בעזעצטען טישעל און אז דער קעלנער האט איהם געבראכט, ניט געפרעגטערהייד די גלאז שווארצע, האט ער איהם אנגע־קוקט מיט פערוואונדערונג און געפרעגט:

— פון וואנען ווייסט איהר, אז איך וויל שווארצע.

— איהר טרינקט דאך אלע מאל שווארצע... האט דער קעלנער ווי פערשולדיגט געענטפערט.

— איך מעג דאך אבער אמאל ענדערן מיין ארט לעבען און טרינקען א ווייסע קאווע — האט בערקמאן ווי געבעטען ערלויבניש.

דער קעלנער האט געשמייכעלט פערווירט און געענט־פערט:

— געוויס... פאר אייער ניקעל...

אז דער קעלנער האט איהם געבראכט די גלאז ווייסע קאווע, האט בערקמאן זי אויפגעהויבען אין דער הויך, אוועק־געשטעלט זי צוריק, בעטראכט און געזאגט צופריעדען.

— עס זעהט אויס זעהר שעהן...

און אבטרינקענדיג די ערשטע צוויי שלוקען, האט ער אנגעקוקט די זיצענדיגע ביים טישעל און צו איינעם, וועלכען ער האט געקענט שוין זייט יאהרען, זיך אנגערופען:

— איהר ווייסט, מר. ניומאן, וואס מיט מיר האט היינט פאסירט?

אלע ביים טישעל האבען זיך אנגעשטרענגט און זיינען געווארען אויפמערקזאם, מר. ניומאן אליין האט געשמייכעלט און איבערגעפרעגט:

— וואס, אינטערעסאנט...

— זעהר אינטערעסאנט... האט בערקמאן, ווי צורודערט געדערט... אלענפאלס פאר מיר... איהר ווייסט...

— ווירקליך.. איז ניומאן נייגעריג געווארען, וואס האט

געקענט מיט דעם שטילען, רוהיגען און פינקטליכען בערג־מאנ'ען פאסירען.

— איהר וועט אבער ניט גלויבען... האט בערקמאן ווידער אנגעהויבען צו דערצעהלען די פאסירונג און ניט געקענט צו־קומען צו איהר...

ער האט נאך א שלוק געטהאן פון גלאז און אבגעאטעמט, ווי פערנעהמענדיג זיך א וויכטיגע זאך צו טהאן און ענדליך געזאגט:

— איהר ווייסט... איך האב היינט שרעקליך געלאכט...

— געלאכט? — האט ניומאן ניט פערשטאנען און א שמייכעל געטהאן.

— יא... איז בערקמאן אויפגעלעבט געווארען און די אויגען זיינע האבען בעקומען א מאדנעם אויסדרוק, ווי זיי וואל־טען עפעס געזעהן זאכען, וואס קיינער זעהט ניט... יא, מר. ניומאן — איך האב היינט געלאכט...

— ווירקליך?... האט ניומאן ניט געוואוסט ווי אזוי צו רעאגירען אויף בערקמאנ'ס ענטדעקונג.

— איך פערזיכער אייך — האט בערקמאן זיך שוין צו־היצט... געלאכט... און שטארק געלאכט, אויפ'ן קול... טאקע ווי מען לאכט אויף אן אמת.

— פון וואס פארט? — איז שוין ניומאן נייגעריג גע־ווארען...

— דוקא פון א קליינינקייט... די בוכקיפערין האט גע־מאכט א גרייז, א קאמישען גרייז. אבער איך האב אין מיין לע־בען שוין געזעהן גרעסערע און קאמישערע גרייזען, און האב אפילו קיין שמייכעל ניט געטהאן... און דאס מאל — איהר הערט — האב איך אזוי פיעל געלאכט...

די דערבייזיצענדיגע האבען זיך אומגעקוקט און ניומאן האט געשמייכעלט און זיך אבגערופען:

— ווירקליך, לויט אייער כאראקטער איז טאקע א וואונ־דער. אלענפאלס, האב איך קיינמאל אייך ניט געהערט לאכען...

— אט דאס איז דאך דאס!... האט זיך בערקמאן נאך מעהר צוהיצט — איהר ווייסט ווי לאנג איך האב שוין ניט גע־לאכט?

— ווי לאנג?... — איז ניומאן נייגעריג געווארען אויף אן אמת...

— שוין פינף־און־צוואנציג יאהר... איך בין דעמאלט געווען אכטצעהן יאהר, געלערנט האב איך אין דער ישיבה... האט מיך דערפאר דער ראש ישיבה גוט אויסגעזידעלט...

— האט איהר זייט דעמאלט ניט געלאכט? — האבען ביים טישעל אייניגע מיט אמאל אויסגעשריען.

— קיין איינציג מאל! — האט בערקמאן פערזיכערט. און דערפאר טאקע, ברידער מיינע, שרעקט מיך אזוי דאס הארץ דאס היינטיגע לאכען... עס איז עפעס ניט גלאט... איך האב זעהר מורא...

— רעדט ניט קיין נארישקייטען! — האט איהם ניומאן בערוהיגט....

— ניין, — האט זיך בערקמאן געהאלטען פעסט ביי זיינס און זיינע אויגען זיינען ווי מוטנער געווארען — איך פיהל, אז דאס איז ניט אומזיסט... עס איז עפעס געקומען אין מיר אן ענדערונג... איך פיהל עס...

— איך זאג אייך, אז עס איז גארנישט מיט גארנישט... האט איהם ניומאן געטרייסט — איהר וועט נאך אמאל לא־כען...

— ניין! — האט זיך בערקמאן שוין אויף אן אמת דער־שראקען — מיר איז גענוג דאס מאל! די ענדערונג וואס דאס היינטיגע לאכען האט אנגעמאכט אין מיין לעבען איז ניט צו גוטען... עפעס פיהל איך, אז מעהר האב איך ניט צו טהאן דא אויף דער וועלט... זיך אויסגעלאכט און גענוג... אזוי האב

איך אליין אויף עפּעס געוואַרט... איצט איז מיר גאַרנישט געבליבן... איך פיהל בלויז א מאָדנע פּוסטקייט...

ער האָט א שלוק געטהאָן ווי געצוואונגענערהייד פון גלאָז, נאָכדעם מיט פעראכטונג זי אבגערוקט פון זיך און האָט אראבגעלאָזט פערצווייפעלט דעם קאָפּ...

די פרעמדע.

דער הויפּט אומעט איז אין רעסטאָראן בעשטאַנען אין דעם, וואָס די געסט זיינען געווען יעדען טאָג איינע און דיזעלבע און די געשפּרעכען האָבען זיך געוויקעלט אויף צוויי־דריי פּאַסירונגען. נאָך אן אורזאכע איז געווען, וואָס דער רעסטאָראן האָט צווישען די געסט ניט פערמאָגט קיין פרויען. די איינציגע פרוי וואָס פלעגט יא דאָרט פערברענגען א געוויסען טייל פון טאָג און פון אבענד, איז אפילו געווען א זעהר סימפּאַטישע מיט גרויסע בלויע אויגען און מיט א גאָלדענעם קאָפּ האָר. לייַדער איז זי שוין געווען אזוי פערוואַנדט מיט די אלע געסט פון דעם רעסטאָראן, אז צייטענווייז פלעגט מען גאָר פערגעסען, אז זי איז א פרוי. סיי איהר בעעשפטיגונג און סיי איהר האַלטונג איז געווען מעהר אָדער ווייניגער מענליך. פלעגט אמאָל אויסקומען צו איבערדערצעהלען א שאַרפערען וויטץ פלעגט מען פון דרכי שלום וועגען אין איהר אנוועזענהייט דעם וויטץ איבערדערצעהלען כלומרשט בסוד.

זי אַבער פלעגט זיך בעמיהען אויפצוכאַפּען איהם און אויב ער איז ווירקליך שאַרף געווען פלעגט זי לאכען גלייך מיט די מענער און בעמערקען: — וואָס־זשע האָט איהר אזוי מורא געהאט? — א גאַנץ אונשולדיגער וויטץ?...

דער רעסטאָראן האָט געהאט א נאָמען ווייט ארום. אז א „בעסערער" בחור פלעגט וועלען פאַר זיין נייער מיידעל זיך אויספּיינען, פלעגט ער איהר פיהרען אויף א דינער אין דעם ראָזיגען רעסטאָראן. אבער די פרעמדע געסט האָבען ניט געלאָזען קיין שום רושם אויף די שטענדיגע. אזא פּאָרעל פלעגט זיך פיהלען דאָ ווי פערבלאָנדזשעטע. ווער רעדט, אז דאָס מיי־

דעל איז ווירקליך שעהן געווען, פלעגט זי פיהלען ווי עס שטע־כען איהר דורך די בליקען פון דעם אינגסטען ביז דעם עלטס־טען גאסט, און פלעגט זיך בעטען ביים בחור, ער זאל וואס שנע־לער בעצאהלען און בעפרייען זי פון דעם דאזיגען זעהר אינ־טערעסאנטען פלאץ.

דערפאר האט אריינגעטראגען א נייעם שטראם־לעבען, ווען דער שריפטשטעלער מיט די לאנגע האר און גרויסע, דיקע וואנ־צעס האט איינמאל אריינגעפיהרט אין דער דאזיגער קאפע זיין בעקאנטע שיקסע. דאס איז געווען א הויכע, שלאנקע בלאנ־דע אמעריקאנערין, מיט א עטוואס פרעכען, עטוואס קלוגען און עטוואס שמייכעלדיגען בליק. אריינגעגאנגען איז זי אהער דרייסט און פריי, געקוקט אלעמען אפען אין פנים אריין און אוועקזעצענדיג זיך מיט דעם שריפטשטעלער ביי א שוין־בע־זעצטען טישעל, האט זי, נאכדעם ווי זי איז פארגעשטעלט גע־ווארען, אויסגעצויגען יעדען די האנט און פריינדליך צוגעשמיי־כעלט.

דער רעסטאראן האט אבגעלעבט. ביי די ארומיגע טישען זיינען די נעשפרעכען געווארען נייער און אינטערעסאנטער. דער עלטערער גאסט, מיסטער יענקילסאן האט בעשטעלט קאפע און א סיגאר און זיך פארבערייט צו א גרויסען יום־טוב...

שפעטער איז די אויפלעבונג נאך גרעסער געווארען. די שיקסע האט גענומען א סיגארעטעל ביי איהר פריינד דעם שריפטשטעלער, האט איהם גראציעז פערדרייכערט און דרייסט ארויסגעלאזען דעם רויך פון איהר שעהנעם, עטוואס קרומלי־כען מויל.

בלויז די איינציגע פרוי פון רעסטאראן האט זיך דער־פיהלט ווי בעליידיגט. זי האט געקוקט אויף דער שיקסע מיט אייפערזוכט און זיך אנגערופען:

— דאס איז אן עכטע באהעמין!

געזוכט האָט זי ביי די פּאָר מענער אונטערשטיצונג. אבער די פּאָר מענער וואָס זיינען געזעסען נעבען איהר זיינען געווען אזוי פערכאַפּט פון דער רייצענדער שיקסע מיט׳ן סיגארע־טעל אין מויל, אז איינער האָט מיט ענטציקונג אויסגערופען: אך, ווי הערליך! און דער צווייטער האָט אבגע׳פּסק׳נט, אז עס איז ניטאָ קיין שעהנערע זאך, ווי א מיידעל וואָס רויכערט.

דאן האָט די אידישקע א זיפץ געטהאָן און זיך אנגערופען:

— אין דער היים, ביי מיר אין צימער, רויכער איך אויך אמאָל א סיגארעטעל, אבער דאָ האָב איך קיין העזה...

איהר מודה זיין זיך אבער האָט איהר מערכה ניט פּער־ריכט. איינער פון די צוויי מענער ביים טישעל האָט זי אנגע־קוקט און געזאָגט:

— איך גלויב קוים, צי איך וואָלט אזוי געפּאסט א סיגא־רעטעל, ווי דער קריסטין...

— פאר וואָס מיינט איהר אזוי? — האָט די אידישקע מיט ביטערקייט געפרעגט.

און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער האָט זי זיך געווענדעט צום צווייטען:

— גיט מיר טאקע א סיגארעטעל, איך וועל אויך פּער־רויכערן.

דער מאן האָט איהר געגעבען א סיגארעטעל. זי האָט עס בעטראַכט. נאָכדעם האָט זי זיך אומגעקוקט און רויט ווערענ־דיג, געזאָגט:

— איך שעם זיך...

— הערט איהר, אָט דאָס איז דאָך דאָס! — האָט איי־נער פון די צוויי איהר אבגעענטפערט ווי מיט חוזק — זעהט איהר ווי יענע רויכערט! זי פערברענט אלעמען מיט איהר רייץ.

דאן האָט די אידישקע גענומען דעם סיגארעטעל, צו

געטראָגען צום מויל, אָנגעצונדען א שוועבעלע און פעררוי־כערט.

אָבער ביים ערשטען ציה וואָס זי האָט געגעבען, האָט זי זיך פערקרימט, דעם שטערען פערקנייטשט און האָט אויסגע־זעהן ווי זי וואָלט געליטען פון צייהן־וועהטאָג און זי נוצט דאָס סיגארעטעל אלס א סגולה...

געגענאיבער איז געזעסען די שיקסע און האָט מיט גראציע געהאלטען דעם סיגארעטעל צווישען איהרע שעהנע, לאנגע פינגער און מיט גרויס חן איהם צוגעטראגען צום מויל און בע־צויבערט אלע געסט פון רעסטאָראנט...

פערברענגענדיג א געוויסע צייט איז די שיקסע ענדליך מיעד געוואָרען פון די נייע געשפרעכען און פון אנשטרענגונג אונטערצוהאלטען דאָס, וואָס איז איהר אזוי ווייט און פרעמד. זי האָט חנ'עוודיג גערופען איהר פריינד דעם שריפטשטע־לער.

אלע בליקען זיינען געווענדט געוואָרען צו איהר, אנ־דערע האָבען איהר געוואָלט העלפען אָנטהאָן דאָס זשאַקעטעל, כאָטש דער שריפטשטעלער און דער קעלנער האָבען עסביידע געטהאָן בשלימות.

זי האָט קאָקעטיש געשמייכעלט צו די געסט, געוואָרפען א בליק צו דעם עלטערען גאסט יענקעלסאָן, וועמענס פּנים עס האָט זיך צוגאָסען אין א זיסקייט און זי איז מיט קליינע שעהנע און שטאָלצע טריט ארויס צוזאמען מיט'ן שריפטשטעלער.

אין רעסטאָראן איז דער אומעט גרעסער געוואָרען, א לענ־גערע צייט זיינען אלע געזעסען און קיין שום געשפּרעך האָט זיך ניט געבונדען. די איינציגע אידישע פרוי איז געזעסען ביי א זייטיגען טישעל איינע אליין און געטראכט פון סיגארעטלעך, פערשוואונדענע יאָהרען און האָט ענדליך צוגערופען דעם קעל־נער, ניט וויסענדיג וואָס זי זאָל בעשטעלען...

די צוויי מוטערס.

די ערשטע בעקאנטשאפט איז פארגעקומען אויף א באל. נאכדעם האט מען זיך געטראפען אין פארק ביי דער מוזיק, איז מען שוין נעהנטער געווארען, איז מען געגאנגען צוזאמען אין א קינעמאטאגראף און אין דער האלב־דונקעלהייט געהאלטען איינע די אנדערע די הענד, און זי איהר קאפ אויף זיין אקסעל. נאך שפעטער האט מען שוין געוואגט געהן אין א רעסטאראן אויף סאפער. אין א צייט ארום האט מען זיך שוין געקושט ביים געזעגענען זיך אין האל פון איהר וואוינונג אין א טענעמענט־הויז.

ארויפגעגאנגען איינע צו די אנדערע איז מען נאך ניט. זי, לילי, געבוירען אין אמעריקא, האט דא א פאטער און מוטער. ער, וואלפסאן, געקומען אלס א יונגער באיטשיקעל, האט דא בלויז א מוטער. דער פאטער איז שוין דא געשטארבען. אבער סיי לילי'ס עלטערען, סיי וואלפסאנס מוטער, געהערען ניט צו דעם סארט, אז אזא אויפגעקלערט און ראדיקאל פארעל, ווי וואלפסאן און לילי זאלען זיך אינטערעסירען מיט זייערע מיינונגען.

אפילו שפעטער, ווען דאס פארעל האט פראנק און פריי זיך ערקלערט פאר חתן־כלה, האבען סיי לילי'ס עלטערען, סיי וואלפסאנ'ס מוטער, די אלמנה, דונקעל דערפון געוואוסט. וואלפסאנ'ס מוטער האט ערפאהרען פון דער נעקסט־דאריגער, אז איהר באי געהט אוים מיט א מיידעל אן אמעריקאנערין, האט זי כאטש געוואלט וויסען, צי איז זי א אידישקע און ניט קיין איטאליענערין, ווי עס פאסירט אמאל דא אין דער דאזיגער מדינה. לילי'ס עלטערען האבען אויף דאסזעלבע ערפאהרען פון אנדערע, אז זייער טאכטער האט שוין געפאקט א באי, און דער

גוטער יאָהר ווייס איהם ווער ער איז. אבער אזוי ווי קיין גרויסע דעה האָבען זיי ביי זייער טאָכטער ניט געהאט, האָבען זיי זיך געמאכט האלב ניט וויסענדיג.

ערפאהרען האָבען לילי'ס עלטערען און וואָלפסאָנ'ס מוטער, ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען ארויסגענומען לייסענס. ערשט דעמאָלט האָט וואָלפסאָן ארויפגעפיהרט לילי'ן צו זיין מוטער און האָט איהר פאָרגעשטעלט.

— מאַמע, אָט דאָס איז מיין ווייבעלע! — האָט ער מיט א שמייכעל אָנגעוויזען אויף דער בלאָנדער לילי'ן.

די מוטער האָט זי בעטראַכט און, דערזעהענדיג איהר בליהענדען פּנים'ל מיט די גרויסע בלויע אויגען, האָט זי זיך מיט פרייד צואויינט און אויסגעזונגען תחינה'דיג:

— ווען דער טאַטע וואָלט לעבען, וואָלט ער נחת געהאט.

און נאָך א קליינעם שווייגען, וואָס איהר ווייגען האָט פערורזאכט, האָט זי זיך געווענדעט צו איהר נייער שנור:

— קענסטו באַטש אביסעל אידיש ריידען?

לילי האָט זיך פערשעמט און געענטפערט:

— נאָט וועריִ, באָט אביסעל קאָן איך...

— אביסעל איז אויך גוט — איז די אלמנה צופריעדען געבליבען מיט'ן ביסעל.

דאָס זעלבע איז געשעהן, ווען וואָלפסאָן האָט זיך געלאָזט פאָרשטעלען פון לילי'ן פאר איהרע עלטערען. דאָ איז שוין אבער געווען א פאָטער און א מוטער. ווען די מוטער, א אידענע פון דעם אלטען טיפּ, האָט ניט געוואגט פיעל צו רעדען מיט איהר איידים, האָט דערפאר דער פאָטער, אן עלטערער איד מיט א גרויער באָרד, גענומען איהם אויפ'ן פערהער:

— דו ביזט טאָקע געבוירען אין ניו יאָרק?

און ערפאהרענדיג, אז ער איז געבאָרען ערגיץ אין א ליטווישער שטעדטעל און איז דאָרט געגאנגען אין חדר, איז ער געוואָרען א סך ווייכער און האָט אין הארצען מודה געווען, אז אליין

וואַלט פאַר זיין טאַכטער קיין בעסערען חתן דאָ ניט געקראַגען.

געקומען א דירה, האָט לילי ניט געקאָנט די ערשטע צייט זיין א באַלעבאָסטע. איז געקומען דאָ איהר מאַמע, דאָ וואָלפ־סאָנ'ס מוטער די אלמנה, און ביי ביידען איז אַנגעגאַנגען א שטילער קאַמף, ביידע מאַמעס האָבען געוואָלט זיך אַרויסווייזען אַלץ ניצליכער פאַר זייערע יונגע קינדער.

וואָלפסאָנ'ס מאַמע, אלס א וואויל־געלערענטע פרוי פון דער היים, האָט איהר געלערענט כשרות. דערפאַר האָט לילי'ס מוטער, אלס רייכערע, איהר געלערענט ווי אזוי צו מאַכען פער־שיעדענע מאכלים, אין וואָס די אלמנה איז שוין ניט געווען אַזוי בעהאַווענט. האָט עס איהר שטאַרק פערדראָסען און זי האָט איהר דערפאַר אויסגעלערענט ווי אזוי צו בראָטען א הערינג אין פו־טער, פון וואָס לילי'ס מוטער, אלס רייכערע, האָט פון אזא אַרי־מען מאכל ניט געוואוסט. איז לילי'ס מוטער געוואָרען אייפער־זיכטיג אויף דעם געבראָטענעם הערינג און האָט איהר טאָכטער גענומען לערנען, ווי אזוי צו פּרעגלען סאָק. האָט וואָלפסאָנ'ס מוטער, די שוויגער, זי געלערענט ווי אזוי מען דאַרף זיין א כשר'ע אידישע טאָכטער...

אזוי איז אַנגעגאַנגען א שטילער אבער געגוג פערביסע־נער קאַמפּף צווישען די צוויי מוטערס. לילי'ס מוטער האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז די שוויגער די אלמנה קויפט זיך איין ביי איהר טאָכטער און נעהמט זי בּיסלעכווייז פון איהר אוועק, און דער אלמנה האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז וויפיעל זי טהוט ניט פאַר איהר שנור איז ווענינ, און לילי איז צו איהר צו קאַלט...

שפּעטער האָט לילי דערפיהלט, דאָס וואָס יעדע יונגע ווייב־בעל דערפיהלט א פּאָר מאָנאַט נאָך דער חתונה... האָט זיך וויע־דער אַנגעהויבען א קאַמפּף ביי די מוטערס מיט די פערשיעדע־נע סגולות, וואָס ביידע אלס געניטע געווינערינס האָבען פער־מעגט לרוב.

דערפאַר אבער, אז עס איז געקומען די צייט און לילי האָט

גענומען געהן צו קינד און עס האָט איהר אָנגעכאַפּט שווערע ווערען, איז די אלמנה ווי אויפגעלעבט געוואָרען. וועהרענד לי־לי׳ס מוטער האָט געבראַכט א נוירס מיט א דאָקטאָר, איז די שווינגער גלייך אוועקגעלאָפען אויפ׳ן בית־עולם צום מאַן.

געקומען אין א פּאָר שעה ארום פון בית־עולם מיט א גע־שוואָלען געזיכט, האָט זי דערהערט, אז דער שנור איז שוין בע־סער און באלד, באלד...

און ווירקליך האָט זיך פון לילי׳ס צימער דערהערט א גע־שריי פון א ניי־געבוירען בעשעפענישעל... דאָס האָט לילי גע־בוירען א טאָכטעריל...

— איך האָב באלד געוואוסט, האָט די אלמנה זיך געווענדט מיט א שטאָלצע מינע צו איהר מחותנת׳טע, לילי׳ס מוטער — איך האָב באלד געוואוסט, אז „ער“ וועט דאָרטען ניט שוויי־גען... איך האָב איהם אזוי פיעל געבעטען: וועלוועלע, האָב איך גע׳טענה׳ט, דיין חיים׳עלס ווייבעלע געהט שווער צו קינד, מיה זיך דאָרטען פאַר איהר. וואָס דען, ער וועט זיך דאָרט ניט מי־הען?

לילי׳ס מוטער האָט זי אָנגעקוקט ווי מיט שפּאָט: געהערט אזא מין יחוס — א מאַן אויפ׳ן בית־עולם!... מיט וואָס זי נעהמט זיך דאָס איבער! איהר מאַן זאָל בעסער לעבען מיט איהר צוזאַמען, און בכלל גלויבט זי ניט, אז טויטע קענען עפּעס העל־פען.

אָבער פון דעסטוועגען, אז די אלמנה האָט איהר געהען אויפ׳ן בית־עולם גענומען צו ערנסט און אלעמען געדולט א קאָפּ, אז נאָר זי האָט געראַטעוועט די שנור, האָט לילי׳ס מוטער פערדראָסען, וואָס יענע נעהמט זיך איבער און עס האָט איהר באַנג געטהאָן וואָס זי זעלבסט האָט דאָ אויפ׳ן בית־עולם ניט קיין גואל... איהרע עלטערען ליעגען ערגעץ אין יוראָפּ און איהר מאַן זאָל לעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

אז לילי איז אראָב פון קימפּעט האָט ערשט די אלמנה זיך צו איהר צוגעשאַרט.

— איך, טאָכטערקע, און דערנאָכדעם מיין מאַן דאָרטען האָב דיך אָבגעבעטען...

לילי, וועלכע איז ווי דער שטייגער פון פּיעל ראַדיקאַל־געשטימטע, נאָך דער חתונה געוואָרען אָבערגלויביש, האָט ווירקליך די זאַך גענומען ערנסט און האָט געקוקט אויף איהר, שוויגער ווי מען קוקט אויף א לעבענס רעטערין.

דאָס קינד איז געוועזן א שוואַכס און א ציטריגס, עס פלעגט זעהר אָפט קראַנק ווערען און דעמאָלט איז די שוויגער געוועזן פערטאַראַראַמט:

וועה איז מיר, דאָס קינד האָט היץ, אָט לויף איך אריבער אויפ׳ן בית־עולם, צו איהם דאָרטען.

האָט אָבער לילי׳ס מוטער ערפאַהרען פון א זעהר גוטער „שפּרעכערין" און ווי דאָס קינד פלעגט היץ בעקומען, פלעגט זי גלייך כאַפּען א טיכעל, אוועקלויפען צו דער שפּרעכערין און אָבשפּרעכען אַן עין־הרע...

די יונגע מוטער האָט כלומרשט געלאַכט, אָבער אין האַר־צען איז זי צופריעדען געוועזן.

שפּעטער פלעגען זיךביידע מוטערס בעגעגענען ביים קינד׳ס וויעגעלע.

— איך האָב איהר אָבגעשפּראָכען אַן עין־הרע! — מעל־דעט מיט גדלות לילי׳ס מוטער...

— ווייס איך וואָס, — איז מבטל די אלמנה, — איך בין צוויי שעה אָבגעלעגען אויף זיין קבר...

— איך ווייס נאָך ניט וואָס האָט געהאָלפען — מיין עין הרע אָבשפּרעכען, צי אייער בעטען אויפ׳ן בית־עולם... — גיט לילי׳ס מוטער א שטאָך.

— איהר ווייסט ניט! — צינדט זיך אָן די אלמנה, —

אוודאי האָט מיין מאַן דאַרטען מעהר „פּול“, ווי אייער שפּרעבע־רין, מסתמא א גוטע בלאַפּערקע... דאַ אין אמעריקא זיינען הפּנים דאַ רעכטע שפּרעבערקעס ?...

צינדט זיך אָן לילי'ס מוטער און רעדט שוין אויף א הוי־כען קול:

— מיר ווייסען ניט ווער אייערער איז געווען...

אָבער דאַ מישט זיך אריין דער ראַדיקאַל וואָלפּסאָהן אליין און מאַכט שלום:

— זיי זיינען ביידע גוט... אבי דאָס קינד איז געזונד...

אָבער די צוויי באָבעס קוקען זיך אָן איינע די אנדערע מיט שׂנאה און מען ווערט אויף א לענגערע צייט ברוגז...

די געשטארבענע.

פערלמאן, אן אינטעליגענטער יונגערמאן, האט קוים דער־וואַרט, אז זיין איינציג קינד, א אינגעלע, זאל ווערען אלט דריי יאהר און ער זאל קענען אויסגעפינען זיינע פעהיגקייטען. אין הויז ביי איהם האבען זיך געפונען אלערליי קלאסיקער, אבער אלס א רוסישער אינטעליגענט האט ער מעהר אכטונג אבגעגע־בען די רוסישע: פושקין, לערמאנטאוו און נעקראסאוו איז ביי איהם נים אראב פון טיש. אז דאס דריי יעהריגע קינד, מישא, פלעגט זיי נעהמען בלעטערען, פלעגט פערלמאן האבען גרויס נחת, פונקט ווי זיין טאטע האט אמאל פון איהם נחת געהאט, ווען ער, נאך אלס קינד, האט געבלעטערט אויפ׳ן טיש דעם סדור און נאכגעמאכט ווי גרויסע אידען דאווענען: א נום־נום!...

פערלמאן האט אבער מיט׳ן קינדס בלעטערען אליין זיך נים בעגנוגענט. ער האט, נים האבענדיג קיין געדולד ביז דאס קינד וועט עלטער ווערען, שוין אנגעהויבען ערציהען איהם ליטעראַ־ריש. האט איהם געוויזען אויף די ערשטע בלעטער די בילדער און מיט איהם גע׳חזר׳ט די נעמען פון די דיכטער:

— ווער איז דאס?

— פושטין! — האט דאס קינד נאך נים געקענט אויסרע־דען שארף.

— יא, מיין קינד, פושקין.

— און ווער איז דער מיט דער סאבליע ביי׳ן זייט?

— מיט דער סאבדיע ביי׳ן זייט איז דערמאנטאוו.

— לערמאנטאוו! — האט פערלמאן איהם פעררימט.

— און דער מיט דעם בערדעלע?

— דאָס איז נעטראַסאָוו...

— ריכטיג, נעקראַסאָוו! — פּלעגט זיך פּערלמאַן ענטצי־קען און צורופען די יונגע מוטער, זאָל זי, הייסט עס, אויך נחת האָבען.

— הערסט, בערטא, ער קען זיי שוין אלע...

און בערטא, א יונג חנ׳עוודיגע מוטער, פּלעגט דאָס קינד נעהמען צו זיך, גלעטען עס און בעשיטען דאָס ראָזעווע פּנים׳על מיט קושען און פּלעגט איהם בענשען:

— הלואי זאָלסטו מיר זיין א פּושקין!

אז דאָס קינד איז געוואָרען אלט פיער יאָהר, האָט שוין פּערלמאַן מיט איהם איינגעלערענט צו עטליכע סטראָפען פון יעדען פון די דריי דיכטער. פּושקינ׳ס האָט ער געקענט „פּטיטש־קא באָזשיא“, לערמאָנטאָוו׳ס — „בעליעיעט פּארוס“ און פון נעקראַסאָוו — דאָס אמת׳ע: „אָ, וואָלגא, וואָלגא“...

און ווי באלד ער האָט געהאַט זייערע ווערטער אין מייל־כעל ביי איהם, האָט דער קליינער מישא דערפיהלט א נויטווענ־דיגקייט צו וויסען ווער זיינען דאָס די דאָזיגע זונדערבארע לייט, וואָס רעדען עפּעס ניט ווי אלע מענשען, נאָר צום גראַם און אזוי ווי מיט א ניגון, און ער האָט איינמאָל, בעטראַכטענ־דיג זייערע בילדער, איינע נאָך די אנדערע, געווענדט זיך צום טאַטען, אויסשטעלענדיג זיינע אויגעלעך מיט א געבעט:

— טאַטע, וואו וואוינט פּושקין?...

— פּושקין, מיין קינד, איז שוין געשטאָרבען...

האָט זיך דאָס קינד שטארק דאָס הארץ דערפון ניט אָבגע־געסען און ווייטער געפרעגט:

— און וואו וואוינט לערמאָנטאָף?

— לערמאָנטאָף איז שוין אויך געשטאָרבען...

— לערמאָנטאָף אויך? — האָט זיך דאָס קינד שוין אבי־סעל פערוואונדערט. אבער באלד האָט ער זיך בערוהיגט און זיך נאָכגעפרעגט אויף נעקראַסאָוו׳ן.

— און וואו וואוינט נעקראסאָוו ?

— נעקראסאָוו, מיין קינד, איז שוין אויך געשטאָרבען...

דאָס קינד האָט געגעבען א פּאטש מיט די הענטעלעך און אויסגערופען פערוואונדערט :

— אלע געשטאָרבען !

און די זאך איז איהם אזוי געפעלען געוואָרען, אז ער האָט זיך צולאכט מיט א קלינגענדען געלעכטער.

דאָס האָט שוין דעם טאטען בעליידיגט און ער האָט איהם גע'מוסר'ט:

— מען טאָר ניט לאכען, מיין קינד, זיי זיינען געווען גרויסע מענשען...

— טאָ פאר וואָס זשע זיינען זיי געשטאָרבען ? — האָט דאָס קינד, שוין ערנסט ווערענדיג געפרעגט.

אָבער דערויף האָט דער געבילדעטער טאַטע קיין געניעגען ענטפער איהם נישט געקענט געבען און ער האָט עפּעס אויס־געטראכט א מאָדנעם תירוץ, אבי דעם קינד צו פערענטפערען זיין נארישע קשיא...

אָבער זייט דאן האָט שוין מישא קיינמאָל ניט נאָכגעפרעגט אויף א דיכטער. ער האָט שוין געוואוסט, אז ווי באלד אז דער טאַטע ווייזט איהם א בילד פון אזא סאָרט מאן, איז ער געוויס א געשטאָרבענער.

און ווען דער טאַטע, זייענדיג אביסעל נאציאָנאל געשטימט, האָט איהם אין א קורצער צייט ארום געוויזען דאָס באלד פון א בעקאנטען אידישען דיכטער, האָט מישא איהם בעטראכט און איז געוועזען זיכער, אז ער איז שוין לאנג, לאנג געשטאָר־בען.

אָבער מיט'ן דאָזיגען אידישען דיכטער איז פערלמאן גע־ווען פערזענליך בעקאנט. ער האָט שוין אפילו געהאט די זכיה צו באָרגען איהם עטליכע רובעל, ווען יענער איז געווען צופעליג פערענגט... דערפאר האָט ער דעם דאָזיגען דיכטער איינגעלאדען צו זיך אהיים.

— איך וועל אייך בעקענען מיט מיין מישקא, א זעלטען קינד! ער ווייס פון אייך. איך האב איהם געצייגט אייער בילד...

דער דיכטער האט זיך דערפיהלט דערהויבען וואס ער איז פאפולער אפילו ביי קינדער און ער האט דערפאר די איינלא־דונג אנגענומען.

אריינקומענדיג צו פערלמאנ'ען אין הויז, האט ער נאך דעם ווי ער איז פארגעשטעלט געווארען פאר דער יונגער מו־טער, געפרעגט אויף זיין קליינעם פערעהרערל:

— וואו איז ער, מיין צוקינפטיגער לעזער?...

די מוטער האט זיך צולאכט און געענטפערט:

— ער לאזט אייך פון מויל ניט ארויס. אייער ליעדעל, וואס מיר האבען איהם אויסגעלערענט, איז איהם זעהר געפעלען.

דער דיכטער האט געשטראהלט פאר הנאה, וואס ער האט ערפאלג ביי דעם קליינעם מישא. ער האט געפונען פאר פאסיג צו מאכען א וויץ:

— ווייזט אויס, אז דער קליינער איז א מבין...

דערווייל האט דער פאטער פון צווייטען צימער געבראכט צו פיהרען מישא'ן און זיך פארבערייט פארצושטעלען:

— דו ווייסט, מישא, ווער דאס איז?

מישא האט געקוקט אויפ'ן פרעמדען מיט פערוואונדערונג און שרעק און ניט געקענט ענטפערען.

— נו, ווער איז ער? — האט שוין די מוטער איהם גע־פארשט...

דאס קינד האט זיך אנגעשטרענגט צו דערמאנען, וואו האט ער דעם דאזיגען מאדנעם מענשען ערגעץ געזעהן...

— נו, דערמאהן זיך, מיין קינד...

— ווייז איהם דאס בילד... — האט די מוטער געראַ־טהען.

פערלמאן האט ארויסגענומען פון ביכער־שאפקע דעם דיכ־

מער׳ס בוך, אויפגעמאכט און געוויזען זיין אינגעלע.

— נו...

דאָס קינד האָט זיך איינגעקוקט אין בילד, נאָכדעם אויפ׳ן דיכטער אליין און איז אָבגעשפּרונגען מיט א געוויין.

— וואָס איז, מיין קינד? — האָט די מוטער זיך געלאָזען צו איהם.

— איך האָב מורא... — האָט דאָס קינד אויסגעכליפּעט.

— פאר וועמען?

— פאר איהם! — האָט דאָס קינד, מורא האָבענדיג אויפ־צוהויבען די אויגען, אנגעוויזען מיט׳ן הענטעלע אויפ׳ן דיכ־טער...

— נאַריש איגגעל, וואָס האָסטו מורא, ער איז זעהר א גוטער מענש...

— יא... אבער ער איז דאָך געשטאָרבען...

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?... — האָבען די עלטערן געלאַכט.

— אלע זיינען דאָך געשטאָרבען, פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו...

— אָבער ער לעבט נאָך, מיין קינד — האָט דער פאָטער און די מוטער איהם בערוהיגט.

— יא, מישא, איך לעב נאָך — האָט דער דיכטער פון זיין זייט איהם פערזיכערט, אז ער לעבט...

דאָס קינד אָבער האָט זיך געוואַקעלט: זאָל ער עס גלוי־בען?

און נאָך אלע פערזיכערונגען, אז דאָס איז א לעבעדיגער, האָט ער אלץ געקוקט מיט שרעק אויפ׳ן דיכטער, ווי מען קוקט אויף איינעם, וואָס קומט פון יענער וועלט.

דאָס קינד האָט געוואוסט נאָר איינס: אויב עס איז א דיכ־טער, איז ער געשטאָרבען...

„די עלעגיע".

..אין יענער צייט, מיינע קאָלעגען, האָבען מיר צוויי אונ־גליקען געטראָפען. עס איז ביי מיר געשטאָרבען איינער פון מיינע נאָהענטסטע און בעסטע פריינד. איך בין ארומגעגאנגען מיט א פערוויינט הארץ און האָט ניט געקענט צו קיין זאך נעהמען זיך. מיין שטימונג איז געוואָרען געדריקטער פון טאָג צו טאָג. איך האָב געהאט איין פאָדערונג: וויינען און שרייבען עלע־גיען... איז אבער דאָס צווייטע אונגליק וואָס מיר האָט אין דער זעלבער צייט פאסירט געווען א צוגאָב צום ערשטען. איך האָב גראד אין דער זעלבער צייט פערלאָרען מיין שטעלע אין דער צייטונג, וואו איך בין געווען א פאָר יאָהר א מיטארבייטער און מיט דעם געהאלט זיך ווי עס איז דורכגעלעבט צוזאמען מיט מיין קליינער פאמיליע. די צייטונג איז געווען א שטרענג ערנסטע און ווען איך פערליר ניט מיין שטעל וואָלט איך די אלע עלעגיען, וואָס איך האָב אין דער זעלבער צייט וועגען מיין פריינד געשריבען, געקענט דאָרט פערעפענטליכען און יוצא זיין; אנשטאָט אנדערע ארטיקלען: דער טויט איז פאר יענער צייטונג געווען פון די פאסענדסטע טעמען: איהר רעדאקטאָר און דאָס רוב איהרע מיטארבייטער זיינען געווען זקנים און דאָס טעמע פון טויט האָבען זיי זעהר גרינג פערשטאַנען און זאָגאר אבגע־שעצט...

אָבער ווי באלד איך האָב דאָרט די שטעל פערלאָרען האָב איך די עלעגיען געהאלטען ביי זיך אין טאַש. מיין לאגע סיי גייסטיג און סיי מאטעריעל איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג שווע־רער און שווערער, ווייל „עטנלאסען" פון דער „טויטער" צײ־

טונג בין איך געוואָרען פּלוצים, אַנהויב וואָך, און די אדמיניס־
טראַציע, וועלכע איז אויך געווען האַלב טויט, האָט אפילו ניט
געהאַלטען פאַר איהר חוב צו בעפרידיגען מיך פאַר א צוויי
וואָכען געהאַלט, ווי עס טוען מאַנכע פּרינציפּאַלען מיט זייערע
אַנגעשטעלטע אין אַנדערע, ניט ליטעראַרישע, בראַנזשעס...

אָבער אויב דאָס ערשטע אונגליק — דער טויט פון מיין
פריינד איז געווען א פּערפאַלענע זאַך, און מיינע טרערען און
עלעגיען האָבען איהם שוין ניט געקענט לעבעדיג מאַכען, איז
אָבער דערפאַר דאָס צווייטע אומגליק: דאָס פערלירען פון מיין
שטעלע געלינדערט געוואָרען אין א וואָך ארום. איך האָב נעמליך
אין א וואָך שפּעטער בעקומען א נייע שטעלע אין אן אנדער
צייטונג. אָבער צום אונגליק איז די נייע צייטונג געווען א לוי־
טער הומאָריסטישע. א חוש פאַר הומאָר האָב איך אפילו שטענ־
דיג געהאַט, אָבער אין דער דאָזיגער צייט, ווען דאָס געזיכט
פון מיין זעליגען פריינד האָט מיר געשוועבט נאָך־אַ־נאַנד פאַר
די אויגען און מיך בעגלייט פון גאַס ביז'ן בעט, פון בעט ביז'ן
גאַס — אין דער דאָזיגער צייט, מיט א האַרץ געפּאַקט מיט
שטימונגען, פּאַסענדע בלויז פאַר'ן טויט, האָב איך בשום אופן
ניט געקאָנט אנשרייבען קיין שום הומאָריסטישע צייל... עס איז
ניט געגאַנגען. עס האָט די פעדער בשום אופן ניט געקענט
ארויספיהרען קיין איין וויציגע פראַזע אויפ'ן פּאַפּיער...

און דאָ שיקט מען מיר שילוחים פון דער הומאָריסטישער
רעדאַקציע: שנעלער א וויציגען ארטיקעל איבער'ן דורכפאַל פון
דעם קאָנגרעסמען...

מיין בעסטער יונגער פריינד ליעגט און פוילט אין דר'ערד
און דאָ געה וויצעל זיך איבער'ן פאַל פון עפּיס א דעפּוטאַטעל!...
די גאַנצע מעשה ריהרט מיך אפילו ניט אָן דאָס אויבערשטע
פון הויט, בפרט דאָס אינערליכסטע פון האַרץ.

אָבער וואָס טהוט מען ניט צוליעב שפּייזען א פאַמיליע. איך
פּרוב מיך: איינמאָל — עס געהט ניט, צוויי מאָל — עס געהט

ניט! — דאָס האַרץ איז פאַרווייגט און דער קאָפּ איז פול מיט געדאַנקען וועגען טויט. אָך, דעם טויט, וואָלט איך אַזוי שעהן געקענט איצט בעזינגען, בעשרייבען, בעוויינען, בעפוצען מיט די שעהנסטע ווערטער און פראַזען!

אָבער וויצלען זיך איבער עפּעס אַ נאַרישען רעפּוטאַט, וואָס איז דורכגעפאַלען ווער ווייס צוליעב וועלכען אונבעדייטענדען צופאַל — ווי שווער!

ניין, איך קען ניט שרייבען...

שרייבען, שרייב איך יאָ — אָבער אַ נייע עלעגיע אויף מיין זעליגען פריינד... יעדעס וואָרט איז טרערען און בלוט!...

מען שיקט אַ צווייטען שליח:

— שנעלער די הומאָרעסקע!... דער רעדאַקטאָר איז אויסער זיך...

— באַלד, באַלד!... פערזיכער איך...

דער שליח נעהמט אוועק... איך פּרוב מיך ווידער עפּעס צו וויצלען וועגען אונגליקליכען רעפּוטאַט — עס גערט ניט. איך שרייב אַנשטאַט דעם אַז אַ נייע עלעגיע אויף מיין געליעבטען זעליגען פריינד...

ענדליך איז דער רעדאַקטאָר אַליין געקומען:

— נזלן! איהר קוילעט דאָך מיר אָהן אַ מעסער! האָט ער געדונערט.

איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקען, בין צומומעלט געוואָרען און האָב פאַר פערווירונג אויסגערופען:

— איך האָב שוין פערטיג!

— טאַ גיעט אַהער! איז דער רעדאַקטאָר נאָך אַלץ פון כעס ניט אָבגעגאַנגען...

איך האָב צומומעלטערהייט אַרויסגענומען פון קעשענע אַן „עלעגיע" אויף דעם טויט פון מיין פריינד און האָב גענומען פאַרלעזען:

„דיינע אויגן, וואָס האָבן מיט פֿייער געשאָסן, זיינען שוין אויסגעלאָשן"...

דער רעדאַקטאָר האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און האָט גלייך בעמערקט:

— גראָטעסקע... ווייטער...

— דיינע לאָקן, וואָס זיינען ווי גאָלד־לאָקיג געווען און האָבן געפֿינקעלט אויף דיין שעהנעם קאָפּ...

— חאַ־חאַ־חאַ! — אונאיבערטרעפֿליך! איז דער רע־דאַקטאָר אין גרעסערע התפּעלות אריין!

„און דיין האַרץ וואָס האָט געשלאָגן מיט ליעבע פֿאַר דיין פֿאָלק איז אייז־קאַלט געוואָרען"...

דער רעדאַקטאָר האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינ־האַלטען און האָט קלאַפּענדיג מיר אין די פּלייצעס און קאַמישענ־דיג זיך פֿאַר געלעכטער, גערעדט:

— אי, איהר קענט דאָך זעהר וואויל! איהר מאַכט דאָך פֿון איהם גוט חוזק — אַט דאָס האָב איך געמיינט... מען דאַר־קענט איהם דאָ ווי אַן אָבגעשונדענעם...

און אָבלעזענדיג איהם די עלעגיע איז דער רעדאַקטאָר גע־ווען פֿון ענטציקונג און בעגייסטערונג:

— אַ אויסגעצייכנטע הומאָרעסקע האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט אין מיין וויץ־בלאַט! — האָט ער מיר געדריקט די האַנד...

אז דער רעדאַקטאָר איז אַ גליקליכער מיט מיין עלעגיע אַרויס, בין איך געבליבען זיצען ווי פֿערשטיינערט. איך בין גע־ווען זיכער, אַז ער האָט פֿון מיר חוזק געמאַכט. אָבער שטעלט זיך פֿאָר, אַז די דאָזיגע עלעגיע איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין דער צייטונג האָבען די זעלביגע און נאָך גרעסערע התפּעלות אַרויסגעוויזען די לעזער. מענשען גאַנץ אונבעקאַנטע האָבען מיר געדריקט די הענד:

— אזא הומאָרעסקע האָבען מיר שוין לאנג ניט געלייענט...
דער דעפּוטאַט „לעבט“ אין איהר מיט זיין יערע ביינדעל...

אַט אזוי האָב איך מיט אן עלעגיע אויף א געשטאָרבענעם פריינד מיר קונה שם געווען אלס דער בעסטער הומאָריסט און סאַטיריקער און בין געוואָרען געקרוינט אין דער דאזיגער צייטונג אלס דער „סטאר“ פון הומאָר...

נויטיגע ווערטער.

אין עטליכע טעג ארום, אזביינוש האט זיך שוין אויסגע־רוהט ביי זיין שוואגער, וועלכער האט איהם אראבגענומען פון שיף און איז געקומען צו זיך, איז ער געווארען אביסעל שטיי־פער, ער האט דערזעהן, אז דא אין אמעריקא זיינען זיי אויך מענשען, האבען רחמנות, האלטען פון קרובה'שאפט, און בכלל איז אומעטום איין וועלט! אפילו די קארטאפעל, וואס די שווע־גערין האט לכבוד איהם שוין א פאר מאל געקאכט, זיינען אויך די זעלבע ווי אין דער היים. אז ער האט וועגען דעם אויסגע־דריקט זיין פערוואונדערונג, האט איהם דער שוואגער, וועלכער האט שוין געוואוסט די געשיכטע פון אמעריקא, ערקלערט:

— נאר איינער, קארטאפעל שטאמט דאך פון אמעריקא, אין אמעריקא האט מען עס ענטדעקט.

דאן האט ביינוש, וועלענדיג ווייזען, אז ער ווייס אויך עפעס פון זאכען, איבערגעפרעגט:

— טאקע דער אייגענער קאלאמבוס?

איינס נאר איז ביינוש'ען געווען פריקרע: די שפראך.

— אזא מין שפראך האב איך קיינמאל ניט געהערט,— האט ער זיך געקלאגט אויף ענגליש. איך האב שוין געהערט מאלאראסיש און פויליש און ליטוויש און אפילו ציגיינע־ריש און טאטעריש, נאר אזא ווילד לשון, ווי ביי אייך, איז מיר קיינמאל ניט אויסגעקומען צו הערען.

וועגען אויסלערנען זיך דאס דאזיגע ווילדע לשון האט ער גארניט גע'חלום'ט.

— דאס איז ניט פאר מיינע יאהרען און נישט פאר מיין קאפ!

נישט מעהר, אז די 16־יעהריגע בעסי, די פלימעניצע זיי־נע, וואס איז שוין צוויי יאהר אין לאנד, געהט שוין אין סקוהל און רעדט ענגליש, באלד בעסער ווי אידיש, אז זי זאל זיין א גוט מיידעל און איהם אויסלערנען די נויטיגע ווערטער, וואס א מענש מוז האבען, וואלט ער איהר פיין בעראנקט.

בעסי איז שוין א האלבע אמעריקאנערין, און ווען ניט דאס פיקאנטע בינטעל „בריעף", וואס דרוקט זיך אלע טאג אין „פארווערטס" און וואס זי לעזט עס יעדען טאג, וואלט זי שוין איננאנצען אן אמעריקאנערין געווארען, — בעסי איז א לעבעדיגע מיידעל, פון פעטער דעם „גרינהארן" חוזק'ט זי אפילו אב אונטער די אויגען, דאך אין הארצען האט זי איהם ליעב. זי געדענקט נאך איהם פון אייראפא, ווען ער פלעגט מיט זיין ווייב, דער מוהמען, קומען צו זיי אלע שבת אויף טהיי און עס פלעגט זיין אזוי פרעהליך. זיין בקשה זאגט זי איהם ניט אב. זי וויים נאר ניט וועלכע ווערטער זיינען פאר איהם נויטיג:

— לאוו איז ליעב האבען! — פאנגט זי אן די ערשטע לעקציע.

— אזוינע ווערטער ברויך איך ניט, — לאכט בינוש פון זיין נארישער פלימעניצע, — דו פערטייטש מיר ווערטער, וואס קומען צוניץ, פערשטעהסט? אט, למשל, ווי הייסט אויף ענגליש בולבע?

— פאטייטאס!

— פאטייטעס, פאטייטעס! — חזר'ט בינוש און מאכט א מינע פון א חדר־איננעל.

— אפשר ווילט איהר וויסען אויף ענגליש — די זון — סאן! — שפרינגט בעסי ארוים מיט א נייעם ווארט.

— אזא ווארט קאן שוין ניט שאדען, חאטש דארפען דארף איך נויטיגערע ווערטער: למשל, ווי הייסט אויף ענגליש שווארצער ברויט?

— בלעק־ברעד!

— בלעק־ברעד! בלעק־ברעד! — חזר'ט בינוש.

— איצטער, בעסינקע, — בעט זיך בינוש, — זאָג מיר, ווי הייסט אויף אייער לשון א ווייב.

— א ווייף.

— אזא גרינג וואָרט, פונקט כמעט ווי אידיש. א שווערע זאך און א גרינג וואָרט, מאכט ער שוין א וויצעל. אין דער־היים איז בינוש געווען א שטאַרקער וויצען־זאָגער און עס טהוט איהם הנאה, וואָס דאָ אין דער פרעמד האָט זיך איהם ווידער עס איינגעגעבען.

די שוועגערין, וואָס איז אבער דערביי געווען, האָט מיט א בייזען שמייכעל איהם געשטערט זיין צופרידענהייט:

— דאָ, בינוש, טאָר מען אויף א ווייב קיין קרום וואָרט ניט זאָגען.

בינוש'ן איז שוין דער וויץ ניט איינגענאַנגען, און ער האָט זיך פאַרגענומען, ביז ער וועט ניט קלאָר ווערען אין אמערי־קאַנער מנהגים, זאָל ער קיין וויצען ניט מאַכען.

די לעקציע איז איבערגעריסען געוואָרען, אבער מיט די פאָר ווערטער איז ער געווען צופרידען. אין אבענד האָט ער געשריבען אהיים א קאַרטעל, וואו ער האָט מודיע געווען, אז ער לערנט זיך ביי זיין פלימעניצע ענגליש רעדען און ער קען שוין כמעט אלע נויטיגע ווערטער...

זיי האָבען מורא.

עס איז געווען ארום עלף פאר מיטאג.

אין שאפ איז די ארבייט אָנגעגאנגען אין איהר פולען גאנג. די פּאָרליידי, א הויכע שלאנקע איטאליענערין מיט א נערוועזען אויסדרוק אין די שווארצע קלוגע אויגען, האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אויף א העפליכען אבער שטרענגען אופן. דער צושניידער, א מאן אין די מיטעלע יאָהרען, איז ווי אימער געשטאנען איינגעבויגען איבער א שטיק מאטעריע און עס געשניטען אויף פערשיעדענע טהיילען. דער דיזיינער האָט פערטיעפט עפּעס געצייכענט און אלע ווייל אויסגעשטעקט די צונג, ווי ער וואלט וועלען באפּען דעם אמת'ן סטייל, וואָס זאָל מאכען דעם געהעריגען „היט"... די פיער און צוואנציג ארבייטער מיידלעך זיינען געשטאנען ביי פיגורען מיט פולע מיילער מיט שפּילקעס און האָבען בעהעפט די צושניטענע חלקים פון די סחורות און זיך זעלטען אָבגעקעהרט פון דער ארבייט, סיידען ווען דרויסען, אויף דער רוישענדיגער סטריט, האָט אן אויטאָמאָביל א צו שטארקען שאָס געטהאָן מיט דעם בענזין.

אין דער דאָזיגער צייט איז אריין אין שאפ א יונגע שלאנקע מיידעל מיט בלאָהע אויגען און מיט גאָלדענע האָר, וועלכע האָבען אביסעל פרעך, אביסעל חנ'עוודיג ארויסגעקוקט פון אונטער'ן שעהנעם סטיילישען העט. זי איז צוגעגאנגען צו דער פּאָרליידי און געזאָגט:

— איך האָב געלעזען אין פּייפּער, אז איהר דארפט אן ארבייטערין.

די פּאַרליידי האָט זי אָנגעקוקט מיט אויספאַרשענדיגע בליקען און ניט בלייבענדיג צופריעדען מיט דעם צו פרעכען אנ־צוג און אויסזעהן פון דער אריינקומענדער מיידעל, האָט זי גע־ענטפערט:

— מען דאַרף יאָ. אבער...

און האָט ווידער זי אָנגעקוקט.

די אריינקומענדע האָט א שמייכעל געטהאָן און געוואַרט אויף אַן ערקלעהרונג...

די פּאַרליידי האָט זי ווידער בעטראַכט און זיך אָנגערו־פען:

— ווארום אזוי שפּעט... ארבייט זוכען קומט מען אין דער פריה, איידער די ארבייט הויבט זיך אָן.

— איך האָב מיך פערשלאָפען — האָט דאָס מיידעל נאָך פרייער געשמייכעלט און אָנגעקוקט דרייסט די פּאַרליידי און ווי מיט א בעהאַלטענער פעראַכטונג אין בליק....

— פערשלאָפען !... הם... האָט די פּאַרליידי צוריק גע־שמייכעלט, אבער מיט בייזקייט און פאַרוואורף — וואָס זייט איהר, א פּרינצעסין ? אַן ארבייטער־מיידעל טאָר ניט פערשלאָ־פען... איבעריגענס, געהט אריין אין אָפיס צום באָס...

— שוין געווען... האָט דאָס מיידעל געענטפערט און וויע־דער געשמייכעלט.

— וואָס האָט ער געזאָגט ? — האָט די פּאַרליידי זי אנ־געקוקט נאָך שטרענגער.

— ער האָט געהייסען מיר געבען ארבייט...

די פּאַרליידי האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען און אהן ווערטער אָנגעוויזען דער נייער ארבייטערין א פּלאַץ צו ארבייטען...

די איבעריגע ארבייטערינס האָבען אויף א ווײַלע אויפגע־הערט צו ארבייטען און אָנגעקוקט מיט נייגעריגקייט די נייע אָנגעקומענע. די שעהנע, בלאַסע ראָזע האָט איהר געוואָלט זאָ־

גען, אז זי זאָל מאכען איהר פּלאַץ לעבען איהר. אבער צוליעב דעם פּולען מויל מיט די שפּילקעס, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי בלויז מיט די אויגען איהר געוואונקען.

די נייע אָנגעקומענע האָט דעם וואונק פערשטאַנען און זי האָט נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטהאָן און אויפגעהאַנגען איהר מאנטעל און העט, זיך אַוועקגעשטעלט נעבען ראָזע׳ן...

די שטונדע ביז „לאַנטש" איז אריבער. דער שאַפּ־זיינער האָט אויסגעקלונגען 12.

די מיידלעך האָבען אלע ווי איינע אַוועקגעלעגט די ארבייט און זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

ראָזע איז געבליעבען מיט דער נייער.

— איהר געהט ניט עסען קיין לאַנטש? — האָט די נייע איהר גוטמוטהיג געפרעגט.

— איך האָב מיטגענומען פון צוהויז — האָט ראָזע גע־ענטפערט.

— קומט ארויס! — האָט די נייע זי איינגעלאַדען — איהר האָט דען אזוי ליעב דעם שאַפּ, אז איהר מוזט אויך דאָ עסען? קומט מיט מיר, איך וועל אייך טריטען...

—איהר מיר? — האָט זיך ראָזע ווי פערוואונדערט און דערשראָקען צוזאמען. — וואָס זייט איהר אזא גביר׳טע...

— א גביר׳טע... — האָט זיך דאָס מיידעל צולאכט — צי וואָס א גביר׳טע... איך האָב ביי זיך געלד וויפיעל איך ברויך...

— טאָ וואָס זשע געהט איהר ארבייטען?... — האָט ראָזע נאָך מעהר פערוואונדערט געפרעגט...

— ס׳איז מיר אומעטיג צו בלייבען א טאָג אליין...

— אומעטיג? — האָט ראָזע שוין ארויסגעהענדיג מיט דער מיידעל געפרעגט.

— יאָ, אומעטיג.. איך האָב מורא אליין צו בלייבען...

און איהר געזיכט האָט אָנגענומען א שרעקענדינען אויס־דרוק.

אָבער באַלד האָט זי זיך פערכאַפּט און געזאָגט:

— איך מאַך פון אייך „פּאַן“... ס׳איז מיר ניט אומעטיג און איך האָב ניט קיין מורא... איך האָב ליעב צו ארבייטען... יעדער מענש דאַרף אַרבייטען, ווי מיינט איהר?... ווי רופט מען אייך? — האָט זי פּלוצלונג געענדערט איהר טאָן.

— ראָזע — האָט די בלאַסע ארבייטערין געענטפערט.

— און מיין נאָמען איז „בייב“...

— בייב! — האָט ראָזא זיך פערוואונדערט.

— יאַ, אזוי רופען זיי מיך.

— ווער?

— מיינע פריינד... אויך מיינע שוועסטער און ברידער...

— בייב! — האָט ראָזע געלאַכט — א קינדערשער נאָמען...

— א קינדערשער — האָב בייב צוריק געלאַכט — געוויס, איך בין דאָך נאָך גאָר א קינד... איך וויים נאָך גאָר־נישט... גאָרנישט...

אריינקומענדיג אין פול־געפּאַקטען „לאַנטש רום“ האָט ראָזע מיט בייב׳ן זיך קוים דערשלאָגען צו א פּלאַץ. די קעלנערין איז צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס זיי פערלאַנגען. ראָזא האָט בעשטעלט א סענדוויטש מיט קאַפּע.

— נאַ־נאַ! — האָט זיך בייבי אָנגעבייזערט — נעהם א בעסערע זאַך... איך טריט דיר... איך גלייך דיר... נעהם א בעסערע זאַך...

די קעלנערין האָט געשמייכעלט און פערשטעהענדיג, אז זי וועט דאָ כאַפּען א „טיפּ“ האָט זי גענוי אויסגעפּאַרשט וואָס צו ברייננגען.

ראָזע האָט זיך ביים עסען געיאָגט און אַלץ צוגעטריעבען בייב׳ען.

— שוין באַלד אריבער די האַלבע שעה! גיכער.

אָבער בייב האָט געשמייכעלט.

— האָב ניט קיין מורא... ניטאָ זיך וואָס צו יאָגען... מיר וועלען נאָך נעהמען א ווײילע א וואָק...

— אָה, ניין, דער באָס וועט מיך אָבזאָגען... ער האָט ניט ליעב, אז מען פערשפּעטיגט.

— און איך האָב פאר איהם קיין מורא ניט! — האָט בייב געשמייכעלט — ערשטענס קען איך אויסקומען אָהן זיין שאָפּ...

— און צווייטענס — האָט בייב געשטאַמעלט און זיך אָבגעהאַקט.

ראָזע האָט זיך פעראינטערעסירט און געפרעגט:

— און וואָס „צווייטענס?"

— צווייטענס איז גאָר נישט... איך האָב א שאָפּ גע־מאַכט... ענטשולדיג מיר, איך האָב אמאָל ליעב א שאָפּ צו מאַכען...

— איהר זייט א פרעהליכע — האָט ראָזע איהר אָנגעקוקט און איהר מקנא געווען.

—א פרעהליכע? געוויס — האָט בייב בעשטעטיגט — און אמאָל ווערט מיר מאָדנע אומעטיג... איך קריעג מורא פאר אלץ... אפילו פאר זאכען, אין מיטען טאָג, און דערפאר געה איך אין שאָפּ... איך האָב ליעב די מיידלאך וואָס ארבייטען... איך האָב אויף זיי רחמנות... קום, ראָזע, נעהמען א וואָק, איך וויל מיט דיר ריידען... איך האָב דיר עפּעס ליעב געקראָגען... דו ביזט אזוי בלאָס... פארוואָס פארבסטו זיך ניט... ווילסט אבי־כעלע גוטען פּיינט... איך וועל דיר געבען. איך האָב...

ראָזע האָט איהר געדאַנקט:

— צו וואָס זאָל איך מיך פארבען? פאר'ן באָס?

— פארוואָס ניט פאר'ן באָס?... — האָט בייב געלאַכט— מיינסט, אז דער באָס האָט ניט ליעב קיין שעהנע מיידלאך?...

עס זיינען פאַראיבער א צוויי־דריי טעג. די מיידלאך האָ־בען געארבייט ווי שטענדיג. דאָך האָט זיך געפיהלט, אז אין

שאפ איז עפעס פרייער געווארען, די ארבייט לייכטער און די דיסציפלין איז געבראכען. אלע האבען עס געוואוסט, געפיהלט און ניט פערשטאנען. און אפשר איז די אורזאכע בייבס אנגע־קומען?

ווער איז די דאזינע בייב, די שלאנקע, בלאנדע מיידעל מיט די בלאהע אויגען, וואס קוקען דא אזוי מילד, לאגאדנע, ווי א קינד, וואס האט אויף עפעס חרטה, און דא אזוי פרעך און מוטהיג מיט א סוד אויף די ליפען. וואס, ווען זי זאל איהם ארויסזאגען הויך קען ער אנמאכען א גאנצען גערודער אין שאפ.

אין שאפ האט מען קיינמאל ניט געטארט רעדען און בייב זינגט... זי זינגט „עוורי באדי דואינג איט" און מאכט צו מיט די הענד, ווי זי וואלט זיך געפונען אויף א וואדעוויל סטיידזש. און אט הערט זי אויף גאר צו ארבייטען, זעצט זיך אוועק, פער־ווארפט דעם קאפ איבער'ן שטול, פערווארפט א פוס אויף א פוס און פערטראכט זיך...

— בייב, דא איז א שאפ! — לויפט צו איהר צו די פאר־ליידי...

— אך, פארדען מי... — כאפט זיך בייב אויף — איך האב מיך פערגעסען...

— טא פערגעס זיך ניט... איך וועל זאגען דעם באס און ער וועט דיר געבען די סעק...

— די סעק!... אלל־רייט! איך קען מיך בעגעהן...

די מיידלעך האבען זי אנגעקוקט און מקנא געווען, די בלא־סע ראזע האט מיט א פולען מויל שפילקעס קוים זיך איינגע־האלטען פון צו שמייכלען. נאר אינערליך האט זי אנגעקוואלען פון בייב'ען...

— א פרייע נשמה! — האט זי געטראכט.

עס זיינען אוועק נאך עטליכע טעג. בייב איז שוין א פאר

מאָל געקומען צעהן אַזייגער, אַנשטאָט אַכט... די פּאַרליידי איז געלאָפען צום באָס אין אָפּיס.

— מען מוז זי דאָך ארויסטרייבען! — האָט זי גע־שריען.

דער באָס איז עטוואס בלאס געוואָרען און ווי געבעטען זיך:

— זאָל זי נאָך בלייבען, עס פעהלען ארבייטער...

און בייב איז געבליעבען און ווייטער געהאנדעלט אין שאָפּ, אזוי ווי עס איז איהר געפעלען.

ענדליך איז די פּאַרליידי פון געדולד ארויס:

— אָדער זי זאָל אוועקגעהן אָדער איך!...

דער באָס איז מיט ניט זיכערע טריט אריין אין שאָפּ...

— וואָס איז מיט דיר, יאָנג ליידי? — האָט ער זי גע־פרעגט, ניט אריינקוקענדיג איהר אין די אויגען.

— וואָס מיינט איהר? — האָט בייב זיך אָנגעצונדען.

— איך מיין... די פּאַרליידי, זי קלאָגט זיך... איך בעט צו זיין אנשטענדיג... דאָ איז א שאָפּ... אין א שאָפּ מוז מען זיין אנשטענדיג...

און ער איז ארויס.

די מיידלעך זיינען געבליבען פערוואונדערט. זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט ביז אהער, אז זיי האָבען אזא גוטען באָס.ווירקליך, א פיינער מענש... ער זאָגט איהר ניט אָפּ... א באָס קען, הייסט עס, אויך אמאָל זיין א פיינער מאַן... עס איז גאַנץ שעהן פון זיין זייט...

און אין שאָפּ איז די דיסציפּלין נאָך מעהר געבראָכען גע־וואָרען.

בלויז די בלאַסע ראָזע, וועלכע האָט שוין א דאנק בייב'ס מתנה, געהאַט ראָזעווע בעקלאך, האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסען...

— בייב — האָט זי ביים לאַנטש איהר שטיל געפרעגט— בייב, פאַרוואָס איז דער באָס צו דיר אַזוי גוט?...

— ער האָט מורא... — האָט בייב אַ שמייכעל געטהאָן...

— מורא?... פאַרוואָס? — האָט ראָזא זיך פערוואונ־דערט...

— ביזט אַ נאַרעלע... האסט ניט פערשטאַנען? ביזט נאָך אַזא קינד... אַך, ווי די פאַרב פאַסט דיר... ער האָט מורא, ווייל ער האָט געהאט מיט מיר אַ „גוט־טיים" אמאָל... ער האָט מיך דערקענט... האָט ער מורא... פערשטעהסט?... מיר האָבען ביי־דע מורא... איך צו בלייבען אליין ביי טאָג און ער — איך זאָל ניט אויסזאָגען... ער איז אַ נאַר, ראָזע, אַ גרויסער נאַר... איך בין טאַקי אַ זינדינע, אבער איך האָב נאָך געגוג יושר... איך וועל ניט אויסזאָגען, אפילו אז ער וועט מיר הייסען געהן... איך קען מאַכען אַ לעבען אָהן שאָפּ... די גאַנצע זאַך, וואָס איך האָב מורא צו בלייבען ביי טאָג אליין...

ראָזא האָט זי אָנגעקוקט און האָט אויך מורא געקראָגען...

די טובה.

עס איז געווען א מילדער הערבסט טאָג, די זונן האָט שוין געהאַלטען ביי'ן פארגעהן און האָט געוועקט אין די הערצער באנגע און זינגענדיגע געפיהלען. אהרן אפרת, א מאן פון א יאָהר דרייסיג, האָט נאָר וואָס געענדיגט זיין ארבייט אין אָפיס און האָט זיך געפיהלט זעהר אנגענעהם, וואָס ער האָט נאָך אזוי פיעל פרייע שטונדען ביז שלאָפען געהן. איהם האָט זיך געוואָלט זעהן פריינד, בעקאנטע און סתם מענשען. ער איז אריין אין דעם היימישען רעסטאָראן, אבער דאָרט איז גראדע געווען האלב לעער און די ביסעל מענשען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, זיינען געווען ווילד פרעמדע. ער האָט אויף גיך אָבגעגעסען א לייכטען סאפער און איז ווידער ארויס אויף דער פרייער וועלט...

ער האָט געמאכט א הונדערט טריט אָהן א ציעל און איז געבליעבען שטעהען ביי א קאָרנער. ניט וויסענדיג וואוהין צו געהן און וואָס פאָרצונעהמען. ער האָט זיך דערמאָהנט, אז ער האָט ניט קיין סיגארעטען און ער איז צוגעגאנגען צום דערביי־איגען סטענד. די פארקויפערין וואָס איז געזעסען אינוויינג איז צום גליק געווען א שעהן יונג מיידעל. ער האָט איהר אב־זיכטליך געגעבען א פינף דאָלאר ביל, כדי ער זאָל ניט דאר־פען גלייך אוועקגעהן און געבעטען רעשט.

— עס איז א גוטער, א גוטער! — האָט ער געשמייכעלט, זעהענדיג, ווי דאָס מיידעל בעטראכט צו פיעל דעם ביל.

— יא, איך וויים... האָט זי צוריק געשמייכעלט. און האָט איהם ארויסגעגעבען רעשט.

ער האָט געוואָלט פערבינדען א געשפּרעך. האָט זיך נים געקלעפּט, האָט ער געבעטען א גלאָז סאָדע וואסער. דאן האָט ער ארויסגעקריגען פון מיידעל נאָך איין פראגע:

— פאר דריי סענט?...

— פאר דריי... האָט ער געענטפערט.

ער האָט אָבגעטרונקען אביסעל פון גלאָז, אוועקגעשטעלט און ווידער געפרופט פערבינדען א געשפּרעך:

— פון וואָס פאר א לאנד זייט איהר?

— געבוירען דאָ...

— אך. דאָ געבוירען! זעהר שעהן! האָט זיך אפּרת ענט־ציקט, נים וויסענדיג אליין פאר וואָס. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס רעדען, אבער עס איז נים געווען וועגען וואָס. ער האָט געוואָרפען א בליק אויף די פּייפּערס וואָס זיינען געווען אויס־געלעגט ביי די ביידע זייטען פון סטענד און האָט געזוכט צווישען זיי דאָס וואָס ער דארף.

די אלע פּייפּערס זיינען איהם געווען אונאינטערעסאנט. אָבער ער האָט דאָך איינס געקויפט און זיך געזעגענט מיט דער מיידעל.

אוועקגעהענדיג אויף עטליכע טריט ווייטער איז איהם די צייטונג געוואָרען שווער, ער האָט זי אראָבגעלאָזט אויף דר'ערד...

— העי, מיסטער! — האָט איהם נאָכגעיאָגט אן עלטערע אידענע — איהר האָט פארלוירען אייער פּייפּער.

— איך דאנק אייך זעהר! זעהר פריינדליך פון אייער זייט.

ער האָט זיך איינגעבויגען, אויפגעהויבען די צייטונג און זיך געלאָזט ווייטער געהן.

— מאָדנע אומעטיג! — האָט ער צו זיך אליין א מור־מעל געטהאָן און אָבשטעלענדיג זיך ביי אן אנדער קאָרנער וואו עס איז דורכגעפאָהרען א קאַר, האָט ער וואונק געטהאָן צום קאָנ־

דוקטאָר. די קאַר האָט זיך אָבגעשטעלט. ער איז אַריין אינע־ווענינ. די קאַר איז געווען ענג געפּאַקט און דאָס האָט איהם הנאה געטהאָן. ער האָט זיך געוואָלט פערמישען מיט א סך מענשען, אפשר וועט עס זיין א סגולה צו דער לאַנגוויילינקייט.

ביי א צווייטען מאָל אָבשטעלען זיך האָט זיך די קאַר א טרייסעל געטהאָן, אפרת, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט ניט אָנהאַלטענדיג זיך אָן עפּעס, איז אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן שויס פון א יונגער לייִדי. ער האָט זיך דערשראָקען, געוואַרט אויף א שטיקעל סקאַנדאַל, אבער די לייִדי האָט פריינדליך געשמייכעלט און האָט עס אָנגענומען פאַר א וויץ...

— א גאַנץ פיינע פּרוי! — האָט ער א טראַכט געטהאָן און האָט זיך דערפיהלט ווי דערוואַרעמט.

די קאַר איז אַריינגעפאָהרען אין א רייכער רווישענדער סטריט. עס איז שוין געווען אבענד. די עלעקטרישע לאָמפּען און אנדערע בעלייכטונגען זיינען שוין געווען אין פולען גלאַנץ. פייערען האָבען געטאַנצט פון די פענסטער, דעכער און אפילו פון איבער די דעכער. אפרת האָט בעשלאָסען דאָ אויף דער סטריט אַראָבצונעהן.

ער האָט אָנגעדריקט דאָס „קנעפּעל", עס האָט א קלונג געטהאָן און די קאַר האָט זיך אָבגעשטעלט ספּעציעל פאַר אפרת׳ן...

ער איז אַראָב מיט א מינע פון איינעם, וואָס האָט אין דער דאָזיגער סטריט זעהר וויכטיגעס צו טהאָן. ער האָט געמאַכט עטליכע שריט און איז פערמישט געוואָרען צווישען עולם...

אָבער ערשט דאָ צווישען עולם, וועלכער האָט זיך גע־צויגען אין רייהען צו א געוויסען ציעל, האָט ער זיך דערפיהלט איינזאַמער ווי ערגעץ אנדערש, וואו עס איז שטיל.

ער האָט זיך ביסלעכווייז אָבגעטהיילט פון עולם און איז געקומען אין א לייִדיגער, שטילער, האַלב דונקעלער גאַס.

אָבער דאָ האָט ער דערפיהלט דעם אומעט טיעפער און

שארפער. עס איז דורכגעגאנגען א פּאָר'ל. די „זי" האָט גע־רעדט, גערעדט און דער „ער" האָט אויפמערקזאם געהערט. אפרת האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט די בליקען ביז וואנען זיי זיי־נען פערשוואונדען.

ער האָט זיך געלאָזט ווייטער און ווייטער. פאַרבייגעהענ־דיג א דראָג סטאָר האָט ער זיך איינגעקוקט אינעווייניג צו עס איז דא א זייגער. יא, עס איז דאָ! דער זייגער איז שוין אכט. ביז צוועלף האָט ער נאָך פיער שטונדען. וואָס טהוט מען אין די דאָזיגע פיער שטונדען?

אפשר וועט ער אריבערגעהן צו ליעבקינד. ליעבקינד איז גאָר אן אלטער בעקאנטער, כמעט א יוגענד־חבר און זיין ווייבעל איז אזא פיינע. ער האָט זי נאָך געקענט אלס מיידעל.

און פאר אפרת'ן האָט פאַרגעשוועבט א בלאָנדער קאָפּ, צוויי בלאָהע אויגען און א רונד געזיכט מיט א גוטען ליעבען שמייכעל אויף צוויי פולע, בלוטיגע ליפען.

עס איז פּונקט די צייט. אט די קאר ברייננט איהם צו זיי. העי, קאָנדוקטאָר, סטאָפּ!

און אפרת איז שוין געזעסען אין קאר און געהאט פאר זיך א ציעל: צו ליעבקינד'ען.

ער האָט אַנגעקלונגען און געוואַרט. עס האָבען זיך פון אינעווייניג געהערט טריט נאָך טריט. דאָס איז זי? דאָס איז זי. די טהיר האָט זיך פון אינעווייניג געעפענט.

— אפרת! א גאסט! — האָט איהם דער פריינד גע־דריקט די האנד.

אפרת האָט זיך דערפיהלט טיעף געריהרט. ער האָט פריהער געוואוסט, אז ער וועט זיין א גאסט און אומזיסט האָט ער זיך ארומגעשלעפּט אויף קארס און סטריטען.

ער איז אריין אינעווייניג אין גאסט־צימער. עני, דאָס יונ־גע ווייבעל, האָט זיך שטארק דערפרעהט:

— אפרת, פארוואס זעהט מען אייך ניט?
זי האט איהם דערלאנגט ביידע הענד.

— מען איז שטארק, שטארק פערנומען! — האט אפרת מיט א יום־טוב׳דיגער מינע זיך פערענטפערט...

— יא, יא, מיר האבען געהערט — האט ענוי מיטגעפיהלט. איהר ארבייט אין אן אפיס. אבער דאך, אמאל כאפט מען זיך אריין. אהר זייט דאך דא אזוי איינזאם...

— א, ניין! — האט זיך אפרת פערטהיידיגט. איינזאם ניט! איך האב דא פריינד, בעקאנטע... דוקא ניט איינזאם, עס הייסט ווי אמאל... א מאדערנער מענש איז איינזאם צווישען פריינד.

— אך, די מאדערנע מענשען! — האט ענוי געשמייכעלט— איך בין שוין אין גאנצען ארויס פון דעם לאגער. בין געווארען אן אלטמאדישע...

און זי האט א שמייכעל געטהאן. ווי זי וואלט מיט'ן שמייכעל געוואלט אבלייקענען איהרע אייגענע ווערטער.

אפרת האט זיך דערפיהלט היימיש און גוט. זי איז געזעסען די גאנצע צייט נעבען איהם, אפט איהם אנגענומען פאר דער האנד. געפוצט איהם דאס קנעפעל פון ראק און אבגעשטויבט דעם אש פון סיגארעט, וואס ער האט נאכלעסיג אראבגעלאזט אויפ'ן וועסטעל.

עס איז געגאנגען א שעה נאך א שעה. זאל ער שוין אוועקגעהן?

אך! — האט ער הויך אויסגעשפראכען זיין געדאנק — עס ווילט זיך גאר ניט אוועקגעהן.

— נו, וואס דארפט איהר אוועקגעהן? — האט ענוי ווי מוטערליך זיך געווענדעט צו איהם. — מיר זיצען אלע מאל שפעט. ווייסט איהר גאר וואס — האט זי זיך פלוצלונג געכאפט — בלייבט ביי אונז נעכטיגען. מיר האבען א פרייען צימער פאר א גאסט.

— געוויס, אפרת. בלייבט דאָ נעכטיגען, ווארום ניט ?— האָט אויך ליעבקינד פאַרגעשלאָגען אויפריכטיג. אזוי לאַנג ניט געווען. איהר וועט אויפשטעהן מאָרגען פריה, אבטרינקען טהעע און אוועקגעהן אין אַפּיס.

ווירקליך א זעלטענע אידעע. אפרת האָט אָבער אַנפאנגס זי ניט אָנגענומען. וואָס הייסט — ער האָט דען ניט קיין איי־גענעם צימער ? און נאָך וואָס פאר א צימער — מיט דריי פענסטער צום פראָנט. אבער דאָס צימעריל, וואָס איז פריי ביי ליעבקינד'ן איז אויך ניט קיין שלעכטס. עני האָט איהם פערזוי־כערט, אז ער וועט שלאָפען ווי א גראַף...

—האָסט פאר איהם א קאָלדרע ? — האָט ליעבקינד ווי פאטערליך־פערזאָרגט געפרעגט.

— געוויס. אפילו צוויי, נאַרעלע ! וואָס הייסט ? — האָט זיך עני אָנגעכאַפּט.

אפרת האָט געפיהלט דאנקבארקייט צו די ראָזיגע עני, וואָס זי איז אזוי פריינדליך צו איהם. און אפשר איז דאָס מעהר ווי פריינדשאַפט ?...

ניין. דאָס טאָר ער ניט טראַכטען. זעהט ער דען ניט, ווי ליעב זי האָט ליעבקינד'ן. ער איז זעהר ליעבענסווירדיג כאָטש די נאָז זיינע איז אביסעל צו קורץ. ער האָט אמאָל געהערט, צי געלעזען, אז א פרוי האָט ניט ליעב א מאַן מיט א קורצען נאָז. ער, אפרת, האָט געוויס א שעהנערע נאָז, א מעהר מענליכע.

אבער עס געהט דען אין דער נאָז ? האָט ער פון זיך אליין געלאַכט. מיין גאָט ! עס איז דאָך אזוי גוט צו בלייבען דאָ, ליע־גען אויף דעם געלעגער, וואָס די ליעבע עני האָט געמאַכט.

געוויס בלייבט ער דאָ נעכטיגען.

דאָס געלעגער איז ווירקליך געווען ערהאבען. אפרת האָט זיך געפיהלט, ווי ער איז נייע־געבוירען.

ער האָט שוין געוואָלט פערדרעהען די גאַז און זיך איבער־

JEWISH PUBLIC LIBRARY

רעקען. אָבער ער האָט דערהערט א שטיל קלאַפּען אין טיר:

— קען מען אריין?

אך, ס'איז ענין... אפרת האָט פערווירט אויסגעשריען:

— יאָ, ענין, מען קען.

זי איז אריין מיט א שמייכעל און שטעהענדיג ביי'ן טיר, געפרעגט:

— איז אייך ניט הארט?...

— אך, אין געגענטהייל...

— נו, טו שלאָפט געזונד.

— איהר אויך דאָס זעלבע.

ער האָט אבער דערפיהלט, אז ער מוז איהר דריקען די האנד....

— גיט די האנד! — האָט ער ארויסגעצויגען זיין האנד פון דער קאָלדרע.

זי איז צוגעגאנגען און האָט איהם מיט א ליעבען שמייכעל דערלאנגט די האנד.

— נו, איך דאנק אייך! — געהט שלאָפען.

זי איז אבער געשטאַנען און געשמייכעלט.

— געהט, געהט! — האָט ער פריינדליך זי געטריעבען — ליעבקינד קען נאָך אייפערזיכטיג ווערען.

— אַ, ניין! — האָט זי געלאַכט — ליעבקינד האָט מיר אליין געשיקט פרעגען אייך צו איז אייך גוט צו שלאָפען...

— אך. דאָס האָט ער אליין געשיקט — האָט זיך אפרת ווי בעליידיגט — איך דאנק איהם.

זי האָט זיך נעקליעבען ארויסצוגעהן, אבער עס איז געווען קענטיג, אז זי האָט נאָך עפּעס צו טהאָן און איז ניט ענטשלאָסען.

אפרת האָט עס אבער פערשטאַנען. געוויס, זי האָט איהם ליעב. ער קען איצט אויסנוצען די געלעגענהייט. אך, ווי רייצענד זי איז:

— עני! איהר זייט איצט אזוי הערליך!
— אַ, איך דאנק אייך!
— קומט צו נעהענטער! שעהמט זיך ניט...
זי איז צוגעגאנגען.
— געווים! איך שעהם מיך ניט.
— בוינט זיך אַן. איך וויל אייך אַ קוש טהאָן אין שטע־רען — האט ער גערעדט ווי פון היץ.
זי האט זיך אַנגעבוינגען און ווי פערשעהמט געפליס־טערט:
— איהר מעגט אין די ליפּען אויך...
— ווי הייסט איך מעג — און ליעבקינד...
— ליעבקינד?... ליעבקינד האט מיר אליין געשיקט אייך געבען אַ קוש... ער האט אייך אזוי ליעב...
אפרת האט אַבגעלאָזט איהר קאָפּ, אַ מאָרגעם שמייכעל געטהאָן פון דער דאָזיגער זאָנדערבארער פריינדליכקייט און מיט אַ געמאכטען שטאָלץ געזאָגט:
— אַ, איך דאנק אייך ביידען. איהר זייט אזוי גוט צו מיר. ווירקליך!... איך וועל קומען אַפּט צו אייך...
און פיהלענדיג זיך נאָך אַלץ בעליידיגט, האט ער פּלוצלונג אויסגעשריען:
— אך, מיין גאָט! איך האָב דאָך אייך גאָר פערגעסען צו דערצעהלען. איך געה דאָך אין אַ פּאָר וואָכען ארום חתונה האָ־בען...
— ווירקליך! — האט זיך עני אַנגעכאַפּט — פאַרוואָס האט איהר עס ניט דערצעהלט גלייך? ליעבקינד! — האָט זי פּלוצלונג גענומען רופען: ליעבקינד!
ליעבקינד איז אריין אין צימעריל.
— ער געהט דאָך חתונה האָבען! — האט זי מיט פרייד געמעלדעט.
— פאַרוואָס האָסטו עס ניט דערצעהלט פריהער? —

האָט ליעבקינד פּאַרווירפע געמאַכט...

— ווייס איך... — האָט אפרת געשטאַמעלט — איך האָלט דאָס ניט פאַר וויכטיג... איבעריגענס, איך האָב פערגעסען גראַד...

— אַזוינס פערגעסען! — האָט ליעבקינד פּראָטעסטירט— ביזט טאַקי אַ זאַנדערבארער מענש... אבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אין לעבען גאָר ניט און ס'האָט מיר זעהר וועה געטהאָן... אויב אַזוי, שלאָף געזונט און קום אַ צווייטען מאָל מיט דער כלה...

— ניט אַנדערש מיט דער כלה! — האָט עני שוועסטערליך געפּאָדערט — זי איז אַ בלאָנדינקע צי אַ ברונעטקע?

— אַן עכטע ברונעטע! — האָט ליעבקינד געשמייכעלט— איך „גלייך“ ניט קיין בלאָנדינע.

— הערסט אויפ'ן שעהנעם מענשען — ער גלייכט ניט קיין בלאָנדינע! — האָט עני זיך געמאַכט ברוגז — פון דעסט-וועגען מיר אַ קוש טהאָן אין שטערן האָט ער געוואָלט... מיר וועלען זיך שוין מאָרגען אָפּרעכענען מיט אייך. דערווייל שלאָפט געזונט... און אַ לאַכענדיגע האָט זי מיט ליעבקינד'ן פערלאָזט דאָס צימעריל.

אפרת איז געבליעבען אליין, אויסגעלאָשען דאָס ליכט און בלייבענדיג אין דער פינסטער האָט ער גענומען טראַכטען וועגען אַ ברונעטע מיידעל, וואָס ער וועט מוזען געפינען, כדי ניט צו בלייבען קיין נאַר ביי ליעבקינד'ן מיט זיין בלאָנדער ווייבעל...

דער אונפעהיגער כלל־טהוער.

— און איך, מיינע פריינד, — האט אנגעהויבען מיט זיין גוטמוטהיגען שמייכעל מר. פרידמאן, א מאן ארום פיערציג יאהר, מיט כאראקטעריסטישע קנייטשען ארום די גרויסע שווארצע אויגען — איך, מיינע פריינד, האב כלל־טהוערײ ניט ליעב און איך ווייך עס אויס ווי א פעסט. איך האב מיך אמאל נאך אלס איינגעל אבגעבריהט און זייט דעמאלט ווייס איך דעם גאנצען סוד און ווען איך הער ווענען כלל־טהוער און ווענען צדקה חברות, וועלכע ווערען אזוי געריהמט, — שמייכעל איך צו און טראכט זיך: איך קען אייך אלע!

איך בין נאך דאן געווען אין דער היים אין א קליין שטעדטעל אין ליטא. דאס גאנצע שטעדטעל איז בעשטאנען פון א פאר הונדערט פאמיליעס, אבער חברות האט זי פערמאגט פיעל: כמעט א חברה אויף א משפחה... און דאס רוב פון די חברות זיינען געגרינדעט געווארען אויסצוהעלפען די שטארק געפאלענע לייט פון שטעדטעל, וועלכע האבען געדארפט אנקומען צו הילף. אזוינע זיינען אבער קיין סך ניט געווען און די עטליכע, וואס זיינען יא געווען האבען שטענדיג געליטען דחקות און נויט און די אלע חברות האט זיי געהאלפען, ווי א טויטען באנקעס...

איז ביי איינעם פון די ארימע קראנק געווארען א קינד צי אן אנדער מיטגליעד און דער מאן, צי אמאל דאס ווייב פלעגט קומען צום גבאי פון בקור חולים, פלעגט דער גבאי פרעגען, ווי א דאקטאר אויף דער קראנקהייט און אויב עס איז געווען א טיפוס פלעגט ער זאגען, אז טיפוס געהערט צו דער חברה לנת־הצדק... טאמער איז דאס געווען סקארלאטין האט ער געהייסען

געהען צו דער חברה „רופא חולים" און אויב עס איז געווען א לונגען ענטצינדונג האט ער אבגעשיקט צו רחל לאה דער שפרע־כערקע:

— שפרעכט אב עין הרע און עס וועט איבערגעהן...

און אט אזוי פלעגט יעדער גבאי פון דער חברה אויספרע־גען די קראנקהייט, שאקלען מיט'ן קאפ און שטארק בעדויע־רען ארויסווייזענדיג דערמיט זיין גוטהערציגקייט, אבער העל־פען האט קיינער פון די גבאים ניט געקענט און אלץ צוליעב דעם, וואס ווערליג די תקנות פון דער חברה געהערט די קראנק־הייט צו „לינת הצדק" און דער גבאי פון לינת הצדק ווייזט אויף פערקעהרט אז א „טיפאזנעם" חולה דארף שטיצען דער בקור חולים. און דער גבאי פון בקור חולים פרעגט ווידער אויס געגוי די קראנקהייט און געפינט אויס, אז דאס איז א געוועהנ־ליכע פערקיהלונג און זי זאל פאר'ן שלאף נעהמען „פראשקעס" צום שוויצען...

— וואו זאל איך נעהמען געלד אויף די פראשקעס? — קלאגט זיך דער בעטער אדער די בעטערין...

— פראשקעס... הם.. פראשקעס? — פערטראכט זיך דער גבאי — פרובט אריבערגעהן צו דער חברה ארימע קינדפע־טארינס...

— ווי קומט עס צו קינדפעטארינס — עס איז מיין על־טערע מיידעל... גאט איז מיט אייך — קלאגט זיך דער ארימער פאטער, צי די ארימע מוטער...

— נו, דעריבער איז וואס? וואס איז שייך איינס צו ס'אנדערע... א מיידעל טאר דאך ניט בעקומען קיין הילף פון דער חברה ארימע קינדפעטארינס, זי וועט דאך אמאל חתונה האבען... עפעס האבען מיר דאך א חברה „הכנסת כלה"... וואס הייסט? מען וועט ניט לאזען א אידישע טאכטער פערזיצען... זייט רוהיג...

אַט אזוי און עהנליך צו דעם האָבען די גבאים בעהאנדעלט די עטליכע אָרימע פאַמיליען, וואָס פלעגען דארפען אָנקומען צי די דאָזיגע חברות...

אין יענע צייט, מיינע פריינד, — האָט מר. פריעדמאַן שמייכלענדיג פאָרטגעזעצט — בין איך געוועזען אַלט ארום פיער־צעהן יאָהר, אבער אזוי ווי איך בין געוועזען א געוויקסיגער און ביכלעך האָב איך געלייענט און שוין געווען ערנסטער און זיך נים גע׳חבר׳ט מיט די צולאָזענע אינגלעך, האָבען מיך די שטאָד־טישע משכילים, יונגע בחורים, צווישען אכטצעהן און צוויי און צוואנציג יאָהר, אריינגענומען אין זייער „מיטע“, ווי מען דריקט זיך אויס, און איינמאָל ווען עס איז געווען א יקרות - יאָהר, זיינען צוגעקומען א פאָר אָרימע משפחות אין שטעדטעל, האָבען די דאָזיגע בחורים זיך ארומ־געזעהן, אז אזוי ווי די אַלטע חברות זיינען שוין אָבגעלעבט און ליגען אין די הענד פון פאַנאַטיקער און פּראַצענטניקעס, זאָלען מיר, די יונגע, די נייע, די לעזער פון „המליץ“ און פון „פאָלקס־בלאַט“ מאכען א חברה אויף נייע יסודות און אשטאַט אידען מיט בערד, זאָלען האָבען די דעה טאקע מיר אַליין...

און כדי אונזער חברה זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג, זיינען מיר געווען געננוג דיפּלאָמאַטיש און האָבען אויך צוגע־צויגען צוויי חברה־לייט פון די פּני פון שטאָדט, איינער איז געווען יחיאל דעם רב׳ס, א בחור וואָס האָט זיך געהאלטען מעשה חבר מיט די ווענינער ראדיקאַלע משכילים און דעם גביר׳ס איידעם, יודעל, וואָס האָט זיך געשטופּט צווישען אונז..

די צוויי האָבען געזאָלט [illegible]ען אונזער חברה פּרעסטיזש, און ארבייטען האָבען מיר אַליין ניט געדאַרפט...

די חברה האָבען מיר א נאָמען געגעבען „אוהבי אביונים“, דאָס האָט בעדייט: די ליעבהאָבער פון אָרימע לייט... ווי ווייט די ליעבע צו די אָרימע לייט האָט געגרייכט ביי די איבעריגע

חברה ליוט, קען איך איצט ניט בעשטימען. איך ווייס נאָר, אז דעם גביר'ס איידעם, איז דער דאָזיגער נאָמען ניט געפעהלען געוואָרען...

— למאי אוהבי — האָט ער זיך געוויינקעלט...

— ווי דען? עס זאָל הייסען שונאי אביונים — די פיינד פון אָרימע ליוט? — האָט איינער געשטעלט א קלאָץ קשיא...

— דאָס וועל איך ניט זאָגען.. מען זאָל רופען שונאי־אביונים, עס איז ניט פּאסיג, — האָט זיך דער איידעם פער־ענטפערט — איך מיין נאָר, אז מען זאָל דאָס רופען סתם חברה־אביונים — האָט ער פאָרגעשלאָגען.

— ערשטענס — האָט איינער איבערגעשלאָגען איז חברה־אביונים ניט על פּי דיקדוק... על פּי דיקדוק דאַרף זיין חברת אביונים. און דערצו איז חברת אביונים דער טייטש, אז מיר, די מאכער, זיינען די אביונים...

און דעם גביר'ס איידעם, יודעל, האָט געמוזט מסכים זיין אויפ'ן נאָמען אוהבי אביונים מיט גוואלד... אבער געפיהלט, האָבען איינינגע פון אונז, די מעהר פּסיכאָלאָגען, אז דער דאָזיגער יונגער מאן איז מיט'ן נאָמען ניט צופריעדען... און אז קיין שטארקער ליעבהאָבער פון אָרימע מענשען איז ער ניט, דער דאָזיגער זיידענער יונגערמאַנטשיק...

דערפאר האָבען מיר איהם צוגעוואָרפען א ביינדעל און פערדרייניגט איהם דערמיט, וואָס איהם האָבען מיר אויסגעקלי־בען פאר'ן קאסיר. עס הייסט, אז דאָס געלד, וואָס אונזער חברה וועט פערמעגען, זאָל ליגען ביי איהם און ארויסגעבען קען ער נאָר דעמאָלט, ווען דער מזכיר, דאָס הייסט דער סעקרעטער זאָל זיך אונטערשרייבען.

אזוי ווי איך האָב געהאט א שעהנעם כתב און א סטאַ־טעטשנער בחור'ל בין איך געווען, האָט מען מיך אויסגעקלי־בען פאר'ן מזכיר, מיט דער מאכט צו קענען שרייבען צעטליך און דער יודעל, מוז אויף מיינע צעטליך געבען געלד דעם אביון

וואס וועט קומען מיט מיינעם א צעטעלע...

דער דאָזיגער אמת האָט מיך אויפגעהויבן שטארק אין מיינע אויגען און אין די אויגען פון די פּאָר ארימע משפחות, וואס האָבען זיך געפונען אין אונזער גאס.

די ערשטע האָט פון מיין דאָזיגען אמט ערפאהרען פּעשע די שוסטערין, וואס איהר מאן האָט זעלטען ווען געהאט אר־ביים. און עס איז ניט געווען קיין סוד, אז זיי לעבען האלב אין הונגער מיט די קליינע קינדער זייערע... פּעשע, אלס אונזערע א נאָהענטע שכנה'טע פלעגט מיר אלע מאָל זאָגען דו און רופען מיט מיין ענגלישען נאָמען „חיים'ל“, — פּלוצים בעמערק איך ווי זי האט געענדערט איהר גאנצע בעציהונג צו מיר. דערזע־הענדיג מיר שטעהן אויפ'ן הויף, איז זי צוגעגאנגען און וויינ־שענדיג מיט'ן פארטוך די שפּיץ נאָז, האָט זי זיך אָנגערופען:

— איך האָב געהערט זאָגען, אז א י ה ר זיינט געוואָ־רען א גאנצער מאכער... אז איהר גיט א צעטעלע און זיי גיבען געלד... איהר וואלט זיך געקויפט עולם הבא ווען איהר שרייבט אָן א צעטעלע, אז זיי זאָלען מיר אויסהעלפען מיט עטליכע גילדען... איך זאָג אייך, חיים, אז...

און וועלענדיג מעהר ווירקען אויף מיר, אָדער איהר האָט טאקע באמת פערדריקט דאס הארץ — זי האָט זיך צולאָזט אין א העפטיגען געוויין...

איך האָב איהר קודם געטרייסט, אז עס איז ניטאָ וואס צו וויינען, די חברה אוהבי אביונים איז ניט גלייך צו אנדערע חברות, עס איז א חברה, וואס גלייך, ווי מען קומט מיט'ן צע־טעלע פון דעם מזכיר, פון מיר הייסט עס, גיט מען גלייך שטי־צע... אָט זאָל זי מוחל זיין ווארטען א ווײַלע, איך וועל אריינ־געהן אָנשרייבען א צעטעלע צו יודלען דעם קאסיר פון דער חברה אויף פינף גילדען... וועט זיין גוט...

איך האָב זי געלאָזען שטעהן און איך בין כהרף עין ארײַנ־

געלאָפען אין שטוב, געכאַפּט זיך באַר׳ן טינט און פעדער און אנגעשריבען א צעטעלע קורץ און שאַרף:

„להגביר המפורסם והמופלג מוהר"ר יהודא ליב נ"י!

„נא לתת להמוכז חמשה זהובים, כי אביונה גדולה היא ואין לה במה להחיות את נפשה ואת נפשות בניה, בנותיה ובעלה הסנדלר אשר אין לו עבדה כלל וכלל..."

אונטערגעשריבען דעם נאָמען און אוועקגעלעגט דעם „פּעטשאַט" „חברת אוהבי אביונים" בין איך שנעל ארויסגעלאָפען אנטקעגען דער אָרימער פּעשען, וועלכע איז געשטאַנען אין ערוואַרטונג און זיך אלץ געווישט די אויגען.

דערזעהענדיג מיך מיט׳ן צעטעלע, האָט זי מיר אָנפאַנגס בעדאַנקט מיט שטומע בליקען, באַלד איז זי אבער רעדעווידיג געוואָרען און אויך נייגעריג און געבעטען מיר, איך זאָל איהר איבערלייענען וואָס עס שטעהט אין צעטעלע.

איך האָב ערפילט איהר בקשה און איך האָב איהר איבערזעצט כמעט וואָרט אין וואָרט:

„צום גרויסען גביר, צום למדן מוהר"ר יהודא ליב! איך בעט דיר צו געבען דער דאָזיגער, וואָס ברענגט דעם דאָזיגען כתב פינף גילדען..."

— אַי, זאָלט איהר לאַנג לעבען... עס וועט זיך מיר עפּענען די אויגען... ווייטער וואָס איהר שרייבט איז מיר שוין ניט וויכטיג... אבי פינף גילדען... אבער ער וועט אפנים געבען? — איז זי ענדליך געוואָרען פּעסימיסטיש.

— ער מוז געבען האָב איך איהר פערזיכערט, איהר זעהט דאָך, דאָ איז מיין חתימה און דער שטעמפּעל פון דער חברה.

— אויב אזוי מוז ער טאַקי געבען — האָט זי מיר פּאָדטאַקעוועט, אבער געגלויבט האָט זי נאָך אלץ ניט, דאָך האָט זי זיך גענומען אויסווישען די לעצטע טרעהרען, ווי געזאָגט:

— אפשר וועט ער יאָ געבען.

מר. פרידמאַן האָט אָנגעקוקט די נעזעלשאפט, פאר וועלכע

ער האָט דערצעהלט און בעמערקט ווי אַ פּאָר פון זיי שמייכלען.

— איהר שמייכעלט — האָט מר. פרידמאַן אַליין צונעשמייכעלט... איהר טראַכט אודאי, אַז ער האָט ניט נעגעבען... האָט איהר טאַקי ניט געטראָפען: ער האָט יאָ געגעבען און טאַקע די גאַנצע פינף גילדען.

אָבער מיין גליק וואָס איך האָב געהאַט דערפון דעם גאַנצען טאָג, ערשטענס וואָס איך האָב געטהאָן אַזאַ טובה מיט אַן אָרימע שכנה'טע און צווייטענס טאַקי דער שטאָלץ, אַז מיין צעטעלע גילט — אָבער מיין גליק און מיין שטאָלץ האָט לאַנג ניט געדויערט. אין עטליכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי איך האָב אַ צווייטער אָרימער שכנה געשריבען אַ צעטעלע און ווידער אויף דער זעלבער ריעזיגער סומע „חמשה זהובים“, בין איך גערופען געוואָרען צו דער אסיפה, וואָס אונזער חברה נעהמט מאַכען דאָנערשטאַג אָבענד נאָך מעריב אין קליינעם בית־המדרש. וועגען דעם ציעל פון דער „פּראָוויזאָרישער“ פערזאַמלונג האָט מען מיר ניט איבערגעגעבען...

דאָס האַרץ אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר מיר איז דאָס ניט צו גוטען.. .עס שמעקט מיט פערלירען די קרוין פון מיר.

און אָס האַרץ האָט מיר פערזאָגט דאָס ריכטיגע. אַפּיציעל האָט עס געהייסען, אַז אין די פריהערדיגע „וואַהלען“ איז געמאַכט געוואָרען טעותים, אין אמת'ן אָבער האָט יודעל דעם גביר'ס איידעם נישט געקענט פערטראָגען, וואָס צוויי מענשען האָט ער געמוזט נישט דיר נישט מיר אַרויסגעבען אין אַ קורצער צייט שטיצע... און כדי, אַז ווייטער זאָל מען ניט אַריינפאַלען מיט אַזאַ ווייכהערציגען מזכיר, האָט ער פאַרגעשלאָגען, אַ מזכיר אַליין צו זיין און דער קאַסיר וועט זיין דער שווער זיינער, דער גביר...

און זיי זיינען ביידע ערוועהלט געוואָרען איינשטימיג. איך מיין דערמיט צו בעטאָנען, אַז אפילו איך האָב מיין שטימע אויך

געגעבען, אזוי ווייט שולדיג האָב איך זיך אין יענעם אבענד געפיהלט.

די חברה האָט דערפאר עקזיסטירט א לאנגע צייט, אָבער אז איך האָב אין א יאָהר ארום נאָך מיין „ענטקרווינונג“ זיך צורעדט מיט פעשען, וועלכע איז ווידער געווען אין א גרויסער נויט און געראטהען איהר זי זאָל געהן צו דער חברה אוהבי אביונים, האָט זי א ביטערען שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

— ערשט יענע וואָך געוועזן...

— נו, — בין איך נייגעריג געוואָרען.

— דער האָט מיר געשיקט צו „הכנסת כלה“... און דער גביר אליין האָט מיר געשיקט צו דער חברה „ארימע קינדפע־טאָרינס“...

פון דעמאָלט אָן, מיינע פריינד, מיש איך מיך ניט אין די אלע צדקה חברות, האָב איך א פּאָר גראָשען, גיב איך אליין...

און מר. פרידמאן האָט א גוטמוטהיגען שמייכעל געטהאָן.

מענשען־ליעבע.

חייקעלסאָן האָט געמאכט א לעבען דערפון, וואָס ער האָט געהאט א שעהנע האנדשריפט און א גוט הארץ. זיין האנדשריפט איז געווען אויסגעצייכענט — אותיות רונדע און גלאטע. זיין הארץ ווידער איז געווען א ווייכס און א גוטס. מענשען האָט ער ליעב געהאט ווי זיך אליין און אמאָל מעהר ווי זיך אליין. און אָט א דאנק דער גוטער האנדשריפט און גוט הארץ האָט ער „אונטערגעשריבען", דאָס הייסט — זיך בעשעפטיגט מיט לי־טעראטור.

ארויסגעהענדיג אין גאס און דערזעהענדיג די מאסען צווי־שען וועלכע עס האָבען זיך ווי דער שטייגער איז, פיעל ארימע און אונגליקליכע געפונען, איז זיין גוט הארץ גלייך געריהרט געוואָרען, און ער פלעגט גלייך אוועקלויפען א היים, אוועקזעצ־צען זיך ביי זיין קליין טישעל און אנהויבען מיט זיין שעהנער האנדשריפט צו שילדערן די דאָזיגע ארימע אונגליקליכע מענ־שען.

אבשילדערענדיג אזוי עטליכע בייגעלעך פאפיער אויף איין זייט ווי עס האָבען געפאָדערט די „זעצער", פלעגט ער די דאָ־זיגע בעשריבענע אונגליקען און מיטגעפיהל אוועקגעטראָגען אין דער רעדאקציע, וועלכער ריכטונג עס איז געווען „מענשען־ליעבע" און ווי באלד די געפיהלען זיינען געווען עכט און האָבען דעם רעדאקטאָר געקענט ריהרען, פלעגט חייקעלסאָן בעקומען זיין האָנאָראר און אזוי ארום האָט ער געמאכט ניט קיין רייכען, אבער אן אשטענדיגען לעבען — פון „מענשען־ליעבע"...

ווער רעדט, אז חייקעלסאָן אליין פלעגט אויסקומען צו זיין ניט נאָר קיין פּאַסיווער צושויער פון די אַלע אומגליקען און עס פלעגט איהם נאָך אויסקומען זיך אַריינמישען און אליין אויך עפּעס טאָן, גוי צו שענקען א פּאָר גראָשען אַן אָרימען פריינד. א חבר — דאָן פלעגט ער שוין פערשרייבען מיט עטליכע בוי־גענלעך מעהר און אַזוי אַרום פלעגט ער פאַר די פּאָר גראָשען אָב־גענומען כפל־כפלים.

איינמאָל האָט ער אין זיין קליין צימערל אַריינגענומען נעכטיגען א היימלאָזען יונגען מאַן און צורעדענדיג זיך מיט'ן דאָזיגען היימלאָזען האָט זיך זיין גוט און ווייך הארץ, אָנגע־פילט מיט ימים־געפיהלען און מיט מענשען־ליעבע אַזוי, אַז ער האָט דעם דאָזיגען אָרימען יונגען־מאַן אַרומגעכאַפּט און צוקושט זיך מיט איהם און געלאָזט רינען א טרעהר אויפ'ן גורל פון דעם יונגען מאַן בפרט און פון דער אָרימער מענשהייט בכלל; ער האָט אויף מאָרגען די דאָזיגע סיטואַציע אויסגענוצט, האָט עס אָבגעשילדערט אויף א גרעסערע צאָהל בויגעלעך פּאַפּיער און פון דעם „קוש" האָט ער געמאַכט א גוואַלדיגען „סימבאָל", און האָט בפירוש אויסגעדריקט, אז ניט דעם אָרימען יונגען מאַן האָט ער געקושט, נאָר ער האָט אין זינען געהאַט די גאַנצע אָרי־מע מענשהייט, — די דאָזיגע „שטעל" איז דעם רעדאַקטאָר און נאָכדעם דעם פּובליקום אַזוי געפעלען געוואָרען, אז חייקעלסאָן האָט זיך גענומען צעהלען צווישען די גרעסטע הומאַנע דיכ־טער, וואָס דאָס פאָלק פערמאָגט און מען האָט איהם געהעכערט דעם האָנאָראַר דאָפּעלט.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען לאַנגע יאָהרען. חייקעלסאָן האָט ליעב געהאַט די מענשהייט און די מענשהייט האָט צוריק איהם ליעב געהאַט און ער האָט אַזוי אַרום, ווי אויבען איז געשטאַנען זיך געמאַכט א שעהנעם אַנשטענדיגען לעבען, האָט זאָגאָר בדעה געהאַט צו קויפען א הויז און אָנהויבען לעבען מעהר סאָליד און באַדענהאַפט.

אבער ווי זאגט דאס פאלק א ווערטעל: א מענש טראכט און גאט לאכט: גראד דאן ווען חייקעלסאן האט זיך דארט בע־רייט צו שרייבען א גרויס ווערק מיט דעם טיטעל „די ליעבע צום כלל“, האט ער דערפיהלט אז עפעס איז אין זיין הארץ פארגעקומען אן ענדערונג און די ארימע מענשהייט ריהרט עס שוין ניט אזוי ווי אמאל.

ער האט דערפיהלט, אז די מענשען מיט וועלכע ער האט זיך אזוי געצאצקעט הויבען איהם צו ווערען איבערדריסיג.

אין בעסטען אופן איז ער צו זיי גלייכגילטיג, ווי אזוי ער איז צו דעם דאזיגען צושטאנד געקומען איז שווער צו ווי־סען. אבער ער האט דערפיהלט, אז אויב דער צושטאנד וועט זיך לאנג ציהען איז ער קאפוט. אהן ליעבע צו מענשען וועט ער ניט קענען עקזיסטירען.

ער האט זיך געלאזט אין די סאמע ארימע ווינקלען פון שטאדט, וואו די נויט האט געמאכט איהר נעסט. ער האט גע־זעהן נאקעטע קינדער שטעהענדיג ביי די שוועלען פון די טירען און האבען געוויינט, געשריען און עפעס געבעטען. אן אנדער־מאל, וואלט ער פון אזא בילד געקענט מאכען עטליכע ארטיקלען און ארויסווייזען זיין מענשען־ליעבע אין פולען גלאנץ און וואלט נתעשר געווארען, — איצט אבער האט עס איהם נישט גערירט. ער האט פון די אלע ארימע ניט געקענט מאכען קיין איין ארטיקעל. „ארימקייט איז א גאנץ געוועהנליכע זאך!“ האט ער אנגעהויבען פילאזאפירען.

אבער פאר פילאזאפירען האט ער זיך נאך מעהר דער־שראקען, פילאזאפיע וויים ער איז ניט קיין גאנגבארע סחורה.

און געהענדיג אזוי אין גאס אהן א פונק ליעבע צו די אלע וואס ער האט בעגעגענט, האט ער זיך געבייזערט און געברוממ:

— געהט צום טייוועל! פאר וואס קען איך אייך מעהר ניט ליעבען!

דער בעזוך.

בערנשטיין האט פערלאזען זיין ליטווישע היים, אלס פופ־צעהן יעהריגער איינגעל. ארומוואנדערנדיג פון איין שטאט אין דער אנדערער, איז ער ענדליך פערוואָרפען געוואָרען איבער'ן ים אין דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק.

אויך ניו יאָרק האט ער בעטראכט די ערשטע צייט אלס א קורצע סטאנציע פאר א וויטערדיגען וואנדערן. אבער געשעהן איז עס אנדערש. ניו יאָרק האט איהם אזוי ווי ארייגענומען פעסט אין איהרע שטארקע הענד, און ווענען ארויסרייסען זיך ערגעץ אנדערש, האט ער שוין לאנג אויפגעהערט צו טראכטען.

ווי באלד, אז ניו יאָרק איז שוין זיין היים געוואָרען, איז ער זאגאר געגען זיינע איבערצייגונגען געוואָרען אן אמעריקאנער פאטריאָט, און זיצענדיג אין קאפע נאך זיין ארבייט, אדער אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט, פלעגט ער ניט מיט איינעם זיך צוקריגען, ווען יענער האט גערימט איירופא אויפ'ן חשבון פון אמעריקא.

געגלויבט אין זיינע ווערטער האט ער נים, אבער עס האט איהם ווי וועה געטהאן נאכצוגעבען, אז איירופא, וועלכע איז שוין פאר איהם ווי א פערשלאסענע לאנד, זאל זיין שעהנער פאר אמעריקא, דאס לאנד וואו ער וועט שוין ענדיגען זיין לעבען און געפינען זיין קבר...

— וואס איז מיר יוראפ ?!... פלעגט ער האלב־טרויעריג און האלב טרייסטענדיג זיך, מבטל זיין זיין אלטע היים... — א דעגענערירטע זקנה... אלץ איז פערפוילט... די ארימקייט

וואַקסט... ווען דאָרטען וואָלט געווען גוט, וואָלט מען צו אונז ניט געקומען...

און זאָגענדיג „אונז" פּלעגט ער זיך דערמאָהנען, אַז אייגענטליך האָט ער דערוויייל אין אַמעריקאַ נאָך קיין שום חלק ניט. ניט נאָר קיין הויז ניט, אַפילו אַ צימערעל פּעהלט איהם אויך מאַנכעס מאָל אויס און איז פון צייט צו צייט געצוואונגען צו געהן שלאָפען אין אַ ביליגען האָטעל...

אָבער דעם „אונז" פּלעגט ער צוריק ניט כאַפּען. פערקעהרט, ער פּלעגט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט רייצען, נאָך שטאַרקער מאַכען דעם איינדרוק: און ניט נאָר זיי קומען צו אונז... זיי שלעפּען אַרויס אונזערע אוצרות... האַלב אייראָפּאַ לעבט פון אונז... איהר פערשטעהט צי ניין! ?

דעם „איהר פערשטעהט צי ניין ? ! פּלעגט ער שוין אַרויסזאָגען מיט כעס... זאָנסט אָבער איז ער ניט געווען קיין שלעכטער. אין גענענטהייל, די פּאָר בעקאַנטע זיינע אין קאַפע האָבען איהם געשעצט פאַר זיין מילדען כאַראַקטער, איבערהויפּט דער קעלנער. מיט'ן קעלנער האָט ער געלעבט גאָר אינטים. אין דער קאַפע פּלעגט ער אַריינגעהן דריי מאָל אַ טאָג און טרינקגעלד פּלעגט ער איהם לאָזען נאָך יעדעס מאָל. אין אַן ענגערער צייט, וואו ער פּלעגט ניט האָבען קיין איבעריגען ניקעל, פּלעגט ער ווי פערשולדיגט, אָבצאָהלענדיג די נויטיגע סומע, אַרויסמורמלען:

— דעם טיפּ האָט איהר ביי מיר אַ חוב... — און אויף מאָרגען, קריגענדיג שוין אָביסעל מעהר געלד, פּלעגט ער צורופען דעם קעלנער, אָנקלאַפּענדיג מיט'ן קוואָדער אין גלאָז:

— ווייטער!

דער קעלנער שפּרינגט אונטער.. און בערנשטיין דערלאַנגט איהם דעם קוואָדער און מורמעלט אַרויס:

— קיין רעשט בויך מען ניט...

דאַס בעדייט, אַז די איבעריגע צעהן סענט שענקט ער איהם א טיפּ פאר נעכטען און היינט...

און בשעת מעשה טראַכט ער:

— איך בין דאָך א רזשענטעלמאַן.

ארויסגעהענדיג דערמאַהנט ער זיך, אַז עס איז איהם אי־בערגעבליבען סך־הכל צוויי סענט... מילא, וועט ער שוין געהן צופוס אהיים. אַבער וואו נעהמט מען אויף סיגארעטען?

און ער קעהרט זיך אום צוריק אין קאפע, געהט צו צום קעלנער און מורמעלט איהם אריין, ווי א וויכטיגען סוד...

— גיט מיר א פּעקעלע סיגאַרעטלעך... מאָרגען בעקומט איהר בעצאַהלט...

אויסער'ן קאַפע־הויז פלעגט בערנשטיין ערגעץ אנדערש ניט געהן. און ער האָט צוגעגעבען, אַז אין הינזיכט פון גאַסט־פריינדליכקייט שטעהט אייראַפּא העכער. דאָ, צום ביישפּיעל, איז עפּעס ניט קיין מאָדע צו פערבעטען אמאָל אין א הויז אויף א גלעזעל טהעע. ווי לויט ער געדענקט אין יוראָפּ.. יעדער לעבט פאר זיך. „מיר, אמעריקאנער", האָט ער עס מאָטיווירט, „זיי־נען צו ביזי זיך אָבצוגעבען מיט געסט..."

אָבער טיעף אין הארצען איז ער אויף אמעריקא געוועזן בייז, וואָס זי אנערקענט ניט אזא שעהנע זיטע, ווי גאַסט־פריינדליכקייט. ווען ניט דאַס קאַפע, וואו ער קען זיצען אונגע־שטערט א פּאָר שעה, וואָלט ער זיך באמת ניט געהאַט וואו אהינצוטהאָן אין די לאַנגע אָבענד־שטונדען.

אמת, ניו־יאָרק פערמעגט א סך עפענטליכע ביבליאָטע־קען, וואו מען קען זיצען און לעזען, אָבער בערנשטיין האָט ניט ליעב צו זיצען מיט שטומע מענשען ארום טישען און ניט קע־נען אויסרעדען מיט זיי א ווארט... ביכער זיינען זעהר ניצליך פאר מענשען, אָבער אין דער היים... אין א ביבליאָטעק וועהט עפּעס אזא קעלט.. ווען מען וואָלט באַטש געלעזען אין דער

הויף... זיצט אָבער דאָ יעדער ווי אַ קאַלטער פילאָזאָף, פּער־טיעפט אין זיין בוך און שווייגט..

און בערנשטיין האָט די לעצטע צייט זיך שטאַרק פּער־בענקט נאָך אַ פאַמיליע־הויז, וואו עס זיינען דאָ קינדער... זיהן און טעכטער... איבערהויפּט טעכטער...

ער האָט שוין ווירקליך אַזוי לאַנג ניט געזעהן אַ מיידעל אין איהר היים... ער זעהט מיידלעך אויף די גאַסען אַ סך... אפילו צו פיעל... אָבער זיי לויפען פערביי ווי אַ ווינד... זיי איי־לען, איילען... קיינער האָט ניט קיין צייט...

אין אַזוינע מאָמענטען פון בענקשאַפט נאָך אַ פרוי, בייט ער איבער זיין רעסטאָראַן אויף אַ צווייטען, וואו עס געפינען זיך מיידלעך־קעלנערינס, אָבער אין אַזוינע רעסטאָראַנטס גליקט איהם ניט. אָדער עס דערלאַנגט איהם אויך דאָרט דער איינצי־גער מאַנסבילשער קעלנער, און אויב עס גערהט צו איהם צו אַ קעלנערין, איז זי ווי אויף צו להכעיס אַלט און מיאוס... און פאַר פּראַצענט קען ער נאָך אין אַזאַ מין רעסטאָראַן לאַנג ניט זיצען... און ער מוז צוריקגעהן אין זיין שטענדיגען נעסט, וואו ער קען זיצען אַ פּאָר שטונדען, ביז ער רופט צו דעם קעלנער צו בעצאָהלען...

ענדליך איז בערנשטיין'ס וואונש ערפילט געוואָרען. מר. מיראָוויטש, אַ ביזנעס־מאַן, וועלכער קומט אָפט אַריין אין דער זעלבער קאַפע צוליעב ביזנעס, און מיט וועלכען בערנשטיין איז די לעצטע צייט נאָהענט געוואָרען, האָט איהם איינמאָל איינגע־לאַדען צו זיך אויף סאַפּער...

בערנשטיין האָט זיך אָנפאַנגס צוליעב עטיקעטע נעקוויינ־קעלט. ווער ווייס, אפשר לאַדט איהם מיראָוויטש איין צוליעב מצוה, פשוט ווי מען לאַדט איין אַן אורח אין דער היים... אָבער, אַז מיראָוויטש האָט איהם פריינדליך אַרויפגעלעגט די האַנ־אויפ'ן פּלייצע און געזאָגט: קומט, איהר וועט אַביסעל פער־

ברענגען, — האט ער דעם נסיון ניט געקענט ביישטעהן און איז מיט איהם אוועק.

מיראַוויטש האט געוואוינט אפּ־טאון. ארויפגעהענדיג אויפ׳ן עלעווייטעד איז בערנשטיינען אויסגעקומען דעם ערשטען צו געהן. צוגעהענדיג צו דער קאסע, האט ער געקויפט צוויי טי־קעטס.

— אַה, איהר האט בעצאהלט?... צו וואס?... איך האב אייך גאר געוואלט טריטען...

— אַ, עס מאכט ניט... — האט בערנשטיין זיך צוהיצט...

אבער ער האט זיך דערמאהנט, אז ער איז בעגאנגען א גרויסען פעהלער. ער האט אויסגעגעבען די לעצטע צוויי ני־קעלס...

און זיצענדיג שוין אין קאר, האט בערנשטיין שמייכלענ־דיג בעמערקט...

— זאגט אייך וואס איהר ווילט, מר. מיראַוויטש. אמע־ריקא איז א פיינע לאנד... אז נעהמט אפילו דעם מנהג פון צאה־לען איינער פאר׳ן צווייטען...

— יא, — האט מיראַוויטש צוגעגעבען... — דא זיינען אלע דזשענטעללייט... אין יוראפּ איז דאס ניט. דארט צאהלט יעדער פאר זיך...

און האט גלייך נאך די ווערטער פערוואָרפען דעם קאפּ און גענומען דרעמלען.

— איהר שלאפט, מר. מיראַוויטש? — האט בערנשטיין איהם אנגעקוקט...

— הא... איך שלאף... א מיאוס׳ע טבע... זעץ איך זיך אוועק אין קאר, שליעסען זיך מיר די אויגען...

און נאכדעם האט ער גלייך צוריק פערמאכט די אויגען און בערנשטיין איז די גאנצע צייט פון פאהרען געזעסען אליין און נעגראבעלט זיך אין זיינע אלע אכט טאשען, געזוכט א ניקעל

אויף צוריק צו פאָהרען.. געפונען האָט ער בלויז אַן איינציגע פּעני...

— אַה, מיין גאָט, — האָט ער געזיפצט... — איך וועל מוזען גערן אַזאַ מהלך צוריק צו־פוס...

ענדליך האָט זיך מיראָוויטש אויפגעכאַפּט, און אַרויסקו־קענדיג צו דער פּלאַטפאָרמע צום סטיישאָן, האָט ער בעמערקט, אַז עס איז שוין די לעצטע סטיישאָן...

זיי זיינען ביידע אַראָפּ. צו מיראָוויטשעס וואוינונג איז נאָך געווען אַ פּאָר בלאָקס צוצוגעהן. געהענדיג, האָט שוין מר. מיראָוויטש ניט געשלאָפען, אָבער גערעדט האָט ער זעהר ווענינ און בערנשטיינען האָט זיך געדאַכט, אַז יענער האָט חרטה אויף זיין איינלאַדונג.

ענדליך זיינען זיי צוגעגאַנגען צו אַ טענעמענט־הויז...

— אויף וועלכען פלאָר?... — האָט בערנשטיין העפליך געפרעגט...

— אויפ'ן פיערטען... — האָט מיראָוויטש געענטפערט... און האָט ערקלעהרט, קריכענדיג אויף די טרעפּ, אַז ער „גלייכט" דעם פערטען פלאָר בעסער ווי די נידעריגערע, ווייל די לופט איז ריינער אין דער הויך.

בערנשטיין האָט, שווער אָטהעמענדיג, איהם נאָכגעגעבען:

— יאַ... דער פערטער פלאָר איז דער בעסטער... איך וואוין אויך דאָס רוב אויף אַ פיערטען פלאָר...

מיראָוויטש איז געבליעבען שטעהן ביי אַ טיהר מיט'ן אויפשריפט 27. אַנגעקלונגען, און די טהיר האָט זיך געעפענט פון אינווענינ, און אַ דיקע פרוי מיט צושויבערטע האָר איז ענט־קעגען געקומען.

— דאָס איז מיין ליידי און דאָס איז מר. בערנשטיין,— האָט מיראָוויטש פאָרגעשטעלט.

די „לײדי“ האָט בערנשטײנ׳ען אָנגעקוקט און אַ מורמעל געטהאָן: האַו דו יו דו, מר. בערנשטײן!... קומט אַרײן אין פראָנט רום...

בערנשטײן האָט אַרײנגעהענדיג, בעטראַכט דעם רום און געזוכט עפּעס מיט די אויגען...

— וואו זײנען אײערע קינדער?... אַרבײטען נאָך? — האָט ער פרײנדליך געפרעגט...

מיראָוויטש האָט אַ זיפץ געטהאָן. זײן פרוי נאָך איהם...

הײסט עס קײן קינדער האָבען זײ ניט, — האָט בערנשטײן פערשטאַנען נאָכ׳ן זיפץ און ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ...

נאָכ׳ן סאַפּער האָט בערנשטײן גענומען קלײבען זיך צו געהן. ער האָט אָנגעהויבען גריבלען זיך אין די טאַשען. דאָס האָט ער געזוכט צו בעצאָהלען פאַר׳ן סאַפּער, ווי זײן שטײגער איז.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן און זיך מאָדנע צולאַכט...

— וואָס געוואוינטהײט איז! — האָט ער זיך געוויצעלט פאַר דער קינדערלאָזער פּאָר פאָלק.. — שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב געלעגט די האַנד אין טאַש און געוואָלט בעצאָהלען... כ׳האָב געמײנט, אַז איך זיץ אין רעסטאָראַן...

מיסעס מיראָוויטש האָט זיך געסטאַרעט צו שמײכלען וואָס עס איז איהר שווערליך אָנגעקומען, און מר. מיראָוויטש האָט פאַרטאַקעוועט, אַז געוואוינהײט איז די צווײטע נאַטור, אויף וואָס מיסעס מיראָוויטש האָט בעמערקט:

— אין אַמעריקא איז דאָך אַלץ אין די רעסטאָראַנס... מײנער לאָזט דאָרט אויך דאָס גאַנצע געלד...

אין א פיערטעל שעה ארום האָט שוין בערנשטיין געשפּאנט צופוס פון זיין בעזוך ביי דער פאמיליע, מיראָוויטש. ער האָט זיך געאיילט צו קומען צו זיין קאפּע, איידער זי וועט נאָך פערמאכט ווערען...

ביים שוי־פענסטער.

ליעבקינד איז אן ערנסט דענקענדער יונגער מאן; זיין גע־ליעבטע, פלארא, איז אבער זעהר לייכטזיניג. איהר לייכטזיניג־קייט האט אבער א סך חן און גראציע און ער קען קיינמאל ניט ביישטעהן דעם נסיון פון איהר חנ'עוודיגער לייכטזיניגקייט. האבענדיג די העכסטע געדאנקען וועגען וועלט, מענשען און לעבען, פלעגט פלארא'ס איין קאקעטישע ווענדונג צו איהם אריינברענגען איהם צוריק אין א לייכטער בעציהונג צו אלץ. וואס ארום איז, און ער פלעגט טראכטען: מילא, זאל זיך שוין די וועלט פיהרען אהן מיר, איך וועל שוין נאכגעבען פלארא'ן וואס זי וויל.

און וואס מיינט איהר האט פלארא געוואלט? נישט מעהר און נישט ווענינער, ווי אריין אין מואווענפיקטשורס־פלאץ.

— פלארא, עס איז דאך נארישקייט! — פלעגט ער פרוא־ווען זיך דאך זי אברעדען, דערמאנענדיג זיך וועגען די סענטי־מענטאלע בילדער, וואס מען בעווייזט אויפ'ן לייוועגט.

נאר פלארא גיט זיך חנ'עוודיג א קרים, בלאזט זיך אן און מורמעלט, דריקענדיג זיך קאקעטיש צו זיין אקסעל:

— יא, יא, נארישקייטען. ביי דיר איז אלץ נארישקייטען. איך דענק ניט זיין אזוי ערנסט, ווי דו. זיך דיר, אויב דו ווילסט אן אנדערע...

און כאטש די לעצטע דראהונג איז געווען א געמאכטע און ליבקינד האט עס גוט געוואוסט, דאך פלעגט עס אויף איהם מאכען אן איינדרוק און ער פלעגט זאגען ווייך:

— שא, פלארעלע, שא! צוליעב דעם וועל איך קיין אנ־דערע נים זוכען... קום אריין, דא איז טאקע שעהנע בילדער..

— האב איך דיך טאקע ליעב! — פלעגט פלארא לוסטיג ווערען, און זי פלעגט אננעהמען איהר ערנסט דענקענדען ליעב־קינד'ען פעסטער אונטער'ן ארים און איהם צופיהרען צו דער קאסע.

גענומען צוויי טיקעטס, פלעגט ליעבקינד ארייננעהענדיג אינוועניג זיך וועלען זעצען ביי די לעצטע רייהען. פלארא אבער פלעגט זיך לאזען ווייטער, ווייטער.

— וואוהין, פלארא, וואוהין פליהסטו? פון ווייטען איז בעסער. פון נאהענטען שאדט די אויגען...

— איך וויל נים! — פלעגט זי זיך ווארפען קאקעטיש,— זעהסטו נים, אז היינט שפיעלט דא אין די בילדער קאסטעלא, מיין ליעבלינג... איך וויל איהם זעהן נאהענט...

און ליעבקינד, וועלכער וויים די שעדליכקייט פון דער נא־הענטקייט פאר די אויגען, מוז זיך זעצען אין די ערשטע רייהען.

נאך די מופענפיקטשורס וויל ליעבקינד אביסעל שפאצי־רען אין די שטילע, רוהיגע גאסען. פלארא אבער וויל דוקא אויף בראדוויי.

— איך האס די דאזיגע טויטע סטריטען, — זאגט זי בייז. באלד אבער ווערט זי גוט און פאנגט אן:

— קום, מיין ליעבער, אויף בראדוויי. דארטען איז אזוי פרעהליך: די ליכט... אזוי ווי א גרויסער יום־טוב...

אך, פלארא, דו ווילסט אלץ יום־טוב. עס איז דאך דא 6 טעג א וואך... — פרואווט ליעבקינד ארייננווארפען אן ערנס־טע פראזע...

אבער פלארא האקט איהם אב:

— נישט רעד מיר פון וואך. דאס גאנצע לעבען דארף

זיין בלויז א יום־טוב, ווען ניט, ווייל איך נישט דיך און דאס לעבען...

ליעבקינד ווערט ענטציקט פון איהר גרויסער לעבענס־לוסטיגקייט. „עס איז אויך אן אנשויאונג!“ טראכט ער צו־פרידען און לאזט זיך פיהרען פון זיין פלארא אין די רייכע סטריטען.

אריינגעהענדיג אין יענער טהייל פון בראדוויי, וואו די גרויסע געשעפטען פאנגען זיך אן, פערגעסט פלארא, אז זי געהט מיט ליעבקינד'ן. איהר גאנצעס וועזען איז אריינגע־טהאן אין די שוי־פענסטער, און באלד גיט זי זיך א כאפ:

— אוי, ליעבקינד, זעה!

און נישט ערווארטענדיג קיין ענטפער פון איהם, שלעפט זי איהם צו צו א פענסטער, וועלכע איז אויסגעהאנגען פון אויבען ביז אראב מיט דרעסעס און מאנטלען.

— א „סייל“! — רופט זי אויס ענטציקט. — זעה, ליעב־קינד, ווי ביליג!

ליעבקינד פיהלט זיך ווי פערלארען. אויך געהען איהם אן די קליידער מיט די מאנטלען, ווען ער ווייס זיכער, אז קויפען דארף פלארא גאר נישט...

— קום, פלארא, קום! רופט־ער זי...

— קום, פלארא, קום! — קרימט זי זיך חנ'עוודיג. — זעה וואס פאר א שעהנע דרעס, זיעבען דאלאר מיט אכט און נײַנציג סענט...

— גנבים! — שרייט ליעבקינד אויס בייז. — עס איז דאך אכט דאלאר. צוליעב צוויי סענט ווערט ביי זיי זיעבען דאלאר. אט אזוי בלאפט מען דעם עולם.

פלארא פערטהיידיגט אבער די ביזנעס־לייט.

— זיעבען דאלאר מיט אכט און נײַנציג סענט איז טאקע ניט אכט... עס איז טאקע זיעבען, פערשטעהסט... ליעבקינ־קוק!... — ווארפט זי זיך אויף אן אנדער קלייד, — אט —

דרעם איז גרויסארטיג. עכטער זייד! ביזט א מבין, ווי שעהן זי ליעגט! זעה אונטען!

— אבער, פלארא, איך האב נישט קיין געדולד דערצו!— בעט זיך ליעבקינד רחמים, — וואס געהען מיר אן די קליידער?

— ביזט א נאר! — האלט זיך פלארא ביי איהרם. — מען דארף אלע מאל זעהן פרייזען... עס קומט צוניץ... זעהסט אט די דרעס. קוק אויבען... זעה ווי שעהן. פינף דאלאר... מיין גאט, ווי איז עס מעגליך...

— עס איז דאך מיט אכט און ניינציג סענט... — כאפט ליעבקינד ווייעדער דעם בלאף...

— ביזט א נארעלע! — ווערט פלארא גוט געשטימט.— דאס קלייד איז א מציאה פופצעהן דאלאר. און דו רעכענסט די אכט און ניינציג סענט...

— אבער, פלארא, — ווערט דער ערנסטער ליעבקינד אונ־ געדולדיגער, — קום שוין... וויפיעל איז דער שיעור?

— ווארט. אט נאר דעם מאנטעל בעטראכטען... זעהסט... דאס איז דער נייער סטייל... געפעלט דיר?

— איך וויים ניט... — ענטפערט ער מיט רוגזא... — נאר פלארא טרעט נישט אב ביז ער זאגט, אז יא; עס געפעלט איהם זעהר, א הערליכער סטייל...

— ביזטו טאקע א נאר און פערשטעהסט ניט, — זידעלט זי איהם גוטמוטהיג, — דער סטייל איז פאר מעדיסאן סטריט. אט זעה דעם מאנטעל, אויבען... נו, אדרבא, דער געפעלט דיר?...

ליעבקינד בעטראכט איהם און ס׳געפעלט איהם ווייעדער. ער האט אבער שוין מורא, ער זאל ניט דורכפאלען, ענטפערט ער:

— ניין, זעהר א פראסטער סטייל...

— אט ביזטו מיר א מבין! — מאכט פלארא חוזק — דאס איז דאך זעהר שעהן... אויף פינפטע עוועניו האב איך שוין עטליכע רייכע לידיעס געזעהן אין דעם מאנטעל: צוועלף דא־

לאר... ווייסט, ליעבקינד, אז עס איז ניט זעהר טהייער...

— ווירקליך... — מורמעלט ליעבקינד ארוים, אבי אב־טשעפּען זיך... און ער הויבט זיך אן בעטען רחמים.

— קום שוין, פלארא, קום! האסט דאך שוין אלץ בע־קוקט...

— איין מינוט, — ענטפערט זי שטארק בעגייסטערט פון די פיעלע אויסגעהאנגענע קליידער און מאנטלען. זי ווארפט נאך שנעלע בליקען אויף דער גאנצער פענסטער און זאגט ענדליך:

— נו קום!

— דאנקען גאט! — טראכט ליעבקינד און לאזט זיך מיט איהר געהן.

גאר זיי געהען ניט אב קיין צעהן טריט, ווי פלארא דער־זעהט א נייעם מאגאזין, שוין נישט פון קליידער, נאר פון העמדער.

— איין מינוט, ליעבקינד, קום צו... איך וויל נאר בע־טראכטען אט דעם העמד... און נישט ערוואַרטענדיג פון איהם קיין יא, שלעפּט זי איהם צו צום שוי־פענסטער...

— ווי געפעלט דיר, ליעבקינד, דער העמד...

— זעהר... גרויסארטיג!

— ביזט א נאר! — זידעלט זי, וואס ער האט ניט קיין געשמאק. — דער העמד איז צו פּרעך! דער פעדער אליין איז טאקע שעהן, אבער דער פאסאן איז אבשייליך...

— איך האב טאקע געמיינט, אז בלויז דער פעדער איז שעהן...

— אויב אזוי, ביזטו גערעכט... — ענטפערט פלארא פער־טראגען מיט די איבעריגע העמדער, וועלכע זי האלט אין איין בע־טראכטען. — אט זעה! — שרייט זי אויס — זעה יענע קליינע העטקע, וואס זאגסטו?...

— איך ווייס ניט! — האלט ליעבקינד ענדליך ניט אויס.

— ניין! איך וויל דו זאָלסט מיר זאָגען, — שפּאַרט זי זיך קאַקעטיש איין.

דער ערנסט־דענקענדער ליעבקינד קען ווידער נישט ביי־שטעהן דעם נסיון פון איהר לייכטזיניגען חן און ער ענטפערט:

— יא, דער העט געפעלט מיר...

— איצט האסטו געטראָפען — לויבט זי איהם. — מיר געפעלט ער אויך.

— נו, טאָ קום שוין! — בעט ער זיך.

דאָס ערנסטע אבער איז ביי׳ן מאגאזין פון וועש...

— פלאָרא, איך שעהם מיך... — ווערט ער רויט.

— ביזט א נאר... וואָס שעהמסטו זיך?... זעהסט דאָרט אויבען די העמד?... זעה ווי שעהן געהאַפטען... איין דאָלאר זיעבעצעהן סענט... ווערטה?

— דערוויף בין איך קיין מבין ניט, — זאָגט ער מיט כעס.

— ווייל דו ביזט א נארעלע, — פליסטערט זי איהם אריין אין אויער און קוקט איהם נאכדעם אָן מיט שעלמישע בלי־קען...

און ליעבקינד קען ווידער דעם נסיון ניט פערטראָגען און זאָגט מבינות אויף די העמדער.

אין הארצען אָבער נאָגט איהם דער געוויסען:

— אַן ערנסטער מענש ביזטו און גיסט זיך אַב מיט ווייבערשע וועש!... שעהם זיך! — און ליעבקינד שעהמט זיך טאקע פאר זיך אליין, פאר דער גאנצער גאס, פאר אלע דורכ־געהענדע.

אָבער פלאָרא שטעהט אַ בעגייסטערטע ביי׳ן פענסטער און קען ניט אברייסען די אויגען פון די פערשיעדענע העמדער. און

אלע ווײלע רײסט זי איבער ליעבקינד׳ען פון זײנע ערנסטע גע־דאנקען:

— ליעבקינד, בעטראכט נאר אט די איין העמד... זאג, געפעלט דיר?... איך וויל הערען דײן מײנונג.

און ליעבקינד זאגט ארויס זײנע מײנונגען וועגען דעם... און שעמט זיך פאר די פארבײגעהער...

דער בעגלייטער.

יעדע נייע בעקאנטשאפט מיט א מיידעל האט עהרליך'ן נעגעבען א נעוויסע איליוזיע. ביי'ן בעקענען זיך האט זיין גוט־מוטהיגער פנים נעשטראהלט. די צוויי מענליכע טיעפע קנייטשען ביי די זייטען פון די באקען, זיינען ווי קלענער און פלאכער געווארען. דער שמייכעל ארום די ליפע זהאט אויסגעדריקט זעליגקייט און האפענונג אויף אונבעשטימטען גליק.

ער האט זיי ליעב געהאט — די דאזיגע מיידלעך מיט די שווארצע אויגען, זעלטען מיט די בלויע; מיט די שווארצע האר — זעלטען מיט די בלאנדע; ליעב געהאט און געווען גרייט געהן פאר זיי אין פייער און אין וואסער.

און עס איז ווירקליך אויסנעקומען א סך צו טהאן פאר יעדע נייע בעקאנטשאפט. פערזארגען מיט א בילעט אויף א קאנצערט איז אויך ניט אזוי גרינג, אבער א בילעט אין דער אפערא, ווען דער גרויסער טענאר זינגער טרעט אויף איז פערבונדען מיט שוועריגקייט. קומט א בעריהמטהייט און די בילעטען ווערען צוכאפט מיט 4 וואכען בעפאר, איידער עהרליך האט גאר נעוואוסט אז אזא איז נעקומען. פיהלט ער זיך ווי שולדיג. ער האט זיך בעקענט מיט בערטען, אזא ליעבע מיידעל, און זי וויל געהן הערען די בעריהמטהייט. מען מוז בעקומען פאר איהר א בילעט. ער יאגט זיך ארום פון איין פלאץ צום צווייטען, פון איין ספעקולאטאר צום צווייטען: גאט זיי דאנק — ער האט נעקראגען. א שאד, צוויי פערשיעדענע בילעטען, זיצען צוזאמען מיט איהר וועט ער ניט קענען. זי וועט זיצען אויף דער ערשטער און ער אויף דער צווייטער באלקאני. זי אין צענטער און ער אין

א זייט. אָבער דאָס אָרט איהם שוין ניט, פערקעהרט. ער איז נאָך צופריעדען, וואָס זי וועט האָבען דעם גוטען פּלאַץ און ער וועט צוליעב איהר מוזען אָבקומען. עס איז אנגענעהם אפּצו־קומען, צו ליידען פאר דער, וועלכער מען איז איבערגעגעבען.

די הויפּט זאַך איז דאָס טרעפען זיך, דאָס געהן צוזאַמען. אַמאָל בלויז זייט ביי זייט, אַמאָל האנד אין האנד... עס איז אנגענעהם. דאָס מיידעל, א פרעהליכע און א גליקליכע, שמייכעלט אין גאנג און לאכט. דאָס רוב מיידלעך לאכען שעהן. עהרליך האָט ליעב צו הערען ווי מיידלאַך לאכען. עס גיט איהם גענוס, כאָטש ווען זיי ווערען טרויעריג האָט ער נאָך ליעבער. דאמאָלסט קוקען זייערע אויגען אזוי ווייט, אזש צום גן־עדן, וואו זייער מוטער חוה האָט פערלוירען דאָס גליק און עס דאכט זיך, אז זיי האָבען נאָך אַלץ געוויסענביסע...

אָבער זעלטען ווערען זיי טרויעריג. עהרליך האָט גליק צו פרעהליכע, יונגע, גוטגעשטימטע מיידלעך.

זיצט ער אויף דער צווייטער באלקאָני, אין א זייט און קוקט אראָב. ניט צו דער סצענע, חלילה, נאָר אהין, וואו דאָס מיידעל זיינס זיצט. ער איז פערזאָרגט, צי האָט זי א גוטען פּלאַץ, צי פיהלט זי זיך בעקוועם, צי פערשטעלט איהר ניט ווער עס איז מיט א צו גרויסען קאָפּ. געפינט ער אויס, אז די אַלע הינדער־ניסען זיינען ניטאָ, איז ער גליקליך און ער זיצט אויף זיין אונבעקוועמען פּלאַץ און וואַרט אויף דער ענדע צו טרעפען זיך מיט איהר און אָפּפיהרען זי אהיים.

דאָס אָבפיהרען א היים איז שוין ניט אזא פרעהליכע מי־סיע. דאָס רוב וואָהנען זיי ווייט. די שטאָדט איז גרויס און קיין נאָהענט איז גאָר ניטאָ. אנקומענדיג צום הויז, וואו דאָס מיי־דעל געפינט איהר רוה, בלייבט ער שטעהן ביי׳ן שוועל. זי שמייכעלט איהם אזוי פריינדליך און דאנקט איהם.

— אַך, פאר וואָס דאנקט איהר מיר? ווערט ער געריהרט אין נעגענטייל, עס איז געוועזן זעהר אנגענעהם.

עס איז איהם שווער אוועקצוגעהן. אייגענטליך דארף ער זי ניט לאזען אליין ארויף אויף די טרעפ. עס איז שוין שפעט. ווער ווייס, ווער אין קארידאר לויערט אויף איהר.

— איך וועל אייך ארויפפיהרען ביז צו אייער טהיר.

— אך, צו וואס... איז דאס מיידעל נאך מעהר דאנקבאר— קיינער וועט מיר גיט טשעפען. איך דאנק אייך.

און זי דריקט איהם ווארים די האנד און דאנקט איהם אב פאר אלעס.

ער לאזט זיך געהן צוריק איינער אליין. עס איז שוין שפעט. אויף די גאסען איז שוין שטיל. וואו ניט וואו געהט נאך דורך א פערשפעטיגט פארל. אנפאנגס איז ער דעם „ער" מקנא. אבער באלד דערמאהנט ער זיך, אז אט מיט צעהן מינוט צוריק איז ער דאך אויך אזוי געגאנגען מיט א „זי" און יעצט איז ער איינער אליין. מיט יענעם וועט באלד אויך פאסירען אזוי. בע־גלייטען ביז'ן טיהר און וועט זיך לאזען אן איינזאמער צוריק...

און ארייננטראכטענדיג זיך אין דער דאזיגער פראגע, האט ער נאך א לאנגע צייט פון אויסנעהמען און בעגלייטען, דער־פיהלט א בעליידיגונגס־געפיהל און זיין הארץ האט אלץ שטאר־קער און שטארקער פראטעסטירט.

— מיין גאט! עס מוז דאך נעהמען אן ענדע די בעגליי־טענישען — האט ער פון זיך אליין חוזק געמאכט, קומענדיג צו זיך אהיים א מיעדער פון לאנגען וועג, וואס ער האט אין פער־לויף פון אבענד דורכגעמאכט!

— שטענדיג ביז'ן טיהר! האט ער העפטיגער פראטעס־טירט — איך בין זיכער, אז זי מאכט פון מיר נאכדעם חוזק.

און וואס מעהר ער האט זיך פארגעשטעלט די לאגע, אלץ קאמישער האט ער זיך דערזעהן און דאס מיידעל וואס ער האט בעגלייט ערגעץ אין א פערוואָרפענע גאס האט ער געזעהן אלץ מעהר אין אן אפלאכענדיג געשטאלט.

דער פראָטעסט האָט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. עס איז גראד געוועזן א קאלטע ווינטער נאכט. דער פראָסט האָט געשטאָכען ווי מיט נאָדלען. געהענדיג ביי דער זייט פון א נייער מיידעל, וועלכע ער האָט בעגלייט פון עפּעס א באַלל, האָט ער ניט געפונען קיין וואָרט וואָס צו זאָגען איהר.

— וואָס זייט איהר אזוי פערטיעפט? — האָט איהם דאָס מיידעל א פרעג געטהאָן...

— הם... פערטיעפט... האָט ער ווי מיט איראָניע איבערגע־פרעגט. און א שמייכעל טהוענדיג האָט ער צוגעגעבען:

— איך טראכט, אז איהר פרויען נאַרט אונז שטענדיג אוים.

— מיר — אייך? — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פון דעם נייעם בליק אויף פרויען. מיר דאכט פונקט פערקעהרט....

זיי זיינען ענדליך צוגעקומען צום הויז. זי האָט זיך גע־גרייט צו זעגנען.

— אַט זעהט איהר! — האָט עהרליך ווי טריאומפירט... הייסט עס ניט אויסגענאַרט.

אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויעזען א נייער שמייכעל.

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי איהם נייגעריג גע־פרעגט.

— איך מיין, אז אין דעם בעגלייטען א מיידעל ביז'ן טיהר שטעקט א סך קאָמישעס... דער מאַן פיהלט זיך עפּעס בעליי־דיגט...

זי האָט זיך פערטראכט.

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט?... — האָט זי ענדליך ווי מיט אַן אנטייל געפרעגט.

— איך מיין... געוואָלט... האָט עהרליך אָנגעהויבען שטאַמ־לען... נאַטירליך, עס זיינען דאָ געוויסע געזעצען, בעגרענעצונ־גען... אבער דאָס מיידעל וועלכע דער מאַן בעגלייט דאַרף זיך דאָך אמאָל פערטראַכטען: אפשר פיהלט זיך דער מאַן בעליי־

דיגט; בעגלייט זי ביז'ן טיהר און נאכדעם געה ווי אן אב־געריסענער נאר צוריק...

— אך, איהר ווילט ארויפגעהן! מיט'ן גרעסטען פערגע־ניגען! — האט זיך דאס מיידעל אנגעכאפט — עס איז נאך ניט שפעט, איך קען מאכען טהעע און מיר וועלען אביסעל פלוידערען...

— אביסעל פלויערערען פערשטעה איך! האט זיך עהר־ליך געוויצעלט און האט דערפיהלט א דאנקבארקייט צו איהר פאר איהר אפענהערציגקייט. זי האט אין גאנצען איהם ווי אב־געקויפט דערמיט.

ער איז נאכגעגאנגען אויף די טרעפ, ווי א הונגעריג איינ־געל, וואס געהט נאך די מאמע, וועלכע פיהרט איהם פון גאס אין שטוב ארויף צו געבען עפעס עסען.

אריינפיהרענדיג איהם אין איהר צימער, האט זי גלייך אנגעצונדען די גאז. עהרליך האט זיך באלד דערפיהלט אין א געהויבענער שטימונג. דאס בעט איז געווען אזוי זויבער און פארגעפעלטיג פארבעט, די גארדין אויף דער פענסטער אזוי גע־היימניספול אראפעגלאזט און פון גאנצען צימערעל האט גע־וועהט מיט רוהיגקייט, גליק און אינטימיטעט.

— זעצט זיך, עהרליך. איך וועל מאכען טהעע.

איהרע ווערטער האבען אפגעקלונגען אין צימער ווי פון א ווייטען לאנד. אבער עהרליך האט זיך קיין מאל ניט געפיהלט אזוי דערוואריםט ווי איצטער.

אז די טהעע איז פערטיג געווארען, האט דאס מיידעל אנ־געגאסען צוויי גלעזער טהעע, איהם אוועקגעשטעלט די ערש־טע, זיך גענומען די צווייטע, זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם און אריינקוקענדיג איהם מיט א פריינדליכען שמייכעל, האט זי געזאגט:

— הייסט עס, גנב, ביז'ן טיהר אונז בעגלייטען איז אייך שוין נמאס געווארען.

— כמעט... האָט ער צוריק געשמייכעלט...

— זייט איהר ניט הונגעריג? — האָט זי זיך פּלוצים גע־כאַפּט — איך קען אייך געבען אַ פּוטער־ברויט...

און אַז די צוויי פּוטער־ברויטס זיינען פערטיג געוואָרען האָט זי ווייעדער געפרעגט:

— הייסט עס, אַז איהר האָט צו אונז טענות...

— יאַ... האָט עהרליך ערנסט געענטפערט — איהר פער־שטעהט, עס מוז דאָך נעהמען אַ סוף... שטעלט זיך פאָר, אַז מיין גאַנץ לעבען, איך מיין זייט איך בין פון אַ אינגעל אַ מאַן גע־וואָרען, האָב איך יעדעס מיידעל בעגלייט בלויז ביז׳ן טיהר...

— נו, ווער האָט אייך געהייסען זיין אַ עגאָאיסט?... האָט זיך דאָס מיידעל גערוויטעלט..

עהרליך האָט ניט פערשטאַנען...

— וואָס מיינט איהר אַז עגאָאיסט... פּונקט קאַפּויר. עגאָ־איסטקעס זיינען די מיידלעך.

— ניין! — איז דאָס מיידעל ערנסט געוואָרען — איהר זייט דער עגאָאיסט!

— ווי אַזוי? — האָט עהרליך ניט פערשטאַנען.

— איך מיין, אַז איהר ווילט אימער פריי זיין... איך וועל דאָך ניט גלויבען, אַז איהר זייט אַזאַ פערדאַרבענער מענש צו וועלען יעדע מיידעל בעגלייטען און אריין געהן צו איהר נאָכ־העֶר אין צימער... דאָס וואָלט דאָך געוועזען שרעקליך. אַזאַ מענ־שען, וואָלט איך קיין מאָל ניט ערלויבט מיך צו בעגלייטען.

— נאַטירליך... האָט עהרליך געגעבען זיין מיינונג אויסגע־שטאַמעלט...

— איך פערשטעה... הייסט עס, אַז יענע אַלע מיידלעך וואָס איהר האָט בעגלייט בלויז ביז׳ן טיהר זיינען געוועזען סתם בעקאַנטע...

— נעוויס...

— איהר דארפט דאך פערשטעהן, אז איך וואלט אויך ניט געזואגט אייך ארויסצוזאגען צו מיר, ווען איך וואלט ניט געפיהלט אייער ערנסטע בעציהונג צו מיר...

„זי געהט צו ווייט" — האט עהרליך זיך אביסעל דער־שראקען...

— דער וואס בעגלייט דאס מיידעל אין צימער אריין, איז ניט סתם קיין בעקאנטער... ווי מיינט איהר... האט זי ווייטער געפרעדיגט.

עהרליך'ען האט בעשלאגען א קאלטער שוויים... ער האט אבער געפיהלט זיך געצוואונגען צו נאכגעבען.

— געוויס... דער איז שוין א נאהענטער מענש...

— אזוינס קען מען ערלויבען בלויז א חתן... האט דאס מיידעל מיט א גליקליכען שמייכעל ארויסגעזאגט איהר ענד־געדאנק און האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו עהרליך'ען.

עהרליך האט זיך פאר דער דאזיגער נאהענטקייט דער־שראקען. אזוי פלוצלונג א חתן ווערען האט ער זיך ניט גע־ריכט... ער האט זיך געוואלט אברוקען אביסעל און פארבעריי־טען זיך צום אוועקגעהן. אבער אויס העפליכקייט האט ער זי אנגענומען פאר דער האנד...

זי האט זיין האנד ארייגעכאפט אין איהרע ווארימע הענד, שטארק געדריקט און געפליסטערט:

— א, מיין ליעבער עהרליך, איהר זיינט אזא פיינער! איך בין אזוי גליקליך, אזוי גליקליך! אפשר ווילסטו — האט זי פלוצים אנגעהויבען אויף דו — אפשר ווילסטו נאך א גלאז טהעע...

און ווערענדיג צוטומעלט פון אונערווארטעטען אונגליק, האט ער געענטפערט:

— יא!... איך וויל...

ידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

קליינע ערצעהלונגען.

1.

ד ע ר ר י כ ט י ג ע ר ג ר י ם.

אנגעהויבען שפיעלען אויף דער ביהנע האט ער אין דער פריהער יוגענד זיינער. ער איז געווען פרעהליך, פריש און מונטער. אבער זיין טאלאנט אלס שוישפיעלער איז בעשטאנען אין ראלען פון אלטע מענשען. פערשטעלען זיך פאר אן „אל־טען“ איז איהם אנגעקומען זעהר שווער. אין זיין צימער׳ל הינ־טער די קוליסען פלעגט ער נוצען אלערליי פארבען, אלערליי בערד און אלערליי פארוקען. ער פלעגט מוזען קומען מיט צוויי שעה פריהער איידער דאס שפיעלען פאנגט זיך אן, ביז איהם פלעגט געלינגען פערדעקען זיין יוגענד. אט איז ער שוין, דאכט זיך, פארטיג — א פאלקאמענער זקן. אבער אט כאפט ער זיך, אז די צוויי רייהען ווייסע צייהן גיבען ארוים זיין יוגענד און ער נעהמט זיך צו די שווארצע פארב בעשמירען די פאדערשטע צייהן, עס זאל אויסקוקען, ווי זיי פעהלען איהם.

ארייגקוקענדיג אין קליינעם שפיגעלע, וואס האט זיך גע־פונען אין זיין גארדעראב־צימערל און דערזעהענדיג זיך, אלס אן עכטען אלטען, פלעגט ער זיך פיהלען גליקליך און בעפרי־דיגט. איהם האט, הייסט עס, געלונגען נאכצומאכען די אלט־קייט. אן עכטער ארטיסט.

דאן פלעגט ער זיך פרואווען דורכגעהן און מאכען פראבע מיט דעם גאנג. ער פלעגט די פלייצע איינבויגען אראב, די פיס בעווענען לאנגזאם און שטעלען קליינע אבגעהאקטע טריט, ווי

יעדער טריט מאכען וואלט איהם אנגעקומען מיט גרויס מיה. און אז אויך דאס פלעגט איהם געלינגען, פלעגט ער זיין אין זיבעטען הימעל פאר גליק. ער האט בעזיעגט די יוגענד, וועלכע וואלט איהם געשטערט אין זיין ערפאלג. און ער איז א פאלקא־מענער זקן...

אזוי זיינען די יאהרען געגאנגען און געגאנגען. פערשוואונ־דען אונבעמערקטערהייד אין שפיעלען און אין פערשטעלען זיך. ביז ער האט איינמאל זיך געכאפט, אז דאס גרימירען זיך דארף שוין ביי איהם נעהמען וועניגער צייט. האט ער זיך דער־פאר שטארק דערשראקען און האט אויף צו להכעיס דער פער־שוואונדענער יוגענד זיך נאך לענגער גרימירט און אנגעטהאן דעם סאמע גראהען פארוק...

עס זיינען אבער פערגאנגען נאך עטליכע יאהר. זיינע איי־גענע האר זיינען געווארען גראה ווי דער גראהסטער פארוק. זיין גאנג האט זיך שוין זא־ווי־זא געוואקעלט און די שטים האט געקלונגען הייזעריג אהן קיינע אנשטרענגונג.

ער ברויך זיך שוין ניט צו פערשטעלען. ער האט זיך אזוי לאנג פערשטעלט, ביז ער איז אין דער ווירקליכקייט געווארען א זקן. ער קען קומען פון גאס און גלייך ארויף אויף דער ביהנע צו שפיעלען די ראלע פון אן אלטען...

וועט עס אבער הייסען געשפיעלט?...

2.

דער מענש מיט'ן בלום אין לאץ.

די קאר איז געווען אנגעפאקט מיט א גראהער מענגע, וואס זיינען געפאהרען פון דער ארבייט. די וואכיגקייט איז געווען אויסגעגאסען אויף די פנים'ער, קליידער און גערוהט אין די אויגען. ענג און שווער א טריט צו מאכען. אט איז די קאר שטעהן געבליבען. עס קריכען נאך מענשען. וואו וועלען זיי זיך אהינטהאן? זיי שטופען זיך ווי עס איז דורך מיט די עלענבויי־

גענס און די מענגע ווערט נאָך גראָהער און וואַכיגער.

נאָר אָט האָט זיך בעמערקט א מענש און אין זיין לאַץ האָט געשטעקט א פרישע בלום. די בלום איז געווען רויט און זאַפטיג און האָט נאָך ניט ערוואַכט פון איהר חלום, געמיינט, אז זי איז נאָך אויפ׳ן שטאַם און ניט אויף א לאַץ פון א מענשען אין א קאַר.

אנפאנגס האָט זי אין קאַר קיינעם ניט בעמערקט. באַלד אָבער האָט אן אנטקעגענדיגער פּאַסאַזשיר דערזעהן דעם מענשען מיט דער בלום און האָט זיך פער׳חידוש׳ט: ווער קען עס זיין און ווי קומט ער אהער אין קאַר.

ביסלעכווייז איז די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער מענגע אין קאַר געצויגען געוואָרען אויף דעם דאָזיגען פּאַרשוין. ווער זאָל ער זיין — א רויטע פרישע בלום!

צוויי פּאַסאַזשירען האָבען זיך צורעדט צווישען זיך:

— זעהט אויס, א שטיקעל משוגענער...

— איך מיין אויך אזוי...

— פון וואנען קען ער עס פאָהרען?...

— פון וואנען געהט מיר ניט אָן. איך בין א בעלן צו וויסען וואוהין?

— ווירקליך. די קאַר געהט אין דער ריכטונג, וואו עס וואָהנען לויטער ארבייטער.

— אָט דאָס איז דאָך מיר דער וואונדער — ער זעהט ניט אויס ווי קיין ארבייטער.

אנדערע צוויי האָבען געמאַכט אנדערע השערות:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם נפש... ער מוז זיין א בוק־קיפּער.

— איך מיין — א שרייבער.

— געה, א שרייבער וועט ניט אנשפּיעלען קיין בלום אויף א לאַץ....

— אפשר א יוניאָן־פיהרער?

— ניין! ער זעהט אויס צו ארעם...

— אפשר א סטרייקער...

— א סטרייקער — דאס לעגט זיך אויף'ן זינען. אבער ער זעהט מיר אויס צו פרעהליך...

דער געשפרעך האט זיך געפיהרט אין אן אנדער ווינקעל:

— זאל עס ניט זיין אמאל אן אקטיאר...

— ניין, דא ארום איז ערגעץ ניטא קיין טהעאטערס.

— אפשר א קאדעט... מען קען גאר ניט וויסען...

— הא... א קאדעט... ששש... אויב אזוי, לאמיר רעדען שטילער. א געפעהרליכער מענש! איך מיין אבער, אז ניט... ער זעהט אויס צו זיין א לעמעשקע...

און קיינער פון דער גראהער מענגע אין קאר האט ניט גע־קענט לעזען דאס פראבלעם:

ווער איז ער מיט דער בלום אין לאץ אין א מיטען מיט־וואך? פון וואנען פאהרט ער און וואוהין?...

דאס ארעמע פנים.

ער האט זיך ענדליך ארויפגעארבייט, געווארען רייך. זיין וואוינונג האט זיך געפונען אין אן אריסטאקראטישען געגענ־ און די צימערען זיינען געווען מעבלירט אויפ'ן רייכסטען און אריסטאקראטישסטען שטייגער.

אויף די וואנד זיינען געהאנגען די שעהנסטע פארטרע־טען, די גרעסטע מיוחסים פון דער וועלט: שריפטשטעלער, קינסטלער און רעגיערער פון אלערליי צייטען און פון אלערליי לענדער.

ער אליין האט אויף זיך געארבייט, צו בעקומען אן אויס־זעהן פון אן אריסטאקראט. א דאנק זיינע פעהיגקייטען נאכצו־מאכען, האט עס איהם געלונגען; דאס פנים האט בעקומען א שטרענגען אויסזעהן; דער גאנג א גלייכער, א רוהיגער; די הענד זעלטען בעוועגט און אויב יא — רוהיג מיט א מאס, זיי צופיעל

ניט אויפגעהויבען און ניט צופיעל אראבגעלאזט.

דאס ווייב — די מאדאם — איהר איז עס נאך לייכטער אנגעקומען. עס האט זיך געדאכט, אז זי שטאמט פון דורות מיליאנערען און יחסנים. די קינדער — שוין געבארען אין לוק־סוס און רייכקייט, האבען זיך ניט געדארפט אפילו אנשטרענ־גען. זיי האבען אויסגעזעהן ווי רייכע, אריסטאקראטישע קינ־דער ברויכען אויסזעהן: גרויסע אויגען, מאטע ווייסע געזיכטער און שטאלצע שמייכלען אויף די דינע ליפען.

נאר דער פאטער זיינער — ער האט פערשטערט דעם זוהן דאס גליק און צושטערט איהם די אילוזיע. ווערענדיג אבהיטען דאס כבוד אב, האט ער דעם ארימען טאטען אריינגענומען צו זיך אין הויז. פאר וואס ניט? — אז אלטער טאטע. בפרט נאך, אז דער טאטע איז נאך געזונד און ברויך קיין בעזונדערע אויפ־פאסונג ניט האבען.

אבער דאס פנים — דאס ארימע פנים! ווי אזוי ווישט מען אב די שפורען וואס די ארימקייט האט ארויפגעלעגט אויפ'ן טאטענ'ס פנים. וואס דער טאטע זאל ניט טהאן — דריקט זיך עס אב אויפ'ן פנים און יעדער אויסדרוק דערמאהנט אן דורות ארימקייט.

שמייכעלט דער טאטע, איז דאס א שמייכעל פון אן ארי־מאן, ווען יענער געהט צו א דערפראהרענער צו א ווארעמען אוי־ווען... גיט ער א זיפץ, איז דאס א זיפץ פון איינעם וואס האט דריי טעג ניט געגעסען, זאגט ער א וויץ ביים טיש און צולאכט זיך, דאכט זיך אז דאס לאכען דורות הונגעריגע אידען... אפשר ליעגט די ארימקייט אין דער בארד? ער זאל אבשערען די בארד...

— טאטע, דו מוזט ברענגען דיין בארד אלס א קרבן פאר מיין נייעם לעבען...

דער טאטע, א נכנע נאך פון אמאליגע יאהרען, האט מסכים געווען.

נאר וועה! אהן דער באָרד האָט ער אויסגעזעהן ווי אַן ארימער אפיקורס אין א קליין שטעדטעל.

און מען האט געדולדיג געמוזט ווארטען עטליכע מאָנאַטען ביז די באָרד וועט צוריק אבוואקסען.

האט מען בעשטעלט א סאמעט רעקעל, האט ער אין איהם אויסגעזעהן, ווי א שטעדטעלדיגער כלי־זמר.

עס האט ניט געהאָלפען אין דער פריה דער זיידענער שלאפראק, וואס דער טאטע פלעגט טראגען. פון זיידענעם שלאפראק האט דעם טאטען'ס פנים אויסגעזעהן דערפרוירען, ווי ער וואלט נאר־וואס ארויס פון קאלט וואסער.

עס האט ניט געהאָלפען קיין זייד און קיין סאמעט. פון די טהייערסטע שטאָפען האט ארויסגעקוקט פון טאטען דאס ארימע פנים, כאָטש טהו זיך עפעס!

פלעגט דער זוהן נעהמען אמאל דעם טאטען צו דער אָפּע־רא — אפשר וועט העלפען די אריסטאָקראטישע אטמאָספערע. פלעגט ער האבען צרות, ערשטענס אין דער לאָזשע. דער „אשער" האט ניט געגלויבט, אז דער דאָזיגער מענשעל, מיט'ן ארימען פנים, זאל זיצען אין א לאָזשע, און ער פלעגט רעווי־דירען זיין בילעט... און אז דער „אשער" פלעגט זיך שוין אי־בערצייגען, אז דער בילעט איז א ריכטיגער, פלעגט ער אָנקוקען דאס אָרימע פנים מיט ערשטוינונג און נאָכדעם א שמייכעל טהאָן...

איז דער טאטע איינמאל ניט געזונד געווארען און מען האט געבראכט דעם דאָקטאר... דער דאָקטאר האט בעטראכט דעם פאציענט און געפרעגט:

— איז דאס פון אייערע הויז־משרתים...

— הם... עס איז דאָך מיין טאטע...

— אָך... יא... — האט דער דאָקטאר זיך פערכאַפּט, א קוק טהוענדיג אויפ'ן אָרימען פנים און זיך פערוואונדערט: ווי קומט דער דאָזיגער אהער?

אויף מאָרגען האָט דער טאַטע בעקומען היץ, די באַקען האָבען איהם געגליהט און די אויגען זיינען געוואָרען גרויס און אָפענער... דאָס פּנים איז געוואָרען רייכער און אָנגעזעהענער...

דער זוהן האָט זיך דערפרעהט... אבער די שמחה האָט לאַנג ניט געדויערט. אין א פּאָר טעג איז די היץ אָבגעפאַלען און אראָבגעהענדיג פארנאכט פון בעט און שפּאַציערענדיג איבער'ן צימער האָט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט געקומען נאָר וואָס פון מרחץ — אזוי אָרים האָט אויסגעזעהן דאָס פּנים.

הייסט עס, אז די קראַנקהייט האָט אויך ניט געהאָלפען— עס איז ניטאָ קיין סגולה צום טאַטענ'ס פּנים.

ערשט, אז דער טאַטע איז אין עטליכע יאָהר ארום ווידער קראַנק געוואָרען און איז שוין פון דיעזער קראַנקהייט גע־שטאָרבען — האָט דער זוהן דערזעהן דעם טאַטען אין אַן אַנ־דער ליכט... דער טויט האָט דוקא דעם טאַטען געפּאַסט. פון'ם ארון האָט דאָס פּנים ארויסגעקוקט רייך און זעהר גרויסאַר־טיג... אז מען האָט דעם ארון ענדליך פערהאַקט און איהם ארויסגעטראָגען אויפ'ן וואָגען מיט די צוויי שוואַרץ־פערפּוצטע פערד, האָט די פּראָצעסיאָן אויסגעזעהן איינע פון די רייכסטע און די וואָס האָבען דעם געשטאָרבענעם ביים לעבען ניט גע־קענט, האָבען זיך פאַרגעשטעלט אין ארון דעם שעהנסטען מאַן...

מיידעלשער שפאס.

זי האט קיין שלעכטס ניט געמיינט. העניע איז אן עהר־ליכע אנשטענדיגע מיידעל. אבער דורכשפאצירענדיג אויף בראד־וויי און בעגעגענענדיג זיך מיט די רייך און שרייענד־געקליי־דעטע מיידלעך, וואס געהען מיט פעררים‏ענע קעפ און מיט קליינע טריט, ווי זייערע פיס וואלטען געפענטעט געווען, וואס דאס האט זיי צוגעגעבען א געוויסען פארשייטען חן, — דורכ־שפאצירענדיג אויף בראדוויי אין די ארבייטסלאזע שעהנ׳ע טעג פון אמעריקאנער הערבסט — האט העניע׳ן דורכגעבליצט א געדאנק, אז אפשר...

מעהר ווי דעם אפשר האט זי אפילו אין דעם געדאנק נישט צוגעלאזט, נאר דער „אפשר“ אליין האט שוין איהר געגוג דער־שראקען און בעלעדיגט. פארבייגעהענדיג א „סטאר“ מיט א גרויסער שויפענסטער האט זי בעמערקט אין דעם גלאז, ווי איהר געזיכט ברענט פאר חרפה. דאס האט זי זיך פערשעהמט פאר זיך אליין.

און זי מעג זיך שעהמען! האט זי זיך אליין געשטראפט. אבער זי האט צוריק זיך פערטיידיגט פון זיך אליין, אז דאס קומט אלץ פון דער ארבייטסלאזיגקייט. זי האט זיך דערמאהנט, וואס זי האט ערגיץ געלעזען, אז ניינציג פראצענט פון די ראזיגע מיידלעך זיינען געקומען דערצו פון ארימקייט. דעמאלט האט זי עס ניט געגלויבט, זי האט איהרער א חבר׳טע איינגע׳טענה׳ט, אז ווי ארים מען זאל ניט זיין קען מען דאך נישט פערקויפען די ליעבע פאר געלד.

אבער שפאצירענדיג אויף בראדוויי נאך דעם מאגערען דינער, וואס זי האט געהאט פאר עטליכע סענט געגעסען, האט

זי דערפיהלט, אז עס וואָלט איהר זעהר שווער געווען בייצו־שטעהן דעם נסיון, ווען עס קומט צו איהר א יונגער מאן און לעגט איהר פאָר אריינגעהן מיט איהם אַט אין דעם דאָזיגען רייכען רעסטאַראַן פון וואַנען עס טראָגען זיך ארויס אויף דער גאַס די פרעהליכע קלאַנגען פון אָרקעסטער און די ריחות פון די שפייז...

נאַטירליך. זי וואָלט בלויז געטריבען שפּאַס, זי וואָלט איהם אויסגענאַרט! זי וואָלט בלויז געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז אַזאַ מין מיידעל. זי וואָלט געלאַכט הויך אויפ׳ן קול, זי וואָלט אפילו א ביסעל וויין געטרונקען, אבער טאַקי ניט מעהר ווי א ביסעל; קוים וואָלט זי דערפיהלט, אַז זי הויבט אָן פערליערען איהר שכל, וואָלט זי זיך אויפגעהויבען און זיך אַבגעזעגענט, אָדער בעסער — אין גאַנצען אָהן א „גוד־באַי" אַנטלאָפען און זאָל ער זי זוכען! טאָמער וואָלט ער איהר וועלען פערהאַלטען, וואָלט זי זיך אָנפאַנגס צולאַכט און נאָכדעם געענטפערט מיט ווירדע און שטאָלץ:

— מיסטער! איהר האָט נישט געטראָפען דעם אָרט!

ביי דעם דאָזיגען געדאַנק האָט זי געשמייכעלט. זי האָט אָבער באַלד געכאַפּט זיך, אַז פאַרבייגעהענדע קוקען זי מאָדנע אָן. און זי האָט גלייך אַנגענומען אַן ערנסטען אויסדרוק.

אבער ווי אַזוי די דאָזיגע מיידלאַך געהען קאָמיש! — פאַלט איהר וויעדער איין. — זי וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אַזוי געהן.

און אפשר וואָלט זי אויך געקענט... עס איז כדאי צו פּרו־בירען.

זי לאָזט זיך געהן מיט די געוויסע קליינע טריט, דעם קאָפּ אין דער הויך אויפגעהויבען און דאָס געזיכט שטעלט זי אָן מיט א טראַציגער מינע.

יע, זי קען!

זי ווערט אליין נתפעל פון איהר פעהיגקייט נאכצומאכען די דאזיגע מיידלאך. ווען איהר קלייד וואלט געווען עפעס מעהר שרייענדיג, וואלט שוין גאר גוט געווען.

— עס איז אייגענטליך אזוי לייכט! — בעשליסט זי און פרעהט זיך און שרעקט זיך, וואס די דאזיגע זאך, וועלכע האט זיך איהר אלע מאל פארגעשטעלט פאר א וויטע רעטזעלהאפטע אונמעגליכקייט איז פלוצים אזוי נאהענט און אזוי קלאר געווא־רען.

— אויב אזוי איז דאך דאס טאקי געפעהרליך! — דער־שרעקט זיך העניע און וויל שוין לאזען זיך צום קאר, פאהרען א היים און ראטעווען זיך, קוים עס איז נאך דא צייט...

אבער א געהיימער וואונש צו עפיס וויטעס און נישט אויסגעפרואווטעס פערהאלט זי. וואס יאגט זי זיך, אייגענטליך? איצט איז אויף בראדוויי אזוי אינטערעסאנט, די גרויסע „סטארס", קאפע־הייזער און קאבארעטען ווערען בעלויכטען פון אינוועניג און פון דרויסען מיט העלע, טאנצענדיגע עלעק־טרישע פייערען. מענשען, ווי אנגעקומענע פון וויטע גליקלי־כע לענדער געהען אום הין און צוריק און זייערע אויגען ברענען מיט לוסט, בעגעהר און לעבענס־פרייד.

העניע פערגעסט א ווייל'ע ווער זי איז און איהר דאכט זיך, אז זי געהערט צו די אלע פרעהליכע און גליקליכע.

אט קוקט זי איינער אן. אנפאנגס פערשעהמט זי זיך, אבער באלד כאפט זי זיך, אז עס איז דאך בלויז א שפאס און ווען א צווייטער קוקט זי שוין אן, שמייכעלט זי, אבער זי טראגט זיך שנעל אוועק... עס איז דאך בלויז א שפאס...

אבער באלד איז זי מיעד געווארען, אט דא ניט ווייט איז דער קליינער סקווער, זי וועט זיך בלויז א ווייל'ע צוזעצען און אברוהען.

זי האט זיך פערקירעוועט צום סקווער, האט זיך אוועק־געזעצט אויף א באנק און געווארט.

באלד האָט זיך נעבען איהר אוועקגעזעצט א רייך־געקליי־דעטער יונגער מאַן, א ספּאָרט, און עכטער אמעריקאַנער. איהר ברוסט האָט זיך געהויבען פאַר אויפרעגונג און ערוואַרטונג. זי פיהלט זיינע בליקען. ער וועט זיכער אָנהויבען, ער וועט פאַר־לעגען... זי וועט שפּיעלען די ראָליע פון „אזא“ מין מיידעל, עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע „שפּיעל“.

און טאָמער לאַדט ער זי איין אויף א סאַפּער — זאָל זי געהן צי ניט?

און ענדליך בעשליסט זי, אַז יאָ... אודאי.. אַז שפּיעלען איז שפּיעלען... און פאַרוואָס זאָל זי איהם ניט אויסנאַרען?

זי דערפיהלט א האַס צו איהם, צו דעם רייכען צופריעדע־נעם יונגען מאַן, וועלכען עס פעהלט ניט מעהר ווי איהר יונ־גער, שעהנער קערפּער, וואָס דער שאַפ האָט נאָך נישט בע־וויזען צו פערצעהרען אין גאַנצען. איהרע באַקען זיינען נאָך ראָזעווע. איהר בלאָהע אויגען זיינען נאָך פול מיט גלאַנץ און די בריסט פול און בעוועגענד, ווי פרוכט אויף א יונגען בוים... די עטליכע ארבייטסלאָזע וואָכען, אָבגעלעבט אין מאַנגעל און נויט, האָבען נאָך נישט געווירקט אויף איהר שעהנקייט. די יוגענד האָט עס מוטהיג אויסגעהאַלטען.

דער יונגערמאַן האָט אויף איהר געקוקט מיט בעהאַלטענע בליקען. עס איז געוועזן קענטיג, אַז ער קען זיך נישט בעשליסען. זי האָט איהם אָנגעקוקט טראָציג פרעך און שעלמיש א שמייכעל געטהאַן. דאָס האָט געווירקט! דער יונגער מאַן האָט זיך צו איהר געווענדעט מיט א פרעכער אבער אין אַן איידעלער פאָרם ארויסגעזאָגטער פראַגע.

זי איז געבליבען פערווירט און האָט פאַר פערווירונג די פראַגע נישט בענומען. איין וואָרט בלויז האָט זי אויפגעכאַפּט און עס האָט איהר אויפגעשווידערט:

— ווי אזוי וואַגט ער עס: האָטעל! פע! ער איז א גע־מיינער מענש!...

אבער באלד האט זי זיך בעהערשט און בעשלאסען ניט ארויסגעבען זיך פאר אן עהרליכע. עס איז דאך אזוי נייגעריג און אינטערעסאנט.

און זי האט מיט א שמייכעלע געענטפערט:

— ניין. אין האטעל וויל זי היינט ניט.... א צווייטען מאל מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. איבריגענס וואוינט זי אליין אין א האטעל... היינט אבער וואלט זי געוואלט געהן אין א רייכען פרעהליכען פלאטץ און אויב ער איז אזוי פריינדליך זאל ער זי נעהמען...

— וואוהין? איז דער יונגער מאן גרייט געוועזן.

— צו מארטענס! — האט זי אויסגערופען.

דער יונגער מאן האט זיך פערוואונדערט:

— אין אזא רייכען פלאץ!

און ער האט מיט א שמייכעל אנגעקוקט איהרע קליידער.

העניע האט בעגריפען, אז זי האט אביסעל איבערגעכאפט די מאס. זי איז טאקי גאר נישט געניט אין אזוינע זאכען. ווי קומט זי צו מארטענס. באיטר דער שאפ, וואו זי האט אמאל גע־ארבייט איז אין יענעם געגענד, וויים זי פון דעם פלאץ. די מיידלאך פון שאפ פלעגען זיך אנדערצעהלען גאנצע לעגענדעס— קומט זי און שיסט אויס: מארטענס!

אבער ארויסגעזאגט און פערפאלען.

— איך געה בלויז צו מארטענס...

און א ווארף טהוענדיג אויפ'ן יונגען מאן א פערעכטליכען בליק האט זי זיך אויפגעהויבען און מיט א שטאלץ פון איינע וואס ווייס איהר ווירדע האט זי זיך געלאזט געהן, מיט קליינע, אבער שנעלע טריט.

אריינגעהענדיג אבער אין א שטילע סטריט, וואו עס זייי־נען געשטאנען הויכע און כמורנע שעפער מיט בלינדע אויסגע־לאשענע פענסטער, האבען איהרע טריט זיך גענומען וואקלען.

אין איין שאפ האט זי מיט א יאהר צוריק געארבייט, עס

איז דעמאָלט געווען שטאַרק ביזי און מען האָט געאַרבייט „אָווערטיים“...

— אַ גוטע צייט געווען! — האָט זי געטראַכט און זיך פערבענקט נאָך יענעם גליקליכען סיזאָן...

ענדליך האָט העניע געפונען אַרבייט. עס איז געווען אַ שווערע אַרבייט. דער דעזיינער, אַ מענש מיט אַ ווילדער פאַנ־טאַזיע, האָט אויסגעטראַכט אַ נייעם פאַסאָן מאַנטעל. העניע האָט געהאַט פיעל אויסצושטעהן ביז זי האָט געקאָנט זיך צו־געוואָהנען צו דער נייער פאָרם. זי האָט זיך אָבער נישט בעקלאָגט. אין געגענטייל, נאָך עטליכע וואָכען אַרבייטסלאָ־זיגקייט האָט זי איצט די אַרבייט ליעב געקראָגען.

אַרבייטענדיג פלעגט איהר אָפט אַרויפקומען אויפ׳ן געדאַנק יענער עפּיזאָד מיט׳ן יונגען מאַן און איהר פאָרשלאַג: צו מאַר־טענס! דערמאָהנענדיג זיך עס פלעגט זי זיך קוים איינהאַלטען זי זאָל זיך ניט צולאַכען.

אַט ווי אַזוי אַן אַרבייטער מיידעל קען זיך אַמאָל אויסרע־דען אַ נאַרישקייט!

— עס איז נאָך אַ גליק — האָט זי זיך געטרייסט, — וואָס דער יונגער מאַן איז אַ ווילד־פרעמדער, ער ווייסט ניט ווער זי איז און קיינמאָל וועט זי איהם שוין ניט בעגעגענען. ווען ניט וואָלט זי זיך ניט געקענט ווייזען פאַר דער וועלט!

— צו מאַרטענס!

ווי אַזוי איז איהר איינגעפאַלען אַזאַ דומהייט!

אָבער אין פערלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטען שווערע אַרבייט האָט זי אַן יענעם זאָנדערבאַרען און קאָמישען פאַרפאַל אין גאַנצען פערגעסען.

דער דאָזיגער שאָפּ איז געווען אַזוי ווייט פון מאַטער־נעס! דער איינציגער נאָהענטער רעסטאָראַנט וואָס איז גע־

שטאנען בשכנות מיט'ן שאפ איז געווען אזוי ארים און קליין און ביליג.

אבער אויך אין דעם רעסטאראן פלעגט זי ניט אריינגעהן. העניע האט אנגעהויבען לעבען שפארזאם און פלעגט ברענגען אין שאפ א לאנטש פון דער היים.

שטעהענדיג אזוי פערטיעפט אין דער ארבייט האט איינ־מאל העניע דערפיהלט, ווי עמיצער דרינגט איהר דורך מיט די בליקען. זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט דערזעהן פון פארענט פון שאפ שטעהן דעם באס מיט עפעס א סיילישמאן און שמועסען וועגען ביזנעס.

— אזעלכע פרעכע סיילסלייט! — האט זי אין געדאנק פראטעסטירט.

אבער דא האט העניע בעמערקט, אז זיין קוקען אויף איהר איז גאר פון אן אנדער ארט. עפעס קנייטשט ער צופיעל דעם שטערען, און אט האט ער זיך ווי דערמאהנט, א שמייכעל גע־טהאן צו איהר און ווי צוגעוואונקען.

העניע האט זיך שטארק בעליידיגט. ווי וואגט ער עס? אבער באלד איז צו דער בעליידיגונג צוגעקומען א געפיהל פון פער־וואונדערונג געמישט מיט שרעק:

— ווער איז ער?

זי האט איהם נאך אמאל אנגעקוקט און דאס שטיקעל שטאף, וואס זי האט געהאלטען אין האנד איז ביי איהר ארויס־געפאלען.

— העניע, וואס איז מיט אייך, וואס זייט איהר אזוי בלאס געווארען? — האט איהר געפרעגט דאס מיידעל וואס האט געארבייט ביי איהר זייט.

זי האט צושראקען געשמייכעלט און געענטפערט:

— גאר נישט... עפיס דער קאפ...

זי האט מורא געהאט אויפצוהויבען די אויגען א צוויי־

טען מאָל. אָבער זי האָט זיך ניט געקענט בעהערשען און האָט פאַרט אויפגעהויבען די אויגען.

איהר שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען. דער סייליםמאַן איז שוין געשטאַנען ניט נאָר מיט'ן באָס. די באַסעווע א יונג ווייבעל מיט שוואַרצע, רוהיגע אויגען, מיט בריליאַנטענע אוירינגלעך און מיט שווערע רינגלעך אויף די פינגער, איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהם און נעבען איהר די פאַרליידי און אַלע אינאיינעם האָבען געקוקט אויף העניען, געקוקט און געשושוקעט זיך... דער באָס מיט'ן יונגען מאַן האָבען מיט דייטליכער אַנצוהערענישען געשמייכעלט.

דאָס איז יענער יונגער מאַן! איז שוין העניע זיכער געוואָרען און די אַרבייט איז איהר געפאַלען פון די הענד.

זי האָט אַלע ווײַלע גענומען קוקען צום זייגער, ווען וועט מען שוין קענען אַוועקגעהן. עס איז דאָך אַזוי מאָדנע שרעקליך. ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירען? איז ער גאָר א סייליםמאַן און האָט דווקא ביזנעס מיט איהר באָס. ווי די וועלט איז געקניפּט און געבונדען... זי קען עס גאָר ניט בעגרייפען.

און וואָס קוקט אַזוי אויף איהר די פאַרליידי, די צנועה, עפּיס ווייס זי פון איהר גאָר ניט קיין שעהנע זאַכען, פון דער דאַזיגער פאַרליידי... וואָס־זשע געהט זי אַלע ווײַלע פערביי און שטעכט איהר דורך מיט די בליקען און שמייכעלט אַזוי בייז.

אָבער אויך די מיידלאַך אין שאַפּ, אַלע קוקען אויף איהר, שושקען זיך און שמייכלען. שפּעטער א ווײַלע איז נאָך די לאַגע ערגער געוואָרען. איהר איינציגע חבר'טע, וועלכע אַרבייט נעבען איהר די גאַנצע צייט, און וועלכע זי קען נאָך פון די פריהערדיגע שעפּער, איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרליידי און עפּעס געפּאַדערט.

און באַלד איז שוין די חבר'טע געשטאַנען און געאַרבייט אין אַן אַנדער זייט. עס הייסט, איהר האָט ניט געפּאַסט צו שטעהן נאָהענט נעבען איהר, נעבען העניען...

— אזא אידיאטקע!

און העניע האט זיך דערמאהנט, אז די דאזיגע מיידעל געהט אין גיכען חתונה האבען מיט א יונגען מאן, וועלכען זי האט גאר ניט ליעב. זי האט עס איהר אליין דערצעהלט.

— ווי אזוי־זשע געהסטו חתונה האבען מיט אזא? — האט איהר העניע דעמאלט געפרעגט.

— ווייל ער איז א פערדיענער! — האט די חבר'טע קורץ און ציניש געענטפערט.

העניע האט איהר דעמאלט, געדענקט זי, גוט אויסגע־מוסר'ט: עס איז ניט שעהן! זעהר ניט שעהן, זי, העניע, וואלט עס קיינמאל נישט געטהאן. אבער דאך, אז יענע האט זיך צע־וויינט, אז זי קען שוין מעהר ניט ארבייטען אין די שעפער, האט זי איהר גלייך מוחל געווען און זי האט איהר אפילו געגעבען האפנונג, אז שפעטער וועט זי איהם זיכער ליעב קריגען.

און איצט בעדאנקט זי איהר אזוי. זי, העניע, האט דאך קיין שום שלעכטעס ניט געמיינט. זי האט בלויז פאר פערצווייפ־לונג געטריבען א שפאס. זי האט דאך בלויז חוזק געמאכט פון א רייכען יונגען מאן. זי וואלט זיך קיינמאל נישט פערקויפט צוליעב געלד, אדער אפילו צוליעב פערגעניגען.

העניע האט עס געוואלט ערקלערען, גוט מאכען, אבער אנ־קוקענדיג אלעמענס פנים'ער האט זי געפיהלט אז קיין ער־קלערונגען וועלען ניט העלפען.

ענדליך איז די ארבייט געווארען געענדיגט. העניע האט זיך געלאזט די ערשטע צום עלעוויייטאר. זי האט אלעמען גע־וואלט אויסמיידען.

אבער ביים פינפטען פלאר איז אריין דער זעלבער יונגער מאן.

העניע האט זיך דערפיהלט ווי אין א פאסטקע. זי האט געוואלט שפרינגען, לויפען, ברעכען די קייטען פון עלעווייטאר

אבער דער עלעווייטאָר־מאַן איז דוקא געווען קאַלטבלוטיג און רוהיג און האָט גערודערט לאַנגזאַם ווי שטענדיג. זי האָט בע־מערקט ווי דער סיילסמאַן קוקט זי אַן רוהיג, געלאַסען און שמייכעלט...

איהר גאַנצעס בלוט האָט זיך ווי אַנגעצונדען. זי האָט זיך ניט געקענט בעהערשען. וואָס איז ער געקומען דער דאָזי־גער מענש און האָט זי דאָ פערשווארצט? זי איז אַן אָרימע אונשולדיגע ארבייטער־מיידעל. זי מוז עפּעס טהאָן, זי מוז זיך רייניוואַשען.

און זייענדיג שוין אויף דרויסען און בעמערקענדיג דעם סיילסמאַנס פרעכען בליק און שמייכעל האָט זי אויסגעשריען:

— וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי, איהר מאוס'ער מענש!

דער סיילסמאַן האָט זיך גראָב צולאַכט און נאָכגעהענדיג האָט ער איהר געפּליסטערט:

—איהר זייט אַ שעהן מיידעל, איהר געפעהלט מיר, לאָ־מיר זיך זעהן היינט אָבענד, אַ זייגער ניין... אויפ'ן זעלבען פּלאַץ וואו דאַן, קומט! איך וועל וואַרטען!

און פערנייגענדיג זיך ווי אַ דזשענטעלמען איז ער פער־שוואונדען.

זי האָט איהם געוואָלט נאָכלויפען, ערקלערען דעם דאָ־זיגען מאוס'ען מענשען, אַז ער איז זיך טועה, אַז זי איז אַן עהרליך מיידעל, ער זעהט דאָך, אַז זי ארבייט שווער. דעמאָלט האָט זי קיין ארבייט ניט געהאַט איז איהר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק... אַ שפּאַס.

איהר אויפרעגונג איז געוואַקסען און דעם גאַנצען וועג האָט זי געמאַכט פּלענער ווי אַזוי עס איהם צו ערקלעהרען. זי מוז איהם געפינען און ער מוז איהר ראַטעווען פון שאַנד!

זי איז געקומען אַ היים, אריין אין איהר קליינעם צי־מערעל, וועלכעס איז געווען ניט אויפגערוימט נאָך פון דער

פריה, עס האט איהר אנגענומען א שרעק און עקעל פאר אזא לעבען.

זי האט זיך גענומען אויפרוימען, אבער פאר אויפרעגונג איז איהר אלץ געפאלען פון די הענד. און וואס האט ער פון איהר געוואלט דער דאזיגער פרעמדער, אונבעקאנטער מאוס'ער מענש!

וועד איז ער?

און זי בעשליסט, אז ניין א זייגער געהט זי אהין. ער וועט דארט זיכער זיין. זי וויים עס, זי פיחלט עס, זי וועט פון איהם מאכען א בארג אש... ער האט ניט געהאט קיין רעכט צו פער־שווארצען איהר די אויגען. זי קען דאך מארגען נישט געהן אין שאפ. איז וואס וועט פון איהר ווערען?... איינע אליין אין דער פרעמד, אהן פריינד און אהן א גואל...

און זי האט מיט דער גרעסטער אונגעדולד געווארט אויף האלב ניין...

ווייל א האלבע שעה וועט געדויערען אהין דער וועג...

די געשיכטע פון צוויי קאסעס.

ענדליך איז די צוויי חבר'טעס און לאנדסמיידלעך ראזע און בערטע, געלונגען נאך א לאנגער צייט ארבייטסלאזיגקייט צו געפינען ארבייט אין שאפ. בעקומענדיג די ערשטע „פיידע" זיינען זיי געווען אזוי גליקליך, אז זיי האבען געהענדיג פון שאפ, אלע ווײלע די געלד ארויסגענומען, געצעהלט זיי און אמוזירט זיך מיט זיי, ווי מיט אלטע אבער שוין לאנג ניט געזעהענע פריינד...

אפער אין מיטען דער שמחה איז ראזע, וואס איז געווען עלטער פאר בערטע'ן מיט א יאהר, פלוצים ערנסט געווארען. האט אויפגעהערט מיט דעם געלד צו שפיעלען זיך און האט זיך געהענדיג אנגערופען צו בערטע'ן:

— ווי וועט מען זיך איצט אן עצה געבען מיט די חובות?

בערטע איז אויך ערנסט געווארען. אבער אזוי ווי זי איז געווען אינגער און שטיפערישער האט זי זיך באלד צולאכט און געענטפערט:

— מיר וועלען מעלדען באנקראט ווי די באנקירען!

ראזע האט געשמייכעלט און זיך אנגערופען:

— די מיסעס וועט דיר ארויסווארפען.

— אך די מיסעס! די מיסעס! — האט בערטע חוזק גע־מאכט — מיר וועלען זיך ביי נאכט ארויס'גנב'נען!

אזוי שמועסענדיג זיינען זיי צוגעקומען צו א סטיישענע־רי. דורכ'ן שויפענסטער האבען ארויסגעקוקט פערשיעדענע שפיעלצייג און חפצים.

זיי האבען זיך געשטעלט ביים פענסטער און האבען גע־נומען בעטראכטען.

באלד איז ראָזעס בליק געפאַלען אויף א קליין קאַסעלע, וואָס האָט געהאַט דעם אויפשריפט: סייפינג־באַנק, פּרייז איין דאָלאַר.
— זעהסט בערטע, דאָס קאַסעלע, דאָ זאַמעלט מען געלד... ווייסט, אַז מיר האָבען געדאַרפט אַזוינע קאַסעלעך צו קויפען.
בערטע איז פון דעם קאַסעלע גאָר ענטציקט געוואָרען. זי האָט גלייך מסכים געווען און געשלעפּט ראָזע'ן אין סטאָר.
דער סטאָר־קיפּער, א איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט א גוטען פּאַטערליכען אויסדריק אויפ'ן פּנים, האָט דערזעהענדיג די צוויי מיידעלעך זיך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף די קענדי. לויט זייער פרעהליכער שטימונג, וואָס האָט זיך אָבגע־שפּיגעלט אויף זייערע פּנים'ער, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס זיינען קענדי־קויפערינס.
ראָזע אָבער האָט איהם גלייך געמאַכט ענדערען זיין מיי־נונג. מיט א פּראַקטישקייט אין טאָן, האָט זי זיך געווענדעט:
— איך האָב געוואָלט איהר זאָלט מיר געבען א קאַסעלע.
— און מיר אויך! — האָט בערטע ווי קינדיש נאָכגע־פּלאַפּעלט.
דער סטאָר־קיפּער איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרען. זיין גו־טער פּנים האָט זיך בעדעקט מיט א געדיכטער צופריעדענקייט, זיינע אויגען האָבען איהם גענומען לויכטען און ער האָט ריי־בענדיג די הענד אויסגערופען:
— אַט אַזוי! אַט אַזוי! שען! שען! שפּאָרען געלד איז א וויכטיגע זאַך! אַזוינע מיידעלעך גלייך איך! וואָס דען? פאַר־שפּענדען דאָס געלד אויף נאַרישקייט! מען שפּאָרט אָב א צוואַנ־ציג דאָלאַר קומט עס צוניץ! אי קינדערלאַך, קומט עס צוניץ...
און וואַרפענדיג אויף די צוויי חבר'טעס א פריינדליכען און כמעט א דאַנקבאַרען בליק איז ער צוגעגאַנגען צו א פּאָלי־צע, אַראָבגענומען צוויי קאַסעלעך און זיי אַוועקגעשטעלט פאַר די מיידעלעך.
ראָזע און בערטע האָבען זיך בעטראַכט פון אַלע זייטען,

און דער קרעמער האָט זיי דערוויייל געהאַלטען אַ לעקציע, ווי אַזוי מען זאַמעלט:

— למשל, איהר ווילט אין אָבענד געהן אין מואווינג־פּיקטשורס, זיינט איהר זיך מישב, וואָס וועט איהר געהן ספּענדען אויף נאַרישקייט צעהן סענט, בעסער — איז ער אריינגעפאַלען אין אַ טאָן פון אַ פּאָלקסטימליכען פּאָפּוליאַריזאַטאָר — בעסער וועט איהר דעם דיים אריינוואַרפען אַט דאָ אויבען אין שפּעלטעלע... איהר פערשטעהט? ... ווייסט איהר, אַז איהר האָט צעהן סענט בעהאַלטען, בעקומען צוריק קענט איהר שוין ניט... אַזוי ווי אין אַ קבר... אָבער שרעקט זיך ניט קינדערלעך... געשטאָרבען זיינען זיי ניט, גלייך נאָכ'ן קלונג בעווייזט זיך, אַט דאָ, איהר זעהט, אַן אויפשריפט צעהן. וואַרפט איהר אויף מאָרגען אריין ווידער צעהן סענט, פאַלט עס ווידער אריין ווי אין אַ קבר... פערפאַלען. בעקומען צוריק קענט איהר עס ניט... אָבער דאָס קעסטעלע ווייזט אייך שוין 20. עס הייסט איהר האָט שוין צוואַנציג סענט... און אַז איהר וועט אַזוי וואַרפען און וואַרפען אַ צוויי הונדערט דיימס — וועלען זיי אַלע, די אַלע דיימס אויפשטעהן תחית המתים. דאָס קאַסעלע הויבט אַן פרעהליך קלינגען און עפענט זיך אויף און זיי פליהען אַלע ארויס...

— גאַנצע צוויי הונדערט דיימס! — האָט זי בערטע קינדיש גע'חדוש'ט!

— קיין איינע וועט ניט פעהלען! — האָט דער סטאָרקיפּער פערזיכערט.

און די צוויי מיידלעך האָבען געקויפט די צוויי קאַסעלעך און מיט ראָזעווע פאַנטאַזיעס וועגען אַ רייכער צוקונפט זיינען זיי ארויס פון סטאָר, האַלטענדיג יעדערע איהר קאַסעלע פעסט אונטער'ן אָרים!...

אין פערלויף פון צוויי וואָכען האָט זיך ביי ראָזען אין

קאַסעלע אַנגעזאַמעלט 60 סענט. ביי בערטע'ן אָבער איז אַ־ן קאַסעלע געווען בלויז 40 סענט.

בערטע האָט אָבער געהאַפט, אַז איהר קאַסעלע וועט ראַ־זעם שפּעטער אַריבעריאָגען. זי וועט בלויז אַ פּאָר טעג ניט געהן אין מואווינג־פּיקטשורס, אָדער זי וועט ניט עסען עטליכע טעג קיין בייקט־עפּעל מיט קרים ביי טשיילדס, און טאַקע וואָס דאַרף זי די בייקט־עפּעל? און אפשר די בייקט־עפּעל וועט זי יאָ עסען, אָבער די קרים... די קרים איז אינגאַנצען איבעריג...

און ווער ווייס, צו וואָלט בערטע'ס קאַסעלע ענדליך טאַקע ניט איבערגעיאָגט ראָזעס, ווען פּלוצים (אַלץ טרעפט די ראָזיגע צוויי מיידלעך פּלוצים!) וואָלט דער באָס פון שאָפּ ניט גע־מאָלדען, אַז עס איז ניטאָ מעהר קיין אַרבייט.

און די צוויי מיידלעך האָבען דעם געדאַנק וועגען אָנזאַמ־לען צו צוואַנציג דאָלאַר געמוזט אויפגעבען אויף אַן אונבע־שטימטער צייט.

טריבע און פערשעמטע זיינען די צוויי קאַסעלעך געשטאַ־נען אויפ'ן קאַסטען און די ביידע אויפשריפטען 40 און 60 האָבען אויסגעזעהן ווי אַ קורצער נוסח אויף אָרימע קברים...

און איינמאָל זיצענדיג אַזוי אין רומקע אָהן אַ סענט געלד האָט בערטע אָנגעקוקט די צוויי קאַסעלעך און זיך צולאַכט...

— וואָס עפּעס אין מיטען דערינען? — האָט ראָזע, וועל־כע איז פאַר דער לעצטער צייט נערוועז געוואָרען, מיט כעס געפרעגט.

— איך האָב מיך דערמאָהנט אָן דעם סטאָר־קיפּער, ווי אַזוי ער האָט אונז דערקלערט, ווי אַלע די ריימס וועלען אויפ־שטעהן תחית המתים... חי—חי—חי!

זי האָט זיך געוואָרפען פאַר געלעכטער...

ראָזע האָט זיך ענדליך אויך צולאַכט, געקוקט אויף די קאַסעלעך און פּעסימיסטיש געברומט:

— איך גלויב שוין ניט אין תחית המתים!

אבער בערטע, וועלכע איז געווען אינגער און דערפאר אפּ־טימיסטישער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו ראָזעס קאַסעלע מיט'ן שטאַלצען אויפשריפט 60 און געזאָגט לאַכענ־דיג, אבער נענוג ערנסט:

— צו וואָס דארפען מיר צוויי קברים'לעך?... לאָמיר איין קבר'ל עפענען און זעהן זיך מיט די ליעבע מתים'לעך...

ראָזע האָט ניט פערשטאַנען, האָט פערוואונדערט אָנגע־קוקט בערטען און געפרעגט:

— ווי אַזוי?... עס מוז זיך דאָך אָנזאַמלען צוואַנציג דאָ־לער...

— ווייס איך וואָס... האָט בערטע גע'חוזק'ט... צוואַנציג דאָלאַר איז גאר אויף דער וועלט ניטאָ... איך מיין, אז מען דארף זעהן ארויסבעקומען די זעכציג סענט און געהן עסען סאַפּער...

— ווי אזוי אבער? — האָט ראָזע געפרעגט און אין האר־צען שוין מודה געווען, אז א גוטע זאַך וואָלט דאָס געווען.

— מיר וועלען דיין קאַסעלע צוברעכען... האָט בערטע קאַלט געמאָלדען...

— ביזט משוגע?...

— ניין! איך בין הונגעריג... האָט בערטע זיך געווי־צעלט...

— נו, נו... האָט ראָזע מסכים געווען... אדרבא ווייז א קונץ...

— איך וואָלט איצט געקענט אפילו אמת'ע קאַסעס ברע־כען!... האָט בערטע בייז גערעדט.

און האָט זיך גענומען צו דער זעכציג סענטיגער קאַסעלע מיט אַלערליי געצייגען, וואָס האָבען זיך געפונען אין צימעריל: מיט'ן מעסער, שערעלע און זאָגאר מיט א ניקעלנער לעפעל...

דאָס קאַסעלע האָט זיך ניט געלאָזט... זי האָט איהרע זעקס קרבנות, די זעקס דיימס ניט געוואָלט בשום אופן ארויסגעבען...

אבער בערטע איז אויף אן אמת בייז געווארען און האט געברומט:

— א, איך וועל אייך בעקומען!...

און האט גענומען קלאפען און ברעכען אויף וואס די וועלט שטעהט. אין צימער איז פארגעקומען א קאמפף אויף טוידט און לעבען...

די מיסעס איז ענדליך אריינגעלאפען.

— וואס ברעכט איהר דארטען...

בערטע האט אבגעלאזט איהר קרבן, איז אבגעשפרונגען און געענטפערט צוטומעלט:

— איך פעררייכט מיין „טראנק"...

די מיסעס האט געדריקט מיט די פלייטשעס און איז ארויס...

בערטע איז בייזער געווארען. זי האט די קאסעלע געריסען פון אלע זייטען. ענדליך איז די קאסעלע געווארען רויט אין בלוט...

— זעה דו האסט די פינגער צושניטען — איז ראזע צוגעלאפען...

— עס שאדט נישט... האט בערטע זיך ניט אונטערגעגעבען... דאס איז בלוטיג געלד...

ראזע איז געריהרט געווארען, האט זיך געווישט די אויגען, אבער וועלענדיג צוגעבען מוט איחר גוטער און ליעבער חבר'טע האט זי זיך צולאכט, און איז איהר געקומען צו הילף.

דאס קאסעלע איז צוריסען געווארען אויף צוויי.

פאר די צוויי חבר'טעס האט זיך ענטפלעקט א פער'כשוף'טע וועלט. אינוועניג איז געווען עפעס א מאדנע רעדעל אויסגעדרעהט מיט פאפירענע ציפער און צווישען דעם רעדעל האט זיך גערודעלט זילבערנע דיימס....

זיי האבען די דיימס ארויסגעגראבעלט מיט די פינגער

איינע נאָך די אנדערע, ווי מען גראַבעלט אַרויס געלד אין חלום און מען זוכט נאָך...

אַז זיי האָבן שוין געהאַט די זעכציג סענט האָבן זיי זיך פרעהליך צולאַכט און זיינען אַראָב אין סטריט.

אין צימער האָט זיך געוואַלגערט דאָס קאַסעלע און האָט אויסגעקוקט, ווי אַ צוגראָבענער קבר...

דאָס צווייטע קאַסעלע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל מיט דעם גרויזאַמען ציפער 40 און האָט ווי מיט שרעק געוואַרט אויף דעם זעלבען סוף פון איהר חבר'טע...

אינהאלט:

ליעבע אהן א היים — 7
די אמעריקאנער אייראפעאישע — 13
די אילוזיע — 19
גלייכהייט — 25
אויגען — 36
ראטשילד און ראקאפעלער — 39
זיין רייזע קיין אמעריקא — 44
דעם ברודער'ס טשעק — 49
ערשטע רייהען — 55
דער גענאסע מיט'ן וויין — 61
דעם בארבערס ווייבעל — 65
די הינקעדיגע טענצעריין — 72
דער אלטער — 77
א שאפ־מיידעל — 84
די צוויי ארבייטער מיידלעך — 88
צוקונפטס־ארטיקלען — 100
וויכטיגע מיטינגען — 106
דער מאן קומט! — 112
דער רב — 118
דער זין פון ארבייט — 126
וויסענשאפטליכע ליעבע — 132
דער אויטאמאביל — 137
דער נייער לעזער — 141
ער האט געלאכט — 147

די פּרעמיִע	153
די צוויי מוטערס	157
די געשטאָרבענע	163
די „עלעג ע“	168
גויטיגע ווערטער	173
זיי האָבען מורא	176
די טובה	184
דער אונפעהיגער כלל־טהוער	193
מענשען־ליעבע	201
דער בעזוך	204
ביים שוי־פענסטער	212
דער בעגלייטער	219
קליינע ערצעהלונגען	226
מיידעלשער שפּאַס	233
די געשיכטע פון צוויי קאַסעס	244

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY

צעהנטער באנד:

די אבשפיגלונג.

די אָבּשפּיגלונג.

די אבשפּיגלונג.

דער גנדאנק וועגען טוידט האט הערמאנ׳ען וועניג־וואס בעאונרוהיגט און וועניג־וועגען בעזוכט. א מאן, א פיזיש־געזונ־טער, אין די דרייסיגער יאהרען, האט ער מעהר געטראכט פון לעבען. געהענדיג אין דער רוישענדיגער גאס און אנשטויסענדיג זיך מאנכמאל אויף א לויה, פלעגט ער זי בעטראכטען מיט נייער־גיערדע. אבער די נייגייערדע האבען אין איהם מעהר געוועקט די לעבעדיגע וועלכע געהען און פאהרען נאך דעם ארון, איידער דער יעניגער וואס ליעגט ערגעץ בעהאלטען און פערקלאפּט אינע־וועניג... אינטערעסירט האבען איהם דערביי מעהר די בלומען אויפ׳ן ארון, די שעהנע פרויען, וואס זיינען נאכגעגאנגען אדער נאכגעפאהרען מיט די כלומרשט טריבע געזיכטער, און מיט די אויגען וואס האבען אבגעשפּיגעלט אן אינערליכע פרייד און לעבענס־בעגעהר.

וועט ער אויך אמאל שטארבען? דער גדאנק פלעגט איהם אמאל דורכפליהען, אבער ניט פערטשעפּען דאס אינער־ליכע, דאס טיעפע אין איהם. אינערליך האט זיך איהם ניט גע־גלויבט, אז ער וועט שטארבען. ווי אזוי איז דאס מעגליך? אמת, ער האט געזעהן בעשיינפערליך, ווי אזוי א יאהר רוקט זיך נאך א יאהר, אבער ביז דער ענדע איז דאך נאך דא אזוי פיעל יאהרען און צום טויט איז נאך אזוי ווייט, אזוי ווי צו א לאנד וואס עקזיסטירט ערגעץ יא, אבער ער גלויבט ניט צו דערגרייכען דארטען ווען עס איז...

און אט איז געשטארבען זיינער א בעקאנטער, א וויכטיגער מאן. אנפאנגס האט איהם די נאכריכט איבערראשט, זאגאר

דערשראָקען. אבער עס איז געווען בלויז אויף א מאָמענט. באלד איז ער געוואָרען רוהיג, ווי בעפאָר. איהם האָט נאָר בעאונרוהיגט וואָס ער וועט מוזען געהן צום טויטענ׳ס הויז און אפשר אויך דאַרפען אריינגעהן אינעווייניג. דער מאַן וואָס איז געשטאָרבען איז געווען א נאָהענטער בעקאַנטער.

ער איז אוועק. ארום הויז זיינען געשטאַנען רעדלעך פון בעקאַנטע און פרעמדע. הערמאַנ׳ס אויערען האָבען דערגרייכט די שבחים, וואָס מען האָט נאָכגעזאָגט דעם ערשט פערשטאָר־בענעם. יאָ, ער אליין גיט צו, אז ער איז געווען א וויכטיגער מענש, א שאָד וואָס ער איז געשטאָרבען. א גרויסער שאָד!

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די ערשטע טרעפּ פון גאַניק פון הויז און אלץ ניט בעשלאָסען זיך אריינצוגעהן אינ־וועניג. געגענאיבער׳ן הויז האָט א פרעמד צוועלף־יעהריג מיי־דעלע מיט נאַקעטע פיסלעך ביז די קניה געשפּרונגען איבער א שטריקעלע וואָס זי האָט געהאַלטען אויסגעצויגען אין איהרעביידע הענד און האָט דערמיט איגנאָרירט די אלע וואָס שטע־הען ארום טויטענ׳ס הויז און דעם טויטען אליין... הערמאַן איז פון איהר שפּרינגען פערכאַפּט געוואָרען און ווען זי איז ענד־ליך געפאַלען און מיט א קלינגענדיגען געלעכטער זיך צוריק אויפגעהויבען און ווידער גענומען שפּרינגען, האָט ער זי אָנגע־קוקט און ווי צוגעשמייכעלט צו איהר:

— שפּרינג, מיידעלע, שפּרינג!...

באלד אבער האָט איהם איינער פון דעם געשטאָרבענעמ׳ס נאָהענטע פריינד בעמערקט, די האַנד געגעבען און זיך געווענדט:

— וואָס זאָגט איהר, הערמאַן?

הערמאַן האָט ארויפגעצווינגען אַן ערנסטע מינע אויף זיין פּנים און געענטפערט:

— עס איז שרעקליך... אזוי אונערוואַרטעט...

דער בעקאַנטער האָט איהם איינגעלאַדען ארויפצוגעהן אין הויז.

. . . .

ער איז ארײן אינװעניג. דער געשטארבענער איז שױן גע־
װען פערדעקט און הערמאן איז װי צופריהען געװען. אבער
באלד איז צוגעגאנגען צו הערמאנ'ען אײנער פון די הװזיגע
און מיט א פרײנדליכען טאן זיך געװענדעט:

— איהר װילט איהם אנקוקען?...

הערמאן האט אױס העפליכקײט שיער ניט אבגעענטפערט:
„מיט פערגניגען". ער האט זיך אבער גלײך געכאפט, אז דא
מוז מען די העפליכע פראזע זעהן אױסבײטען אױף א צװײטע
און איהם איז עס געלונגען:

— איך האב געװאלט זיך זעגענען מיט איהם.

דער הװזיגער האט דעם מת אבגעדעקט. הערמאן האט
איהם בעטראכט און זעהענדיג, װי דער מת זעהט אױס ניט אזױ
שרעקליך, װי ער האט זיך פארגעשטעלט, האט ער ארױסגעמור־
מעלט:

— פונקט װי ער שלאפט!

— יא! — האט דער הװזיגער מיט א פילאזאפישע רוהע
געענטפערט. — ער איז װי אײנגעשלאפען.

און ער האט איהם װיעדער צוגעדעקט, װי ער װאלט ניט
געװאלט שטערען איהם דעם שלאף...

און פאר הערמאנ'ען איז דער מת געװארען װידער אזױ
װײט און אזױ פרעמד, װי ער װאלט איהם קײנמאל ניט גע־
קענט...

ענדליך האט מען געמאלדען, אז דער װאגען איז שױן אנ־
געקומען. אין הױז איז געװארען א בעװעגונג. מען האט זיך
גענומען פארבערײטען ארױסצוטראגען דעם מת...

הערמאן האט זיך דערפיהלט פערפליכטעט צו העלפען. ער
האט אנגענומען אײן זײט פון דעם איבערגעדעקטען ארון און
האט געװארט אױף די איבעריגע.

עס זײנען צוגעקומען נאך זיבען טרעגער. הערמאנ'ען איז

אויסגעקומען בלויז אנצוהאלטען מיט די הענד. קיין משא האט ער ניט געפיהלט.

אז דער ארון איז שוין געווען אויף זיין פלאץ אויף דעם שווארצען וואגען אין דער הויף, האט מען הערמאנ׳ען בעשטימט אלס איינעם פון דער עהרען־וואך נאכצוגעהן ביים זייט פון וואגען..

הערמאן איז מיט שטילע טריט נאכגעגאנגען דעם ארון, וועלכער איז געפיהרט געווארען פון צוויי גרויסע שווארצע פערד. געקוקט האט הערמאן פאראויס און זיך בעמיהט ניט צו בעגעגענען זיך מיט קיינעמס בליקען, ווי ער וואלט זיך גע־שעהמט מיט זיין נייער פליכט צו זיין א מחותן ביי אזא זאנ־דערבארער און פרעמדער צערעמאניע.

געהענדיג אזוי, האט ער ענדליך פערגעסען, אז ער געהט־נאך אן ארון, וואו אינוועניג ליעגט א טויטער... עס האט זיך איהם גערדאכט, אז דאס איז א געוויסע צערעמאניע, וואס ווערט דורכגעפיהרט צוליעב א צוועק, וואס איז איהם אונבעקאנט.

ער האט זיך פערטראכט וועגען פערזענליכע זאכען. גע־מאכט פלענער וועגען מארגענדיגען טאג, וועגען דער וואוינונג וואס ער רעכענט בייטען, וועגען פרנסה און בכלל וועגען דער צוקונפט...

איין פלאן וואס ער האט געהענדיג אבגעמאכט מיט זיך אליין איז איהם אזוי געפעלען געווארען, אז ער האט זיך אומגע־דרעהט מיט׳ן פנים צום בעגלייטענדען עולם. ער האט בעמערקט ווי דער עולם איז געווארען גרעסער, און דאן האט ער זיך גע־ווענדט מיט׳ן פנים צום ארון.

און פלוצלונג איז ער מיט שרעק אבגעשפרונגען. די וואנד פון דעם ארון, וועלכען ער איז נאכגעגאנגען איז געווען פון גלאז און אונטער׳ן גלאז א שווארצע געוואנט, אזוי אז די דאזיגע וואנט האט אויסגעזעהן ווי אן עכטע שפיגעל אין וועלכער ער האט זיך איינגאנצען דערזעהן... ער האט מורא געהאט נאך אמאל

א קוק צו טהאן, ער זאל זיך ווידער נישט דערזעהן. אבער דוקא ווייל ער האט אזוי מורא געהאט האט עס איהם געצויגען ווידער זיך איינצוקוקען. דאס צווייטע מאל איז ער שוין רוהיגער געווארען. ער האט זיך אין דעם דאזיגען זאנדערבארען שפּיגעל בעטראכט און געפונען, אז ער זעהט אויס ריכטיג, ווי אין דער היים, ווען ער קוקט זיך איין אין שפּיגעל, נאר א מעהר ערנס־טער, א מעהר קאנצענטרירטער...

הייסט עס, אז דער טויט איז גאר ניט אזא פרעמדע זאך! אט ליעגט דארטען אינוועניג זיין בעקאנטער און ער, הערמאן, שפּיגעלט זיך אב אין זעלבען ארון.

און ניט נור ער אליין. דער גאנצער עולם, וואס געהט נאך נאכ'ן ארון שפּיגעלט זיך דארט אב. אלעס האט די דאזיגע גלאז אונטער'ן שווארצען געוואנט אריינגעכאפּט אינוועניג און כאטש זיי געהען־נאך און רעדען און טראכטען און מאכען פּלענער, וועט אבער זייער שאטען שוין בלייבען דא ביז וואנען זיי וועלען ביסלעכווייז, איינציגווייז אריינפאלען אהין איננאנ־צען...

דא האט הערמאן דערזעהן דעם טויט פאר די אויגען און ער האט איהם רוהיג אין פּנים אריינגעקוקט. ער האט ניט גע־קענט אבךייסען די אויגען פון דעם דאזיגען שפּיגעל, וועלכער שפּיגעלט אב ווי מיט א געוויסען חוזק איהם און דעם גאנצען עולם מיט אלע זייערע בעוועגונגען.

ער האט געווארפען א בליק אויף דעם עולם, פאר וועלכען זיין ענטדעקונג איז געווען אונבעוואוסט, זיי זיינען געגאנגען פאראויס, כאטש בלומרשט טרויעריגע, אבער פול מיט האפ־נונגען און פּלענער און קיינער פון זיי האט ניט בעמערקט, ווי קאמיש און הילפלאז זיי זעהען אויס אונטער'ן גלאז פון ארון.

און הערמאן האט זיך קוים איינגעהאלטען, ער זאל ניט שמייכלען...

די צוויי מוטערס.

דאס האט מיר דערצעהלט מיינער א פריינד, וועמענס געליעבטע פרוי געפינט זיך שוין א פאר יאהר אין קראנקען־הויז, אין דער אבטיילונג פאר רוהיגע גייסטיג־קראנקע.

פאר גייסטיג קראנקע! אזוי רופען מיר די אלע, וועלכע שיידען זיך אונטער צו בולט פון אונז, מיט זייערע ווערטער, טהאטען און מיינונגען.

אנפאנגס איז די קראנקהייט פון מיין פריינדס געליעבטער פרוי בעשטאנען אין צופיעל גוטסקייט. זי האט אלץ גערעדט פון רחמנות. רחמנות אין א קליינער דאזע איז א נארמאלע ערשיינונג, מיר אלע פערמאגען א פאר דראכמעס רחמנות און צוזאמען מיט דער גרויסער וואג עגאאיזם און ענגהערציגקייט, וואס מיר בעזיצען, זיינען מיר ביכלות, געזונד און שטארק צו לעבען ווי גאט און לייט האבען געבאטען און ווירקען און האנדלען ווי געזונדע, נארמאלע מענשען.

אבער מיין פריינד'ס געליעבטע פרוי האט אין זיך דערפיהלט א צו־גרויסע מאס רחמנות צו אלע ליידענדע און אונגליקליכע. און זי האט דאן מעהר צווישען נארמאלע מענשען זיך ניט געקענט געפינען... ער האט מיר דערצעהלט:

זי איז געווארען שטארק מעלאנכאליש, ארומגעגאנגען איבער'ן שטוב, געבראכען די הענד, געקרעכצט און געשלוכצט.

— וואס איז דיר, חנה?

— עס איז אויף זיי א רחמנות... אזא רחמנות...

און פלעגט זיך שטארק צעוויינען.

— אויף וועמען א רחמנות ? — פלעג איך פרעגען פער־וואונדערט.

— אויף זיי אלעמען, די מענשען, אויף אלע מענשען איז א רחמנות...

און אז דער דאָזיגער רחמנות געפיהל האָט זיך אין איהר געשטארקט האָט מען זי אוועקגעפיהרט אין א שפּיטאָל אין דער אבטהיילונג פאר גייסטיג קראנקע...

דאָרט פלעג איך איהר קומען געוואָהר ווערען איינמאָל א וואָך.

אָבער געהיילט איז זי דאָרט ניט געוואָרען. איהר הארץ איז וואָס ווייטער ווייכער און פיהלענדער געוואָרען און דערזעהענ־דיג מיך פלעגט זיין איהר ערשטע פראגע :

— וואָס מאכען זיי דאָרטען ?

— ווער, חנה ?

— די אונגליקליכע... האָבען זיי וואָס צו עסען ? זיינען זיי געזונד... שטארבען זיי ניט אויס ?...

און נאָכדעם פלעגט זי זיך נעהמען גראבלען און זוכען עפּעס אין איהרע קליידער.

זי פלעגט זיך גלייך נאָכ'ן זוכען העפטיג צעוויינען:

— איך האָב גאָרנישט... גאָרנישט... איך בין אזוי אָרעם...

און נאָך שטארקער זיך צעוויינענדיג פלעגט זי זיך צו מיר ווענדען :

— טייערער, באָרג מיר א ביסעל געלד...

— אויף וואָס דארפסטו ? — פלעג איך פרעגען, געריהרט פון איהרע טרערען.

— צוטיילען עס דאָ די אלע קראנקע. זעהסט, וויפיעל קראנקע דאָ געפינען זיך — פלעגט זי מיר אָנווייזען אויף די ארומיגע בעוועגענדע געשטאַלטען אין גרויסען אויפנאהם־צי־מער.

נאַטירליך האָב איך איהר אין איהר ביטע ניט אָבגעזאָגט.

— איך דאנק דיר! איך דאנק דיר! — פלעגט זי מורמ־לען. — דו ביזט א גוטער...

שפּעטער אָבער אין פערלויף פון דער צייט האָט זיך איהר קראַנקהייט פערשאַרפט. צו איהר גרויס גוטסקייט־געפיהל האָט זיך צו איהר צוגעטשעפּעט דאָס גרויסע מוטערליכע געפיהל.

אָנפאַנגס האָב איך איהר געמוזט ברענגען אונזער דריי־יעהריגע קינד, וואָס זי האָט געבוירען ווען זי איז נאָך געזונד געווען און וועלכעס איך האָב אליין ערצויגען.

שפּעטער האָט זי גענומען בעטען מיט טרערען אין די אויגען איך זאָל איהר ברענגען אויך דאָס איינגעלע.

— וועלכעס איינגעלע מיינסטו?

— לייבעלען — האָט זי געענטפערט און איהרע גרויסע צושראָקענע אויגען האָבען מיך מיט געבעט אָנגעקוקט.

לייבעלע איז געווען אונזער ערשט קינד, וועלכע איז שוין טויט עטליכע יאָהר, ווען זי איז נאָך געזונד געווען.

אָבער איך האָב מורא געהאַט צו דערמאָנען איהר וועגען זיין טויט און האָב זיך אלץ מדחה געווען, אָבגעלעגט צו ברענ־נען איהם פון איין וואָך אויף דער צווייטער.

— ברענג איהם! — האָט זי זיך געבעטען! איך וויל איהם אזוי זעהן...

ענדליך האָב איך אויפ'ן ראַט פון דאָקטער געבראַכט מיט זיך א שכנ'יש איינגעלע, וועלכען איך האָב מיטגענומען.

אַך, ווי זי האָט זיך דערפרעהט מיט איהם! זי האָט איהם, לויט איהר מיינונג, דערקענט! דאָס איז טאַקע איהר לייבעלע.... זי האָט איהם געדריקט צו זיך און זיין קעפּעל בע־גאָסען מיט טרעהרען.

אין דער מינוט איז זי געווען איבערגליקליך. איהרע גרויסע אויגען האָבען געפינקעלט מיט א פייערל פון גוטסקייט און גליק.

אָבער באלד איז דאָס פייערל פערלאָשען געוואָרען.

— איך האָב נישט דאָס רעכט צו פרעהען זיך מיט איהם...

— וואס איז דען, חנה?

— דו זעהסט די פרוי? — האט זי מיר אנגעוויזען אויף א געשטאלט, וואס איז ווי א שאטען געשטאנעןביים וואנד און געקוקט שטאר און בעוועגלאז אין דעם שטח אריין. — קוק זי אן. זי איז נעבעך משוגע...

איך האב מיך קוים איינגעהאלטען איך זאל נים א שמייכעל טהאן.

— יא — האט מיין ווייב געפליסטערט — זי איז נעבעך משוגע... ביי איהר איז א אינגעלע געשטארבען. דערפון איז זי נעבעך אראב פון זינען. זעהסט ווי זי שטעהט א פערטרויערטע... לאמיר זי טרייסטען. קום!

און מיין פרוי האט מיך אנגענומען פאר דער האנד און צוזאמען מיט׳ן אינגעלע מיך צוגעפיהרט צו איהר.

און פלוצים האט מיין פרוי׳ס פנים בעקומען א גליקליכען אויסדריק.

— מיין טייערער! — האט זי מיר אריינגערוימט אין אויער — מיר וועלען זאגען, אז עס איז איהר קינד! איהר אינגעלע! אוי, ווי זי וועט זיך פרעהען! זי וועט זיכער גלויבען...

און איידער איך האב געהאט צייט אבצעווענדען איהר פון דער דאזיגער אידעע האט שוין מיין פרוי געוועקט די צווייטע אונגליקליכע פרוי און גערעדט צו איהר מיט התלהבות:

— דיין אינגעלע!

— מיין קינד! — האט די צווייטע פרוי ביי דער וואנד זיך איבערראשט און גענומען דריקען צו זיך דאס פרעמדע קינד.

מיין פרוי איז געשטאנען און געשטראהלט פאר גליק און געשמייכעלט צו מיר.

— זעהסט ווי זי איז גליקליך. זי מיינט באמת אז אונזער לייבעלע איז איהר קינד... זי איז נעבעך משוגע... פערשטעהסט?

און א צייט נאָכאַנאַנד האָב איך דאָס פרעמדע קינד געמוזט פיהרען איינמאָל אין וואָך צו מיין פרוי, וועלכע האָט געגלויבט באמונה שלמה, אז עס איז איהר לייבעלע און נאָכדעם האָט זי איהם אויף א קורצער צייט איבערגעגעבען צו דער צווייטער מוטער און זיך גע׳חדוש׳ט, ווען יענע פלעגט פליסטערען: מיין קינד! מיין קינד!

— זי איז נעבעך משוגע — פלעגט מיין פרוי אין דער שטיל זיפצען, אז יענע זאָל ניט הערען.

און זי האָט אויף יענער שטארק רחמנות געהאַט...

— נעבעך אזא אונגליקליכע! — פלעגט זי שאָקלען מיט׳ן קאָפּ.

שפּעטער האָב איך די דאָזיגע שרעקליכע שפּיעל אויפגע־הערט צו טרייבען, אבער א צייט נאָכדעם, געפינענדיג זיך צווי־שען געזונדטע, נאָרמאַלע מענשען און בעטראַכטענדיג זייערע טרערען און פרעהליכקייט, זייער אונגליק און גליק, פלעגט זיך מיר פאָרשטעלען די צוויי אונגליקליכע פרויען אין קראַנ־קען־הויז...

דער שריפטשטעלער און זי.

נאָך דעם, ווי מען האָט אויפ'ן באַל העניען פאַרגעשטעלט דעם בעריהמטען שריפטשטעלער און ער האָט איהר געשענקט מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי די אנדערע מיידלאָך, האָט זיך איהר גערדאכט, אז זי האָט בעזיעגט די גאנצע וועלט. א גליק־ליכע, א בערוישטע איז זי געגאנגען מיט איהרע צוויי חבר'טעס א היים און האָט אלץ ווידערהאָלט:

— אָך. ער איז אזא אינטערעסאנטער!

מיט וואָס ער איז געווען אינטערעסאנט האָט זי אליין ניט געוואוסט. גערעדט האָט ער, דאכט זיך, ווי אלע, וועגען גאנץ געוועהנליכע זאכען, פערקעהרט — שוין צו געוועהנליך. וואָס אנבעטרעפט זיין בעציהונג צו איהר, איז עס געווען דאָך אבי־סעל איראָניש... זי האָט עס גאר ניט ערווארטעט פון אזא גרוי־סען מאן. ער האָט זאָגאר גערעדט וועגען א קוש... זי האָט זיך פערשעהמט. עס איז ווירקליך זאָנדערבאר! אזא מאן און דאָך!...

העניען האָט געלונגען אין א קורצער צייט ווייעדער אמאָל זיך צו טרעפען מיט דעם בעריהמטען שריפטשטעלער. דאָס מאָל איז זי שוין געווען דרייסטער. זי האָט איהם בעטראכט אויסער־ליך, וואָס זי האָט דאָס ערשטע מאָל ניט געוואגט. איז ער שעהן? זי קען ניט בעשטימען. די אויגען זיינע זיינען ניט ווי ביי אלע: דאכט זיך ביידע און אָט גיט ער מיט זיי א בליק און זיי ווערען פערוואנדעלט אין מילדע. דאָס מויל איז אביסעל צו גרויס, אבער די ליפּען זיינען שעהן. בלויז ווען ער לאכט, וואלט העניע געשוואָ־רען, איז ער אביסעל ציניש. דערפאר, אז ער פערטראכט זיך איז ער אזוי אנציהענד.

יא, ער איז שעהן!

דאס געשפרעך ביי'ן צווייטען מאל איז געווען נאך א לייכטערער ווי דאס ערשטע מאל. ער האט ביי איהר געפרעגט, וואס האט זי היינט געגעסען דיננער און מיט אזא'ן ערנסט, פונקט ווי עס זאל איהם געהן אין לעבען. קאמיש! זי האט געוואלט וויסען זיין מיינונג וועגען ליטעראטור און שרייבער, האט ער איהר געענטפערט, אז דאס געשעפט פיהרט ער נישט מיט זיך.

זי האט זיך דערשראקען:

— וואס מיינט איהר?

— איך האב נישט ליעב צו רעדען וועגען ליטעראטור, האט ער איהר אבגעהאקט.

— און וועגען דיננער יא? האט זי איהם אנגעקוקט פערוואונדערט.

— א, יא! ווען איהר אינטערעסירט מיך, אינטערעסירט מיך אפילו דאס, וואס איהר האט געגעסען.

— ווי געפעלט אייך דזשעק לאנדאנ'ס ראמאן „דער אייזערנער קנאפעל“.

— דער איינזאמער קנאפעל?... הם, איך האב ניט געלעזען.

— איהר לעזט מסתמא בעסערע ביכער.

— וועגען דעם האב איך נישט ליעב צו רעדען... וואלט איהר נישט געוועזען א בעל'נטע אריינגעהן אין א „מופענפיקטשור“? האט ער פלוצים איבערגעהאקט.

העניע האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט.

— אין א מופענפיקטשור? איהר לאכט עס ניט?

— אין גענצענטהייל. איך האב זיי זעהר ליעב, די פיקטשורס... לייכט...

— איך האב געמיינט, אז איהר זענט אן ערנסטער.

ער האט געשמייכעלט:

— יא. מאנכעסמאל...

ער האט פלוצים דערזעהן דורכגעהן א פרוי אין א בלוט־רויטען מאנטעל. ער האט זיך ענטצ׳קט. נאכגעקוקט די פרוי און גערופען העניען:

— אך, זעהט וואס פאר א שעהנער מאנטעל! מאכט זיך אויך אזא מאנטעל...

זי האט געדריקט מיט די פלייצעס.

דאן האט ער בעטראכט העניעס קלייד און בעמערקט:

— פאר וואס טראגט איהר אזא לאנגע קלייד, איצט איז דאך אין דער מאדע קורצע קליידלעך.

העניע האט זיך פערשעמט, רויט געווארען און ווי מיט אן איינגעהאלטענעם פארווירפליכען טאן געענטפערט:

— איך וואלט אייך קיינמאל ניט געגלויבט, אז איך זאלען אינטערעסירען אזעלכע קלייניגקייטען.

— און איצט גלויבט איהר שוין?

— ניין... איך רעכען, אז איהר טרייבט שפאס מיט מיר...

— זאל מיך גאט אויסהיטען! — האט ער זיך אנגעכאפט. איך האב אייך זעהר גערן און דערפאר אינטערעסירט מיר אייער קלייד...

ניין ער איז גאר נישט אינטערעסאנט — אזוי האט העניע בעשלאסען. זי האט איהם געבעטען געהן אויף אן ערנסטער שטיק, האט ער ניט געוואלט. ער האט אויסגעקליבען א ביליגען וואדעוויל הויז און האט זיך ענטציקט פון נארישע דזשאוקס... דער טענצערין האט ער אפלאדירט מעהר ווי אלע. נאכ׳ן וואדעוויל האט ער העניען איינגעלאדען אין א קאבארע... נאטירליך, זי האט ניט געוואלט געהן... ער האט זי געמוזט בעגלייטען א היים. אין קארידאר האט ער זי געוואלט א קוש טהאן.

— האָט איהר מיך דען ליעב?

— אין דעם מאָמענט, יא...

און דאָס איז א בעריהמטער שריפטשטעלער! אזוי קוקט ער דאָס אויף ליעבע! — אין דעם מאָמענט!

זי האָט זיך דאָך ניט געוועהרט, ווען ער האָט זי געשלאָסען אין זיינע ארימס און זי א לאַנג־דויערענדען קוש געטהאָן. ערשט, אז דער קוש איז געווען צו ענדע, האָט זי זיך אָנגערופען:

— מעהר וויל איך אייך ניט זעהן...

ער האָט זיך ענטשולדיגט, געגעבען איהר די האַנד און צוגעגעבען:

— טאָמער אבער ענדערט איהר אייער מיינונג קענט איהר מיר שרייבען אויף דעם אדרעס.

ער האָט איהר דייטליך אויסגעשפּראָכען זיין אדרעס.

— איך וויל נישט הערען! — האָט זי געזאָגט.

— אָבער איך בין זיכער, אז איהר וועט מיר שרייבען.

— קיינמאָל ניט!

און זי איז ארויף אויף די טרעפּ.

א לאַנגע צייט האָט זי ניט געקענט איינשלאָפען. ער איז א פוסטער מענש, אומזיסט איז ער אזוי בעריהמט.

אבער אַלע וואָך האָט זי געקויפט דעם זשורנאַל, וואו ער שרייבט. ערשט איצט איז זי נייגיעריג צו לעזען, וואָס שרייבט אַזאַ פוסטער קאָפּ. ענדליך האָט זי וואָס געפונען.

דאָס איז געווען א קליינע זאַך, אבער אזוי שעהן, אזוי ריהרענד און דער עיקר — אזוי טיעף!

האָט עס דער זעלבער געשריעבען? זי האָט בעטראַכט אויבען דעם נאָמען. יא, עס איז דער זעלבער! ווי אזוי איז דאָס אבער מעגליך?

זי האט זיך דערמאנט זיין אדרעס. אבער ניין, זי וועט איהם ניט שרייבען, פערזענליך איז ער גאר ניט אינטערע־סאנט.

איבריגענס א פאר ווערטער וועט זי איהם שרייבען: זי האט געלעזען זיין זאך און זי דאנקט איהם; עס איז זעהר שעהן געוועזן. מאנכע געפיהלען האט ער ווי פון איהר הארץ ארויסגע־גנבה'ט: א וואונדער פון וואנען ער וויים דאס!...

נאכדעם האט זי צוגעשריעבען: איך האב אייך געוואלט זעהן.

זי האט באלד די שורה אויסגעשטראכען. אבער איבערלע־זענדיג צוריק דאס, וואס זי האט פון איהם געלייענט האט זי זיך בעהערשט און אננעשריבען: איך וויל אייך זעהר זעהן — איך בעט אייך ווארט מיך היינט אפ...

ער איז נעקומען פונקטליך.

—איך דאנק אייך פאר אייער בריוועלע! — האט ער זי בעגעגענט. און אנקוקענדיג זי האט ער בעמערקט:

— איהר טראגט היינט אן אנדער הוט... זי פאסט אייך זעהר.

— זייט דאס מאל ערנסט! — האט זי זיך געבעטען. — קומט אין טעאטער, וואו מען שפיעלט היינט שעקספּיערס א שטיק...

— שעקספּיערס ? ! — האט ער זיך דערשראקען ! א, איך בעט אייך. איך וועל טהאן פאר אייך וואס איהר ווילט, נאר ניט דאס...

— וואס דען ווילט איהר ? — האט זי געפרעגט.

— איך האב אויסגעפונען ערגעץ אויף אן עוועניו א נייעם וואדעוויל הויז — זעהר אינטערעסאנט ! — קומט !

זי איז מיט איהם אוועק.

— געפעלט אייך דא? — האט ער זי 'עפרעגט אריינגע־הענדיג אין א ביליגען װאדעװיל.

— ניט זעהר...

— פאר װאס?... דא איז אינטערעסאנט... דא איז זעהר אינטערעסאנט. דא קומען די פרייסטע ארימע מענשען זיך אמו־זירען... באלד װעלען ארוים צװיי שװעסטער. זיי זינגען זעהר װאולגארע ליעדער. דער עולם גלייכט עס... איך האב עס אויך מאנכמאל ליעב.... אזוי לייכט.

חעניע האט איהם אנגעקוקט און ניט פערשטאנען. ענדליך האט זי זיך אנגערופען:

— זייט איהר טאקי דער זעלבינגער?

— װעלכער זעלביגער...

— װאס שרייבט?...

— נו, געװיס...

זי האט זיך פערטראכט. זי האט װיעדער בעשלאסען מעהר ניט צו זעהן זיך מיט איהם.

נאכ'ן װאדעװיל האט ער זי איינגעלאדען אין א רעסטא־ראן, זי האט זיך אבער ענטזאגט, ער האט זי בעגלייט א היים...

זי האט זיך מיט איהם געזעגענט קאלט, ארויף אויף די טרעפ און איז פערשװאונדען אין איהר צימער.

אריינגעהענדיג אין צימער האט איהר אנגענומען א בענק־שאפט, און זי האט גע'חזר'ט זיין אדרעס...

איינמאל האט זי בעשלאסען צו נעהמען זיך צו איהם פעסט. זי מוז ענדליך דערגעהן זיינע סודות.

— איך האב געװאלט װיסען אייער בליק אויפ'ן לעבען?

האָט זי איהם ביי אַן אַנדער מאָל זעהן זיך געפרעגט און איהם בעדייטענד אָנגעקוקט.

— אויף וועמעס לעבען ? — האָט ער בתמימות איבערגע־פרעגט.

— איך מיין אויפ׳ן לעבען אין אַלגעמיין...

— ענטקעגען וואָס פרענט איהר עס איצט, עס איז אַזאַ שעהנער אבענד...

— איהר פּייניגט מיך ! — האָט זי זיך געקלאָגט.

ער האָט זי אָנגעקוקט דערשראָקען:

— איך אייך ?...

— געוויס ! געווים ! — האָט זי זיך צושריען. — איהר זייט אַזאַ גרויסער מענש און מיט מיר רעדט איהר וועגען נאַ־רישקייט. איך פּיהל מיך בעליידיגט...

ער האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— וועגען וואָס זאָל איך מיט אייך דען רעדען ?

— וועגען ערנסטע זאַכען — האָט זי זיך געבעטען — וועגען קורצע קליידער און העטס און מופּענפּיקטשורס קען איך דאָך רעדען מיט אַ ליאַדע באָי פון אַ שאָפּ...

ער האָט נעשמייכעלט און געשוויגען און ענדליך זיך אָנגע־רופען :

— וועגען ערנסטע זאַכען רעד איך מיט מיינע קאָלעגען, מיט׳ן רעדאַקטאָר און מיט מיין אַלטער מיסעס. איך האָב נעכ־טען געהאַט מיט איהר אַ געשפּרעך וועגען רעוומאַטיזם... ווילט איהר איך זאָל מיט אייך שמועסען וועגען דעם...

— ניין — האָט זי זיך דערשראָקען — איך וויל וועגען ליטעראַטור, וועגען קונסט...

— עס איז פאַר מיר ניט אינטערעסאַנט...

— איך וויל איהר זאָלט מיר דערצעהלען ווי אַזוי איהר שאַפט... — האָט זי זיך געבעטען.

— קודם טונק איך איין די פעדער... — האט ער אנגעהויבען...

— איהר מאכט פון מיר חוזק... — האט זי איהם פראַטעסטירענדיג איבערגעשלאָגען — איהר זענט א ציניקער!

— אום גאָטעס ווילען, פאר וואָס זידעלט איהר מיך — האט ער זי אָנגעקוקט.

— טאָ זאָגט מיר אין וואָס בעשטעהט אייער קראפט?

— אין מיינע לאנגע האָר... — האט ער געשמייכעלט.

— איהר מאכט ווידער חוזק... איבריגענס איך וועל זיי אייך אבשערען, ווי דלילה...

— אָבער איהר וועט מיך פריהער מוזען איינשלעפערען ביי אייך אויפ'ן שויס...

— יא.. האָט זי שוואך ארויסגערעדט.

זי האָט איהם ארויפגענומען צו זיך. ער האָט זיין קאָפּ אוועקגעלעגט אויף איהר קניה. און זי האט געגלעט זיינע בלאָנדע לאָקען און געמורמעלט.

— איצט ווייס איך אין וואָס דיין קראפט בעשטעהט.

— אין וואָס? — האָט ער ווי פון חלום געפרעגט.

— אין דער ליעבע!

— יא! — האָט ער שטיל געענטפערט און זיך געצויגען צו איהר —

— איז דאס ניט גענוג ערנסט?

זי האָט קורץ געענטפערט:

— יא. ענדליך האָב איך דיך פערשטאַנען! —

די פרוי וואָס ארבייט.

צוויי טעג נאָך זייער „אָפיציעלער" חתונה האָט עני ארויפּ־געלעגט איהר קליינע האנד אויף בערמאַנ'ען און איהם ווי א סוד אריינגעשושקעט: — איך דאנק דיר פאר דעם וואָס דו האָסט מיך בעפרייט פון שאפּ.

און זי האָט איהם א שטארקען קוש געגעבען.

בערמאַן האָט ווי פערשעמט זיך און אינערליך א ציטער געטהאָן.

ער האָט אבער זיין פערלאָרענקייט בעהאלטען און צודרי־קענדיג זי צו זיך פעסטער ווי געוועהנליך, האָט ער מיט פייער געענטפערט:

— אָ, מיין שעהנע עני — ארבייטען וועסטו שוין קיינ־מאָל ניט.

ער האָט נאָכדעם געריבען דעם שטערען מיט דער האנד און זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער.

האָט איהם עני ווידער אבגעשטעלט און זיך קינדיש צוזונגען:

— איך פיהל מיך איצט גאָרנישט, ווי א ווייבעל, נאָר ווי א קינד, וואָס וויל זיך שפּיעלען. נעהם מיך בערמאַן און טראָג מיך ווי א שעפּסעלע.

בערמאַן האָט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך און געענטפערט:

— ווי א שעפּסעלע טראָגען דיך?... געוויס... ווי א שעפּ־סעלע... נו, נעהם מיך ארום...

ער האָט זי אזוי ארומגעטראָגען הין און צוריק איבער'ן צימער.

ענדליך האט זי בעזארגט אויסגערופען:

— בערמאן, איך בין דיר שווער ?...

— ניין, ניין ! — האט זיך בערמאן אנגעכאפט ווי א בעלײדיגטער.

— טא טראג מיך נאך !

ענדליך האט בערמאן זי פארזיכטיג, ווי א קוישעל מיט גלעזערנע געשיר, אראבגעלאזט אויף דער ערד און אבגעאטהעמט.

— ע... שווער, שווער געווען ! — האט זיך עני קינדיש גערייצט מיט איהם.

— ניין... ניט שווער... איך מוז אבער געהן אין אפיס...

— שוין... לאזט מיך אליין ! — האט זיך עני קינדיש געקלאגט.

אבער באלד איז זי געווארען ערנסט און אננעהמענדיג איהם פאר'ן לאץ פון ראק האט זי זיך געבעטען:

— בערמאן, ווי פיעל נעהמסטו א וואך אין אפיס ?...

— נישט דיינע דאגות !... — האט בערמאן געמאכט זיך, ווי ער איגנארירט די פראגע.

— ניין... ניין !... דו מוזט מיר זאגען... איצט וויל איך וויסען — האט זי זיך געפיעסטעט.

— צו וואס ? — האט בערמאן זי אנגעקוקט מיט א פערדעכטיגען בליק.

— איך וויל וויסען ווי אזוי די הוצאה צו פיהרען ! האט זי געלאכט.

— וואס ברייטער ! — האט בערמאן צוריק געשמייכעלט.

— איך וויל וויסען ווי פיעל דו פערדיענסט — האט עני ווידער געמאהנט — דו האסט נאך מיר קיינמאל ניט געזאגט— ביז אהער האט עס מיך ניט אינטערעסירט, אבער איצט מוז איך דאך וויסען — אייז ?

זי האָט אויף איהם אויסגעשטעלט איהרע גרויסע אויגען און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— עס איז א סוד! — האָט בערמאַן אָנגעהאַלטען דעם שפּאַסיגען טאָן.

— טאַ זאָג מיר אויס! — האָט זיך עני אַלץ געבעטען.

— הונדערט דאָלאַר א וואָך! געננוג?

— נו — נו... איז עני ווי בייז געוואָרען — זאָג דעם אמת!...

— הונדערט... — האָט בערמאַן געשמייכעלט, כדי זי זאָל זעהן אז עס איז נאַר א וויץ.

— ביזט א ליגנער... — האָט עני צוריק זיך געוואָרטעלט — זאָג דעם אמת — דרייסיג?

— טאָרסט ניט וויסען!

— איך וויל און איך מוז וויסען! — האָט זי זיך בעלייריגט און אָנגעשטעלט די ליפּעלעך, ווי צום וויינען.

— זיי ניט קיין קינד! — איז בערמאַן ערנסט געוואָרען — וואָס געהט דיר אָן ווי פיעל? מיר וועלען מאַכען צו לעבען און גענוג.

און געבענדיג איהר א שטאַרקען קוש פאַר'ן אוועקגעהן האָט ער זי בערוהיגט:

— פאַר אונז ביידען וועט זיין גענוג... און שלסליך דאַרף מען לעבען, ווי אַזוי מען קען... דו פערשטעהסט עני'לע! קיין גביר בין איך ניט... אבער לעבען וועלען מיר.

ער האָט זיך געגרייט אוועקצוגעהן, אבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט עפּעס און איז שטעהען געבליבען.

— האָסט דאַכט זיך קיין געלד ניט... — האָט ער ארויסגעמורמעלט.

— טאָ לאָז מיר איבער — האָט זי געשמייכעלט — אבער וואָס מעהר!...

ער האָט זיך גענומען גריבלען אין טאַש און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ דאָלאַרדיגען ביל...

— און ווי פיעל האָסטו דיר איבערגעלאָזט... — האָט ענ
פערזאָרגט געפרעגט.

— א. פאַר מיר זאָל דיך נישט אַרען — איך האָב גענוג.

אַזוי האָט דער סוד אָנגעהאַלטען וואָכען און מאָנאַטען.

בערמאַן האָט זיך אַלץ געשטיקט מיט זיין קליינעם גע־האַלט, וואָס ער בעקומט... ביז וואַנען זי האָט אַלץ ערפּאַהרען און מיט בעדוי֞ערונג האָט זי געמורמעלט:

— פערדיענסט, בערמאַן, אַזוי ווענינ... אַזוי ווענינ!...

אָבער איהר געפיהל צו איהם איז דערפון ניט שוואַכער געוואָרען. פערקעהרט, צייטענווייז האָט זיך איהר געדאַכט אַז זי מוז נאָך איהם שטאַרקער ליעבען און עס האָט איהר געטריבען צו טהאָן עפּעס פאַר איהם, אויסהעלפען איהם ווי אַ חבר...

און איינמאָל האָט זי אַ זאָג געטהאָן מיט אַ געלעכטערל:

— ווייסט בערמאַן, איך געה דאָך אין גיכען אַרבייטען.

בערמאַן איז געוואָרען בלאַס ווי קרייד. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר ביידע הענד און געזאָגט:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטען!

— נו, טאָ מאַך מיר אַ מאַנטעל! — האָט זי וויעהער גע־לאַכט.

— אַ מאַנטעל... געווים... געווים... האָט בערמאַן גע־שטאַמעלט.

דאָ איז ענ געריהרט געוואָרען, און האָט איהם געגלעט איבער'ן קאָפּ:

— איך האָב געמאַכט אַ שפּאַס... איך ברויך גאָר נישט קיין מאַנטעל... דער פאַר־אַ־יאָהריגער איז נאָך גאַנץ גוט... איך

האָב גלאַט נעוואָלט געהען ארבייטען, דיר העלפען אביסעל...
איך וויל דו זאָלסט זיך אָברוהען.

בערמאַן האָט זי אָנגעקוקט און דאָס ערשטע מאָל בע־
מערקט אין איהרע אויגען א טרויער.

ער האָט זי ארומגענומען, א קוש געטהאָן און געזאָגט:

— עני, איך בין טאַקי נישט רייך, כמעט ווי אָרים, אבער
פאַר דיר וועל איך אַלעס טהאָן. דו זאָג מיר נאָר וואָס דיר
פעהלט...

— מיר פעהלט.. מיר פעהלט... האָט עני זיך געגומען ווי
דערמאָנען, אבער באַלד האָט זי זיך צולאַכט:

— נאָר דו, מיר פעהלט גאָרנישט... אויסער א פּאָר שיך
פאַר דריי דאָלער...

— דריי דאָלער... געווים... האָט בערמאַן געשטאַמעלט...

— איך דאַרף קויפען שיך... פערשטעהסט... דו מיינסט
עפּעס, אז אונזערע שיך זיינען ווי אייערע...

און זי האָט אוועקגעשטעלט איהר פוס אויף א שטול און
לאַכענדיג איהם געוויזען.

— ס'הייסט, די אָבצאַסען אויסגעקרימט אביסעל... —
האָט בערמאַן שטיל, ווי א בעשולדיגטער ארויסגעברומט.

— אוראי... אזוי זיינען זיי נאָך גוט... — האָט עני איהם
בערוהיגט... איך קען זיי נאָך טראָגען און טראָגען...

— טראָגען און טראָגען... איז בערמאַן בעליידיגט געוואָ־
רען פון איהר טאָן — איך זאָג דען דו זאָלסט זיי טראָגען נאָך
לאַנג?... איך מיין נאָר, אז עס איז אביסעלע אויסגעקרימט.
אָבער מען קען קויפען נייע... אוראי נייע! — האָט ער זיך
פּלוצים בעגייסטערט. איבערמאָרגען נעהם איך אָב דאָס גע־
האַלט און מיר געהען ביידע קויפען דיר שיך.

אָבער איבערמאָרגען איז געווען דער ערשטער און מען
האָט געמוזט בעצאָהלען דירה געלד...

אין צוויי טעג ארום האט בערמאן קומענדיג פון אפיס זי געטראפען פערטיעפט איבער א צייטונג.

— וואס האסטו פלוצים די צייטונג געקויפט?...— האט ער עפעס פארגעפיהלט.

— איך האב דא עפעס געזוכט... — האט עני געענט־פערט און א שמייכעל געטהאן.

— וואס זוכסטו דא דען איצט? — האט בערמאן זיך גע־וויצעלט — א מאן האסטו דאך שוין...

— נא, אין דער צייטונג איז ניטא קיין חתנים, דא זיינען דא שעפער. זעהסט א צעטעל! — און עני האט איהם אנגעוויזען אויף צוויי איינגעטונקטע זייטען מיט „פערלאנגטס“..

— איז וואס געהט דאס דיר אן? — האט זיך בערמאן געמאכט נישט וויסענדיג.

— אינטערעסאנט... — האט עני צוריק זיך געמאכט ניט וויסענדיג — זעה, בערמאן, וויפיעל ארבייט עס איז דא... ביי מיין „פאך“ איז היינט זעהר „ביזי“. מען קען פערדיענען א סך געלד!

בערמאן האט געוואלט פרעגען „אויף וואס דארפסטו די געלד?“ אבער באלד האט ער זיך דערמאנט, אז דאס וועט גאר אויפוועקען די פראגע וועגען שיך און וועגען א מאנטעל און ער האט זיך אבגעהאלטען פון שטעלען פראגען.

ער האט דערפיהלט, אז עני וועט פריהער אדער שפעטער געצוואונגען זיין צו געהען אין שאפ און וואס איז די פעולה אז ער וועט זיך מאכען נאריש און זי אבהאלטען.

ער האט זיך דערפיהלט נידערגעשלאגען און קליין. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביין טישעל און געקוקט שטום אויף א וואנד. עני האט בעמערקט זיין דערשלאגענהייט. זי האט איהם גע־וואלט עפעס זאגען, טרייסטען, אבער אויך איהר האט די צונג נישט געדיענט.

אין א וואך ארום איז עני שוין געגאנגען אלע אין דער פריה צו דער ארבייט.

קומענדיג פון אַפּיס אַ היים האָט בערמאַן זי געטראָפען ליגענדיג אין בעט.

— ביזט מיעד... האָט ער קוים געפונען מוטה זי צו פרעגען...

— אביסעלע — האָט זי שטיל, ווי פערשעמט און פערשולדיגט געענטפערט.

בערמאַן האָט געוואָלט צופאלען צו איהר אויפ׳ן בעט און דריקען זי צו זיך ווי דאַן, די ערשטע נאכט ווען זיי האָבען זיך אין דאַזיגען צימער ארייגעקליבען אויף מאָרגען נאָך דער אָפיציעלער חתונה. אבער באלד איז איהם אַ געדאַנק דורכגעלאָפען אין קאָפּ...

— דו האָסט אויף איהר איצטער קיין רעכט... זי געהערט ניט דיר — זי אַרבייט!

ער האָט געפונען אין זיך בלויז מוטה אוועקצוזעצען זיך אויפ׳ן ברעג פון בעט און אַ גלעט טהאָן איהר דאָס געזיכט...

זי אָבער, אַ מידע, האָט מיט אַ בעטענדיגען בליק איהם אנגעקוקט און ער האָט די האנד גלייך אוועקגענומען.

„אַ פרוי, וואָס ארבייט“ — האָט ער זיך אליין געדייצט — איז ניט פאַר ליעבע...

ער האָט זיך דאָך ווידער געפּרופט זי אויפצומונטערען און ער האָט זיך ווייך געווענדעט:

— דיר איז שווער? — איך בעט דיך הער אויף צו אַרבייטען. מען וועט זיך אַן עצה געבען...

עני האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעריבען די אויגען, האָט איהם אנגעקוקט און אַ שטומען שמייכעל געגעבען.

ער האָט זיך דערפיהלט ווי אַ איינגעלע, וואָס געהט דאָס ערשטע מאָל מאַכען זיין ליעבעס ערקלערונג און געפינט קיין ווערטער ניט. ער האָט איצט צו עני׳ן געהאַט אַ געפיהל, ווי גאָר דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט זי בעגעגענט — אַ פרעמדע און אַ ליעבע.

אבער דאן איז ער געווען פול מיט ליכטיגע האפנונגען. ער וועט ביי איהר האבען ערפאלג, ער וועט איהר פערשפרעכען גאלדענע גליקען און זי וועט איהם אלעם גלויבען. אבער איצט איז ער ניט אין שטאנד איין גוט ווארט ארויסצוזאגען איהר. איין פערשפרעכונג איהר צו מאכען, זי וועט איהם ניט גלויבען און ער אליין גלויבט זיך אויך ניט.

דאס וויכטיגסטע: בעפרייען זי פון דער ארביים—האט ער ניט געקענט.

ער האט זיינע פליכטען צו איהר ניט דערפילט!

ער איז שטום און אבהענדיג אוועק פון בעט און זיך צוגע־שפארט אויף דער קושעטקע וואס איז געשטאנען ביי דער אנ־דערער וואנד.

דארט אין בעט געגענאיבער איז געלעגען א פרעמד שעהן ארבייטער־מיידעל, וועלכע בערמאן האט זעהר ליעב. אבער ער גלויבט ניט אז ער זאל זי געווינען. די אילוזיעס זיינען צורונען געווארען.

ווי אזוי־זשע ערקלערט ער זיך איצט איהר אין ליעבע? וואס זאל ער איהר זאגען, אז אויך זי זאל איהם צוריק ליעב בעקומען?

און ער האט געזוכט פערשידענע וועגען און פלענער, ווי אזוי דאס דאזיגע מיידעל וואס רוהט זיך אב איצט פון דער ארבייט אין שאפ, זאל צוריק ווערען זיין פרוי...

באלד האט ער זיך אבער דערמאהנט אן די פאפירען און אן דעם רינגעלע וואס זי טראגט אויף איהר האנד. דאס האט איהם אביסעל צוגעגעבען מוט. אמת, ער ווייס, אז דאס אליין האט וועניג קראפט די היינטיגע פרוי צוצוהאלטען, אבער אין דעם דאזיגען מאמענט פון פערצווייפלונג האט ער זיך אויך אן דעם אנגעכאפט און געזוכט דערמיט זיך צו ראטעווען...

ער האט זיך אויפגעהויבען פון קושעטקע און איז ווידער צוגענאנגען צו עני'ן.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער רעכטער האנט און עפּעס געזוכט אויף איהר פינגער.

ניט געפינענדיג דאָס, האָט ער מיט שרעק א פרעג גע־טהאָן:

— עני, וואו איז דאָס רינגעלע... פערלוירען?...

עני האָט א גענייץ געטהאָן און געענטפערט:

— ווילסט אין שאָפ זאָל איך טראָגען דאָס רינגעלע?...

מען מוז דוקא וויסען אז איך בין א ווייבעל?

און בעמערקענדיג זיין פערלאָרענהייט האָט זי א גע־בּוואונגענעם שמייכעל געטהאָן און צוגעגעבען:

— אין שאָפ בין איך צוריק א מיידעל געוואָרען...

בערמאַן האָט צוריק געשמייכעלט אבער דאָס פּנים האָט איהם געברענט פאַר שאַנד.

די לעזערין פון „וואָירלד".

נאָכ'ן „סיזאָן" בלייבט איבער לינא'ן די עטליכע צעהנדליג דאָלאַר אויף די עטליכע חדשים „סלעק". די דאָזיגע סומע זאַמעלט זי אָן אין פּאָסט אָפיס. דער בעאמטער, א הויכער מאָגערער יונגערמאַן, קען זי שוין און ווען זי טראָגט איהם אריין די לעצטע „פּעי" פון סיזאָן, שמייכעלט ער צו איהר פריינדליך און זאָגט:

— ווערסט אָנזאַמלען א פערמעגען!

דערצעהלט איהם לינא, אז באַלד וועט זי אָנהויבען ביסלעכווייז צוריק ארויסנעהמען, ווייל דער סיזאָן איז שוין געענדיגט.

און ווירקליך הויבט זי אָן אַלע וואָך ביסלעכווייז אָבצוצאָפּען פון „ביכעל" — ביז אין פערלויף פון א צוויי מאָנאָט בלייבט אין פּאָסט־אָפּיס איין דאָלאַר...

דעם דאָזיגען דאָלאַר לאָזט זי שוין דאָרט איבער.

וואָס זי איז אויסען דערמיט, ווייסט זי אליין ניט.

מעגליך, אז דערמיט איז זי אויסען ניט איבערצורייסען איינגאַנצען די בעציהונגען מיט'ן בעאמטען, וועלכער נעהמט איהר שטענדיג אַזוי פריינדליך אויף, און מעגליך, אז זי וויל ניט ריזיקירען און בלייבען גאַר אָהן אן איינציגען דאָלאַר. עס ווערט דאָך פרעהליכער, ווען מען כאַפּט זיך אויף אין דער פריה און מען דערמאָהנט זיך, אז די לאַגע איז נאָך ניט אַזוי פערצווייפעלט: אין פּאָסט אָפיס האָט זי נאָך א דאָלאַר פערמעגען און אז עס וועט האַלטען גאַר שמאָל קען זי איהם יעדען טאָג צוריק בעקומען.

ווייל לינא'ן האט שוין פאסירט אז זי איז אמאל אין גאנ־צען געבליבען אהן איין סענט און צום סיזאן איז נאך געווען אזוי לאנג צו ווארטען און פון פאסט־אפיס־ביכעלע איז איהר בלויז געבליבען די טאוועלעך...

אבער אממעהרסטען איז זי מיט דער אנגעזאמעלטער סו־מע פארזיכטיג. זי מארקירט אויס, אז ביז'ן נייעם סיזאן זאל זי ניט דארפען צו שטארק מאנגלען, און דערפאר בלייבט דער דאלאר אין פאסט אפיס ליגען טאקע ביז'ן נייעם סיזאן.

דער בעאמטער בעגריסט איהר מיט א פריינדליכען שמייכעל און בעקוקענדיג איהר אלט ביכעלע, זאגט ער איהר אן די שמחה:

— האסט נאך א דאלער פון פריהער!

אבער לינאווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווי נאר זי האלט ביים לעצטען דאלאר, הויבט זי שוין אן זוכען ארבייט.

זונטאג פריה קויפט זי א „וואירלד" פאר פינף סענט. אין „וואירלד" געפינט זי יעדען סיזאן א שאפ.

צום שאפ נעהמט זי זיך אבער ניט באלד. פריהער קוקט זי דורך די אלע בילדער פון דעם זונטאג מאגאזין און די אלע בעשרייבונגען פון די פערשידענע אקטריסעס, זינגערינס און טענצערינס.

איין אקטריסע מיט צוויי גרויסע, שווארצע אויגען, נעהמט צוויי הונדערט טויזענד דאלאר א יאהר. די „וואירלד" שרייבט אויסדריקליך, אז דאס צאהלט מען איהר בלויז פאר איהרע שעה־נע אויגען.

און אין לינע'ס הארץ דערוועקט זיך א געפיהל פון קנאה.

זי שטעלט זיך אוועק ביים שפיגעלע וואס איז צוגעשלאגען צום וואנט אין איהר רום, זי עפענט ברייט אויף איהרע אויגען און בעטראכט זיי. זי איז זיכער, אז איהרע אויגען זיינען ניט מאוס'ער פון דער דאזיגער אקטריסע'ס אין דער „וואירלד"...

און פאר וואס האט זי פערגאבלעסינט אזא דזשאב ווי צוויי

הונדערט טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר? ווי באַלד, אַז שפּיעלען קען יענע אויך ניט און מען צאָהלט איהר בלויז פאַר די אויגען...

זי פיהלט זיך ווי בעליידיגט און געקריוודעט. און נעהמט זיך ווייטער צום לייענען.

אָט איז אַ טענצערין וואָס אַ מיליאָנער האָט זיך אין איהר פערליעבט און איצטער מאָהנט זי ביי איהם צוויי הונדערט טויזענד דאָלאַר פאַר איהר צובראָכען האַרץ.

און לינא דערמאָהנט זיך, אַז איהר האַרץ האָט שוין אויך איינער צובראָכען און טאַקע אויף אַן אמת — צובראָכען. אָבער זי האָט דערפון קיינעם ניט דערצעהלט, פאַר קיינעם ניט גע־קלאָגט און ביי קיינעם ניט געמאָהנט. זי איז בלויז אַ חודש צייט קראַנק געווען און האָט ניט געקענט געהן אַרבייטען. די דאָזיגע ליעבע האָט איהר נאָך געקאָסט...

לינא שלינגט אַראָב אַ טרער, וואָס די דאָזיגע עראינערונג האָט ביי איהר אַרויסגערופען און זי לייענט ווייטער וועגען אַ רייכער מיידעל, וואָס איהר מאַנטע האָט איהר איבערגעלאָזט דריי מיליאָן דאָלאַר און זי האָט די וואָך חתונה געהאַט מיט אַן אָרי־מען סטודענט.

און לינא מאַכט אַ חשבון אַז פאַר די דריי מיליאָן האָבען געקענט חתונה האָבען דער גאַנצער שאָפּ מיידלעך, וואָו זי האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געאַרבייט.

און ווידער טראַכט זי, אַז ווען זי האָט דריי מיליאָן, וואָלט זי גאָר גיט חתונה געהאַט, ווארום עס איז אונמעגליך, אַז מען זאָל ליעב האָבען אַ מיידעל, וואָס האָט אַזוי פיעל געלט.

אָבער ביי דער רייכער כלה בלייבט זי ניט לאַנג. לינא'ן אינטערעסירען מעהר די אַקטריסעס, טענצערינס און זינגע־רינס. זייער לעבען איז אַזוי לייכט און אַזוי לוסטיג.

און אַז זי לעזט דורך די אַלע סענזאַציעס פון דער דאָזי־גער ליעבע־וועלט, דערמאָהנט זי זיך ערשט, אַז די „וואָירלד“ האָט זי ניט צוליעב דעם געקויפט.

אויסען איז זי געווען בלויז די „וואַנטס“, זי דאַרף א שאַפּ.

אָבער נאָך אַזוינע פרעמדע גליקען, וועלכע זי האָט נאָר וואָס אויסגעלייענט אין דעם מאַגאַזין, איז איהר אַזוי שווער צו נעהמען זיך צו יענע געדיכטע „זייטען“, וואו עס איז פינס־טער און קאַלט, ווי אויף א בית־עולם, יעדער „וואַנט“ זעהט אויס ווי א קבר'ל...

אָבער וואָס העלפט עס? אין פּאָסט־אָפיס פערמאַגט זי בלויז איין דאָלאַר, און אין איהר האַנט־טאַש ליגען בלויז עט־ליכע ניקעלס.

און זי געהט איבער פון דעם פרעהליכען טייל צו דעם טרויעריגען, צום בית־עולם...

זי קלויבט אויס עטליכע „וואַנטס“, שניידט אויס די אַד־רעסען און בעהאַלט עס אין איהר האַנט־טאַש.

מאָרגען מוז זי גאַנץ פריה אויפשטעהן, שטעלען זיך מיט דער רייהע און וואַרטען, ביז א ווילד פרעמדער מענש וועט זי אויפנעהמען צו דער אַרבייט.

נאָכ'ן דאַזיגען בעשלוס, שטעלט זי זיך ווידער אַוועק בײַם שפּיגעל, בעטראַכט איהרע אויגען און קומט ווידער צו דער אי־בערצייגונג, אַז זיי זיינען זיכער ניט מאוס'ער פון יענערס אוי־גען, וואָס בעקומט צוויי הונדערט טויזענד דאָלאַר א יאָהר...

אָבער פאַר איהרע אויגען וועט איהר קיינער א סענט ניט געבען. ברויכען ברויך מען בלויז איהרע הענט.

זי בעטראַכט איהרע דינע, איידעלע פינגער. איינער איז נאָך ניט אינגאַנצען פערהיילט פון א שטאָך, וואָס זי האָט גע־מאַכט אין שאַפּ מיט דער נאָדעל...

און אויף מאָרגען אין דער פריה שטעהט שוין לינאַ ביי א טישעל און אַרבייט בײַשכנות מיט א נייער חבר'טע.

זי בעטראַכט דער חבר'טעס אויגען און איהר דאַכט זיך,

אז אויף דער חבר'טעם אויגען זיינען פונקט אזוי שעהן ווי ביי יענער אקטריסע.

און אז זי געהט ארוים מיט איהר אויף דינער אין נאָהענ־טען ארבייטער־רעסטאָראן, קען זיך לינא נישט איינהאלטען און ווענדעט זיך צו איהר מיט א פראגע:

— דו לעזט די „וואָירלד" ?...

— ווי א מאָל... ענטפערט יענע, וואָס איז דען ?

— איך האָב נעכטען געלעזען אין דער „וואָירלד", אז אן אקטריסע נעהמט פאר איהרע שעהנע אויגען צוויי הונדערט טויזענד דאָלאר א יאָהר...

— נו ,יא... איך קען זי... ענטפערט מיט שמחה די חבר־טע... איך האָב זי געזעהן אין מואווינג־פיקטשורס... א שעהנע! זעהר א שעהנע!

לינא קוקט זי אָן ווי ברוגז: זי איז א נאר, זי פערשטעהט ניט, אז איהרע אויגען זיינען אויך אזוי שעהן, נאָר עס איז בלויז א צופאל, וואָס זי ארבייט אין שאפּ.

אָבער לינא זאָגט עס איהר ניט הויך, די חבר'טע וועט עס ניט פערשטעהן...

דער שלום.

— יא, מיינע פריינד — האט אנגעהויבען גוטמוטיג דער בלאנדער, פערציג יעהריגער מאן מיט די מילדע בלויע אויגען, ארום וועלכע עס זיינען געווען אויסגעלעגט קנייטשען פון אי־בערלעבונגען און ערפאהרונגען — דער מענש איז שטענדיג אונ־צופרידען, בייז, אייפערזיכטיג צו פרעמדע גליקען, וועלכע אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירען זיי קיינמאל ניט. — אין קור־צען אויסצודריקען עס וועל איך זאגען, אז דער מענש איז אן אונצופריעדענע, פערביסענע חיה...

און דאך, מיינע פריינד, פאסירען אין מענשענס לעבען אזוינע מאמענטען, ווען ער ווערט פריי פון די אלע אונצופריע־דענהייטען, אייפערזיכטס־געפיהלען, פערביטערטקייט און ער ווערט דאן, ווי ניי־געבוירען.

דאס מערקווירדיגסטע דערפון איז, וואס די דאזיגע מאמענ־טען פאסירען ווען דער מענש איז באמת אונגליקליך, ווען זיין שלים־מזל האט איהם געגעבען דעם לעצטען קלאפ, ווען אלע ווענען, אלע שטעגען זיינען פאר איהם פערשטעלט און ארום איהם איז בלויז יאוש, אונגליק און אן אונאויסגעגנגליכע לאגע...

ווילט איהר, אז איך זאל אייך די דאזיגע טעאריע מיינע אילוסטרירען מיט א פאקט? איהר מעגט עס הערען, עס איז אי בעלעהרענד אי אינטערעסאנט...

עס איז געווען מיט יאהרען צוריק, ווען איך בין נאר וואס נעקומען אין ניו־יארק. איך בין דאן אלט געווען ביי א דריי־פיער און צוואנציג יאהר. געפאהרען בין איך צו געפינען דא דאס אמת׳ע גליק. איהר קענט זיך אבער פארשטעלען מיין ענטוי־

שונג, ווען ניט געפינענדיג קיין ארבייט די ערטע עטליכע וואָ־
כען און ניט האָבענדיג דאָ קיין נאָהענטע פריינד, בין איך ענד־
ליך געצוואונגען געוואָרען צו געהן ארבייטען ביי העמדלעך פאר
דריי דאָלאר א וואָך. אַך, ווי ביין איך בין דעמאָלט געווען אויף
אמעריקא, אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך! אין שאָפּ בין
איך געשטאַנען ווי א חיה רעה און מיט קיינעם ניט אויסגערעדט
קיין וואָרט, פּונקט ווי יעדער איינער וואָלט שולדיג געווען אין
מיין אונגליק. די העמדלעך האָב איך געהאסט, ווי דעם טויט,
דאָס זיינען געווען, לויט מיין דעמאָלטדיגער שטימונג, עקעל־
האפטע, מאוס'ע העמדלעך, וואָס פיעלע האָבען דאָן געטראָגען.
בעגעגענענדיג א מענשען אין אזא מין העמדעל, האָב איך איהם
ניט געקענט אין פּנים אַנקוקען. די גאַנצע וועלט האָב איך דער־
מאָלט געטיילט אויף צוויי: אויף די וואָס נעהען העמדלעך און
די וואָס טראָגען זיי און האָב אלע געוואונשען א מפּלה...

מיט אזא זעעלען־צושטאַנד, איז לייכט צו פערשטעהן, קען
מען ניט האָבען קיין סך פריינד. איך האָב זיי טאַקע ניט גע־
האַט. ערשטענס האָב איך קיינעם ניט געגעבען די געלעגענ־
הייט, טיעפער זיך צו בעקענען מיט מיר, ביי דער ארבייט בין
איך געזעסען שטום ווי די וואַנט, שוין אַבגעזעהן דערפון, וואָס
פיעל רעדען איז ניט געווען קיין צייט און קיין מעגליכקייט צו־
ליעב דעם געשריי פון די נעה־מאַשינען. צווייטענס האָב איך
זיך אויף איין אָרט, א דאַנק מיין בייזקייט און פערביטערטקייט,
ניט געהאַלטען און האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט, ווען איך
זאָל אפילו וועלען, זיך צו בעקאַנען נאָהענט מיט וועמען עס איז
און ווערען בעפריינדעט...

נאַטירליך, האָט מען מיר געצאָהלט מיט דערזעלבער
מטבעה: מיט האַס און פעראַכטונג. אלע אין שאָפּ האָבען מיך
פיינד געהאַט. אין יעדער שאָפּ, וואו איך האָב געאַרבייט צי וואָך
אָדער צו עטליכע טעג, האָב איך געהאַט א בעזונדער צונעמע־
ניש. א פּאָר פון זיי געדענק איך נאָך גוט. אין איין שאָפּ האָט

מיר א בחור א נאָמען געגעבען „דער מאַגען־קאַטאַר“, און א צווייטען שאַפ האָט מיר שוין א מיידעל געגעבען א צונעמעניש: „דער זויערער פּיקעל“. יענער בחור וואָס האָט מיך געררופען דער „מאַגען־קאַטאַר“ איז היינט א בעקאַנטער דאָקטאָר און איך הייל מיך טאַקע ביי איהם, און דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך גערופען „דער זויערער פּיקעל“ האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און זי האלט איצט א רעסטאָראַן וואו איך כאַפּ מיך אמאָל אריין און עס אָפּ א מיטאָג. אבער דאָס האָט ניט צו דער געשיכטע, קיין דירעקטע שיכות.

אַלזאָ, ווי געזאָגט, האָט מען מיך אויך שטאַרק ניט ליעב געהאַט און ענדליך, איז עס דערגאַנגען אזוי ווייט, אז איך האָב ניט געקענט קריגען ערגעץ קיין ארבייט... אלע שעפּער זיינען געוואָרען פאַר מיר פערשלאָסען.

איך זאָל זאָגען, אז דאָס האָט מיך שטאַרק גערטט — קען איך ניט! פון איין זייט בין איך זאָגאר געווען צופריעדען וואָס איך בין פּטור געוואָרען פון צו האָבען דירעקטע בעציהונגען מיט מענשען. איך האָב זיי געהאַסט. א דאַנק, וואָס מיין געפיהל צו לעבען און גענוס איז געווען פערטעמפּט און אָבגעשוואַכט, האָב איך אפילו די דריי דאָלאַר א וואָך, וואָס איך האָב פערדיענט, אין גאַנצען ניט פערשוועגדט. פערליערענדיג די ארבייט איז מיר נאָך געבליבען א קאַפּיטאַל פון עטליכע דאָלאַר. איך האָב דאַן אַנגעווענדט אלע מיטלען פון עקאָנאָמיע, אז די עטליכע דאָלאַר זאָלען זיך, וואָס לענגער ציהען. איך קען מיך בעריהמען, אז אין קאַרגשאַפט בין איך דאַן געווען דער גרעסטער ערפינ־דער. אין דערזועלבער צייט, האָב איך געזוכט בעשעפטיגונג, אָבער ניט האָבענדיג קיין רעקאָמענדאַציעס, א דאַנק מיין אָב־געזונדערטקייט פון מענשען, האָב איך גאָר ניט געקענט געפי־נען.

דערווייל איז, ניט קוקענדיג אויף מיין אונמענשליכער שפּאָרזאַמקייט, די עטליכע דאָלאַר אויסגעגאַנגען. מיינע קליי־

יידישע פאלקס ביבליאטעק

דער האָבען זיך אנגעהויבען צו רייסען. פון די שיף איז די פּאַ־
דעשוועס איינגאַנצען אבגעטראָגען געוואָרען. דער ראָק איז וואָס
ווייטער מעהר צוטראָגען געוואָרען אזוי, אז אין די גרעסטע
היצען האָב איך געמוזט טראָגען מיין ווינטערדיגען ראָק און
איך האָב געשוואומען איז אייגענעם שוויים...

באַלד האָט זיך נאָך געענדיגט דער בעצאָהלטער מאָנאַט
דירה־געלד. מיין מיסעס, אַן אָרימע, בייזע אַלמנה, האָט מיר
ניט געהייסען קומען נעכטיגען, ווייל מיין פּלאַץ האָט זי פער־
דונגען אַ מעהר רייכערען און גליקליכערען פאַר מיר. איך האָב
אפילו ניט איבערגעדרעהט מיט דער צונג, צו בעטען איהר, אז
זי זאָל מיר נאָך וואַרטען, אז איך וועל קריגען ארבייט, אז אויב
זי וועט מיך ארויסטרייבען, וועל איך מוזען ווערען אַ טרעמפּ
און עס וועט קומען מיין סוף. צו בייז און אפשר צו שטאָלץ
בין איך דערויף געווען. מיט אַ בייזען שמייכעל האָב איך פער־
לאָזט דעם פינסטערען בייסמענט און בין ארויס אויף דער
כלומרשט ליכטיגער גאַס.

געטראַכט האָב איך דעמאָלט פון זעלבסט־מאָרד, נאָר אזוי
ווי איך האָב געוואוסט, אז איך וועל די מענשען טהאָן דערמיט
אַ גרויסע טובה, האָב איך זיי אויף צו להכעיס געוואָלט לעבען
און אויב איך קען זיי ניט שטערען מיט מיין גליק, וועל איך זיי
שטערען מיט מיין אומגליק... עד היום, ווען איך געה דורך גע־
שעפטליך, נאַטירליך, די באוערי און איך זעה די אַלע אבגעריי־
סענע און פערלאָרענע מענשען, דאַכט זיך מיר, אז זייער לעבען
איז נאָר אַ צו־להכעיס די גליקליכערע. קיין אנדער ציעל אין
לעבען האָבען זיי ניט און איך גיב זיי אין גאַנצען גערעכט,
כאָטש ווי איהר ווייסט, בין איך איצט אַ סך מענשענפריינדלי־
כער... אבער צוריק צו דעם ענין...

ניט ווייסענדיג וואוהין צו געהן האָב איך אָהן ציעל גע־
בלאָנקעט איבער אַלע גאַסען, כלומרשט געזוכט עפּעס בעשעפ־
טיגונג, כאָטש געוואוסט האָב איך, אז איך וועל ניט געפינען.

אין טאש האב איך נאך געהאט א ניקעל... איך האב געמאכט מיט איהם פערשידענע פלענער און האב אויסגערעכענט, אז איך זאל זיך בעגעהן מיט איהם פארזיכטיג קען ער מיר, ביים דע־מאלסדיגען זול, קלעקען אויף דריי־פיער טעג צו דערהאלטען די נשמה.

מיין חשבון איז אבער געווען א פאלשער. ביי דער גרעס־טער אנשטרענגונג האט ער מיר געקלעקט אויף אנדערהאלבען טעג. די לעצטע פעני האב איך אויסגעגעבען צוויי אזייגער ביי־טאג אויף א גלאז סאדע־וואסער, ניט וויסענדיג וואו מען קריגט א ריינע גלאז וואסער אומזיסט.

אויסטרינקענדיג די דאזיגע גלאז משקה און אוועקלע־גענדיג די לעצטע פעני, האב איך דערפיהלט, ווי עפעס א גע־שטאלט וואלט זיך פארביי געטראגען מיין געזיכט, א שמייכעל געטהאן און איז פערשוואונדען...

איך אליין האב אויף א שמייכעל געטהאן, זיך אבגע־שטעלט און דערפיהלט אין זיך א זאנדערבארע ענדערונג: עפעס א גוואלדיגע גרויסע גוטסקייט און רחמנות געפיהל האט זיך אין מיר דערוועקט צו אלע מענשען... איך האב געקוקט אויף אלע וואס זיינען מיר פערביי געגאנגען און האב אויף זיי גרויס רחמנות געהאט.

מיט דעם דאזיגען געפיהל בין איך אוועק אין א קליינעם פארק, וואס האט געדיענט פאר א מקום מקלט פון אזעלכע ווי איך. איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף א לעדיגע באנק, בעטראכט די אלע זיצענדע, פון וועלכע פיעלע זיינען געשלא־פען, ווער מיט אן אראבגעהאנגענעם און ווער מיט א הין־און־הער אומוויגענדען קאפ.

איך האב געקוקט אויף זיי און האב זיי מאדנע ליעב בע־קומען. אויף דער באנק, וואו איך בין אליין געזעסען, איז מיר געווארען אומעטיג. עס האט מיך גענומען ציהען צו זיי, צו די דאזיגע מענשען, וואס האבען דערגרייכט די העכסטע שטופע

פון אונגליק ווי איך, און האבען שלום געמאכט און זעהען אויס ווי גליקליך...

איך האב דערפיהלט א געוואלדיגע זיסע מיעדיגקייט. עס האט מיך געצויגען, נאך א נאכט פון וואכען, צום שלאף. דער דיקער פאליסמאן איז רוהיג פערבייגעגאנגען, געדרעהט מיט'ן קלאב און דאך קיינעם פון די שלאפענדיגע ניט געטשעפעט. ער האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג. איך האב איהם אין הארצען געבענשט.

און אלע, וואס זיינען פערבייגעגאנגען, סיי רייך סיי גליק־ליך, האב איך בעגלייט מיט ליעבעפולע בליקען און גוטמוטיג צו־געשמייכעלט. כאטש קיינער פון זיי האט מיך נישט בעמערקט... איך בין זיי דערפאר דאנקבאר געווען. איך בין געווארען שלום מיט זיי אלע, ביי דער העכסטער שטופע פון אונגליק. ווען איך האב ניט געזעהן קיין שום שטראהל פאר דעם ווייטערדיגען טאג — בין איך מיט זיי שלום געווארען...

דער דערצעהלער האט א גוטמוטיגען שמייכעל געטהאן, ארויסגענומען א קליינעם שווארצען זייגערעל פון וועסט־טאש, און דערזעהענדיג דארט אז עס איז שוין די שטונדע פון מיטאג אריבער, האט ער זיך אויפגעהויבען און גענומען איילען:

— א, איך מוז שוין געהן אין אפים!...

די תשובה.

יאָסעל דאַבקין, אָדער ווי ער האָט אין שטעדטעל געהייסען, יאָסעל דער שניידער, האָט די ערשטע צייט פון גרויסע בעקוועמליכקייטען אין אמעריקא ניט געוואוסט. אריינגעפאַלען איז ער גלייך ביי׳ם אָנקומען, אין איינע פון די אָרימע סטריטען פון דאון־טאון צו א לאנדסמאַן, וועלכער האָט געהאט א ווייב, פיער קינדער מיט צוויי באָרדערס. ער איז אפילו אלס באָרדער ניט געוועזען גערעכענט. עס האָט געהייסען: ער קומט איבערנעכטיגען, און אַז אָרט האָט זיך שוין געפונען, אמאָל ביי אימיצען צופוסענס, אמאָל צוקאָפּענס, און אמאָל, איבערהויפּט אין די הייסע טעג — אויפ׳ן רוף. אויפ׳ן רוף האָט ער שוין, אמת, געהאט מעהר פּלאַץ, אבער שטארק בעקוועם איז אויך דאָרט ניט געוועזען.

דאָס עסען איז די ערשטע צייט אויך ניט געוועזען פוינגעלדיג. אמת, א שטיקעל פלייש האָט ער גענעסען אלע טאָג. דאָס ברויט איז אויך געוועזען ווייסער ווי אין דער היים, אבער די לאנדס־פרוי איז, לויט זיין מיינונג נאָך, ניט געוועזען קיין איבעריגע געראָטענע קעכין און דאָס עסען האָט איהם ניט געשמעקט. ער האָט אַלץ געבענקט נאָך די היימישע מאכלים, נאָך א גוט ביסעל מילכיגס, נאָך אַז אמת׳ען קאלטען שטשאַוו, וואָס איז טאַקי שטשאַוו לכל הדעות און ניט ווי דאָ, וואָס אויב דו ווילסט איז עס שטשאַוו, און אויב דו ווילסט איז עס גאָר אַז אמעריקאַנער גראַז, וואָס ווערט געמאַכט מיט א מאַשין, א קשיא אויף אמעריקא...

דער שאָפּ, וואו ער האָט געארבייט איז די ערשטע צייט

אויך ניט געווען פון די גרויסע, און האָט נישט צופריעדענגע־שטעלט אפילו די קלענסטע סאַניטאַרנע בעדינגונגען. דער שאָפּ איז בעשטאַנען פון איין גרויסען חדר, וואו עס האָבען געאַרבייט ביי א דרייסיג אַרבייטער, אַלע האַלב־גרינע און גאַנץ גרינע אי־דען. ס'איז געווען דאָרט ענג און דושנע און דערצו האָט מען דאָרט געאַרבייט זעהר שווער און לאַנגע שטונדען.

די שכירות זיינען די ערשטע צייט אויך געווען קלעגליכע: אַנגעפאַנגען האָט ער מיט דריי דאָלאַר א וואָך און שפּע־טער אביסעל האָט ער גענומען זעקס און זיעבען. דערפון האָט ער געשיקט א היים דער ווייב און קינדער, — א קליינע העלפט האָט ער פערלעבט, און איין דאָלאַר האָט ער „געזאַ־מעלט" אין א קליין ביינקעל ערגעץ, כדי ער זאָל קענען אויפ־קלייבען אין פערלויף פון א פּאָר יאָהר, א פּאָר הונדערט דאָלאַר און פּאָהרען צוריק אהיים.

ביי אזא מין לעבען האָט יאָסעל קיין גרויסע תאוות צו עולם־הזה'דיגע זאכען ניט געקענט האָבען. ער האָט אפילו גע־הערט פון די באָרדערס און אויך אין שאָפּ פון די אינגערע יונגעלייט רעדען פון טהעאַטער, מואווינג פּיקטשורס און רעס־טאָראַנטס. אין דער ערשטער צייט אבער איז ער אַבגעקומען נאָר מיט'ן הערען און איז אהין ניט געגאַנגען.

דאָס איינציגע פערגעניגען זיינס איז געווען שבת די שוהל, וואס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון זיין שטעדטעל און וואו ער איז שוין געווען א „מעמבער". די שוהל און אויך די רוסישע באָד, להבדיל, וועלכע ער האָט די ערשטע צייט א פּאָר מאָל בע־זוכט און זיך געבאָדען לויט'ן שטעדטעלטישען שטייגער, האָט צופריעדענגעשטעלט אַלע זיינע העכערע גייסטיגע תאוות.

שפּעטער אבער, אז ער איז אַנגעקומען אין א יוניאָן שאָפּ, וואו ער האָט בעקומען בעדייטענד גרעסערע „ווייגדזשעס" און קירצערע שטונדען געאַרבייט, — האָט ער, אָהן קיין שום זיי־טיגער אניטאַציע, פון זיך אַליין דערפיהלט, אז אין „אמערי־

קא„ איז מאקי דא א סך גוטע זאכען און דער שטשאוו, אויב מען בעצאהלט נור מהייערער, איז גאר ניט אזוי שלעכט. און אז אין וויליאמסבורג זיינען די רומס אויף פרייער, און אז א מענש דארף ניט זיין קיין חזיר, און אויסער א שוהל און א מרחץ, להבדיל, מעג מען זיך אמאל ארייננכאפען אין א מואווינג פיק־טשורס און זעהן מאקי אזוינע זאכען, וואס אין שטעדטעל קען מען עס ניט זעהן, מען זאל אפילו לעבען הונדערטער יאהר.

און אויסער דעם, אז מען נעהמט אראב די באָרד, ווערט מען טאקע יונג, און מען כאפט זיך, אז פערציג יאהר א איד א־ז נאך גאר א יונגער מאן, און נאך שפּעטער שערט מען צו די וואנסעס, ווערט מען נאך איינגער, און „לעבען זאל קאלאמ־בוס“, ווי זיין נייער לאנדסמאן, וואו ער וואהנט, זאגט זיך אמאל זיין ווערטעל.

און יאסעל האט אנגעהויבען איינצוזעהן, אז אמעריקא איז א לאנד, וואו מען קען לעבען, ווי גאט האט געבאטען, ווען מען האט נאר דעם דאלאר.

א סך לאנדסלייט און „ברידער“ פון זיין „סאסייעטי“, האָ־בען איהם געריהמט:

— יאסעל האט זיך שוין אביסעל אויסגעגרינט...

אבגעוועזן א פאר יאהר אין לאנד, האט יאסעל אנגעהוי־בען בעקומען בריעף פון זיין ווייב, אז עס איז גאר ניט קיין תכלית, ער דא אין אמעריקא, און זי דארטען. און אין מאנכע שטעלען אין איהרע בריוועלעך, פלעגט זי שטארק אנפינטלען... וואס זי מיינט מיט די פינטעלעך האט ער ניט קלאהר פערשטאַ־נען, אבער ער האט געפיהלט, אז פשוט דאס ווייבעל בענקט נאך איהם.

יאסעל אבער האט אויף אזוינע בריעף ניט געענטפערט צו דער זאך. ער האט איהר געגעבען נאר אנצוהערעניש, אז אין אמעריקא נעהמען, קען ער זי נאך ניט, און וועגען אהיים פאה־

רען איז נאך אויך פריה צו טראכטען, ווייל ער וויל אנקלייבען א טויזענד דאלאר...

אין דער אמת'ען אבער האט איהם זיין ווייבעל, פערגלייכענדיג זי מיט די אמעריקאנער ווייבלעך, אנגעהויבען נישט צו געפעללען. עס איז גאר ניט דער שטעלל, דער אנטהאן זיך — א קליין־שטעדטעלדיגע אידענע! כאטש אין גאנצען דארף זי זיין לויט זיין חשבון א יאהר עטליכע און דרייסיג. ער האט אויך טשיקאוועסט געבעטען, זי זאל איהם שיקען איהר פאטאגראפיע, וואס ער האט אין א חודש ארום בעקומען. אויף דער פאטאגראפיע האט זי אויסגעזעהן גאר ניט דאס, וואס ער גלוסט איצט...

זיין פיקטשור, וואס ער האט איהר געשיקט, איז ניט דער ערך שעהנער, און ער איז דאך א מאנסביל, וואס ער דארף ניט זיין שעהן... א מאנסביל איז דער עיקר גאר עפעס אנדערש. דאס האט ער געוואוסט, ער האט געהערט די דאזיגע מיינונג שוין עטליכע מאל דא אין אמעריקא און אפילו געלעזען אין די פייפערס...

די לעצטע צייט האט איהם אנגעהויבען איין זאך צו פערדריסען: אמעריקא איז א פרייע לאנד און די מיסעסען זיינען גאר ניט קיין צדקניות'ן, מען ווייסט אלץ, ניש־קשה. מען רעדט גאר אפען — און ער איז אזא שלים־מזל... אט האט זיך איינער א לאנדסמאן פאר איהם בעריהמט, אנגווייזענדיג אויף א גאר ניש־קשה'דיג ווייבעל, וועלכע ער, יאסעל, וואלט אויפגעגעסען מיט די אויגען, אז, וואס איז דא פיעל צו רעדען, אז איינם א־ן צוויי...

ביי יאסל'ן האט זיך צוקאכט דאס בלוט און אין הארצען האט זיך איהם אנגעצונדען עפעס א מאדנער פייער...

— יא, ברודער, האט ער זיין לאנדסמאן געענטפערט האלב

תמ'עוואטע און האלב ציניש — מ י ר טרעפען ניט קיין גלי־קען...

— דו ביזט ברודער, א יאלד... אזוינע גליקען איז ניט פאר דיר.

יאָסעל האָט שטיל אפּגעזיפצט, פערביסען די ליפּען און גע־שוויגען.

אָבער די גאַנצע נאַכט האָט ער געהאַט שלעכטע געדאַנקען, איז אויף מאָרגען געשטאַנען ביי דער ארבייט ווי א צודולטער, און האָט אַלץ געקוקט אויף זיין לאנדסמאַן, וועלכער האָט אויך געאַרבייט אין איין שאפּ מיט איהם און ענדליך בעשלאָסען, נאָך דער ארבייט, אויסצודערצעהלען איהם זיין הארץ.

און געהענדיג פון דער ארבייט, האָט ער נאָך א קורצען שוויינען אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— אזוי, הייסט עס.. טרעפען דיך גליקען...

— אנטקעגען וואָס זאָגסטו עס, יאָסעל?...

— איך מיין אנטקעגען דעם, וואָס דו האָסט מיר דער־צעהלט נעכטען וועגען דער ווייבעל. א וואויל ווייבעל טאָקע... גאָר ניש־קשה...

— נו, ברודער, אָט די ווייבעל פערגעס... האָט דער לאנדס־מאַן ממזר'יש געבלינצעלט מיט די אויגען...

— כי־כי־כי—עס פערגעסט זיך ניט... א פיינע פרויקע, צו אלדי טייוועל...

— נו, נו, יאָסעל, — האָב נישט קיין גרויסע אויגען: האָסט געלערענט חומש... לא תחמוד, ברודער, א בפירוש'ר פסוק...

— און דו מענסט... א רוח אין דיין טאַטען...

— איך זעה, יאָסעל, דו ביזט טאַקי שטאַרק בייז... האָט דער לאַנדסמאַן גענומען די זאַך ערנסטער... וועל... איך בין דיינער א לאַנדסמאַן... איך וועל זעהן...

— וואס מיינסטו... האט זיך אין יאסעל'ען דאס גאנצע בלוט אנגעצונדען...

— כ'מיין, דו ביזט א לעבעדיגער מענש... וואס איז דען, ברודער? אין אמעריקא פאר'ן דאלאר...

יאסעל האט אין גאנצען געציטערט...

עס איז געווען 12 אזייגער אין אבענד, ווען יאסעל איז אראפ פון די טרעפ פון א הויז, אין וועלכע דאס מיטעלסטע פענסטער אויפ'ן דריטען שטאק איז געווען אראבגעלאזט מיט א דיקער פארהאנג.

אראבגעהענדיג פון די שטיגען און בלייבענדיג שטעהן אויפ'ן גאס, האט ער אויפגעהויבען די אויגען צום פענסטער, ווי א מענש, וואס פאלט, בעטראכט דעם ארט וואו ער איז געפאלען, און ער האט זיך מיט שנעלע טריט געלאזט צו א וועלכער עס איז א קאר, ווי ער וואלט זיך וועלען ראטעווען פון א גרויסע סכנה...

פאר זיינע אויגען אבער האט נאך אלץ געשוועבט דאס שטארק געפארבטע און געפודערטע געזיכט פון עפעס א ווילד פרעמדער פרוי, אין נאז האט געשלאגען מאדנע ריחות פון פערשיעדענע שארפע זאכען, און אין די אויערען האט געקלונגען א האלב הייזעריגער געלעכטער.

און באלד נאכדעם האט פאר זיינע אויגען פארגעשוועבט, ווי אויפ'ן לייוואנט פון מואווינג פיקטשורס, זיין אייגען ווייבעל אין דער היים, ביי די זייטען די צוויי קינדער, וועלכע האבען אויף איהם געקוקט מיט רחמנות און פארוואורף צוזאמען. אין זיינע אויערען האבען ווי מיט האמערס געקלאפט:

— „טאטע, יאסעל!"...

און ער האט זיך דערמאהנט אן דער היים, און איבער־

הויפט אַן זיין פרוי... וואָס פאַר א וואוילע, טהייערע ווייבעל... ער וואָלט זי איצט אויסגעקושט אלע גליעדער. ווי ריין און ציכ־טיג זי איז אלע מאָל געווען...

ער האָט זיך דערמאָהנט א געוויסען פרייטאג צו־נאכט. זי איז טאַקע דאמאָלסט געווען אַזוי שען.. און איידער וואָס־ווען האָט ער זי געקושט... און זי האָט געהאַלטען די אויגען פערמאַכט, זיך געמאַכט כלומרשט שלאָפענדיג און ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זי גענוג אָנגעקושט, האָט זי זיך ווי צובייזערט:

— דו האָסט מיך מיט דיין באָרד דעם גאַנצען פנים צו־שטאָכען.

נאַרישקייטען, עס האָט איהר דען געאַרט? נאָר אַזוי איז שוין די מאָדע פון די קליין־שטעדטעלדיגע ווייבלעך... ניש־קשה, דאָ וועט זי קליגער ווערען...

קומענדיג צו זיך אהיים האָט ער שוין געטראָפען אַלעמען שלאָפען.

ער האָט געפונען א בויגעלע פּאַפּיער, אויסגעזוכט דעם טינט און פעדער, און זיך געזעצט שרייבען א בריעף:

„צו מיין ליעבער און טהייערער פרוי חאשע, זאָל לעבען, און צו מיינע ליעבע קינדערלאך!“.

און נאָכ'ן גרוס פון זיין גוטען געזונד, האָט ער מיט בע־גייסטערונג אָנגעהויבען פאַרטזעצען:

„און שנית זיי וויסען, מיין ליעבע און געשעצטע פרוי, אז איך שיק דיר די טעג ארויס א שיפסקארטע פאר דיר מיט די קינדער און איך וועל דיר שיקען הונדערט דאָלאַר אויפ'ן וועג און דו זאָלסט גלייך זיך גרייטען אין וועג אריין, ווייל עס איז מיר פער'מיאוס'ט געוואָרען דער לעבען איינער אליין אַליין מיט פרעמדע מענשען...“

ער האָט זיך אָבגעשטעלט א ווײַלע און א טראַכט געטהאָן. א וואָרימער שטראָם פון געפיהלען האָט איהם דורכגענומען און ער האָט ווייטער גענומען שרייבען:

„ווייטער שרייב איך דיר, אז דו זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבען... מיר וועלען לעבען ווי גאָט האָט געבאָטען...“

אָנגעשריעבען דעם בריעף, האָט ער איהם פאַר זיך דורכגעלעזען און ער האָט זיך דערפיהלט, ווי אַמאָל אין דער היים ערב יום־כפור, נאָך דער תפלה זכה...

די מציאה.

מר. זייטשיק איז א געבוירענער פון ערגעץ א קליין שטעדטעל אין א ליטווישער גובערניע. זיין פאטער, משה דער דאמסקער שניידער, א פרעהליך און פערשייט אידעל, איז געוועזן פון די ערשטע, וואס האבען געהאט די העזה און דעם מוט צו לאזען זיך איבער'ן ים קיין אמעריקא. מר. זייטשיק געדענקט עס ווי דורך א חלום. די מאמע האט געוויינט, געווארט אויף בריעף און געלד פון טאטען און זיך זעלטען דערוואַרט. עפּעס האבען ווייבער געשמועסט אז זיין טאטע האט גענומען דארטען א דייטשקע. זייטשיק געדענקט, אז איהם האט זיך דעמאלט שטארק געוואלט זעהן דעם טאטענ'ס דייטשקע. ער האט זיך דאן פארגעשטעלט, אז זי מוז זיין אזא הויכע און א גראבע, ווי דעם פריסטאוו'ס ווייב, און זי מוז דעם טאטען דארטען געבען קלעפּ, און ער האט אויפ'ן טאטע'ן רחמנות געהאט...

שפּעטער אבער, געדענקט ער, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די גאנצע מעשה מי'ט דער דייטשקע האבען די ווייבער אויסגע־קלערט. דער טאטע האט לאנג ניט געשריבען, ווייל ער האט זיך דארטען א נעהם געטהאן צו דער ארבייט און האט ניט געהאט קיין צייט אפילו צו געהן זוכען א שרייבער אנצושרייבען א בריעף דער מאמע'ן. ביז ער האט אין א יאהר ארום זיך דער־מאנט, אז מען קאן דארטען מיינען, אז ער איז געשטארבען, און ער האט געשיקט א לאנגען בריעף מיט געלד און שיפסקאר־טען, און ער האט זיי אלע ארײַבגעבראכט אהער, קיין אמע־ריקא.

וויעהער געדענקט מר. זייטשיק, אז קומענדיג קיין אמע־

ריקא איז ער שוין געווען א דערוואקסען בחור'ל. וויפיעל ער איז אלט געווען, געדענקט ער ניט. זיין געבורטס־טאג האט מען ניט געפייערט ניט אין שטעדטעל און ניט נאכדעם אין אמעריקא. ווערדליג די מאמע האט אמאל בע'חשבונ'ט, איז ער געווען ארום פופצעהן יאהר אלט ווען ער איז געקומען. דערפאר איצט, אז ער איז רייך געווארען, היט ער דעם חשבון ריכטיג. און אט לויט יענעם חשבון איז ער אלט געווארען פופציג יאהר.

אין דער זעלבער צייט האט צו איהם אין הויז גענומען אלע טאג קלינגען עפעס אן אונדרייסטע האנד. לויט'ן קלונג האט ער פערשטאנען, אז דאס איז א שלים־מזל. ער האט געהייסען דאס שטוב־מיידעל פרעגען, וואס יענער דארף. יענער אבער פלעגט אזוי צוטומעלט ווערען, אז ער פלעגט זיך גלייך פער־ענטפערען, אז עס איז רעכט, אז ער וועט קומען מארגען... אויף מארגען פלעגט ער ווידער קלינגען, ביז וואנען מר. זייטשיק איז אליין ארויס צו דער טהיר, אננעקוקט דעם פארשוין, א איד אין די עלטערע יאהרען, מיט בארד און וואנסעס און אין א הארטען שטארק אבגעטראגענעם הוט.

מר. זייטשיק האט איהם אבגעמאסטען פון קאפ ביז די פיס, זיך געשלאגען מיט דער דעה, ארייגלאזען איהם צי ניט, און האט ענדליך בעשלאסען אויף יא.

דער איד איז אריין מיט וואקעלדיגע טריט אין רייכען קא־רידאר, פון וואנען עס האבען זיך געצויגען רעכטס און לינקס גרויסע, אפענע, ליכטיגע צימערען. מר. זייטשיק האט איהם ענדליך אריינגעפיהרט אין עס־זאל, געהייסען איהם מיט א שטרענגען טאן זיך אנידערזעצען און געפרעגט:

— וואס וועט איהר זאגען גוטס?

— גוטס? — האט דער אורח אנגעהויבען שטאמלען,— עס איז ניט גוטס און ניט שלעכטס... הייסט עס... איך בין אליין פון דער איינענער שטעדטעל, וואס איהר...

זייטשיק׳ס פּנים האָט זיך בייז אָנגעכמורעט. ער האָט געוואָרפען א דורכדרינגענדען בליק אויפ׳ן אורח און געפּארשט:

— זיינט איהר שוין לאנג אין לאנד?

— שוין ביי צעהן יאהר — האָט דער אורח געענטפערט.

— איז ווער זייט איהר פון שטעדטעל? איך געדענק שוין קיינעם ניט...

— מיך וועט איהר מוזען געדענקען... מיר האָבען גע־וואוינט טאקע אין איין סטריט.. איך מיין, אין איין גאס, ס׳הייסט טאקע אין דער ווילנער גאס.

— ווילנער סטריט?! — האָט זיך מר. זייטשיק פער־קלערט. — איך געדענק ניט אזא מין סטריט אין אונזער שטעדטעל.

— וויפיעל סטריטען האָט איננאנצען דאָס שטעדטעל גע־האט: ווילנער סטריט, מינסקער סטריט און שוהל־סטריט. נאָכ־דעם האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער בית־עולם.

דערהערט דאָס וואָרט בית־עולם, איז מר. זייטשיק ווי ווייכער געוואָרען. דאָס איינציגע, פאר וואָס ער האָט נאָך גע־האט דרך־ארץ, איז געווען דער טויט...

ער האָט א שטילען זיפץ געטהאָן, זיך פערטראַכט און זיך אָנגערופען:

— געדענקען אייך געדענק איך ניט... נאָר פונדעסטוועגען, גלויב איך אייך. איהר וועט דאָך ניט אויסטראַכטען פון קאָפּ... איז בכן, וואָס־זשע פערלאַנגט איהר?...

— פערלאַנגען?... וואָס הייסט פערלאַנגען? — האָט דער לאַנדסמאן נע׳חקרה׳נט. — קיין חלק האָב איך אין אייער עשירות ניט אריינגעלעגט... נאָר „מיינע“, טאקע פון זעלבען שטעדטעל, לאָזט מיך ניט צורוה: דו ביזט אין אן עת צרה, געה אריבער צו מר. זייטשיק... זי געדענקט אייך נאָר גוט... זי זאָגט אפילו, אז איהר האָט זי אמאָל שטאַרק צוהרג׳עט, ווי דער שטיינער איז — קינדער...

— איז הייסט עס, וואָס־זשע פערלאַנגט איהר? — איז שוין מר. זייטשיק שטרענגער געוואָרען און בעשלאָסען, אז אויב געלד, איז מעהר ווי א פינף דאָלאר וועט ער איהם ניט געבען.

— איך האָב געוואָלט ביי אייך בעטען, אזוי ווי מיר מאכט זיך קויפען א „סטענד", און דוקא אין א גוטען אָרט, מען קאַן מאכען א שטיקעל לעבען, זאָלט איהר מיר אויסבאָרגען א...

געוואָלט האָט דער לאַנדסמאַן זאָגען א הונדערטער, נאָר ער האָט אָנגעקוקט דאָס עשירות אין צימער, האָט ער זיך ארויס־געכאַפּט:

— א צוויי הונדערט דאָלאר...

— נישט מעהר און נישט ווענינער? — האָט מר. זיי־טשיק צוגעשמייכעלט...

— נאַ, נישט מעהר... חלילה... — האָט דער לאַנדסמאַן בתמימות געענטפערט, און איז געווען זיכער, אז אָט באַלד שרייבט איהם מר. זייטשיק אַן א טשעק.

— ניין, מיין פריינד — האָט מר. זייטשיק אָבגעהאַקט.— ביי מיר איז ניט קיין באַנק... — און אַנקוקענדיג דעם לאַנדס־מאַן, וועלכער האָט זיך שטאַרק פערלאָרען נאָך דער ענטזאַגונג, האָט מר. זייטשיק צוגעגעבען:

— וואָס מיינט איהר, איך בין א מיליאָנער? איך וויים, אויסהעלפען אייך דאַרטען אין א פינפערעל, לאָמיר זאָגען אין צעהן דאָלאר... איך בין ניט אזא גרויסער גביר ווי איהר מיינט... דערצו בין איך שוין ניט קיין יונגערמאַן.

— יעס... — האָט דער לאַנדסמאַן חניפה'דיג צוגע־שטימט — איך וויים... איהר זיינט אין מיינע יאָהרען....

— אין אייערע יאָהרען.. .ווי אזוי? — האָט זיך מר. זיי־טשיק אויפגעהויבען פון אָרט.

— מיין מאַמע פלעגט דערצעהלען, אז אונזער ברית איז געווען אין איין טאָג, זונטאָג...

— ווירקליך? — האָט מר. זייטשיק זיך פֿעראינטערעסירט.

— וואָס הייסט, איך וועל אייך דערצעהלען אַ ליגען?— האָט דער אורח אָנגענומען אַ שטאָלצע מינע..

— אויב אַזוי, ווי אַלט זייט איהר? — האָט מר. זייטשיק אויסגעשטעלט די אויגען אויפ'ן לאַנדסמאַן.

— מיר איז געוואָרען די וואָך אכט־און־פֿערציג יאָהר...

— נישט מעהר? — איז מר. זייטשיק אויפגעשפּרונגען פֿון אָרט...

— ווי איהר זעהט מיך אַ אידען! — האָט דער לאַנדסמאַן געשוואָרען און האָט געפּיהלט, אַז מיט דער דאָזיגער ענטדעקונג האָט ער זיך פֿערריכט די מערכה ביים גביר דעם לאַנדסמאַן.

מר. זייטשיק האָט גענומען אומגעהן איבער'ן צימער, געמורמעלט עפּעס, און ענדליך איז ער שטעהן געבליבען נעבען לאַנדסמאַן...

— איך וועל אייך זאָגען... צוויי הונדערט טאָקע ניט... אָבער אַ הונדערטער באָרג איך אייך..

און גלייך האָט ער ארויסגענומען דעם טשעק־ביכעל און זיך גענומען שרייבען... אין מיטען שרייבען האָט ער זיך אָבגעשטעלט, אָנגעקוקט דעם לאַנדסמאַן און ווידער געפֿרעגט:

— זיינט איהר זיכער דעריין?

— וואָס הייסט זיכער? — האָט דער לאַנדסמאַן ניט פֿערשטאַנען די פֿראַגע. — איהר מיינט וועגען סטענד... לייט זאָגען, אַז מען קאָן מאַכען אַ שטיקעל לעבען. הלואי זאָל זיין אייער גמילת חסד מזל'דיג.

— ניין, איך מיין וועגען די יאָהרען... — האָט מר. זייטשיק ווי פֿערשעמט געפּאַרשט, — זייט איהר זיכער, אַז איהר זיינט אַלט בלויז אכט־און־פֿערציג?

— וואָס הייסט זיכער... וועלכער מענש ווייסט דאָס ניט

זיינע יאָהרען? ביי מיר איז דאָס פערשריבען אויפ׳ן מחזור... א היימישער מחזור...

— און אונזער ברית איז טאקע געווען אין איין טאָג?...

— אין׳ם זעלבען טאָג.. מיין מאמע פלעגט אלע מאָל דאָס דערמאָנען, דערהויפּט דעמאָלט, ווען מען האָט דערהערט, אז גאָט האָט אייך ,בעגליקט...

מר. זייטשיק׳ס פּנים האָט אינגאנצען אויפגעשטראהלט. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט ער דעם דאָזיגען לאנדס־מאן געפּאלען אויפ׳ן האלז... ער האָט זיך גענומען צו פערענ־דיגען דעם טשעק.

— איז ווי רופט מען אייך?

— מר. יאָקעל חאר־חורים...

— האָ דו יו ספּעל? — האָט מר. זייטשיק געמיינט, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אן אמעריקאנער ביזנעסמאן...

דער לאנדסמאן אָבער האָט געמיינט, אז ער פרעגט איהם: וויפיעל? האָט ער מיט א ברייטקייט געענטפערט:

— צוויי הונדערט...

מר. זייטשיק האָט גוטמוטיג א שמייכעל געטהאָן און אָנגע־שריבען די סומע צוויי הונדערט...

— אָט האָט איהר צוויי הונדערט דאָלאר, גאָר געזונט, איהר זאָלט מיך ניט אָבנארען...

— זאָל נאָר דער געשעפט גוט געהן, קעהר איך אייך אום ביז א סענט...

— ניין, איך מיין מיט די יאָהרען... זיינט איהר, הייסט עס, מיט מיר אין איינע יאָהרען — אכט־און־פערציג?

— אכט און פערציג, געווים... די זאַך נשתּוצרען.

— טאַ געהט־זשע מיר געזונטערהייט און מאכט גוטע גע־שעפטען, — האָט מר. זייטשיק איהם דערלאַנגט די האנד.

און בלייבענדיג אליין האָט ער געמורמעלט:

— די בעסטע ביזנעס האָב איך געמאכט היינט. פֿאר צוויי הונדערט דאָלאר איינגעהאנדעלט צוויי יאָהר לעבען... אז אמת׳ער „בארגיין"!

און ער איז געבליבען זיצען פֿערטראכט, מיט א גליקליכען שמייכעל.

גאָלד.

גטהענדיג אמאָל אין איינע פון די שעהנסטע סטריטען אין דעם שטילען וועסט פון ניו־יאָרק, האָב איך אויס לאנגווייליגע זיך אָבגעשטעלט ביי די שוי־פענסטער פון מאנכע קלענערע און גרעסערע מאגאזינען און בעטראכט די שפיעלצייג, קליידער, היט און אנדערע זאכען וואָס ציהען דיך שטענדיג צו, ווען דו שפּאַצירסט ערגיץ אין א פערוואָרפענעם אבער שעהנעם געגענד.

ענדליך בין איך געבליבען שטעהן ביי א שוי־פענסטער פון א גאָלד־ווארג. די שוי־פענסטער איז ניט געווען איבערראשענד רייך. אבער דערפאר האָט זי צוגעצויגען מיט איהר זאָרגפעלטיגקייט, אָרדנונג און גלאנץ. די קייטעלעך, קליינע זייגערלעך און רינגעלעך זיינען געווען אויסגעלעגט אזוי, אז יעדע זאך האָט דיין אויג בעמערקט, בעוואונדערט און בעגעהרט. די פערשיעדענע שפּילקעס, מעדאַליאָנען און בראסלעטען האָבען ווי ליעבליך געוואונקען און געוואָלט דיך פערלאקען אינוועניג אין געשעפט.

איך געהער דוקא ניט צו יענעם זאָרט מענשען, וואָס זאָל הינגעריסען ווערען פון גאָלדווארג. אויסער דעם וואָס איך קען קיינמאָל ניט אונטערשיידען פון אמת'ן ביז פאַלשען גאָלד און ווייס אפילו ניט וואו צו זוכען די „פּראָבע", בעציה איך זיך בכלל צו מענשען וואָס טראָגען גאָלדענע רינגען און קייטען, ווי צו געצענדיענער...

אָבער ניט צו פערשטעהן אליין די סיבה, האָט מיך דאָך דאָס מאָל געצויגען אריינצוגעהן אין דעם דאָזיגען מאַגאַזין. געהיימניספול און מיסטיש!

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַ קליין־זייגערל, אויב ניט טייער, וואָלט איך טאַקע געדאַרפט האָבען. און אויב אַזוי פאַר וואָס זאָל איך טאַקע אָט איצט ניט אויסניצען די געלעגענ־הייט.

איך בין אַריין.

אין געוועלב איז געשטאַנען אַ קליין אינגעל פון אַ יאָהר פערציעהן־פופצעהן. דערזעהענדיג מיך האָט ער אָנגעריהרט אַ קליין־גאָלדען־גלעקעל, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן לאַנגען גלע־זערנעם שאַפע, וואו עס איז הינטער'ן גלאָז געווען אויסגעלעגט, און אויסגעשטעלט ווערשידענע גאָלדענע חפצים.

פון אַ זייטיגע טיר האָט זיך באַלד בעוויזען אַ יונגערמאַן זויבער און עלעגאַנט געקליידעט. דאָס פּנים גלאַט געראַזירט, די האָאָר אין דער גרעסטער אָרדענונג פערקאַמט. אויפ'ן קראַוואַט האָט געפינקעלט אַ גאָלדענע שפּילקע מיט אַ דימענטעל אין דער מיט.

איך האָב איהם אָנגעקוקט, ער מיך און מיר זיינען געוואָ־רען ווי פערגליווערט.

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי מיין אַמאָליגער פריינד מיטעלמאַן, וועלכען איך האָב שוין זייט צעהן יאָהר ניט געזעהען.

— מיטעלמאַן! — האָב איך אויסגערופען — איהר אין אַ גאָלד־געשעפט! ווי אַזוי?...

ער האָט געשמייכעלט, אָבגעפוצט מיט אַ קליין בערשטע־לע אַ בראָסלעט, וואָס איז געלעגען אויף דער גלעזערנער שאַפע און געענטפערט.

— צוליעב אַן אומגליקליכער ליעבע...

און ער האָט זיך צולאַכט.

דאָס לעהרען אינגעל אין געשעפט האָט זיך אָבגעטראָגען אין צווייטען צימערל. איך בין געבליבען מיט מיין געוועזענעם פריינד אויג אויף אויג.

— מיטעלמאן — האָב איך אָנגעהויבען — איך בין זעהר נייגעריג, דערצעהלט אָדער דערצעהל...

— „דערצעהלט"... — האָט מיטעלמאן ווי בעפוילען און זיין געזיכט האָט אָנגענומען א טרוקענעם אויסדרוק — איך בין איצט מיט קיינעם ניט אויף דו... אוועק די יאָהרען!

איך האָב זיך אומגעקוקט און האָב זיך דערפיהלט עפּעס ווי אונהיימליך אין דעם דאָזיגען גאָלדענעם ווינקעל.

מיין געוועזענער פריינד האָט עס בעמערקט, האָט ווידער זיך צולאכט און זיך אָנגערופען:

— דאָך זייט ניט אזוי צושראָקען — קיין גזלן בין איך ניט געוואָרען. איך בין גאנץ צופריעדען וואָס איהר זייט אריין.

— „צוליעב אן אונגליקליכער ליעבע" זאָגט איהר — האָב איך ווידער איהם געוואָלט ארויפברענגען אויף דעם געשפּרעך. דערצעהלט מיר... עס איז אזוי אינטערעסאנט.

— מיטעלמאן האָט איבערגעווישט א רינג און דערצעהלט: „איהר געדענקט דאָך מיך פון א מאָל... אַ שטילער, צוריקגעהאלטענער, אָהן בעזונדערע טאַלאנטען... געוואָלט האָב איך אַלץ און געקענט האָב איך גאָרנישט, אויסער אויסארבייטען די עטליכע דאָלער א וואָך ביי פערשידענע ארבייט, אמאָל לייכטער און אמאָל שווערער. געצויגען האָט מיך אָבער שטענדיג זיך אויסצוצייכענען. מיינט איהר צוליעב וואָס — צוליעב כבוד? האָט איהר א טעות. אויסען בין איך געווען בלויז די פרויען... איך האָב געהאט א גוואלדיגע נייגונג צו פרויען... איהר שמייכעלט: מיר אלע האָבען דיזעלבע נייגונג. געוויס! איך אָבער בין געווען דערויף ווי קראנק. עס איז מעגליך, אז עס איז דערפאר, וואָס איך האָב ביי זיין קיין ערפאָלג ניט געהאט. זיכער דערפאר!... אָבער ניט פון די אורזאכען וויל איך אייך דערצעהלען, נאָר פון פאקטען: פרויען האָבען מיך איגנאָרירט. געדענקט איהר אונזער אַלטען קרייז: עס זיינען געווען פערשידענע בחורים: איינער האָט געשפּיעלט פידעל און געגעבען קאָנצערטען,

א צווייטער האָט ליעדער געשריבען, א דריטער האָט געזונגען, א פערטער האָט געמאָלען... און יעדער פון זיי האָט געהאַט פערעהרערינס, יעדער האָט געליעבט און איז געליעבט געוואָרען. אַך, ווי מקנא איך בין זיי געווען. איך האָב געפיהלט, אז איך ווער פערברענט. איך האָב גענומען אויסזוכען אין זיך עפּעס א טאַלאַנט. א בעקאַנטער טאַנץ־לעהרער האָט אין מיר ענטדעקט דינע, לאַנגע פיס. „איהר וואָלט געקענט טאַנצען", האָט ער מיך געטרייסט. איך האָב אַנגעהויבען נעהמען לעקציעס. א נעכטיגער טאָג. די מיידלעך אין טאַנץ־האָל האָבען מיך אויסגעלאַכט. איך האָב אַנגעשריבען דעמאָלט מיינעם א פריינד א בריעף און אויסגעגאָסען מיין גאַנצע הארץ... מיין פריינד איז געווען א דיכטער. איז ער געקומען צו מיר און האָט מיר געזאָגט, אז לויט מיין בריעף דאַכט זיך איהם, אז איך האָב א טאַלאַנט צום „שרייבען". „שרייב", האָט ער מיר געראַטען. איך האָב זיך פערשפּאַרט אויף א וואָך צייט אין מיין צימעריל און געשריבען... איך האָב עס אוועקגעשיקט אין א צייטונג... געוואַרט א וואָך... צוויי... דריי... אויף דער פערטער וואָך בעקום איך אן ענטפער אין בריעף־קאַסטען.. דער רעדאַקטאָר זידעלט מיך... און אידיאָט א רעדאַקטאָר: וואָס זידעלסטו? אז א מענש זיצט פערשפּאַרט אין א צימער א וואָך צייט און פּרופט מזל, וויל זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג, וויל אַרויפקלעטערען כאָטש אויף איין טרעפּעל פון לעבען — קומסטו מיט דיין שטעכעדיגער, פערזשאַווערטער פּען און ווילסט נאָך איהם נידריגער און טיעפער אַראָבטונקען...

„איז הייסט עס ניט טאַנצען און ניט שרייבען... צו וואָסזשע טויג איך.

„און דאָ האָב איך זיי אַלע אַזוי ליעב... בערטע, בעלאַ און בעסי. אבער שעהנער און רייצענדער פון אַלע איז ליזע. און דוקא די ליזע האָט קיינעם ניט... זי איז צו שעהן, צו קלוג און צו רייצענד. זי וויל אַזוי פיעל, אז זי בלייבט ביי גאָרנישט, ביי

קיינעם. זי איז שטאלץ, לאזט קיינעם ניט צו צו איהר. מיט מיר איז זי דוקא געווען פריינדליך. איך פלעג זי אמאל אפילו בעגלייטען צו איהר אהיים. אבער ווי איך האב געוואלט מאכען א „שריט" נעהענטער איז זי פון מיר אזוי ווייט. און איינמאל האט זי דייטליך געזאגט: „איהר אויך"?...

„אך, מיין גאט! וויפיעל פעראכטונג עס איז געלעגען אין דעם דאזיגען „איהר אויך"?

„איך בין אוועק פון זיי אלעמען... איך האב זיך געכאפט, אז אום זיי צו קריגען מוז מען עפעס זיין.

„איך האב זיך פערטראכט: וואס קען איך זיין, אום מען זאל פון מיר ריידען, אום איך זאל דערוועקען אינטערעס...

„און דאן האב איך זיך דערמאנט, ווי איך בין אכאל מיט ליזע'ן פערבייגעגאנגען א גאלד־געשעפט. זי האט מיר געגעבען א וואונק, איך זאל זיך אבשטעלען. זי איז צוגעגאנגען צום שויפענסטער און האט זיך איינגעזאפט אין גלאז פון וואנען עס האבען ארויסגעקוקט פערשידענע פינקלענדיגע גאלד־זאכען.

„אוועקגעהענדיג פון שויפענסטער האט זי מיר גארנישט געזאגט. איך האב אבער דערפיהלט, אז גאלד קען זיי אונטערטע־ניג מאכען...

„האב איך שווער און ביטער גענומען ארבייטען. געארבייט ווי אין פיעבער. געשפארט, געזאמעלט א פעני צו א פעני ביז איך האב צונויפגעזאמעלט א פאר טויזענד דאלער און איהר זעהט מיין געשעפט"...

נאך איידער ער האט געענדיגט די פראגע האט זיך גע־עפענט די טיר און עס איז אריין א יונג, שעהן מיידעל.

אריין איז זי מיט א ליעבען שמייכעל און ניט אראבגענור־מען די אויגען פון מיטעלמאנען. מיך האט זי אפילו ניט בע־מערקט.

נאך א קורצען איבעררעדען זיך מיט איהר האט ער איהר א וואונק געטהאן און זי איז א גליקליכע ארויס.

„איהר האָט זי געזעהן?“ האָט ער זיך צו מיר נאָך איהר ארויסגאַנג געווענדעט.

„אך, א הערליך מיידעל!“

„זי שטארבט נאָך מיר...“, האָט ער זיעגעריש געשמייכעלט.

„איהר מוזט איהר אמאָל שענקען א רינגעלע, צי וואָס?“ האָב איך געפּרובט טרעפען.

„גאָט זאָל אויסה טען!“, האָט ער זיך אָנגעהאָפּט. „אז זי דארף עפּעס קויפט זי און צאָהלט טאַקע דעם אמת'ן פּרייז. דאָס האָט אבער ניט דערצו... ליעב האָט זי מיך אליין... און נאָר זי דען? אלע! עס קומט אמאָל א פּאַר'ל, ערשט נאָך זייער פערלאָבונג... ער קלייבט פאר איהר א מתנה: א בראַסלעט, א מעדאַליאָן, א קייטעל. אין דערזועלבער צייט קוקט זי אויף מיר און איך זעה, ווי זי עסט מיך מיט די אויגען. אזוי אינטערעסאַנט בין איך פאר זיי געוואָרען...

„אמאָל פּאַסירט, אז דיזעלבע מיידעל קומט אין א וואָך ארום צו מיר, שוין אליין. פרעג איך זי, וואו איז דער חתן? לאַכט זי און ענטפערט, אז ער געפעלט איהר שוין ניט... „ווער דען געפעלט ד ר“? שווייגט זי און רויטעלט זיך, און ענטפערט שוואַך: „איהר“.

„דאָס הייסט: איך, מיטעלמאַן האָב געפאַנגען איהר הארץ.

„אבער ווער האָט צו זיי אלעמען געדולד! צו פיעל זיינען זיי דאָ און דאָס געשעפט איז מיר איצט טייערער“.

„נו, און ליזע?“... האָב איך שוואַך געפרעגט, ניט וועלענדיג אָנריהרען אן אלטע וואונד ביי אן אלטען פריינד.

ער האָט א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

„ליזע קומט צו מיר זעהר אָפּט.. זי איז שוין ניט די וואָס אמאָל... פערוועלקט... אך, ווי זיי וועלקען!“ האָט מיטעלמאַן, ווי מיט נקמה אויסגערופען.

אבער באַלד האָט ער זיך פערכאַפּט:

„דאָך האָב איך מאַנכמאָל אויף איהר רחמנות. זי קומט

אזוי אפט און קוקט אויף מיר אזוי פערליעבט און יעדעס מאל בעוואונדערט זי: „אה, וואס פאר א שעהנער מאגאזין!"...

„און זי געהט ארום א טרויעריגע מיט וואקלענדע פיס... דרויסען בלייבט זי נאך שטעהן לאנג ביים שוי־פענסטער און איהר געזיכט בעקומט דעם זעלבען גלאנץ ווי די אויסגעשטעלטע גאלד־חפצים...

„דאן ווארף איך מיינע בליקען איבער'ן געוועלב, און וואו מיין בליק פאלט פינקעלט עס מיט גאלד, לויטער גאלד... און זי קוקט אריין אין שוי־פענסטער — דורך א גלאז...

און אט אזוי האב איך איבער זיי געזיעגט.

„און ווי געהט עס אייך אין ליעבע?" האט ער נאך א קליינע פאוזע מיך געפרעגט.

„איך האב א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

„א, מיר וואלט אויך ניט געשאדט צו עפענען א געשעפט פון גאלד"...

און מיט'ן זעלביגען שמייכעל האב איך פערלאזען מיין געוועזענעם פריינד און האב א לאנגע צייט געטראכט פון ליעבע, פרויען און גאלד...

דעם ברודער'ס קוילען.

קיינמאָל איז נאָך דייוווידסאָנען ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג צו בעקומען ארבייט אין אמעריקא ווי דאָס מאָל. אריין אין דעם אָפיס פון דער גרויסער אמוניציאָנס פעקטאָרי, האָט מען איהם שטרענג, אבער אָהן זייטיגע בעמערקונגען און פראגען אנגענומען. איהם איז אפּילו געווען פערשפּאָרט צו דערצעהלען זיין יחוס, אז ער איז א שלאָסער פון פראָפעסיע. די הויפּט שאלה איז נאָר געווען פון וועלכען לאנד איז ער א געבוירע־נער. דאן האָט ער געענטפערט, אז ער איז שוין אן אמעריקאַ־נער „סיטיזען" און געציינט די פּאַפּירען... עס האָט קענטיג אביסעל געשטערט, וואָס ער שטאַמט פון א שטעדטעל אין גאַ־ליציען, דאָס האָט ער בעמערקט אן דער נאָז פון דעם מענע־דזשער, וועלכער האָט די פּאַפּירען דורכגעקוקט. אבער אויף דערויף האָט מען קיין בעמערקונג ניט געמאכט. דערפאר האָט מען זיך וועגען פּרייז ניט געדונגען. דער פּרייז איז געווען גאָר א גוטער. ארבייטענדיג אין די בעסטע יוניאָן שעפּער האָט ער נאָך קיינמאָל אַזעלכע „וויידזשעס" ניט בעקומען און איז טיעף אין הארצען דאנקבאר געווען, ניט וויסענדיג אליין וועמען, וואָס ענדליך וועט ער מאַכען א שעהנערען לעבען. ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעמוטשעט, דאָ ארבייטענדיג פאר קליינע וויי־דזשעס און דאָ ארומדרעהענדיג זיך גאָר אָהן ארבייט.

די שטאָדט, וואו די ארבייט איז אָנגעגאַנגען איז געווען ניט בעזונדערס גרויס. אבער זי איז געוואקסען פון וואָך צו וואָך. א דאנק די אמוניציאָנס פעקטאָריס, וואָס האָבען אויסגע־ארבייט אַלע טאָג טויזענדער געציינג פאר'ן טויט איז די שטאָדט

אלץ לעבעדיגער געווארען. דייווידסאָן פלעגט אין דער בריוו
פאַהרענדיג צו דער פעקטאָרי און פאר נאכט צוריק פאַהרענד ג
פון דער ארבייט, קוים קריגען א פּלאַץ אין קאר.

דער דאָזיגער מענשען־געדראַנג אין די קארס האָט איהם
דערמאָנט דאס גרו סע ניו יאָרק און עס האָט איהם אָנגענומען,
ווי א שטאָלץ!...

און אָפט האָט ער געטראכט, אז אויב די מלחמה וועט לאַנג
אָנהאלטען, וועט די דאָזיגע קליינע שטאָדט אריבער אָגען ניו־
יאָרק. אזוי האָט ער אויך געהערט רעדען צווישען די ארביי־
טער.

און צוזאמען מיט דער שטאָדט איז געוואקסען די פּעק־
טאָרי. ארבייטער זיינען געשטאַנען און צוגעבויט אַלץ נייע גע־
ביידען אזוי, אז אין פערלויף פון עטליכע מאָנאטען איז דער
גאנצער שטיק פעלד, וואָס האָט ז ך פריהער געפונען א לעדי־
גער, פערבויט געוואָרען מיט א קייט פעקטאָרים.

אויבען אין דער הויך, אונטער'ן דאך פון די פעקטאָרים
איז ברייט און לאַנג געהאנגען א שילד מיט פּשוט'ע שווארצע
ווערטער, וואָס האָבען אויסגערעכענט די אַלערליי מינים גע־
וועהר, וואָס די דאָזיגע פעקטאָרים האָבען פון ז ך ארויסגעגעבען.
דייווידסאָן האָט דאָס געשריבענע אויפ'ן שילד ערשט דורכגע־
לייענט אין א צייט ארום, ווייל די ערשטע צייט פלעגט ער זעהן
קיין שום בעאָבאכטונגען, גלייך אריינגעהן אין פעקטאָרי. און
וואָס געהען איהם אָן די אלע נעמען? ער אליין ארבייט ביי די
קוילען פאר די ביקסען. די קוילען זיינען אלע ווי איינע. איין
מאָס! אבער פיעל האָט ער ניט געטראכט וועגען זיי. מאַנכעס
מאָל האָט ער גאָר פערגעסען, אז די דאָזיגע קוילען דיענען פאַר
דעם צו לעבערען מענשליכע קעפּ און הערצער, און אוועקלעגען
א לעבעדיגען יונגען־מאַן אויף טויט. שפּעטער האָבען ביי איהם
די קוילען בעקומען דעם אויסזעהען פון שפּיעלצייג פאר קליינע
קינדער...

ערשט אין א צייט ארום, אז ער האָט בעקומען א בריעף פון דער היים, וואו מען איז איהם מודיע, אז זיין אינגערער ברודער איז אוועק אין קריעג, האָבען ביי איהם די קוילען בעקומען אן אויסזעהען ווי לאַכענדיגע העזענס און אייגמאָל, אז ער האָט א קויל גענומען אין האנד איז עס ווי מיט א געלעבטער פון האנד ארויסגעשפּרונגען און זיך צורעדט:

— וואס זאָגסטו עפּעס אָן, דייווידסאָן, צו דיין ברודער?

דייווידסאָן האָט א ציטער געטהאָן. ער האָט גענומען צוריק די קויל, האָט עס בעטראכט און זיך פעסט איבערצייגט, אז אָט די קויל וועט זיכער טרעפען דעם ברודער.

האָט ער גענומען די קויל און אומקוקענדיג זיך, צי קיינער זעהט נים, בעהאַלטען זי אין טאַש.

און ער האָט דערפיהלט, אז ער האָט געראַטעוועט זיין ברודער פון א זיכערען טויט.

אבער נאָכדעם האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען מאָדנע מינים קוילען. איין קויל האָט ער חושד געווען, אז זי וועט אריינדרינגען דעם ברודער אין אוג. ער האָט עס דערקענט נאָך איהר מאָדנעם בעהאַלטענעם שמייכעל. נו, געוויס וועט דייווידסאָן נים דערלאָזען אזא זאך...

מיט שרעק האָט ער זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און די דאָזיגע קויל ווידער אריינגעלעגט אין טאַש.

איצט איז ער שוין גאָר רוהיג: ווידער געראַטעוועט דעם ברודער.

ער האָט פרייער אָבגעאָטעמט און זיך גענומען פעסטער צו דער ארבייט.

פאַר'ן אוועקגעהן האָט זיך ווידער געוויזען א קויל וואס האָט אויסגעזעהען פּונקט צוגעפּאסט פאַר'ן ברודער'ס רעכטע האנד...

ער איז זיכער, אז די קויל וועט גלייך אריין אין אָרעם. אָט דאָ־אָ.

נאַטירליך וועט ער עס ניט דערלאָזען. און דייווידסאָן האָט אויך די קויל בעהאַלטען טיעף אין טאַש.

פון דער ארבייט איז ער שוין ניט געפאָהרען גלייך אויף זיין וואוינונג, ווי ער האָט געטהאָן אַלע טאָג. ער האָט אין מיטען וועג, אראָבגעשטיגען ביי א שענק, בגנבה אריין אינוועניג, און געבעטען א גלעזעל בראַנדי.

אויסטרינקענדיג דאָס גלעזעל בראַנדי האָט ער זיך דערפיהלט מוטיגער, האָט אריינגעלעגט די האנד אין טאַש און זיך געשפּיעלט דאָרטען מיט די דריי קוילען...

אויף מאָרגען אבער האָבען זיך ביי דער ארבייט ווידער גענומען ווייזען פערדעכטיגע קוילען... איינע האָט מיט אזאַ מין בעהאַלטענער דראָהונג געקוקט אויף דייווידסאָנען, אז ער האָט זי גלייך צוגעכאַפּט און אריינגעלעגט טיעף אין טאַש.

דערפיהלט זיך א ווייל' גרינגער, האָט אבער גלייך א צווייטע און נאָכדעם א דריטע און א פערטע דאָס זעלבע אויסזעהען בעקומען.

א מאָדנע זאַך. ער הויבט אָן דערקענען יעדע קויל, וואָס דאַרף אריינפאַלען אין זיין ברודערס קערפּער...

און ער האָט די אַלע קוילען ארויסגעכאַפּט און נאָך יעדעס מאָל געטהאָן א שמייכעל.

שפּעטער אבער האָט ער שוין ניט געקענט אויף זיכער אונטערשידען וועלכע קויל וועט יאָ טרעפען דעם ברודער און וועלכע ניט — און ער האָט גענומען אויסכאַפּען צו צוויי צו דריי מיט אמאָל.

דאַן האָט ער נאָך דער ארבייט געטרונקען דאָפּעלע גלעזער בראַנדי.

און נאָך שפּעטער האָט ער בעמערקט, אז אַט דער גאַנצער אויבערשטער פאַק קוילען איז זעהר א פערדעכטיגער. עפּעס קוקען די אַלע אויבערשטע קוילען, ווי זיי וואָלטען זיכער געוועזען, אז נאָר זיי וועלען טרעפען אין דעם ברודער.

און דייווידסאָן האָט געשיקט אראָבגעכאַפּט דעם גאַנצען אויבערשטען פּאַך.

זיין טאַש איז מיט אַמאָל פול געוואָרען.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און דערזעהענ־דיג דעם פאַרמאַן פון דער אבטיילונג האָט ער גלייך אראָבגע־לאָזט דעם קאָפּ און זיך גענומען ווידער צו די קוילען.

איצט וועט ער שוין מעהר ניט נעהמען. די איבעריגע קוילען געהען איהם שוין ניט אָן... דעם ברודער׳ס קוילען האָט ער אַלע צוגענומען.

נאָר וואָס איז דער מעהר מיט דעם צווייטען פּאַך?... עפּעס קוקען זיי איהם אָן מיט אַ מאָדנעם אויסדריק.

אָט בלויז דעם פּאַך קוילען וועט ער נאָך אראָבכאַפּען און זיין ברודער וועט ניצול ווערען פון טויט.

אָבער דאָן איז שוין שפּעט געווען.

דער פאַרמאַן איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט איהם גע־טאַפּט די טאַשען און ארויסנעהמענדיג פון דאָרט אַ הויפען קוי־לען האָט ער איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט:

— צו וואָס נעהמט איהר עס די קוילען?

און באַלד איז דער פאַרמאַן נאָך שטרענגער געוואָרען:

— צו וואָס ג נ ב ה ׳ ט איהר די קוילען?...

איז שוין דייווידסאָן בייז געוואָרען און זיך אָנגערופען:

— איך בעט אייך, זייט העפליכער... איך גנב׳ע ניט...

— וואָס דען טהוט איהר עס?

— הם... — איז דייווידסאָן צומישט געוואָרען — עס זיינען דאָ געוויסע קוילען, וואָס טויגען ניט...

— אַלע טויגען! — האָט דער פאַרמאַן אויסגעשריען.

און בעטראַכטענדיג די קוילען אין האַנד האָט ער צוגע־געבען:

— וואָס הייסט זיי טויגען ניט?... וואָס זייט איהר אַן אינספּעקטאָר?...

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די ראָזיגע קוילען וועלען...
— אך, לאָזט צורוה... — איז דער פאַרמאַן בייז געוואָרען און האָט אריינגעשאָטען צוריק די קוילען אין קאַסטען.
דאַן האָט דייווידסאָן זיך אין גאַנצען פערלאָרען. האָט אָנגעקוקט דעם גרויסען קאַסטען, וואו עס זיינען געלעגען אויבען דעם ברודער'ס קוילען און האָט שוין זיי צוריק ניט געקענט בעקומען...
איצט אַ ז זיין ברודער פערלאָרען!
פאַהרענדיג פון דער ארבייט איז ער ווידער אראָפגעשטיגען ביי'ן זעלבען שענק. ער האָט געמוזט אויסטר נקען דריי גלעזלעך בראַנדי. אנדערש האָט ער זיך ניט געקענט בערוהיגען.
אָבער די דריי גלעזלעך האָבען ניט געהאָלפען. דער געדאַנק, אַז ער האָט אין פעקטאָרי איבערגעלאָזט אין קאַסטען דעם ברודער'ס אַלע קוילען האָט איהם ניט געגעבען קיין רוה.
ער איז שנעל ארויסגעלאָפען פון שענק און האָט זיך געלאָזען צום פעקטאָרי...
דאָרטען אָבער האָבען איהם די דעטעקטיווס פערשטעלט דעם וועג און איינער האָט שטרענג געפרעגט:
— וואוהין?
דאַן האָט דייווידסאָן מיט בלוט פערגאָסענע אויגען אויסגעשריען:
— איך האָב דאָ געלאָזען מיין ברודער'ס קוילען... לאָזט מיך אריין!... איך מוז ראַטעווען מיין ברודער...
אַ דעטעקטיוו האָט אַ פייף געטהאָן. עס איז אונטערגעלאָפען אַ פאָליסמאַן.
— נעהמט איהם אין פאָלים סטיישאָן אָדער אין דול־הויז, ווי איהר פערשטעהט...
דער פאָליסמאַן האָט דייווידסאָנען גענומען אונטער'ן האַנד און איהם אוועקגעפיהרט.
אויפ'ן וועג האָט ער איהם געפרעגט:

— האסט געוואַלט די פעקטאָרי אויפרייסען ?...

— אָ, ניין ! — האָט זיך דייוווידסאָן ערוואַכט— אויפ־רייסען די פעקטאָרי, נ ט. איך האָב נאָר געוואַלט מיין ברודער'ס קוילען ארויסבעקומען. איך האָב זיי אליין געמאַכט... איהר פערשטעהט ? אליין געמאַכט... פאַר'ן ברודער...

און דייוווידסאָן האָט זיך צולאַכט מיט יענעם געלעכטער, מיט וועלכען עס לאַכען אלע די יעניגע, וועמעס הערצער עס פרעסט א שווערע חרטה...

דער פאָליסמאַן האָט זיך פערטראַכט :

— וואוהין פיהרט מען איהם ? אין „סטיישאָן“ צי אין דול־הויז ?

א שווערע פּראָבלעמע...

די פערטיידיגונג.

דאָס האָט פּאַסירט מיט א יאָהר צעהן צוריק. א צוויי וואָכען פאר פסח. געוואוינט האָב איך דאמאָלט אין א שטאָדט, וואָס האָט געהאט א אידישע און קריסטליכע בעפעלקערונג.

עס איז געווען א מילדער פריהלינגס־טאָג. די זון, כאָטש נאָך א קיהלע און נאָך ניט קיין זיכערע, האָט דאָך שוין גענוג כח געהאט צו צושמעלצען די שטיקער אייז פון די דעכער און פענסטער און טראָפּענס, לאנגזאמע, רוהיגע, ווי צופרידען פון דער זונס בעריהרונג האָבען זיך אראָבגעלאָזט מיט א הימליכען קלאנג אויף דער ערד.

אין אזא טאָג שמעלצט זיך אויך דאָס אייז אין דעם מענשענס הארץ. אין אזא טאָג פערליערסטו אלע קליינליכע פערלאנגען און אָרימע בעגעהרען. איין גרויסער פערלאנג, איין וויי־כער בעגעהר פּילט דיך איינגאנצען אָן. דאָס איז דער בעגעהר צונויפגיסען זיך מיט דער גאנצער וועלט, מיט אלע איהרע לעבעדיגע ברואים.

א ן אזא טאָג ביזטו לויטער ליעבע און גוטסקייט!

און מיט דער דאָזיגער געהויבענער שטימונג בין איך גע־גאנגען אָהן ציעל, פון גאס צו גאס, פון פּלאץ צו פּלאץ.
נאס צו גאס, פון פּלאץ צו פּלאץ.

מענשען האָבען געהאנדעלט און געוואנדעלט. נאָר מיר איז דאָס מאָל זייער גאנצער האנדעל און וואנדעל געפעלען גע־וואָרען. די זון שפּיעלט אויפ׳ן הימעל און זיי שפּיעלען זיך אויף דער ערד. און פּאָר וואָס ניט? זאָלען זיך די קינדער שפּיעלען. אייגענטליך זיינען דאָך אלע קינדער און אפילו אָט

רער איד מיט דער לאנגער שווארצער באָרד. וואָס יאָגט מיט דעם קויש אין דער האנד זיין דאָך א קינד — א קינד מיט א באָרד, א וואונדערליך קינד! און אָט דער פּוילישער שליאכטשיץ מיט די גרויע וואָנצען און מיט די גרויע אויגען, וואָס קוקט בלומרשט שטרענג אויף אלץ, וואָס ער זעהט פאר זיך איז דאָך בלויז א קינד — א קינד מיט וואָנצען, א וואונדערליך קינד. מען קען באמת לאכען פון אָט די דאָזיגע מאָדנע קינדער!

און אָט אזוי בין איך געגאנגען און געגאנגען און ניט גע־וואוסט וואוהין און צו וואָס. דרויסען האָט געשטראהלט די זון און אינוועניג האָט ביי מיר געשטראהלט די ליעבע. „דו ביזט דאָך א וואוילער מענש!" האָב איך שיעור מיר אליין ניט גע־זאָגט. איך האָב מיך קוים איינגעהאלטען. עס איז געגוג, אז מען טראכט אזא נארישקייט, צי וואָס דאָס נאָך הויך צו זאָגען.

ביז איך בין אזוי פערגאנגען אין א ווייטער גאס. דאכט זיך א גוי'שע גאס. אבער ווער טראכט אין אזא שעהנעם פריה־לינגס־טאָג פון גוי'אישע און אידישע גאסען. אין אלע גאסען וואוינען דאָך מענשען. און גלייך האָב איך זיך אומגעקוקט און בעמערקט ביי א קליין שטיבעל, ביי'ן טירעל פון טויער, שטעהט אן אָרים קריסטליך אינגעלע פון א יאָהר דריי־פיער. ער איז געווען אָנגעטהאָן בלויז אין קורצע הייזקעלעך, פון דעם ברודיג צורי־סענעם העמדעל האָט ארויסגעקוקט א צוקראצט, דאר ברוסטעל, און איין פלאָין האָבען זיך צוויי בלוטיגע פאסעלעך איבערגע־קרייצט און ס'האָט אויסגעזעהן, ווי א בלוטיגער צלם'על... זיין בלייך פּנים'על איז געווען פערשמירט, ס'איז געווען קענטיג, אז ער האָט ניט לאנג צוריק געוויינט.

ווי געזאָגט, עס איז געווען צוויי וואָכען פאר פּסח. אבער דעמאָלט האָב איך אינגאנצען פערגעסען, אז איך בין א איד און פּסח עסען מיר מצה. ווער רעדט, אז מיר ברויכען כלומרשט בלוט אויף מצות, דערפון האָב איך אינגאנצען פערגעסען. מאָלע וואָס שלעכטע מענשען האָבען אמאָל געזאָגט. איצטער איז דאָך

פריהלינג. אזוינע נאַרישקייטען קענען נאָר לייט אויסטראַכטען אין פינסטערען, קאַלטען ווינטער. אין פריהלינג — ווער וועט עס גלויבען און ווער געדענקט גאָר די דאָזיגע נאַרישע מעשיות?

און עס האָט מיך צום דאָז גען אינגעלע א ציה געטהאָן. ווי אָרים ער איז — האָב איך זיך געטראַכט, אין מיין הארצען האָט זיך וואָס געריהרט. איך בין מיך מודה, איך בין דעמאָלט געוואָרען סענטימענטאַל.

איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און פריינדליך איהם א גלעט געטהאָן איבער'ן קעפעל.

— ווי רופט מען דיך, אינגעלע?

ער האָט געשוויגען.

—א דערשלאָגענער! — האָב איך איהם פערענטפערט און זיך גענומען איהם אויפמונטערען.

— צוקערלעך ווילסטו?

ער איז געשטאַנען און האָט תם'עוואַטע מיך אָנגעקוקט.

ער האָט אריינגעלעגט זיין שמוציגען גראָבען פ נגערל אין מיילכעל און האָט געשוויגען.

זיין שווייגען האָט מיך נאָך מעהר צונומען. זיין פערשמירט פנים'על און די שטומע בליקען זיינע האָבען מיך געפּאַקט. איך האָב ארויסגענומען א מטבעה און האָב זי איהם אריינגעלעגט אין זיין הענטעל.

— נאַ, וועסט קויפען צוקערלעך... יאַ?

— יאַ... האָט ער שוין געשאַקעלט מיט'ן קאָפּ און זיך גע־נומען בעטראַכטען פריהער מיך, דערנאָך די מטבעה און ס'האָט אויסגעוויזען, אז פוןביידען איז ער געווען צופריעדען.

און א גלעט טהוענדיג איהם א צווייטען מאָל, האָב איך זיך געלאָזט געהן, א דערוואַרימטער, א צופריעדענער און א גליקליכער.

נאָר באַלד האָב איך דערהערט הינטער זיך טריט.
געהט מיר נאָך דאָס אינגעלע?

אבער די שטימע וואָס קומט צוזאַמען מיט די טריט איז אַזאַ בייזע און אַזאַ גרילעצנדיגע.

— וואָס ווילט איהר פון דעם קינד?

איך האָב מיך דערשראָקען אומגעקוקט און דערזעהן נעבען זיך אַ הויכע מאָגערע גויע מ ט גרויע אויגען.

איך האָב זי בערוהיגט:

— אַך, וואָס רעדט איהר... גאָר נישט...אַ שעהנער טאָג, דאָס קינד איז מיר געפעלען געוואָרען, האָב איך איהם געגעבען צו שפּיעלען זיך אַ מטבעה. אין געגענטהייל...

די פרוי וועלכע א ז דעם קינד'ס מוטער געווען, האָט מיך מיט האַס אָנגעקוקט — ארויסגעריסען די מטבעה פון אינגעלם הענטעל און אַ וואָרף טהוענדיג עס מיר אין פּנים אריין, האָט זי זיך הייזעריג צושריען:

— מיר ווייסען, מיר ווייסען אייער גוטסקייט. געהט אייך און לאָזט אונזערע קינדער צורוה...

און אַ כאַפּ טהוענדיג דאָס ק נד פאַר'ן האַנט פון וואָס עס האָט זיך פאַר וועהטאָג צושריען, האָט זי איהם פון מיר אַבגעראַטעוועט...

זי איז מיט איהם אנטלאָפען אין פינסטערן שטיבעל, וואָס האָט זיך טיעף אין הויף געפונען.

איך האָב מיך דערמאָנט אַן פּסח, אַן דער נארישער לע־גענדע און האָב זיך געלאָזט געהן צוריק...

פון הויף האָבען זיך געטראָגען קולות פון קינד, איך האָב געפיהלט ווי דאָס אָרימע קינד בלוטיגט אונטער איהרע הענט.

דאָס האָט זי איהם פערטיידיגט פון שלעכטע מענשען...

געהענדיג אויף מאָרגען צור ק אין דער זעלבער גאַס, האָב איך שוין דאָס קינד ניט געטראָפען. זי האָט איהם שוין גע־ ־אַלטען פערשפּאַרט אינ'ם פינסטערען שטיבעל...

דער אפּטייקער.

ווען דער אלטער בינוש איז נאָך אין זיין שטעדטעל געווען און ער האָט בעקומען א בריעף פון זיין זוהן, אז ער האָט שוין געענדיגט זיין שטודירען און איז געווארען אַן אפּטייקער, האָט איהם אָנגענומען א געפיהל פון שטאָלץ.

ער האָט דעם בריעף געבראכט אין בית־מדרש און פאָרגעלייענט פאר'ן שמש, וועלכער האָט אויך געהאט א זוהן אין אמעריקא; אבער יענער איז צו דער מדרגה פון אן אפּטייקער נישט דערגאנגען, ער איז א פּשוט'ער בעל־מלאכה. דער שמש האָט געזיפצט און געזאָגט:

— יאָ, וועמען גאָט העלפט! מיינער מוז נעבעך ארבייטען שווער און ביטער.

דער אלטער בינוש האָט זיך דערפיהלט נאָך שטאָלצער, ער האָט דעם בריעף אריינגעלעגט אין קעשענע און געהענדיג צוריק פון דאווענען, האָט ער ביי דעם שטאָדטישען אפּטייק זיך אבגעשטעלט, אריינגעקוקט אינווענינג דורך די גרויסע פענסטער און דערזעהן דעם אפּטייקער שטעהען ביים בופעט, איבערגיסענדיג פון איין פלעשעל אין א קלענערע, און פאָרענט שטעהען מענשען און ווארטען מיא מורא.

ער האָט זיך שטארק פעראינטערעסירט, הייסט עס, אז זיין זוהן שטעהט אויך איצט אזוי דאָרטען און טריעפט פון איין פלאש אין דער צווייטער, אָדער וועגט עפּעס אויף אונצעס און דראכמעס — א קלייניגקייט זייער וואָג — עס איז דאָך אלץ אויף א האָר!

ער האָט דערפיהלט א נויטווענדינקייט אריינצוגעהן אינ־

גוענינג. כאָטש ער האָט קיין זאַך נישט בעדאַרפט, ער האָט בלויז געוואָלט זעהן, ווי אַזוי זעהט אויס זיין זוהנס אַפּטייק דאָרטען.. ער איז אריין און האָט זיך אָוועקגעשטעלט.

דער אַפּטייקער איז געווען פערנומען מיט פערפערטיגען א רעצעפּט און ער האָט ביינוש'ען נישט בעמערקט. ביינוש איז געשטאַנען אַהן א היטעל און האָט מיט עהרפורכט געקוקט אויבען אויף דער וואַנד, וואו עס איז געהאַנגען דאָס בילד פון קייסער... ער האָט זיך מישער געווען, אז אויך דאָרטען, אין זיין זוהנס אַפּטייק, הייננט דאָס בילד פון פּרעזידענט און כאָטש דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז א גוטער, פונדעסטוועגען איז ווער עס געהט אריין מוז אראָבנעהמען די היטעל, ניט אַזוי פאַר'ן פּרעזידענט ווי פאַר זיין זוהן דעם אַפּטייקער..

דערווייל האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה, וואָס ער זאָל זאָגען דעם אַפּטייקער, ווען ער וועט איהם פרעגען, וואָס ער דאַרף. ער האָט בעשלאָסען, אז ער וועט קויפען פאַר א צעהנעריל קאַנפער, וועט עס צוניץ קומען צו א פערקיהלונג. באַלד האָט ער זיך מיישב געווען, אז צו ווינטער איז נאָך ווייט און צו וואָס זאָל ער אויסגעבען א צעהנעריל. ער וועט איהם זאָגען, אז ער איז אריין פרעגען עפּעס וועגען זיין זוהן אין אַמעריקא...

אז דער אַפּטייקער איז פאַרטיג געוואָרען האָט ער בעמערקט ביינוש'ן.

— טשטאָ נאַדאָ ? — האָט ער שטריינג געפרעגט.

ביינוש האָט זיך פערלאָרען. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען זאָגט אויף רוסיש „קאַנפער" האָט ער ישוין געוואָלט קויפען ריצען־אויל, האָט ער אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי הייסט עס אין רוסיש, — איז ער געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און געקוקט דאָ אויפ'ן קייסערס בילד און דאָ אויפ'ן אַפּטייקער.

דער אַפּטייקער האָט געדריקט מיט די פּלייצעס, א שמייכעל געטהאָן און געהייסען ביינוש'ען געהן.

ביינוש האָט זיך א דערשראָקענער און א פערשעהמטער

ארויסגערוקט און אז ער איז שוין געווען אויפ׳ן גאס, האט ער זיך גע׳מוסר׳ט:

— געדארפט א־הם זאגען, דעם אדון, אז איך האב א זוהן אן אפטייקער... וואלט ער געהאט דרך ארץ.

אבער זייט דעמאלט האט איהם אנגעהויבען ציהען צום אפטייק... דער אפטייקער, נישט קוקענדיג, וואס ער איז געווען אן אמת׳ער גוי, איז איהם געווארען זעהר טהייער. ער האט אלעמאל פערבייגעהענדיג דעם אפטייק אריינגעקוקט אינווע־ניג און אז ער פלעגט זעהן אז אין אפטייק זיינען דא מענ־שען, פלעגט ביינוש׳עס הארץ וואקסען פאר שמחה. הייסט עס, ער לייזט געלד... און אין אן אפטייק איז וואס מען לייזט איז אלץ כלו ריוח... ער האט פארגעשטעלט, ווי דארט אין אמערי־קא מאכט זיין זוהן אויך גילדערנע געשעפטען און דערצו מוז ער זיין אנגענומען ביי אלעמען. א קלייניגקייט אן אפטייקער! לויט איהם דאכט זיך, האט אן אפטייקער א רעכט צו מאכען אן אקט, אויב עס א־ז נים ריין אין גאס. ער האט געוואלט ווימען עס אויף זיכער און האט ווענען דעם איבערגערעדט מיט׳ן שמש:

— מ־ר דאכט, אז דער פריהערדינער אפטייקער האט אמאל געמאכט אן „אקט“?

— א, יענער איז געווען א צורר היהודים! — האט דער שמש זיך דערמאהנט — ער פלעגט נאר ארומגעהן מיט נאַ־טשאלסטווא, מיט׳ן אוריאדניק און מיט׳ן פריסטאוו. דער הייגטיגער איז א בעסערער...

עס זיינען פערגאנגען א פאר יאהר. ביינוש, וועלכער האט געלעבט נאר מיט דעם געדאק, וואס זיין זוהן איז אן אפטיי־קער, האט ענדליך אנגעהויבען צו בענקען נאכ׳ן זוהן און טראכ־טען וועגען אמעריקא: ער זו־ל אליין זעהר מיט די אויגען,

ווי אזוי זיין זוהן מאכט א רעצעפּט, ווי אזוי מען קומט אריין צו איהם אין אפּטייק און מען מוז אראָפּ נעהמען דאָס היטעל...

ער שטעלט זיך פאָר, אז ער אליין, כאָטש א טאטע, וואָלט אויך דאָס היטעל אראָפּגענומען. געוויס וואָלט דער זוהן איהם געהייסען אָנטהאָן צוריק דאָס היטעל. ער אבער, ביינוש, וואָלט איהם געענטפערט:

— עס שאדט נישט... ווי באלד, אז עס איז א זאקאָן, וויל יך איהם אויף היטען...

און נאָכדעם ווי זיין זוהן האָט איהם פארגעשלאָגען אין א בריעף, אז ער וויל אז ער און די מאמע זאָלען קומען נאָך אמעריקא, און ער וועט זיי שיקען טיקעטס און געלד, האָט ער אָהן קיין שום ישוב הדעת זיך גענומען גרייטען אין וועג.

אז ער איז מ׳ט דער „אַלטער“ אָנגעקומען אין עלים איי־לאַנד, האָט ער געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דעם זוהן. דער אידישער בעאַמטער האָט איהם געסטראַ׳שעט אז מען קען איהם צוריק שיקען, אבער ער האָט געטרייסט דער ווייב און געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא — מיר האָבען א זוהן אַן אַפּ־טייקער.

ענדליך איז דער אַפּטייקער געקומען. ער איז געפאַלען דעם טאַטען נאָכדעם דער מאַמען אויפ׳ן האַלז און זיך ענט־שולדיגט:

— איך בין איינער אליין... נ׳ט געקענט לאָזען די סטאָר...

— וואָס? — האָט ביינוש איבערגעפרעגט.

— די סטאָר... איך מיין די קראָם...

— דו ביזט א קרעמער... — האָט זיך ביינוש דערשראָ־קען...

— וואָס דען? אַלץ איז דאָ א סטאָר — א קראָם...

— ביזטו, הייסט עס, אוים אפטייקער... — האָט זיך ביי־נוש נאָך מעהר דערשראָקען.

— ניין, איך בין אן אפטייקער, ווערליג עס הייסט אין דער היים.

ביינוש איז קוים צו זיך געקומען נאָך דעם שרעק וואָס ער האָט געהאַט. ער איז אבער נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, און ער האָט נאָך אמאָל איבערגעפרעגט:

— אבער דו ביזט דאָך אן אפטייקער?...

— אן אפטייקער, אן אפטייקער — האָט דער זוהן גע־שמייכעלט און א זיפץ געטהאָן...

דער זוהן האָט אוועקגעפיהרט דעם טאַטען מיט דער מא־מען צו זיך אהיים אין זיין וואוינונג אין די בראָנקס. דעם זוהן'ס ווייב, די „אפטייקערשע", האָט זיי אויפגענומען זעהר ווארעם, גערעדט מיט זיי אידיש און ביינוש האָט זיך דערמאָנט אן דער היימישער אפטייקערשע און איז געווען אונצופרידען...

אז עס איז אריבער א פּאָר וואכען, האָט ביינוש אויסגע־דריקט זיין ווונש צו געהן אָנקוקען דעם אפטייק. די שנור האָט איהם אבגערעדט.

— איהר וועט נאָך זעהן, שווער לעבען... גרינט זיך אוים אביסעל!

אזוי איז אריבער א פּאָר חדשים און ביינוש האָט דעם זוהן'ס אפטייק נאָך אַלץ ניט געזעהן.

ערשט אויפ'ן דריטען חודש האָט איהם דער זוהן מיטגע־נומען „דאונטאון".

ביינוש'ס הארץ האָט געקלאפּט פאר ערוואַרטונג. אַט וועט ער עס באלד ארייַנפאלען אין א שעהנעם אפטייק. די פּאָליצעס אבגעפארבט און אויף זיי פינקלען פערשיעדענע פלעשער און פּארצעלייענע סלאָיען. אין די וועגד זייַנען איינגעמויערט אל־

מערם מיט שפיגעלנע טיהרען. אויבען הענגט דער פּאָרטרעט פון פּרעזידענט. דער פּראָוויזאָר, א יונגער שעהנער „שייגעץ“, שטעהט ביים בופעט און מאכט א רעצעפּט... זיין זוהן גיט אָב־טונג ווארום איין איבעריגער טראָפּען און דער חולה שטאַרבט!..

דער זוהן אבער האָט איהם אריינגעפיהרט אין א קליינער דראָג־סטאָר. ביינוש האָט אויסגעשטעלט די אויגען און גע־קוקט אויף די ווענט, אויף דעם בופעט און איז געבליבען ווי אן אָפּגענארטער...

— אָט דאָס איז דאָס ?... — האָט ער געשטאָמעלט...

— יא, דאָס איז מיין דראָג־סטאָר... — האָט דער זוהן נעענטפערט.

— דאָס איז, הייסט עס, דער אַפּטייק ?... — האָט ביי־נוש איבערגעפרעגט.

— יא, אין דער היים הייסט עס אַפּטייק.

דערווייל איז אריין א בחור אָהן א ראָק, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן הויכען בענקעל ביי די אייז־קרים סאָדא און בעשטעלט א גלאָז „אייז קרים סטראָבערים סאָדא“...

דער זוהן האָט איהם אריינגעלעגט א שטיק אייז־קרים אין גלאָז, אנגעגאסען וואסער, געמישט מיט א לעפעלע און איהם דערלאנגט. דער בחור האָט געבעטען א שטרויעלע.

ביינוש האָט די פּראָצעדורע אויפמערקזאם בעטראכט און ניט פערשטאַנען וואָס דאָס איז פאר א מין רפואה...

אז דער בחור האָט אבגעצאָהלט דעם ניקעל און איז ארויס, איז ביינוש געוועזען טשיקאווע צו וויסען וואָס פאר א מין חולאת דער בחור האָט, און וואָס דאָס איז פאר א מין רפואה, וואָס מען טרינקט עס מ'ט א שטרויעלע אין אַפּטייק גופא...

דער זוהן האָט געשמייכעלט און ערקלערט:

— דאָס איז נ'ט קיין רפואה... דאָס איז פּשוט אזא קאַל־טער געטראנק. דאָס טרינקען געזונטע...

— אזוי... — האָט ביינוש אונצופרידען געמורמעלט — הייסט עס, אז פאר געזונטע מענשען האָסטו אויך סחורה...

— יאָ... האָט דער זוהן א מורמעל געטהון.

— נו, און מעדיצינען, רעצעפּטען?... — האָט ביינוש גע־פרעגט...

— דאָס קומט אויס זעלטען... דער עיקר איז דאָ די אייז־קרים, אָט דאָס, וואָס דער בחור האָט געטרונקען — און אנדערע קלייניגקייטען...

און אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך געווענדעט צום טאַטען און געזאָגט:

— איך דאַרף ארייַנגעהן דאָ אנטקעגען — וועגען ביזנעס. אויף א מינוט, גיב אכטונג, טאַטע... איך קום באַלד צוריק.

און בלייבענדיג אליין אין „אַפּטייק", האָט ביינוש גע־שמייכעלט אין באָרד אריין און געטראַכט:

— אָט, הייסט עס, בין איך שוין אליין אויך אין אמעריקא אַן אַפּטייקער... און גלייך האָט ער א טיעפען זיפץ געטהאָן אויפ'ן היימישען שטייגער: נננו, רבונו של עולם!... א וועלט!..

דער יוניע־היטער.

(„ניו־יאָרקער טיפּ“)

איך בין געזעסען אין היימישען רעסטאָראַן. עס איז גע־וועז נאָך פאר מיטאָג צייט און דערפאר איז מיר אויסגעקומען צו זיצען ניט מיט גאר נאָהענטע בעקאַנטע. מיין שכן ביי׳ן טיש, מר. וואכמאן, א מענש אין די פיערציגער, מיט גראָהלי־כע האָר ביי די ביידע שלייפען האט געוואָלט מיט מיר פערפיה־רען א שמועס. ער האָט אבער ניט געוואוסט ווי אזוי איהם צו פערבינדען. ענדליך האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— האָט איהר ניט א סיגארעטיל?

— מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט און ארויסגענומען פון טאַש די סיגארעטען־קעסטעלע, אויפגע־מאכט און איהם פאָרגעלעגט.

ער האָט דאָס קעסטעלע גענומען אין זיין האנד, צוגערוקט זי צו די אויגען, געזוכט עפּיס או ף איהר און נישט געפינענדיג, האָט ער זיך פערקרימט און מיר עס צוריק דערלאַנגט.

— פאר וואס־זשע נעהמט איהר נישט קיין סיגארעטיל? האָב איך זיך פערוואונדערט.

— א דאַנק, איך רויכער ניט פון דעם סאָרט...

— עס איז ניט קיין שלעכטע סיגארעטליך — האָב איך ווי בעלעדיגט זיך אָנגערופען.

— מעגליך... האָט מר. וואכמאן, מיט א איראָניע געצויגען דאָרט וואָרט — ווי פאר ווען... איך רויכער נישט אזעלכע געמיינע סיגארעטלעך.

— געמיינע? — האָב איך אויסגעשריען — וואָס רעדט איהר, פונפצעהן סענט א צעהנדלינג...

— אבער ווייזט מיר דעם „לעיבעל" — האט ער ווי מיט נצחון איסגערופען.

— אך, דעם לעיבעל... האב איך ווי פערשעהמט גענומען שטאמלען... יא, ווירקליך, איך האב זיך גאר נישט געכאפט...

— אט דאס איז די מעשה, וואס מען כאפט זיך ניט און דערוויילע ווערען די ארבייטער עקספלאאטירט און קענען זיך אויף די פיס ניט שטעלען...

ער האט א פרומען זיפץ געטהאן, געקוקט מיט זשעדנע בליקען אויפ'ן קעסטעלע מיט די סיגארעטליך און האט ענד־ליך צוגערופען דעם קעלנער.

— וועיטער! — האט ער שטרענג געזאגט — דערלאנגט דעם מיסטער א פעקעל יוניאן סיגארעטען.

דער ווייטער האט ערפילט דעם בעפעהל, איך האב צוגע־נומען, בעטראכט דאס קעסטעלע און האב דערזעהן א לעיבעל. מר. וואכמאן האט מיך בעאבאכטעט און פון מיר הנאה געהאט. ער האט באלד געזאגט:

— אט דאס איז א יוניאן סיגארעטעל, פערזוכט, ער איז ניט שטארק שלעכט...

איך האב פערזוכט. ווירקליך נישט שטארק שלעכט... מען קען רויכערען.

מר. וואכמאן האט גערויכערט און געמורמעלט:

מיינט איהר, אז דער סיגארעט שטעלט מיר שוין אין גאנ־צען צופריעדען? ווער וויים ווער עס מאכט די באקסלעך... זי־כער ניט קיין יוניאן ארבייטער, היינט ווער שניידט דעם טא־באק, ווער קלעפט?... ווער וויים? ווער קען וויסען?...

און אפזיפצענדיג ווי א פרומער איד, וואס קלאגט זיך אויפ'ן זינדיגען דור, האט ער אויסגעלאזט:

— עס איז א פנים דא א סטריקטלי יוניאן סיגארעט?... נאר אז עס א'ז דא א „לעיבעל" איז שוין מעהר אדער ווייניגער כשר, פלאגט ניט אזוי דער געוויסען.

איך האָב איהם אויסגעהערט און האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב צו טהאָן מיט א געוויסען טיפּ יוניאָן־היטער. אין דער דאָזיגער צייט פון ציניזם און חוזק־מאַכעריי, איז ער מיר גע־פעלען געוואָרען. הייסט עס, אז אין סדום איז נאָך דאָ איין צדיק, האָב איך זיך געטרייסט און האָב בעשלאָסען אויסצו־פאָרשען איהם גענוי'ער.

— הייסט עס, אז איהר געברויכט נאָר יוניאָן ארבייט— האָב איך אָנגעהויבען מיין פאָרשונג.

— דאָס איז ביי אייך א חדוש? — האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט צוויי אויגען, אז איך האָב מיך באמת דערשראָ־קען און האָב זיך פערכאַפּט צוריק:

— ניין, איך מיין נאָר, אז עס איז שווער...

— מאַלע, וואָס עס איז שווער — האָט ער אויסגעזיפצט— אונזערע זיידעס איז נאָך שווערער געווען אָבצוהיטען אידיש־קייט, פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך ווען אָבגעשטעלט פאר שוועריגקייט? גיט, זייט מוחל, נאָך א סיגאַרעטעל, אבער פון די יוניאָן סיגאַרעטלעך, נישקשה זיי זיינען נישט שטאַרק שלעכט, מען קען זיי רויכערען...

— אדרבא, זיי זיינען גאָר פיין! — האָב איך ארויסגע־כאַפּט דאָס קעסטעלע און איהם דערלאַנגט.

ער האָט פערראויכערט און פרום געלאָזט דעם רויך מיר אין פנים אריין.

— איהר וועט זיך צו זיי צוגעוועהנען וועלען זיי אייך שמעקען בעסער ווי אייערע, די סקעב סיגאַרעטס — האָט ער מיך, כדי די צייט זאָל ניט אוועקגעהן אין רויך, דערוויילע בעלעהרט.

איך האָב אויך פעררויכערט און האָב איהם פערזיכערט, אז זיי שמעקען מיר שוין בעסער, ווי מיינע, די פריהערדיגע.

ער האָט אין גאַנצען געשטראַהלט פאר גליק, און ער האָט זיך צו'דרשנ'ט:

— עס איז ווירקליך א פערברעכען צו רויבערען אדער בכלל צו נוצען זאכען, וואס ווערען אויסגעארבייט ניט פון א יוניאן.

— עס איז אבער שווער צו וויסען... האב איך געפרובט ווידער אבווענדען זיין שטרענגקייט.

— גענויס. — איז ער שוין ווייכער געווארען — מיר אליין איז אמאל שווער... אט האב איך מיט א פאר יאהר צוריק שיער ניט געראזירט זיך אין א בארבער־שאפ אהן א „לעיבעל"... איך בין געווען עפעס יענעם טאג צופיעל ביזי, ב ן איך אריינגעלאפען אין דער ערשטער בארבער שאפ, וואס עס האט זיך געטראפען. א שיווו האב איך געמוזט נויטיג האבען, איך האב מיך געמוזט זעהן מיט מענשען, איך געה אריין, איך זעה דער ארבייטער איז אנגעטהאן, ריין, ער זעצט מיך העפליך אוועק, וואשט אויס דאס גלאז מיט הייסע וואסער... שארפט אן דעם „רייזער" איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל, ער נעהמט מיך דאזירען — עס איז א מחיה, דער רייזער געהט ווי אויף פוטער... עפעס איז מיר די זאך קשה געווארען... עס איז צו גוט... און פלוצים פאלט מיר אריין אין קאפ: וואכמאן, וואוהין ביזטו אריינגעפאלען. איך הויב אן קעהרען דעם קאפ צום פענסטער זוכען א לעיבעל און דא בעט זיך דער בארבער העפליך: מיסטער, זיצט רוהיג, איך וועל אייך איינשניידען... קען איך אבער ניט איינזיצען רוהיג, איידער איך וויים צי איז דאס א יוניאן בארבער־שאפ. איך דרעה זיך אהער, אהין, איך זעה ניט אין ערגעץ א זכר פון א לעיבעל. איך זעה, אז עס איז שלעכט, ער האט שוין מיך באלד אבגעראזירט איין האלבען פנים און איך וויים נאך ניט וואו איך בין אין דער וועלט, שטעל איך מיך אויף, כאטש איך האב געקענט צושניטען ווערען, אבער איך קוק נישט דארויף, די יונג אן איז מיר מהייערער ווי מיין פנים, איך שטעל מיך אויף און גיב א פרעג:

— איך בעט אייך, איז דאס א יוניאן בארבער־שאפ צי נים?

מיין בארבער האט אבגענומען דער לשון. ער הויבט אן דרעהען אהער, אהין, קורץ, עס איז ניט קיין יוניאן שאפ. ער מענה'ט, אז מען שיקט א הם שלעכטע ארבייטער... איהר הערט א תירוץ? וואס זאל טהאן דער שלעכטער ארבייטער, זאל ער שטארבען פאר הונגער.. קורץ, איך האב ניט געלאזען פאר קיין פאל דאס אנדער האלבע פנים צו דערענדיגען, האב בעצאהלט פאר א האלבען שייוו און בין ארויסגעלאפען פון שאפ.

— נו, איהר האט זיך גאר ניט געשעהמט צו געהן אין גאס מיט א האלבען ניט געשייווטען פנים...

— געשעהמט? — האט ער פראטעסטירט — וואס הייסט שעהמען זיך! א חרפה וואלט געווען ווען איך שייוו מיך אן גאנצען דארטען אפ. אין א סקעב בארבער שאפ. דאס וואלט געווען א חרפה. אבער אזוי האב איך, פערקעהרט, זיך בעריהמט דערמיט און אלעמען דערצעהלט. זאל מען וויסען, ווי אזוי אב־צוהיטען דעם לעיבעל.

— און מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך אליין? — בין איך ענדליך נייגעריג געווארען צו וויסען.

— איך אליין — האט ער אנגעהויבען צו שטאמלען — איך אליין בין דערווייל אהן א דזשאב...

— וואס האט איהר אמאל געטהאן?

— אמאל, אמאל בין איך געווען אן ארגאנייזער... נו, פער־שטעהט איהר מיך, בין איך צו סטריקטלי געווען... אביסעל אי־בערגעטריבען... איך קען ניט אנדערש! אזא כאראקטער... איך בין דא פון די ערשטע סאציאליסטען. ביי מיר דארף צוגעהן נישט נאר יוניאניסטיש, נאר טאקי אויך סאציאליסטיש... איז האב איך דערווייל ניט קיין דזשאב...

ער האט א זיפץ געטהאן און נאך א קליינעם שווייגען, זיך ווידער געווענדט:

— גיט מיר נאָך א סיגארעטעל, אבער פון די יוניאָן סי־
גארעטלעך... זיי זיינען גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי מען מיינט..
פערקעהרט...

ער האָט פערדרויכערט דאָס יוניאָן סיגארעטעל און זיך גע־
קוויקט מיט'ן רויך...

די גרעניצען.

(רייזע בילד)

די כמארע האָט זיך געדריקט אלץ נעהענטער און נעהענ־טער... כאָטש די טעג זיינען געווען זעהר לויטער און שעהן, ווי אין ענדע יולי. אָבער זי האָט זיך געפיהלט ניט אויפ'ן הימעל, נאָר אין די אויגען פון די מענשען אויף דער גאס, אין הויז, אין קאפע; מיין דייטשע ווירטהין, אלע מאָל פריינדליך צו מיר, ווי צו א אידען פון א פערפאָלגט לאנד, האָט זיך ענדליך געכאפט, אז איך בין א רוס... און אלע ווײלע האָט זי מיך גע־שטאָכען מיט א ווערטעלע, מיר פאָרגעווארפען מיין „פאָטער" דעם צאר. די טאָכטער איז שוין געווען אָפענער און האָט גע־זאָגט, אז דאָס צימער ברויך זי פאר איהר... איך זאָל ארויס־ציהען.

ארויסציהען איז ניט געווען וואו, גאנץ בערלין האָט אויס־געזעהן ווי א קינפטיגע שטייג פאר מיר. מען מוז זיך ראטע־ווען, איידער די טהיר פון דער שטייג איז נאָך ניט פערהאַקט געוואָרען.

איך האָב געפרעגט עצות: וואוהין? פראנקרייך איז א פריי לאנד, אָבער קלוגע האָבען פאָראויסגעזעהן, אז זי וועט קוקען קרום אויף איינעם, וואָס קומט איצט פון דייטשלאנד; שווייץ איז צופיעל שכנה מיט דייטשלאנד, צו שוואך זי זאָל קענען איהר שטעדטעל אליין ביישטעהן. דענעמארק איז צו נאָהענט — אָט איז קיעל און אָט איז קאָפענהאגען — מיט'ן האנט צו דערלאנגען; אין אנטווערפען — בעלגיען! א פריי, אונאבהענגיג לאנד! יאָ, איך פאָהר קיין אנטווערפען.

דער דאָזיגער פריהמאָרגען איז געווען דער לעצטער פריה־מאָרגען, וואָס די שטייג איז נאָך ניט פערמאַכט געוואָרען.

דער קאסיר האט מיר ווי א צוטומעלטער דערלאנגט א רייזע־קארטע. אויפ׳ן באן־האף זיינען די בעאמטע, בייזע און אומרו־היגע ארומגעלאפען הין און צוריק און הויך געשריען, די גע־פעק־טרעגער האבען געפיהרט אין איילעניש אויף זייערע ווע־געלעך שווערע קאסטענס און האבען הויך זיך געזידעלט, און אלע פאסאזשירען האבען זיי געקוקט ווי אויף שונאים, וואס זיינען געקומען טהאן שלעכטס זייער לאנד און זיי האבען גע־וואלט ניכער כטור ווערען פון זיי.

ענדליך שטעהט שוין דער צוג גרייט צו לאזען זיך אין וועג. מען זאגט, אז דאס איז דער לעצטער צוג וואס וועט פיהרען פאסאזשירען. די מלחמה איז נאך אפיציעל נ ט ערקלערט, אבער בשתיקה איז זי שוין א וואך צייט. די גרויסע משוגעת דארף ערשט אנקומען. דערווייל איז ערב משוגעת און דאס פאלק גרייט זיך משוגע צו ווערען. — עס דארף נאר געמאלדען ווערען פון געוויסע הויכגעשטעלטע פערזאנען...

דער צוג ריהרט זיך. אין וואגאן זיינען לו טער דייטשען. זיי זיינען אלע אונרוהיג. מיין פרעמדקייט בעמערקט מען ניט, מיין אנגוג איז ניט לאנג געקויפט געווארען אין בערלין, אין האנט האלט איך א „טאגעבלאט" און לייען. מיין שכן פער־פיהרט מיט מיר א געשפרעך. איך בין פארזיכט ג מיט יעדער ווארט וואס איך ענטפער איהם. ער שימפפט מיין פאטערלאנד— זאל ער! ער שימפפט די פראנצויזען — איך שווייג און שמיי־כעל מיט א מאדנעם שמייכעל. איך פיהל אז מיין שכן איז דאס כאל ניט אויפריכטיג. ער האט קיין שום אורזאכע פיינט צו האבען ניט די רוסען און ניט די פראנצויזען, ער איז דאכט זיך א קו פמאן און האט מיטביידע פעלקער גוטע געשעפטען גע־מאכט... איך האב מורא, אז ער איז ש ו י ן גערירהט.

צוועלף א זייגער. דער צוג שטעלט זיך אב ביי העסען. אין מיין וואגאן זיינען געבליבען אזוי ווייניג מענשען. איך און צוויי יונגע ארבייטער און א פאר פרויען. מיר קוקען ארויס אין פענס־

מער און פון דער ווייטען זעהען מיר די שטאדט, א שעהנע, א בעגולדעטע מיט שטראהלען פון דער וואר מער יולי זון. אויפ'ן מארק־פלאץ שטעהען גאנצע מחנות. איך רוק ארוים דעם קאפ פון וואגאן־פענסטער און קויף ביי א צייטונגס־אינגעל א צייטונג. דאס אינגעל דערלאנגט זי מיר דערשראקען. ער נעהמט פאר איהר א דאפעלען פרייז, אבער דאס גליק געהט איהם ניט איין. שוין — דער קריעג איז ערקלערט!

איצט האט מען רעכט זיך צו פערהאלטען. איך פערלאז מיך אויף גאט'ס בעראט. זאלען זיי טהאן מיט מיר וואס זיי ווילען.

אבער דער צוג געהט ווייטער. מען זאגט אז דאס איז דער לעצטער צוג! איך ציטער, אז א ראד זאל זיך חלילה ניט צוברעכען, דער לאקאמאטיוו זאל ניט קאליע ווערען, און אייבערהויפט דער מאשיניסט, וואס פיהרט דעם צוג זאל ניט לאזען האק און פאק און אוועקגעהן אין קריעג און מיך ניט איבערלאזען אליין אין פעלד.

דער צוג שטעלט זיך ערגעץ אב ביי א סטאנציע. ארום איז פעלד און וואלד, ווי רוהיג איז אלץ און דאך איז דאס אונגליק שוין געקומען, ארונטערגעפאלען. נאר דאס פעלד און וואלד ווייסען נאך אפנים ניט. די זון מוז נאך אויך ניט וויסען, זי קוקט אראב אזוי רוהיג... מעגליך, אז דער צוג זאל שוין ווייטער ניט געהן... די קאנדוקטארען פליהען ארום ביים צוג און רעדען עפעס מאדנע, אונפערשטענדליכע ווערטער. אזוינע יונגע און געזונטע. זיי מוזען היינט שוין אלע גע'הרג'טע ערגעץ ליעגען...

אבער דער צוג לאזט זיך ווייטער אין וועג. מעגליך, אז ער וועט זיך דערשלעפען ווי עס איז צום בעלגישען גרעניץ. איך פרעג אונזיכער ביים קאנדוקטאר: נאך ווייט? ער ענטפערט: אז נאך פיער סטאנציעס, ער ווייס אבער ניט זיכער צי דער צוג וועט זיך ניט דארפען צוריק אומקעהרען. מען ווארט אויף בעפעהל!

דערווייל אבער לויפט דער צוג דורך פעלדער און וועל־

דער, אַט איז שוין נאָך אַ סטאַנציע און נאָך איינע. דער צוג שטעלט זיך אָפּ און בלייבט שטעהן לענגער ווי געוועהנליך. עס דאַכט זיך, אַז דער צוג אַליין איז דערשראָקען. איך אָבער בין שוין רוהיגער. עס איז געבליבען בלויז איין סטאַנציע... אָבער צו לאַנג שטעהט שוין דער צוג!

— אויסשטייגען! — הער איך ווי דער קאָנדוקטאָר שרייט אויס. דער צוג קעהרט זיך אום צוריק.

עס שטייגען אויס די איינציגע פּאַסאַזשירען פון יעדען וואַגאָן. איך מיט די צוויי אַרבייטער אויך. פרעגען האָב איך מורא. איך זוך נאָר מיט די אויגען: וואו ליעגט דער וועג צום לאַנד פון פריעדען — צו בעלגיען, וועלכע דאַרף מיך בעשיצען פון דער גרויסער משוגעת, וואָס געהט אַרומכאַפּען די וועלט...

ענדליך וואַנד איך זיך צו די צוויי אַרבייטער, וועלכע זעהען אויס ווי ניט קיין דייטשען. זיי זיינען אויך פערצווייפעלט, דאָס פערשטעה איך, ניט לויט זייער שפּראַך, נאָר לויט זייערע בליקען.

אָבער איינער פון זיי זאָגט מיר אויף אַ צובראָכענעם דייטש: מיר וועלען געהן צום גרענעץ צו־פוס...

איך לאָז זיך געהן נאָך די צוויי רוהיגע, פריעדליכע מענשען און עס דאַכט זיך, אַז מיר דריי זיינען איבערגעבליבענע פון דער גאַנצער מענשהייט און מיר זוכען אַ ניי־לאַנד מיט נייע מענשען... אין די הענט טראָג איך צוויי פּעק. זיי זיינען מיר אַזוי שווער, אָבער אַוועקוואַרפען האָב איך ניט קיין האַרץ... טאָמער וועט נאָך געלינגען צו קומען אַ לעבעדיגער צום גרענעץ און פון דאָרט אין לאַנד פון פריעדען. ניין, איך וועל מיינע פּעק ניט אַוועקוואַרפען.

ענדליך איז דער וועג ביים סוף. איך קוק מיך אום און זעה, אַז באַלד זיינען שוין הייזלעך.

מיר געהען דורך די טאַמאַזשנע־הייזל. לייכט קוקט מען

דורך מיינע געפעק. גוטע מענשען! איך בין זיי אזוי דאנקבאר, וואס זיי לאזען מיך דורך.

און אט געפין איך זיך שוין אויף דער אנדערער זייט פון שטיבעל. ניט ווייט שטעהט א גרויסע געביידע: ס'איז א האָטעל. איך ווייס ניט צי געהערט ער צו דייטשלאנד צי צו בעלגיען. און דאָרטען שטעהען אזוינע שעהנע הייזלעך — צי וועלכען לאנד געהערען זיי? אט שטעהט אן אלטער, גוטער פויער, איך וועל איהם פרעגען ווי אזוי זיך דאָ צו קעהרען ביז עס וועט קומען דער צוג וואס וועט מיך נעהמען קיין אנטווערפען.

דער אלטער ערקלערט מיר אין א מאָדנער שפראך, וואס קלינגט ווי דייטש און אידיש און עס איז גאָר האָלענדיש. הייסט עס אז דער האָלענדישער גרענעץ איז אויך דאָ. איך געפין מיך דאָ ביי דריי גרענעצען: דייטשער, בעלגישער און האָלענדישער. דער פויער ערקלערט מיר ווי אזוי א'ך קאָן אריין אין אט דעם שטיבעל און טרינקען עפעס. איך לאָז מיך אריין.

ארויסגעהענדיג פון הייזעל, פערליער איך די סמנים פון די גרעניצען. עס דאכט מיר, אז אלע זיינען איינס... אט שפרינגט אריבער א פויגעל פון בוים צו בוים און דאָס קומט אויס אז ער שפרינגט אום פון האָלאנד קיין בעלגיען און פון בעלגיען קיין דייטשלאנד... ווייס ער גאָר ניט, אז אין דייטשלאנד איז איצט מלחמה... אט שפרינגט ער איבער צוריק, ער איז שוין אין בעלגיען...

איך בעטראַכט די אלע דריי גרעניצען — איין שטיק פעלד, קיין שום אונטערשייד פון דער ערד, איין הימעל שפּרייט זיך אויף זיי, און דאָך מוז איך איצט אזוי פאָרזיכטיג זיין. איך טאָר ניט מאכען קיין שריט, וואס פיהרט צום גרענעץ פון דייטשלאנד: דאָרט איז שרעק, געפאהר און משוגעת!...

אבער איך האָב שוין פערגעסען, ווי אזוי דער אלטער פויער האָט מיר ערקלערט: וואו־זשע בין איך? שטעה איך אין בעלגיען, האָלאנד אָדער דייטשלאנד?

דער אבענד איז צוגעפאלען... דונקעלע שאטענס האבען בעדעקט די גרענעצען. איך בין צווישען זיי געשטאנען און אונ־געדולדיג געווארט אויף א צוג, וואס זאל מיך אוועקפיהרען, ווייל דא האב איך פערלוירען דעם וועג. איך קען בשום אופן ניט אונטערשיידען פון איין גרענעץ ביז'ן צווייטען און באלד פאלט צו די נאכט... מיין גאט, וואס וועט דא פארקומען ביי די גרע־ניצען ?....

אויגוסט 1, 1914.

דער ערשטער שאָס.

(רייזע־בילד)

עס איז געווען אכט אזייגער פארנאכט. דער צוג פון בעל־נישען גרעניץ האָט שוין געדארפט אָנקומען און נעהמען די פּאַסאזשירען נאָך אנטווערפּען. אבער פון א צוג איז קיין זכר ניט געווען. ארום און ארום האָט געהערשט א שטילע ערווארטונג. די פּאַסאַזשירען זיינען אומגעגאנגען הין און צוריק איבער דער ברייטער פּלאַטפאָרם און געקוקט צו דער זייט פון וואנען דער צוג דארף אין א געוועהנליכער צייט אָנקומען, כאָטש געפּיהלט האָבען זיי, אז פון דעם מאָל אָן איז די אָרדנונג פון דער וועלט צושטערט געוואָרען. עס קומט אָן דער כאָאָס, די אונבעשטימט־קייט און צורודערטקייט.

עס איז אוועק א שעה, און א צווייטע, דער צוג איז ניטאָ. מאנכע פּאַסאַזשירען האָבען שוין אויפגעהערט צו גלויבען, אז ער וועט ווען קומען. אנדערע האָבען אפילו ניט געגלויבט, אז אַזאַ בעקוועמליכע זאַך ווי א צוג האָט גאָר ווען עס איז עק־זיסטירט. א טייל ווידער, די מעהר אָפּטימיסטישע נאטורען, האָבען זיך איינע די אנדערע געטרייסט, אז פריהער־שפּעטער— דער צוג וועט קומען!

— דערווייל איז נאָך דער קריעג ניט אָנגעהויבען, — האָט איינער פון די אָפּטימיסטען צוגעגעבען מוט.

און דאָס מאָל האָבען געזיעגט די אָפּטימיסטען. דער צוג איז שפּעט אין דער נאכט, געהילט אין א געדיכטער פינסטערניש, ענדליך אָנגעקומען.

ער איז געווען מיעד, דערשראָקען און האָט שטילער ווי

שטענדיג געאטהעמט. עס האט זיך געדאכט, אז דאס מאל קומט ער אן אין געהיים.

די פאסאזשירען האבען ניט דרייסט גענומען איינשטייגען אין די שוואך־בעלויכטענע וואגאנען און האבען מיט שרעק זיך אומגעקוקט, ניט טרויענדיג איינער דעם צווייטען. מען האט מורא געהאט זיך אנצורופען מיט א ווארט, מען האט מיט דיער גרעסטער אונגעדולד געווארט, אז דער צוג זאל זיך נעהמען ריהרען.

אבער די ארדנונג איז שוין מעהר ניט געווען. דער צוג איז געשטאנען און קענטיג געווארט אויף שווערע און געהיימע בעפעהלען פון פינסטערע לענדער, פון שווארצע היילען, פון טיעפע אבגרונדען.

— מיין גאט, אויף וואס ווארט ער? — האט יעדער אין דער שטיל געפרעגט. הויך צו פרעגען עס האט מען מורא געהאט. עס קען ארויסגעבען, אז מען איז געגען מלחמה, אז מען איז א פרעמדער, אז מען פלוכט אין הארצען די פיהרער און הערשער, וואס האבען דערטריבען די וועלט צום בלוטיגען סוף...

א טויטע שטילקייט!

באלד אבער האט די שטילקייט איבערגעריסען א שטילער שלוכצען וואס איז אין א ווייל׳ע ארום אריבערגעגאנגען אין א העפטיג געוויין.

די פאסאזשירען זיינען פון דעם דאזיגען געוויין ווי ערמונטערט געווארען. פונקט ווי אין א שלאפלאזער נאכט, ווען דו ליעגסט אין בעט און עס שרעקט דיך די פינסטערניש און די שטילקייט און פלוצים צווישען זיך ערגעץ א קינד און איבערציינגט דיך, אז עס איז נאך דא אויף דער וועלט ערגעץ לעבען און זארג...

ווער וויינט עס אבער?

אין א פינסטערען ווינקעל פון וואגאן זיינען געזעסען, געטוליעט איינע צו די אנדערע צוויי פינסטערע געשטאלטען. און

מען האָט זיי גענוי בעטראַכט האָט מען אין זיי דערקענט אַ יונג־מיידעל איינגעוויקעלט אין אַ טוך און אַ יונגען סאָלדאַט, געקליידט אין פּולער אַמוניציע. צווישען זיינע פיס איז גע־שטאַנען אַ שוואַרצע דראָהענדע ביקס... עס האָט זיך גערעכט, אַז דאָס לעבען טוליעט זיך צום טויט...

אַ שוידער איז דורכגעלאָפען איבער'ן לייב ביי דעם דאָ־זיגען בילד. דאָס שלוכצען פון דער מיידעל איז אַלץ געוואָרען העכער און העכער, האַרצרייסענדער און טרויעריגער.

אָבער באַלד איז איהר וויינען שוואַכער אַ־ן גע־וואָרען. דער סאָלדאַט, איהר געליבטער, האָט איהר עטוואָס איינגערוימט אין אויער און געגלעט אי־בער איהר נאַסע באַקען.

זי האָט זיך קענטיג בעהערשט. אין וואַגאָן האָט ווידער די טויטע שטילקייט אָנגעהויבען הערשען.

ווען דאָס מיידעל וואָלט עטוואָס העכער וויינען, וואָלט דאָך פרעהליכער געוועזן!

ווייל זי אָבער ניט דעם עולם פרעהליך מאַכען.

די פּאַסאַזשירען זיינען געזעסען ווי פער'משפּ־טע און גע־וואַרט...

דאַן האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. אָנפאַנגס שטיל, ווי פאַר זיך אליין, באַלד אָבער אַל־ן העכער און העכער, שניידענ־דיגער און האַרץ־רייסענדיגער. געזונגען האָט עס דער יונגער סאָלדאַט אַ־ן געזונגען פאַר איהר, פאַר דער געליעבטער.

„דער ערשטער שאָס פאַר דיר,
פאַר דיר מיין טייערע..."

ער האָט ניט דערמאָנט דעם קעניג, ניט דאָס פאָטער־לאַנד, נאָר זיין געליבטע, פאַר וועלכע ער וואָלט אזוי געוואָלט לעבען, אָבער מען לאָזט איהם ניט.

דערפאַר וועט ער שטאַרבען פאַר איהר.

דאָס מיידעל איז אינגאַנצען אנשוויגען געוואָרען, געהערט האָט זיך בלויז דאָס ליעד:

„דער ערשטער שאָס פאַר דיר,
פאַר דיר מיין טייערע..."

און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס וויעגט ער זי איין דאָס לעצ־טע מאָל. ער וויעגט זי מיט אַ ליעדעלע פון טויט און זי הערט און ווערט בערוהיגט.

און רוהיג זיינען געוואָרען אַלע פּאַסאַזש־רען.

אַלע זיינען ווי פערוויעגט געוואָרען פון דער דאָזיגער לעצ־טער ליעד און האָבען אין חלום געזעהן דעם יונגען סאָלדאַט לי־גען אויסגעצויגען אויף אַ ברייטען פעלד מיט אַ זיסען שמייכעל אויפ'ן פערבלוטיגטען פּנים, און ער זינגט דאָס ליעד מיט דעם לעצטען אָטהעם:

„דער ערשטער שאָס פאַר דיר,
פאַר דיר מיין טייערע..."

מענדיל'ס פעלדער.

כאָטש מענדיל לעווין איז געווען א איד מיט א הדרת פּנים און זיין זילבערנע באָרד איז געווען פון יענע בערד, וואָס ניט א יעדער איד וועט האָבען די העזה צו טראָגען, שוין אָבגערעדט פון זיינע זויבערע קליידער און שטענדיג געפּוצטע שטיוועל, — איז ער דאָך אינגאַנצען געווען ניט מעהר ווי אַן אמת'ער פּויער, אַנטאָש, איוואַן און פּראָקאָפּ... און טאָמער פלעגט ער האָבען א משפט פלעגט ער גערופען ווערען, ניט ווי אלע שטאָדטישע אידען, צום פּרידענס־ריכטער, נאָר ווי א פּשוט'ער פּויער — צום „סטאַרשינא" אין „וואָלאָסט" און — א ברירה האָט ער געהאַט — ער האָט געמוזט געהן.

אמת, דער סטאַרשינא פלעגט איהם רופען פּאַני לעווין און פלעגט זיך בעגעהן מיט איהם ווי מיט א שליאַכטשיץ, נאָר אין די פּאַפּירען איז ער פּאָרט ניט מעהר געווען ווי א פּויער.

און דאָס אונגליק זיינס איז בעשטאַנען נאָר דעריין, וואָס זיינער א זיידע, דוקא איד א למדן איז אמאָל „משוגע" געוואָרען און ווען ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געגעבען אידען ערד, האָט דער דאָזיגער זיידע אָנגענומען די מתנה... און זייט דעמאָלט איז די משפּחה געוואָרען א פּויערשע...

די שטעדטילשע אידען האָבען געשאַצט, אז מענדיל לעווין פערמאָגט אפשר ביי א צוואַנציג „וולאָקעס" ערד! ווען ער זאָל זיי אליין „איינטהאָן" וואָלט ער געווען אַן עושר. אָבער אזוי ווייט איז מענדיל אין זיין פּויערשקייט ניט נעגאַנגען. ער איז געווען אַן איידעלער איד, א למדן, און ניט נאָר ער האָט די ערד ניט בעאַרבייט, ער פלעגט זעלטען קומען אויף די פעלדער, וואו געדונגענע פּויערים זיינען געשטאַנען און געאַקערט, געזעעט און שפּעטער, אין אָב־צייט, זיינען שוין געשטאַנען יונגע, געזונטע פּויערטעס, שטעדטילשע שיקסעס און האָבען געשניטען און געבונדען די זאנגען אין גארבען, פונקט, ווי אין

תנך"ס צייטען... פלעגט ער יאָ אַמאָל קומען אויפ'ן פעלד, פלעגט ער, ווי בועז, זיך שטעלען ביים ברעג פון פעלד בעטראַכטען די שניטערינס וועלכע ער האָט אַלע געסענט און געפינענדיג אַמאָל אַן אומבעקאַנטע, פלעגט ער פרעגען טאַקע ווי בועז: ווער איז די דאָזיגע שיקסע? נאַטירליך, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אומבעקאַנטע איז פּונקט אַ שכנ'טע, וואָס וואוינט ניט ווייט פון זיין הויז, נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך פערבונדען דאָס פּנים צו בעשיצען זיך פון דער זון, האָט ער זי ניט דערקאָנט.

פלעגט ער דאָרט טרעפען אַמאָל זיינע זיהן וואָס האָבען געלערנט אין דער שטעדטילשער ישיבה, פלעגט ער זיי מוסר'ן:

—וואָס טוט איהר דאָ, שקצים?—אייער אָרט איז אין בית מדרש!..

אָבער דער אינגערער זוהן, יודעל, אַ געוואַקסענער, געזונטער בחור'עץ, ניט קענענדיג בעהערשען דעם יצר־הרע, פלעגט זיך נעהמען העלפען די שניטערינס — פלעגט מענדיל שוין אויף איהם גוט אָנשרייען:

— לעג אַוועק, פּויער דו, די קאָסע... יודלען אָבער, האָט דוקא געצויגען צו דער קאָסע, צו דער הריאַבלע און צו די נאַרבען... און ווען ער פלעגט נאָר האָבען אַ געלעגענהייט זיך אָבגנב'ענען פון בית־מדרש, צי פון הויז, פלעגט ער זיך לאָזען צו די פעלדער און זיך שטעלען אַרבייטען גלייך מיט די פּויערים און פּויערטעס.

מען האָט איהם שוין אַמאָל געכאַפּט ווי ער איז נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן פערד מיט'ן אַקער און געאַקערט ווי אַן אמת'ער גוי...

די דאָזיגע ידיעה איז אָנגעקומען צו מענדיל'ן אַליין. ער האָט איהם גענומען אויפ'ן פערהער:

— וואו ביזט דו געוועז ?

— אין בית־מדרש...

— מען זאגט, אז דו ביזט געוועז אין פעלר...

האט זיך יודעל געמוזט מודה זיין.

— וואס האסטו דארטען געטהאן ?

— גאר ניט...

— איך האב געהערט, אז דו האסט געאקערט...

— איך האב ניט געאקערט... — האט יודעל פערזיכערט, אבער דער פאטער האט גענ הלט אז יודעל זאגט א ליגען און ער האט זיך גענומען צו איהם נאך שטרענגער:

— אז מען וועט דיך כאפען נאך אמאל ביים אקער. וועל איך דיך פון הויז ארויסטרייבען, דו פויער איינער... דער ראש הישיבה האט מיר טאקע דערצעהלט אז דו ווייסט קיינמאל ניט דעם „שיעור“, און האסט נאך איהם קיין איין רעכטע „קשיא“ ניט געפרעגט...

וו פיעל מענדיל לעווינ׳ס פעלדער זיינען ווערטה געוועז, האט מען אויף זיכער ניט געוואוסט: קיינער פון די שטעדטעלשע אידען האט מיט פעלדער קיין מסחר ניט געפיהרט, אבער גע־שאצט האט מען מענדיל׳ס ערד אין די צעהנדליגער טויזענדער... דער פרוש פון בית־מדרש, וואס איז געוועז בעהאוועפט אין מסכתא „זרעים“, האט געזאגט, אז אין ארץ־ישראל וואלטען אזוינע פעלדער ווי מענדיל׳ס, אנגעטראגען אן אוצר, אבער אין רוסלאנד איז ערד בחצי חנם, ווייל „פאניע“ קען אלע טאג חרטה האבען און צוריק אוועקנעהמען... פון דעסטוועגען האט ער זיך געוואונשען צו פערמאגען א דריט־חלק, וואס איין „וולאקע“ מענדיל׳ס ערד איז ווערט.

— און ווען מען גיט אייך ערד אומזיסט, וואלט איהר גע־נומען ? — האט איהם א צווייטער בית־מדרש איד געשטעלט א שאלה...

— אומזיסט? ווייס איך... וואָס וואָלט איך געמהאַן דערמיט? אז אליין טויג איך צו דעם ניט...

— וואָלט איהר געדונגען גויים...

— יאָ, דאָס „שיקט זיך“ שוין, אבער גיה האָב צו טהאָן מיט גויים!

און דערפאר האָט קיינער ניט מקנא געווען מענדלין זיינע פעלדער, מען האָט געשמועסט אז מענדיל אליין איז א איד אַן אָרימאַן. מאכט א לעבען בדוחק, ווייל העלפט פון די תבואות מוז ער אוועקגעבען די גויים, וואָס בעארבייטען איהם די ערד און דאָס וואָס ער בעקומט פון דער אנדערער העלפט, וואָס ער פערקויפט, איז ווייניג צו לעבען א גאנץ יאָהר... ווייל כאָטש מענדיל איז אויפ'ן פּאַפּיער א פויער, האָט ער זיך געפיהרט מעשה גביר... געוואוינט אין א שעהן הויז, געטראָגען די שעהנסטע קליידער און געקויפט די טייערסטע עליות...

דערפאר איז מענדיל געווען שטענדיג א בעל־חוב און באָרגען עטליכע רובעל איז איהם אָנגעקומען שווער, ווייל בעריל כאָטשע'ס, דער שטעדטעלשער וואָכערניק, פלעגט בלויז באָרגען געלט אויף מטלטלים, ווי קישענס, לייכטער און שנירלעך פּעריל, אבער ניט אויף קרקע...

— וואָס וועל איך מאכען מיט א שטיק קרקע — איך וועל עס דען בייסען? אזוי פלעגט בעריל כאָטשע'ס פרעגען מענדיל לעווין ווען ער פלעגט צו איהם קומען באָרגען א ביסעל געלט צו בעצאָהלען די גויים פאר'ן בעארבייטען זיינע פעלדער...

און מענדיל פלעגט איהם אין הארצען געבען געזעגנט:

און קומענדיג אהיים, פלעגט מענדיל אָן אָנגעבמורעטער אָראָבוואָרפען פון זיך דאָס היטעל, אָנטהאָן די שבת'דיגע יאָרמאָלקע און זיך אוועקזעצען ביים טישעל וואָס איז געשטאָנעי געבען דעם אלטער ספרים און זיך געהמען לערנען מיט א טרויריגען ניגון, אוועקטראָגענדיג זיך אין אנדערע וועלטען ווייט פון

די פעלדער, װאָס ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געשענקט זײַן זיידען...

און באַלד האָט ער שױן אינגאַנצען פֿערגעסען, אַז איהם פֿעהלט צו בעצאָהלען די גױים װאָס האָבען בעאַרבײַט זײַן ערד: ער האָט פּונקט געהאַט אױפֿצופֿלאָנטערען דעמזעלבען ענין אין דער גמרא, װאו עס האָט זיך געהאַנדעלט, װעגען אַ געװיסען מאָן. װאָס האָט פֿערמאָגט פעלדער און האָט זײַנע אַרבײַטער פֿאַרנאַכט ניט בעצאָהלט — װי איז דער דין? האָט מענדיל אַרײַנגעקוקט אין רש״י, אין תוספות, אין „פני יהושע“ און געזוכט אױ פֿערענטפֿערען דעם דאָזיגען מאָן, װאָס האָט געלעבט מיט טױזענדער יאָהרען צוריק אין אַן אַנדער װײַטען לאַנד...

„ניטשע".

שוין עטליכע חדשים ווי הערמאַן האָט פערלוירען זיין שטעל צוליעב א קאַפּריז און געפינט זיך די לעצטע צייט אין א שווערער מאַטעריעלער לאַגע.

ענדליך האָט ער בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו איינעם פון זיינע בעקאַנטע נאָך הילף...

— צו אַלדע טייוועל! — האָט ער געמורמעלט, אומגע־הענדיג אין זיין צימער, פון וועלכען עס איז ניט לאַנג ארוים דער ווירט און אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אז ער מוז איהם בעצאָהלען פאַר די דריי חדשים דירה־געלט — צו אַלדי טייוועל! לענגער אזוי קען עס דאָך ניט געהן. אדער אהער, אָדער אהין...

ביי'ן וואָרט „אהין" האָט הערמאַן געקוקט אויף די „געז". אבער דאָס האָט ער בלויז געסטראַשעט די פיער ווענט. הערמאַן איז בטבע אַן אָפּטימיסט און איז געגען אַזוינע מיאוס'ע זאַכען...

— עס זיינען דאָך דאָ אייגענטליך מענשען! האָט ער ווי ביי עמיצען געמאָהנט... עס איז דאָך בּאֱמת איינער פון די גרעסטע פערברעכענס צו לאָזען א מענשען אונטערגעהן, צוליעב א וועלכער עס איז נישטיגער סומע.

נאָך דער דאָזיגער טענה האָט ער דערפיהלט א בערעכ־טיגונג צו פאָדערן פון וועמען עס איז הילף... ער האָט איבער־געוואָרפען אין קאָפּ אַלע זיינע בעקאַנטע, פריינד און פערוואַנ־דטע. פאַר זיינע אויגען האָבען זיך גענומען טראָגען פערשיע־דענע פּנים'ער: שוואַרצע און בלאָנדע, יונגע און מיטעלמעסי־

נע: פנים׳ער מיט לאנגע נעזער, פלאכע נעזער און גראָבע נעזער. פנים׳ער מיט גרויע אויגען און ברוינע אויגען; פנימ׳ער ערנסטע און שמייכלענדיגע, פנימ׳ער לאנגע און קורצע, ווי ניט־דערענ־דיגטע... און פון די פנ מ׳ער האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף א גאָר־ניש־קשה׳דיגען פנים מיט שווארצע, כאָטש צו קליינע אויגען, מיט רונדע בעקלאך און צוויי קליינע זאפטיגע ליפע־לאך...

דאָס איז געווען דאָס פנים פון׳ם אדוואקאט לואי איזאַק־סאָן, הערמאן׳ס אַ גוטער בעקאנטער. ער געדענקט נאָך דעם דאָזיגען איזאקסאָן, ווען ער איז געוועזען א סטודענט און א גרויסער רעוואָלוציאָנער, פלעגט ז ך שטענדיג ארומטראָגען מיט מיכאילאָווסקי׳ן, און זיך אלץ געקליבען צו „געהן אין פאָלק“ און לעבען גלייך ווי איינער פון פאָלק.

ליידער האָט ער נאָכ׳ן ענדיגען בעקומען א רייכע כלה און נאָך דער חתונה א רייכערע קונדשאפט און איז דערפאר געווע־זען געצוואונגען צו שיידען זיך מיט זיין ליעבלינגס־פּלאן, אוועק־צוגעהן אין פּאָלק, און איז דערווייל געבליבען מיט זיין יונגע ווייבעל, וועלכע האָט דוקא געשטאמט פון אריסטאָקראטען...

אבער א ליבעראלער מענש איז ער געבליבען ביז איצט. ער פאָלגט נאָך די נייעסטע ליטעראטור און דעבאטירט אָפט־מאָל מיט פיעל טעמפּעראמענט און אויפריכטיגקייט וועגען די גרויסע גייסטער פון דער צייט.

— עס איז דאָך אונמעגליך, אז דער דאָזיגער מענש וועל־כער שעצט אָפּ מיין אינטעלינענץ, זאָל מיך אָבלאָזען אָהן הילף. האָט הערמאן זיך געמוטיגט מיט דער האָפנונג און האָט זיך מכין געווען צו בעזוכען דעם דאָזיגען איזאקסאָן אין אָן אווענד, ווען יענער איז פריי פון זיין קונדשאפט.

— עס זאָל נאָר קיינער אויסער איהם ניט זיין דערביי!— האָט הערמאן ז ך געשראָקען.

שטעהענדיג שוין נעבען שעהנעם הויז, וואו איזאקסאָן האָט געוואוינט האָט הערמאַן איבערגעטראכט, ווי אזוי דעם דאָזיגען אַלטען בעקאַנטען זיינעם פאַרבערייטען, אז יענער זאָל זיך לאָזען דיענען... דער ערשטער געשפּרעך וועט נאַטירליך זיין איבער ליטעראטור — דאָס איז איזאקסאָן'ס שוואכע זייט. אזוי געדענקט ער איהם, וועניגסטענס, זייט דער לעצטער בעגעגעניש מיט א האַלב יאָהר צוריק. דעמאָלט האָבען זיי גערעדט וועגען דעם ווי אזוי דאָס הומאַנע געפיהל דריקט זיך אויס בולט'ער אין די ווערק פון די רוסישע שריפטשטעלער און ווענ־גער ביי די גערמאַנער... איזאקסאָן איז פון דער דאָזיגער ענטדעקונג געווען צופריעדען און אַלס בעווייז האָט ער זאָגאַר דערמאָנט איינינע שטעלען פון די רוסישע קלאַסיקער...

און אויף דעם חשבון פון די הומאַנע רוסישע קלאַסיקער האָט הערמאַן מיט שטאָלץ אַנגעקלונגען אין טהיר.

ער האָט דערהערט לייכטע אבער זיכערע טריט, וועלכע האָבען זיך גענעהענטערט צום טהיר פון אינוועניג.

די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט און צו הער־מאַנ'ס גליק איז ניט געווען קיין גרעניץ: געעפענט האָט איהם טאקע איזאקסאָן זעלבסט.

— איהר זייט אליין! — האָט הערמאַן, אנשטאָט צו גריסען, פאַר פריידע אויסגעשריען!

— יאָ! וואָס איז דען?

— ניין... אזוי... האָט הערמאַן זיך געכאַפּט, אז זיין פריידע קען איהם גלייך ארויסגעבען און ער האָט זיך געפיהלט אין אן אונבעקוועהמער לאַגע.

אבער איזאקסאָן האָט איהם פריינדליך אַנגענומען פאַר די אקסלען און איהם אריינגעפיהרט אין זיין קאַבינעט.

— אַה, מיין גאָט, וואָס ביכער איהר האָט! — האָט הער־מאַן מיט בעגייסטערונג אויסגערופען און איז געווען זיכער, אז אַט דער בעזיצער פון אַזא רייכען ביכער־אוצר, בעזיצט אויף די

שעהנסטע און הומאנסטע געפיהלען צו זיינע מיט־מענשען.

— געוויס... — האט איזאקסאן צופריעדען געשמייכעלט — ביכער זיינען נאך אלץ מיין שוואכע זייט. איך קויף זיי און לייען זיי...

— וואס לייענט איהר איצט? — האט הערמאן געפרעגט און געווארפען א בליק אויפ'ן ב כעל, וואס איז געלעגען אויפ'ן טישעל אין א שעהנעם איינבינד.

— גיעט א קוק וועט איהר וויסען... — האט איזאקסאן ווי טראציג געמורמעלט.

הערמאן האט ניט אהן א געוויסער שרעק אויפגעעפענט דעם לינקען טאוועל, א בלעטער געטהאן דאס ערשטע זייטעל און ווי עמיצער וואלט איהם פון הינטען ארום ערגעץ א ביס געטהאן, האט ער או סגעשריען:

— פריעדריך ניטשע!... אלזא, שפראך זאראטוסטרא!.. און האט דאס ביכעל פון האנד ארויסגעלאזען, ניט געפינענדיג מעהר קיין ווערטער...

— קענט איהר עס? — האט איזאקסאן געפרעגט.

— יא.. האט הערמאן שוואך, ווי פערשולדיגט געענט־פערט... איך האב עס געלעזען...

— א גרויסער גייסט! — האט איזאקסאן געריהמט...

— הם.. א דיכטער... האט הערמאן געוואלט איהם מבטל זיין.

איזאקסאן האט זיך אבער אלץ מעהר און מעהר בעגייס־טערט:

— איך האב שוין לאנג אזוינס ניט געלעזען, וואס זאל אויף מיר ווירקען אזוי שטארק, ווי דאס דאזיגע ווערק.

— וואס געפעלט אייך אייגענטליך ביי דעם דאזיגען „פאנטאזיאר“? האט הערמאן ניט געקענט בעהאלטען זיין שלעכטע מיינונג וועגען דעם בוך.

— ווי רופט איהר איהם? — האט זיך אייזיקסאן בעלע־

דיגט „פאַנטאַזיאָר"... כאַ־כאַ־כאַ! ניטשע איז א פילאָזאָף! זיין טעאָרי וועגען דעם איבער־מענש איז ערהאבען... און ווירק־ליך — האָט זיך איזאַקסאָן אלץ מעהר בעגייסטערט — איז דען אונזער ביז אהעריגע מאָראל ניט געוועזען א שקלאַפען־מאָראל?

— פון דעסטוועגען וואָלטען מיר איין מינוט ניט געקענט עקזיסטירען מיט דער הערען־מאָראל פון ניטשע... האָט הערמאַן זיך געפּרובט ראַטעווען...

— ווארום דען? — האָט איזאַקסאָן זיך אָנגעכאַפּט — זאָלען טאַקע די שוואַכע אונטערגעהן און זאָלען בלייבען בלויז די שטאַרקע...

הערמאַן איז געבליבען ווי פערווירט. „נאַ דיר גאָר א נייע טעאָריע... די שוואַכע זאָלען אונטערגעהן... הייסט עס, אַז ער אליין איז דער ערשטער אויפ'ן צעטעל... און ווי אַזוי ווענדט מען זיך צו איהם איצטער נאָך ה לף... א קאָמישע לאַגע...

ער איז געזעסען נאָך א ווײַלע, געפּרובט אָבשלאָגען ני־טשעס טעאָרי מיט קראָפּאָטקינ'ס „גענענזייטיגע הילף", ער האָט אפילו פער'מסור'ט ניטשע'ן, אַז ער איז ענדליך משוגע געוואָרען, אבער דאָס אלץ האָט ניט געהאָלפען. איזאַקסאָן האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי זיין מיינונג, אַז ניטשע איז גערעכט. די שוואַכע דאַרפען, מוזען און וועלען אונטערגעהן און אַז די ביזאהעריגע מאָראל איז אַלט און פערשימעלט און דער מענשלי־כער גייסט מוז זיך פון איהם אָבטרייסלען...

— יאַ, האָט ענדליך הערמאַן וועלכען עס איז שוין געוואָ־רען היים — ארויסגעמורמעלט — עס איז אַלענפאַלס א וויכטי־גע פראַגע... מיר וועלען נאָך אַמאָל שמועסען דעריבער...

— א געוויס, געוויס! — האָט איזאַקסאָן פון זיין זייט מסכים געווען... — איך בין איצט אין גאַנצען דורכגעדרונגען מיט זאַראַטוסטראַ... א הר איילט זיך, וועל איך אייך ניט אָב־האַלטען, אבער פאַר'ן אוועקגאַנג זאָג איך אייך, אַז גערעכט איז ניטשע...

און ארויסגעהענדיג פון איזאקסאָן'ען האָט הערמאַן גע־מראַכט:

— ווי קאָמיש! ווי קאָמיש! געהסט צו א מענשען בעטען ער זאָל דיר קומען צו הילף און ביזט גליקליך, וואָס קיינער איז דערביי נישטאָ. מיט אמאָל — מ'שט זיך אריין ניטשע פון יענער וועלט און לאָזט דיר דאָס מויל ניט עפענען...

און געהענדיג האָט זיך איהם געדאכט, אז דער זעלבער ניטשע געהט איהם נאָך פון הינטען און פליסטערט איהם: די שוואכע מוזען אונטערגעהן... און זיין בעקאַנטער איזאקסאָן מיט א צופריעדענעם שמייכעל פאַרטאַקעוועט:

— געוויס! געוויס!

און הערמאַן האָט זיך געלאָזט שנעלער געהן, ווי ער וואָלט געזוכט ערגיץ א שוץ פון די דאָזיגע צוויי...

שטענדיג א בעל־הוב.

אין די שלעכטע צייטען האט בערקמאן מעהר פון אלע גע־ליטען פון בעלי־חובות. בטבע א מענש א גוטער און א ווייכ־הערציגער איז א הם געווען שווער בכלל עמיצען צו אבזאגען, אפילו ווען ער איז יענעם ניט שולדיג געווען, בפרט אזא וועל־כען ער איז יא שולדיג געווען.

דערפאר האט בערקמאן געמאכט א בעשלוס, אז ווי באלד ער וועט אויסצאהלען אלע חובות, זאל ער נאכדעם, מעג ער אפילו וויסען, אז עס וועט איהם אויסקומען צו ליידען, קיין חובות מעהר ניט מאכען.

און ווירקליך, ווי נאר ער האט געקראגען בעשעפטיגונג, האט ער גענומען אויסצאהלען די אלע חובות. און אבצאהלענדיג דעם לעצטען חוב האט ער פריי אבגעאטהעמט און, קעגען זיין געוואוינהייט, אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און מיט א שמייכעל אויסגערופען:

— איך דאנק דיר גאט! ענדליך זיך בעפרייט!

די געשעפטען זיינען געגאנגען גאר נישקשה'דיג. זיינע איינקינפטע האבען איהם ערלויבט, נאכדעם ווי ער האט אלע חובות אויסגעצאהלט, צו לעבען ברייטער און פרייער. דערפון זיינען גלייך געוואהר געווארען די בעקאנטע און ניט איינער פלעגט קומען צו איהם אויסקלאגען דאס הארץ און בעטען ער זאל איהם בעהילפיג זיין מיט געוויסע סומען.

די דאזיגע געבעטענע סומען זיינען אבער געווען צו גרויס, אז מען זאל יעדען קענען געבען מיט אמאל, איבערהויפט איז צו גרויס געווען די סומע, וואס עס האט ביי איהם פערלאנגט

עפּעס איינער א יונגער מאַן, וועלכען ער האָט ערגעץ־וואו אין דער וועלט געזעהן. דער דאָזיגער יונגער מאַן האָט איהם אויפ־געזוכט און געמאַכט דעם אַנשטעל, אז ער איז מיט איהם, מיט בערקמאַן׳ען הייסט עס, געווען אמאָל גאָר נאָהענטע חברים, כמעט ווי אויף „דו״. און האָט דערביי זעהר צוגעלאָזט געשמייכעלט.

—יעס, מר. בערקמאַן, אמאָליגע צייטען... דו געדענקסט— איהר געדענקט... אין קיעוו?...

— אין קיעוו בין איך קיינמאָל ניט געווען — האָט פערמיידינט זיך בערקמאַן.

— אָה, איך מיין אין קאָוונא... — האָט פעררירכט דער יונגערמאַן זיין פעהלער.

— יאָ, אין קאָוונא האָב איך טאַקי אמאָל פערבראַכט א פּאָר וואָכען.

— א האַלב יאָהר! — האָט פעררירכט ווידער דער יונגערמאַן.

בערקמאַן האָט אבער געוואוסט אויף זיכער, אז נישט מעהר ווי א פּאָר וואָכען, אבער ער האָט נ ט געקענט אזוי פיעל דינגען זיך מיט איהם און האָט איהם דערלעגט א פּאָר חדשים.

— מעגליך, אז צוויי־דריי מאָנאַט...

— איך זאָג אייך א האַלב יאָהר איז א האַלב יאָהר! — איהר קענט זיך שוין אויף מיר פערלאָזען!

און דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען דערצעהלען, ווי אזוי אין יענער צייט האָבען זיי זיך ביידע געמוטשעט.. און ווי באַלד אז אמאָל האָט מען זיך צוזאמען געמוטשעט, וויל ער היינט צו־זאמען פרעהען זיך, און אזוי ווי גאָט האָט בערקמאַן׳ען איצטער געהאָלפען, פערלאַנגט דער יונגערמאַן, אז בערקמאַן זאָל איהם איצט בעהילפיג זיין מיט א הונדערטער.

— א הונדערטער!...—האָט בערקמאַן ארויסגעשטאַמעלט—

אזוי פיעל קען איך איצט ניט... פארלויפיג בעקומט איהר א פופ־ציגער... די איבריגע וועל איך אייך געבען א צווייטען מאל.

דער יונגערמאן האט זיך אביסעל געדונגען און איז ענדליך מרוצה געווארען, אבער מיט דעם תנאי, אז די צווייטע העלפט זאל ער איהם א צווייטען מאל געבען.

בערקמאן האט נישט געהאט קיין אנדער ברירה ווי צו פערשפרעכען.

דער יונגערמאן האט זיך אבגעזעגענט גאנץ העפליך און איז ארויסגעגאנגען.

בערקמאן איז געווען זיכער, אז מעהר וועט ער איהם שוין ניט אנזעהן און איז געווען צופריעדען. דער יונגערמאן איז איהם ניט בעזונדערס סימפאטיש געווען.

אבער אין א וואך ארום קומט צו געהן דער יונגערמאן צו בערקמאן׳ען אין צימער, זאגט איהם א פריינדליכען „גוד־איוו־נינג“, אויסשטרעקענדיג דערביי די האנד, און נאך׳ן אפיציעלען בעגריסען זיך, ווענדעט ער זיך פארמעל:

— איהר האט מיר נאך צו געבען א פופציגער...

בערקמאן, וועלכער האט שוין כמעט ווי פערגעסען יענעם פופציגער, ערוואכט ווי פון א חלום און פיהלט, אז דער יונגער־מאן איז איהם עפעס אזוי שווער, און כדי דערוו[ייל] פטור ווערען פון איהם, זאגט ער איהם שנעל:

— יעצט האב איך ניט... קומט א צווייטען מאל...

דער יונגערמאן קווינקעלט זיך אביסעל, אבער ענדליך איז ער מסכים:

— מילא, איך וועל ארויפקומען נעקסטע וואך...

נעקסטע וואך איז שוין בערקמאן אין דער היים ניט געווען. ער איז געזעסען אין א רעסטאראן מיט בעקאנטע.

דער יונגערמאן איז גלייך געווארען געוואהר דעם פלאץ, האט זיך שטיל אריינגערוקט און געווענדעט זיך צום קעלנער:

— איז דא ניטא מר. בערקמאן?

דער קעלנער רופט אב בערקמאן'ען.

— א יונגערמאן פרעגט אויף אייך.

בערקמאן שטעלט זיך אויף און דערזעהענדיג דעם יונגענ־מאן, ווייל ער זיך ווענדען צום קעלנער ער זאל איהם הייסען געהן, אבער אום ניט צו מאכען א סקאנדאל, ווענדעט ער זיך צום יונגענמאן מיט א געמאכטען שמייכעל:

— קומט איבערמארגען צו מיר אהיים וועלען מיר כעט־לען!...

דער יונגערמאן פיהלט זיך ווי בעליידיגט און רופט זיך אן מיט בעהאלטענעם צארן:

— איהר ערלויבט זיך צופיעל מיט מיר, מר. בערקמאן, איך האב אז דאס צווייטע מאל ועט איהר זיך ניט ערלויבען אזוי... אלזא, ווען זאל איך קומען?...

— קומט איבער־אכטאג דאנערשטאג א זייגער 7 אין אבענד צו מיר אהיים... רופט זיך אב בערקמאן, אום דערווייל ניצול צו ווערען...

דערווייל האבען ביי בערקמאנ'ען די געשעפטען גענומען געהן מיט'ן קאפ אראב. דאס ביסעל געלט וואס ער האט נאך געהאט אבגעשפארט פון די לעצטע גוטע וואכען האט ער בע־שלאסען צו שפארען ווי ווייט עס וועט זיך לאזען.

אבי קיינעם ניט שולדיג זיין, האט ער פאר זיך אליין ארויסגערעדט.

און באלד האט ער זיך דערמאנט אן דעם יונגען מאן און בעשלאסען מעהר איהם גאר נישט צו געבען: גענוג פאר איהם די ערשטע פופציג דאלאר!..

אבער דער יונגערמאן איז געקומען צו דער בעשטימטער שעה.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען — האט בערקמאן אנ־געהויבען...

— ניין! ניין, מר. בערקמאן, מעהר קען איך נישט ווארטען...

— וואס קענט איהר ניט ווארטען? — איז בערקמאן איבערראשט געווארען.

— איך מיין די פופציג דאלאר...

— וועלכע פופציג דאלאר?...

— וואס איהר זיינט מיר שולדיג...

— אך, יא... האט בערקמאן זיך ווי צוטומעלט... ס'הייט אייגענטליך ווי אזוי שולדיג?... ווען האב איך ביי אייך גענומען?

— איהר מאכט זיך צום נאר, מר. בערקמאן, איז דער יונגערמאן געווארען נערוועז — וואס הייסט, א הר האט ביי מיר גענומען? איהר האט נאך געוואלט ביי מיר נעהמען?... ווען איהר נעהמט ביי מיר, וואלט איך ביי אייך ניט געמאהנט— א י ך האב ביי אייך גענומען פופציג דאלאר... איהר האט שוין פערגעסען?...

— טא ווי אזוי־זשע בין איך אייך שולדיג...

— ווייל איך האב געדארפט נעהמען הונדערט... איהר פערשטעהט? — איך האב געדארפט נעהמען הונדערט און געגעבען האט איהר מיר בלויז פופציג, שוין צייט אייך צו וויסען דעם חשבון קלאר...

— דארף איך אייך הייסט עס געבען נאך פופציג...

— געוויס! — האט זיך דער יונגערמאן אנגעכאפט — עס איז דאך א קלארער חשבון: געדארפט געבען האט איהר הונדערט און געגעבען האט איהר פופציג דאלאר...

— איהר מיינט צו זאגען, אז איהר פערלאנגט נאך א פופציגער... האט בערקמאן געוואלט אבשוואכען דעם איינדרוק פון א חוב...

אבער דער יונגערמאן איז געשטאנען פעסט:

— איך פערלאנג פון אייך קיין טובות. איך מאהן בלויז דאס, וואס מיר קומט פון אייך.

דא האט זיך שוין בערקמאן איינגאנצען צוטומעלט און מיט א שוואכער שטימע, ווי אין די שלעכטע צייטען, ווען ער איז א בעל־חוב געווען, האט ער זיך געווענדעט צום יונגענמאן:

— נו, בעט איך אייך איהר זאלט מיר ווארטען נאך א קורצע צייט, לאמיר זאגען נאך א וואך...

אין א וואך ארום האט זיך בערקמאן געווענדעט צו זיינעם א נאהענטען פריינד ער זאל איהם בארגען א פופציגער.

— אויף וואס דארפסטו? איז דער פריינד נייגעריג געווען.

— איך מוז ברודער, בעצאהלען א זעהר מאוס'ען חוב...

— הויבסט שוין אן ווידער מאכען חובות... האט דער פריינד איהם גוטמוטיג גע'מוסר'ט.

— איך האב מיר ניט געקענט העלפען... — האט זיך בערקמאן פערענטפערט.

און זיצענדיג ביי זיך אין צימער און ווארטענדיג אויפ'ן יונגען מאן, האט בערקמאן פילאזאפירט:

אייגענטליך איז א מענשען אונמעגליך צו לעבען גאר אהן חובות... אזוי צי אנדערש, אבער שטענדיג זיינען מיר אימיצען עפעס שולדיג.

געשפּיעלט פאַר'ן קייסער.

דער אָרקעסטער פון דאַנסקי פּאָלק, וואָס איז בעשטאַנען פון זעקס און דרייסיג מאַן, האָט צווישען זייגע מוזיקאַנטען געצעהלט גאַנצע דרייסיג אידען. די דאָזיגע גרויסע צאָהל פון אידען האָט זיך געוואָרפען צופיעל אין די אויגען און ניט נאָר די זעקס קריסטליכע מוזיקאַנטען אליין, נור אפילו א מאַנכער אָפּיצער פלעגט דעם דאָזיגען אָרקעסטער רופען מיט פעראַכטונג און מיט קנאה: „זשידאָווסקאַ אַ קאָמאַנדאַ".

מיט קנאה מעהר ווי מיט פעראַכטונג. די מוזיקאַנטען האָט זיך טאַקע געלעבט ניט שלעכט. אַ דאַנק דעם בעריהמטען קאַפּעלמייסטער, אַ טשעך, האָט דער דאָזיגער כמעט אידישער אָרקעסטער געשפּיעלט די גרעסטע קאָמפּאָזיציעס פון די בעריהמטע קלאַס קער. און איינמאָל איז דער קאַפּעלמייסטער אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיט דעם שטרייך אָרקעסטער איינגעלערנט מאָצאַרט'ס און בעטהאָווען'ס אַ סימפאָניע!

דער קליינער שוב, אַ געוועזענער סטאָליער פון מינסקער גובערניע און דאַ אַ שפּיעלער אויף אַ געדרעהטען אינסטרומענט, וואָס מען רופט „וואַלדהאָרן", פלעגט זיצענדיג ביי מאָצאַרט'ס סימפאָניע אין גאַנצען ציטערען. אין דער דאָזיגער סימפאָניע האָט ער געהאַט מעהר פּאַוזען איידער טאַקטען, און די דאָזיגע פּאַוזען צו צעהלען איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער. פון מאָצאַרטען און בעטהאָווען האָט ער ווייניג געוואוסט, אבער די פאַר היימישע אידישע מוזיקאַנטען, וואָס האָבען זיך אין דעם דאָזיגען מיליטער־אָרקעסטער געפונען, האָבען איהם ערקלערט ווי גרויס זיי זיינען געווען און אַז אַ סימפאָניע איז ניט קיין מאַרש

און אפילו ניט קיין „באזשע צאריא כראני“ און דערפאר טאקי פלעגט ער זיצענדיג ביי דער סימפאניע פון מאצארטען אדער פון בעטהאווען מעהרער שווייגען ווי „בעגלייטען“, ווארום זיין שווייגען פלעגט דער קאפעלמייסטער זעלטען דערהערען, אבער קוים פלעגט ער א בלאז טהאן דוקא דארט וואו מען דארף ניט, פלעגט דער קאפעלמייסטער זיך ווארפען צו איהם מיט'ן „צווי־בער־שטעקעלע“ און זיך צושרייען: „מאלטשי, מאלטשי!...

און אט א דאנק די דאזיגע סימפאניען אין וועלכע דער קליינער שוב פלעגט דאך אן אנטייל נעהמען, איז דער דאזיגער פאלקאוואי ארקעסטער געווען בעריהמט און פלעגט מען דארפען ערגיץ גוטע מוזיק, פלעגט מ'זיך שוין ווענדען צום דאזיגען ארקעסטער. אויף א.א אופן האבען זיך די אידישע מוזיקאנטען געפיהלט געהויבען און אויסער דאס געלד, וואס זיי פלעגען בעקומען, שפיעלענדיג אמאל ביים גובערנאטאר, ביים ארכירעי און אנדערע הויך־געשטעלטע פערזאנען, פלעגען זיי בעקומען אויך „ספאסיבא'ס“ און ג ט זעלטען פלעגען זיי אויף די דאזיגע בעלער און ארגיען זיך צונויפמישען מיט די אפיציערען און אנדערע הויכע געסט און די מעהר ענטוויקעלטע און שעהנערע פלעגען זיך זאגאר צושארען צו א מאנכע יונגע דאמע פון באל, וועמעס מאן עס איז געווען אן אלטער פאלקאוניק, בעהאנגען מיט מעדאלען, אבער אהן א פונק לעבען...

דערפאר אבער פלעגט דער דאזיגער אידישער ארקעסטער האבען אויסצושטעהן צרות ביי א גרויסען „סמאטר“. ווען מען פלעגט זיך ריכטען, אז דער קארפוסנער קאמאנדיר אליין וועט אריבערקומען „קוקען“...

דער קאמאנדיר פון פאלק, אליין א ליעבהאבער פון מוזיק, פלעגט מורא האבען, אז דער קארפוסני זאל אמאל ניט בעמערקען די צו גרויסע צאהל אידען אין דער קאמאנדע. פאר א.א סמאטר פלעגען די אידישע מוזקאנטען זיך מוזען גוט ארומגאלען, זיין געשוירען צום קאפ און בבלל אנגעהמען א כיזען,

שטרענגען קוק, עס זאָלען די אידישע אויגען ניט ארויסגעבען...

ערב סמאָטר פלעגט דער קאָמאַנדיר, וואָס איז שטענדיג געווען מילד צו די אידישע מוזיקאַנטען, זיך פערוואַנדלען אין א בייזען און אויפגערעגטען פיהרער. אריינקומענדיג אין דער קאָמאַנדע און בעגריסענדיג די מוזיקאַנטען, פלעגט ער מיט זייער ערשטען ענטפער ניט בלייבען צופריעדען.

— זינגט נ ט, ווי אין סינאַגאָגע! — פלעגט ער בעמערקען בייז. און פלעגט נעהמען איינשטודירען מיט די מוזיקאַנטען, ווי אזוי מאָרגען צו ענטפערען דעם קאָרפוכנאָי קאָמאַנדיר.

— זדראַווי זשעלאיעם וואשעמו, וויסאָקאָמו פרעוואָסכאָדיטעלסטוואו...

און מעהר ווי אלע האָט דאן געהאט אויסצושטעהן דער קליינער שוב, וועלכען עס האָט ניט געהאָלפען קיין שום גאָלען זיך. דער איד איז געלעגען אויף זיין כונדיר און שינעל, זאָגאר אויף דער קאקארדע. דער „קאָמאַנדיר" פלעגט איהם דרעהען אהער און אהין, הויבען איהם דעם קאָפּ און עס איז ניט געגאַנגען — שוב איז געבליבען מיט זיין אידישען אויסזעהן, אונבעענדערט... ביז וואנען דער קאָמאַנדיר פלעגט פאלען אוף א פּלאן, ער זאָל שטעהן גאָר אין דער הינטערשטער רייהע, כאָטש לויט זיין אינסטרומענט קומט איהם די דריטע רייהע...

שוב פלעגט זיך פיהלען פון דער דאָזיגער בעשטימונג זעהר בעליידיגט. עס איז איהם אויסגעקומען צו שטעהן הינטער די גרויסע באָסען און טראָמבאָנען און ער איז שיער נישט פערטויבט געוואָרען פון זייערע ברייטע און הילכענדיגע נאָטען, וואָס זיי האָבען איהם אריינגעבלאָזען אין די אויערן.

איינמאָל איז אויסגעקומען, דעם דאָזיגען אָרקעסטער מיטצונעהן אויף א קייזערליכער מאַנעווערע...

עס האָבען מאַנעווירט צוויי „אָקרוגען", דער ווילנער און דער ווארשאווער. דער אידישער אָרקעסטער מיט די זעקס קריסטען, פון וועלכע איבעריגעם, איינער איז אין ווענ קראַנק

נעוואַרען, האָט זיך געפּיהלט צווישען די טויזענדע פּרעמדע מחנות, ווי א צונעוואַרפּען־פּעקעל... דערצו דאָס געפּיהל, אז ערגיץ פאַהרט נאָך דער צאַר, די צאַרינע מיט דער גאנצער סוויטע... שוב האָט זיך געפיהלט מיט זיין וואַלדהאָרן אין א טראַגיקאָמישער לאַגע. ווי אזוי איז ער אריינגעפאַלען צווישען אזא'ן עם רב?... דערצו נאָך פּלעגט מען זעהר אָפּט הייסען דעם אָרקעסטער אבשיידען זיך פון פּאָלק און בעהאַלטען זיך אין וועלדיל. די אידישע מוזיקאַנטען האָבען עס ערקלערט מיט סטראַטעגיק, די עטליכע גוים אָבער האָבען געברומט, בייז אנגעקוקט די אידען און געגעבען אַן אַנדער ערקלערונג:

— דאָס איז צוליעב אייך, אידען! מען וויל ניט, אז דער צאַר זאָל אייך זעהן... צוליעב אייך, דאַרפען מיר, פּראוואָסלאַווע, אבקומען און ניט זעהן אונזער צאַר...

פּלעגט שוב זיך פערטיידיגען:

— דאָס איז צוליעב סטראַטעגיק!

נאָר די גוי'אישע מוזיקאַנטען, האָבען זיך געהאַלטען, אז דאָס איז בלויז דערפאַר, וואָס מען שעהמט זיך צו ווייזען די אידישע קאָמאַנדע און האָבען געדראָהט, אז קומענדיג פון דער מאַנעוורע, וועט מען זיי אלע צושיקען צוריק אין די ראָטעס...

אזוי האָט זיך געצויגען ביי א דריי וואָכען. דער אידישער אָרקעסטער האָט זיך אין דער קייזערליכער מאַנעווורע געפּיהלט ווי קאָנטראַבאַנדע, און ביי יעדען מאָל, ווען עס האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, אז דער קייסער איז נאָהענט, פּלעגען זיי ערוואַרטען, אז באַלד וועט קומען דער קאָמאַנדיר און זיי ערגעץ פערשטעקען אין א וועלדעל.

דערצו זיינען די מאַנעווורען געווען שווער ווי אן אמת'ע מלחמה. די מוזיקאַנטען האָבען פאַר דער גאנצער צייט ניט גע־

שפיעלט און דאס האט זיי נאך מעהר גערריקט און האבען זיך געפיהלט ווי איבעריגע...

עס איז אנגעקומען דער לעצטער טאג. שוב איז געלעגען אין זיין איינגעפאלענע בעט מיט אנגעבויטער פאלאטקע מיט נאך פ ער אידען און געווארט אויף בעפעהלען... זיין וואלדהארן איז געלעגען נעבען איהם א פערטריקענטע און פערשעהמטע. פלוצים האט ער דער־הערט, ווי דער רעזשורנע זיינער, אויך א איד, האט גערופען פון די פאלאטקעס.

— שטעלט זיך אוים מיט די איסטרומענטען.., האט ער מיט א ציטערדיגער שטימע זיי בעפוילען — עס איז מעגליך, אז מיר וועלען דארפען באלד געהן שפיעלען פאר'ן קייסער...

שוב איז שיער ניט אומגעפאלען פאר שרעק, אבער באלד איז דאס געפיהל פון שרעק פערשוואונדען און א געפיהל פון נצחון האט איהם בעהערשט. הייסט עס, אז ווען מען דארף אמת'ע גוטע מוזיקאנטען, מוז מען אנקומען צו אונז... ער האט זיין מיינונג ארויסגעזאגט פאר צארפינען, וואס האט שוין דאס יאהר געדארפט געהן א היים.

— ווי געפעלט דיר, צארפין, מיר וועלען שפיעלען פאר'ן קייסער.

צארפין האט לוסטיג געשמייכעלט און צוגעברומט:

— וואס דען, זיי וועט מען שיקען ?...

באלד איז געקומען פון זיין פאלאטקע דער קאפעלמייס־שער, ער איז געווען זעהר פרעהליך, כאמש שטארק אויפגע־רעגט :

— ברידער ! — האט ער זיך פריינדליך געווענדעט צו זיי. — אויף אונזער ארקעסטער איז אויסגעפאלען דער גרוי־

סער כבוד צו שפּיעלען פאַר'ן קייסער. זיין גרייט און פערשעהמט נים אייער בערוף...

און באַלד האָט ער זיך גענומען רעפּעטירען מיט דעם אָרקעסטער איינינגע וו כטיגע זאַכען.

שוב האָט זיך דאָס מאָל מעהר ווי אימער געפלייסט, ניט נאָר יעדער טאַקט, וואָס זיין בלאַט נאָטען האָט פערמאָגט האָט ער געשפּיעלט מיט געפיהל, אַפילו די פּאַוזען האָט ער געקלאַפּט מיט'ן פוס מיט גרויסער בעגייסטערונג:

— איינס, צוויי, דריי, זיבען... צוועלף, הונדערט...

שוב איז געזעסען אין דעם גרויסען פּאַווילִיאָן אויף אָן עסטראַדע און ניט געוואַגט זיך אומקוקען. ער האָט מורא געהאַט אויפצוהויבען זיינע אויגען, ער זאָל זיך ניט בעגעגענען מיט'ן צאַר'ס בליקען... דערצו האָט ער ניט געוואָלט, אַז דער צאַר זאָל דערקענען אין איהם זיין אידישקייט. איינגעגראָבען זיינע אויגען אין דעם בלאַט נאָטען מיט די פּאַוזען, האָט ער געצעהלט זיי מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיגקייט. געדאַכט האָט זיך איהם, אַז טאָמער מאַכט ער אַ פעהלער, וועט דער קייסער גלייך דערהערען.

שוב אָבער האָט אין דער מינוט באמת געוואָלט דעם קייסער צופריעדענשטעלען.

און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז דער קייזער טאַקי געווען צופריעדען, וויל גלייך נאָכ'ן „אַביעד" האָט זיך דער קייסער אויפגעשטעלט און גלייך נאָך איהם דער אָרקעסטער און אָבשפּ עלענדיג אַ צווייטען מאָל די הימן, האָט דער קייסער הויך אויסגערופען:

— חאַראַשאָ, בראַטצי!

עס הייסט, אַז דאָס שפּיעלען איז איהם געפעלען.

און דאָ האָט זיך שוין שוב נישט געקענט איינהאַלטען און

נעווארפען א בליק אין דער זייט וואו דער קייסער איז געשטאַ־נען.

אבער אזוי ווי דער קייסער איז געוועזן ארומגערינגעלט פון א גרויסער סוויטע, האט שוב ניט געקאנט אונטערשיידען צווישען זיי און דעם קייסער.

קומענדיג פון די מאנעווערעס צוריק אין שטאָדט אין דער קאמאנדע, האט שוב זיך געזעצט שרייבען א היים א בריעף, וואו ער האט געמעלדעט זיין טאטען דעם סטאליער, אז עס געהט איהם גאנץ גוט; ער האט געשפּיעלט יענע וואך פאר'ן קייסער און אזוי גוט געשפּיעלט, אז ער האט בעקומען א „ספּאסיבא" און ווערליג מען רעדט אין „קאמאנדע" ליגט פאר זיי אין פאל־קאוויע קאנגאטשייסטווע צו רובעל אלס בעלוינונג...

דער געפונענער נאמען.

זי איז געווען הערמאן׳ס א גאר נאהענטע בעקאנטע. עס האט שוין געהאלטען שיער—שיער ביי ליעבעם ערקלעהרונג. ער האט אלץ אבגעלייגט אויף א מעהר פייערליכען מאמענט. נאר ס׳האט זיך געטראפען עפעס א שטערעניש. ער האט איינ־מאל ניט געקענט קומען צו דער בעשטימטער צייט און נאכדעם האט ער גערעכענט, אז זי וועט בייז ווערען — און פון דער בע־קאנטשאפט האט זיך אויסגעלאזט א טייך.

אפט פלעגט ער זיך אן א־הר דערמאהנען, געוואלט בענייען צוריק די פריינדשאפט. ער האט אבער ניט געפונען קיין גע־לעגענהייט. דערווייל זיינען די וואכען, שפעטער די מאנאטען פערגאנגען. אט איז שוין באלד א יאהר, אז ער האט זי ניט געזעהן.

נאר איינמאל, געהענדיג אזוי, אין גאס, האט ער זי גע־טראפען, ‏ג׳ז יונגע, א שעהנע, א שטאלצע...

דאס הארץ האט איהם אנגעהויבען שטארק צו קלאפען. ער האט דערפיהלט די בלאסקייט פון זיין פנים. צו בעקלערען: יא אבטעלען זי אדער ניט ? — איז קיין צייט ניט געווען. אט איז ער שוין נעבען איהר.

— העללאו ! — האט ער גלייך אויסגעשטרעקט די האנד. געוואלט אויסרופען איהר נאמען, אבער דא האט פאסירט איינע פון די גרעסטע הינדערניסע. ער האט פערגעסען איהר ערשטען נאמען. אך, עס האט זיך אזוי געפאסט אויסרופען איהר ערשטען נאמען. עס איז ווארימער, פריינדליכער און מיט׳ן ערשטען נאמען געווינט מען ניכער דעם צוטרוי...

זי דאַנגענען האָט גאָר נישט פֿערגעסען. האָט איהם אבגע־
ענטפֿערט אויף דעם העללאָו מיט א פֿריינדליכען שמייכעלע:

— העללאָו, הערמאַן!

— העללאָו, העללאָו! וואָס מאַכט איהר... און וועלענדיג
אַנרופֿען איהר נאָמען האָט ער זיך אַנגעשטרענגט צו דערמאָה־
נען א הם. „ראָזע"... ניין, „בערטהא"... ניין... „ליזא", ניין...
„ראַכעל", ניין... העללאָו... העללאָו!... ווי אַזוי הייסט זי?...

האָט ער שוין געוואָלט מאַכען א פּשרה און רופֿען זי ביים
צווייטען נאָמען: זי מוז דאָך האָבען א נאָמען... מען קען דאָך
ניט רעדען מיט א נאָהענטער בעקאַנטער און ניט אַנרופֿען קיין
איינציגען מאָל איהר נאָמען... זאָל זיין כאָטש דעם פֿאַמילי־
נאָמען. ראַבינאָוויטש, ניין... בערמאַן... ניין... „לוריע"... ניין
„גאָלדמאַן"... ניין... „ביילין"... ניין... ניין! אַך, ווי הייסט זי...

— וואָס זייט איהר אַזוי פֿערזאָרגט, הערמאַן?

— איך פֿערזאָרגט?... — האָט ער זיך דערשראָקען... ניין...

אַך, דאָ האָט זיך ווידער אַזוי געפּאַסט אַנצורופֿען איהר נאָמען:
ניין, ליזא... אבער זי הייסט נישט ליזא... און אפשר יאָ... זאָל
ער פּרוּאָווען!... אַך, מאָמער הייסט זי ניט אַזוי, וועט זי דער־
וויל ערפֿאַהרען, אַז ער האָט פֿערגעסען איהר נאָמען, ביידע נע־
מען, דעם ערשטען און דעם צווייטען. עס איז א שאַנדע פֿאַר
איהם און א בעליידיגונג פֿאַר איהר. אַזוי, הייסט עס, געדענקט
ער מיך!... ניין, אויסזאָגען איז געפֿעהרליך... ער מוז ביי איהר
אַרויסקריעגען דעם נאָמען, דעם ערשטען אָהער דעם צווייטען...

— איהר זייט יאָ פֿערזאָרגט... — האָט זי איהם געפֿאָרשט
און בעטראַכט זיין שטערען, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין
איין קנייטשען. וואָס איז מיט אייך, הערמאַן... עפּעס האָט מיט
אייך פּאַסירט...

ער האָט איהר געוואָלט פֿערזיכערען, אַז גאָר נישט... אין
געגענטהייל, עס געהט איהם זעהר גוט... בלויז איין קלייניגקייט;

ער האט פערגעסען איהר נאמען: חאשע? ניין, זעלדע? ניין... לעאנארא?

— ניין.. אין גענענטהייל, איך פיהל מיך גאנץ גוט... האט איהר מיך טאקע געוואלט זעהן?...

— געוויס, הערמאן... — האט זי זעהר פריינדליך געענט־פערט, כאטש אייער ווארט האט איהר דעמאלט ניט געהאל־טען...

— א, גלויבט מיר... — האט זיך הערמאן גענומען פער־טהיידיגען... אבער ס'האט זיך דא אזוי געפאסט אנצורופען איהר נאמען. „פרידע?“ ניין... „דבורה“? ניין... אך, מיין גאט ווי הייסט זי?... — א, גלויבט מיר, אז איך האב שטענדיג גע־טראכט פון אייך...

— יא, איך גלויב אייך! — איז זי פערטרויליך געוואָ־רען... — מיר וועלען, הייסט עס, ווידער ווערען פריינד...

— געוויס, געוויס... — ע... אך! א הר נאמען! איהר נאמען! אזא נאהענטע בעקאנטע!... — געוויס, געוויס! ווילט איהר ערגעץ געהן...

— ליידער, הערמאן, בין איך איצט פערנומען. א צווייטען מאל... איך וועל אייך געבען מיין אדרעס... וועט איהר מיר שרייבען ווען צו טרעפען זיך...

הערמאן האט זיך דערפרעהט: „איצט וועט ער הערגעהן איהר נאמען: ער וועט זיך ראטעווען, עס פייניגט איהם אזוי דאס פערגעסען... גאלדע? ניין! ציפע?... אך, ניין! אט שרייבט זי שוין... באלד וועט זי ערפאהרען... ער וועט זי כאטש ביים אוועקגאנג קענען אנרופען ביי'ן נאמען...

זי האט איהם דערלאנגט די אדרעס: הערמאן האט דורכ־געלאפען מיט די אויגען דאס צעטעלע: ניטא קיין נאמען; בלויז די גאס, די נומער פון הויז... עס הייסט, אז זי איז זיכער אז איהר נאמען ווייס ער דאך... א נאהענטער בעקאנטער... כמעט א געליעבטער...

— אייער אדרעס... — האָט ער געשמייכעלט, — 1753...

— יאָ... דער נומער פון הויז... פאַר מיר, — האָט זי געשמייכעלט...

— יאָ... פאַר אייך... איך ווייס... איך וועל אייך שרייבען...

אַ קאַלטער שוויס האָט איהם בעגאָסען: ווי אַזוי וועט ער איהר שרייבען? גאָט מיינער! איך וועל ווידער בלייבען אונ־פּונקטליך מיט איהר... זי איז אַזאַ ליעבע מיידעל...

זי האָט איהם אויסגעצווייגען די האַנד, ליעבליך געשמיי־כעלט און זיך גענומען זעגענען...

— הייסט עס, הערמאַן, אויף דאָס נײַי...

— יאָ... יאָ... טעמע?... ניין! „נעמי", ניין... „אסתר", ניין... יאָ... אויף דאָס ניי... איך וועל אייך שרייבען... 1753... איך וועל אייך שרייבען... חנה ציפּעראָוויטש! ניין... יאָ, איך וועל אייך זיכער שרייבען.

— איך האָף, הערמאַן... איצט וועט איהר זיין פּינקטלי־כער...

— אַ יאָ... געוויס...

אַך, ווען ער קען אָנרופען איצט ביים זעגענען איהר נאָ־מען: „נעכע"... ניין — „שרה"... ניין, „רבקה"... ניין... לאה... ניין!

אָט איז זי שוין אוועק אין דער זייטיגער גאַס... ער וועט זי צוריק אָניאָגען און פרעגען: ער וועט זיך איהר מודה זיין, אַז זי האָט ער גוט געדענקט... די גאַנצע צייט געטראַכט פון איהר, אָבער דעם נאָמען האָט ער גראָד פערגעסען... זי וועט עס פער־שטעהן...

אָבער עס איז געפעהרליך... זי וועט איהם חושד זיין, אַז ער האָט זי אפילו אין זינען ניט געהאַט... ווי אַזוי פערגעסט מען עס אַ נאָמען פון אַ נאָהענטער?... זי וועט זיך בעליידיגען... ניין, בעליידיגען וויל ער זי ניט... ער וועט איהר שרייבען... 1753... עס

וועט ניט אנקומען.. ער וועט ווידער בלייבען ניט קיין ווארטס־מאן ביי איהר... זי וועט איהם ענדליך פערהאסען!

ער האט זיך געלאזט געהן צוריק, אין דער ריכטונג וואוהין זי איז אוועק. אפשר וועט ער איהר נאמען ארויסקריעגען... זי א ז שוין אבער געוועזן צו ווייט. ווען ער זאל וויסען איהר נא־מען, וואלט ער הויך אויסגעשריען, און זי וואלט דערהערט... איצט מוז ער סיידען יאגען זי... יא. ער וועט זי יאגען...

אבער אניאגענדיג זי וועט ער דאך מוזען אנרופען זי ביים נאמען... נייז, ער וועט זי אנריהרען מיט דער האנד... זי וועט ז ך דערשרעקען... זי וועט זיך ווענדען צו איהם... ער וועט זא־גען: הערט! עס וועט קלינגען אזוי קאלט... זי וועט בייז ווע־רען...

דאך האט ער זיך פערקירעוועט אין דער ריכטונג וואו זי איז אוועק, האט זיך געלאזען מיט שנעלע טריט, ער האט זי אנגעיאגט...

— ע... ע...

זי האט זיך אבגעקעהרט צו איהם:

— א, הערמאן... איהר ווילט מיר נאך עפעס זאגען...

— יא... אייער אדרעס... איך בעט אייך, שרייבט עפעס צו...

— וואס זאל איך אייך צושרייבען... עס איז דאך ריכטיג...

— יא... אבער... — האט הערמאן געשטאמעלט...

— וואס אבער...

— אייער נאמען..

— מיין נאמען, נו איהר ווייסט דען ניט מיין נאמען... אך, הערמאן, איהר זייט נאך אלץ א ווינצלינג... גוט, איך וועל אייך צושרייבען מיין נאמען!...

— אייער נאמען! אייער נאמען! א, ער איז מיר אזוי טהייער! איך וויל איהם האבען אויפ'ן פאפיער...

זי איז געווארען גערידהרט: ער האט זי ווירקליך ליעב

און געדענקט זי גוט... יאָ, זי פּיהלט עס איצט... זי איז צוגע־גאַנגען צו אַ וואַנד, אויסגעשפּרייט דאָס צעטעלע און צוגע־שריעבען איהר נאָמען.

— אָ, העלענא! העלענא! העלענא! — האָט ער זיך צו־זונגען פון פרייד — איך דאַנק אייך, ליעבע העלענא... איהר האָט מיר גליקליך געמאַכט...

— מיט אַזאַ קלייניגקייט... — האָט העלענא געשמיי־כעלט פערגעניגט! עס פרעהט מיר זעהר...

— איך וועל דאָס צעטעלע מיט אייער נאָמען האַלטען טהייער. העלענא! העלענא!...

און צושיידענדיג זיך מיט איהר, אַנרופענדיג זי ביים נאָ־מען, האָט ער דאָס צעטעלע מיט'ן אדרעס בעהאַלטען צווישען די נויטיגסטע פּאַפּיערען, און ניט זייענדיג דאָך זיכער, אַז ער וועט עס ניט פערליערען, האָט ער געהענדיג דעם גאַנצען וועג גע'חזר'ט:

— העלענא! העלענא! העלענא!

און קיינמאָל איז איהם אַ נאָמען ניט אַזוי טהייער געווען, ווי דאָס מאָל!

עס שאָקעלט זיך.

ביי נחמן, אַן אָרעמער בעל־הבית אין שטעדטעל, לעבט מען שטענדיג אין איין שרעק און ביי יעדער אַרבייט, ביי יעדער בעוועגונג שרייט מען דאָרט אין שטיבעל אייגער צום אַנדערן: פּאַמעליך!

ביי נחמן'ען עסט מען קיין מאָל רוהיג ניט אָב קיין ביסעל געקעכטס. ווייל ווי מען שטעלט אַוועק די שיסעל אויפ'ן טיש, הויבט זיך דער טיש אָן צו שאָקלען. דאָס בעסטע ביסעל — די אויבערשטע — גיסט זיך אויס, און נאָך דעם מוז מען פאָרזיכ־טיג עסען, סטאַרען זיך אַ צושטאַרקען ריהר ניט צו טהאָן דעם טיש, כדי ניט אויסצוגיסען דאָס רעשט ביסעל געקעכטס.

אַז מען עסט אָב רוהיג אָהן אַ סבה דעם „וואַרמעס“, פּיהלט יעדערער פון הויז־געזינד אַן ערגרינגערונג און דאַנקט אין הער־שטיל גאָט פאַר'ן חסד, וואָס דער טיש האָט דאָס מאָל ניט גע־קאַפּריזעט.

ערגער איז אָבער מיט דער וועטשערע! וועטשערע עסט מען שוין ביים לאָמפּ און די שרעק ווערט אין צווייען. ווייל די גלאָז פון לאָמפּ, וועלכע מען האָט געקויפט אויף באָרג, איז מיט אַ נומער גרעסער און זי שאָקעלט זיך אום אויף דער מאַשינקע.

די פאָרזיכטיגקייט ווערט גרעסער, און ווען איינער שרייט „פּאַמעליך, דער טיש!“ מוז אַ צווייטער קומען צו חילף און שרייען: „פּאַמעליך — די גלאָז!“ און אַמאָל אַז עס האַלט שמאָל, סיי דער טיש, סיי די גלאָז הויבען זיך אָן צו שאָקלען, שרייט מען צוזאַמען, גאַר פערקירצט: „די גלאָז, דער טיש“.

און מען הערט אויף צו עסען, ביז מען בערוהיגט ניט די ביידע אוננארמאלע הויז־ווירטהשאפט.

נחמן און זיין הויזגעזינד האבען שוין צום טיש און צום לאמפ איבערגעטהאן פיעל סגולות. אונטער דער הינקעדיגער פיסעל האט מען א ציעגעל אונטערגעלעגט, עס האט אבער ניט געהאלפען ווייל די פאדלאגע איז ניט קיין גלייכע; די מאשינ־קע פון לאמפ האט מען מיט א פאפיר ארומגעדרעהט, האט עס געהאלטען איין אבענד און עס איז ווידער בריים געווארען און זיך גענומען שאקלען ביז מען האט זיך מיאש געווען, און עס איז געבליעבען אזוי.

און נאך וועטשערע, אז מען ווערט שוין ווידער רוהיגער, הויבט זיך אן א סדרה מיט די צוויי בעטען. זיי האבען זיך קענ־טיג אנגעשטעקט פון טיש און שאקלען זיך שוין אויף עטליכע יאהר. און אז מען לעגט זיך אין זיי אריין דאכט זיך, אז אט־אט פאלט מען פון זיי ארויס, און נאר מיט ניסים שלאפט מען איבער די נאכט.

און אמאל, אז דער ווינט איז דרויסען בלאזט, שאקעלט זיך ביי נחמן'ען די שויבען פון די פענסטער, די שינדלען פון דעם דאך און דאס גאנצע שטיבעל, און דאמאלס דאכט זיך נחמנ'ען, אז אט־אט פאלט אלץ אין גאנצען איין און ער וועט גאר נישט האבען: ניט קיין צובראכענעם טישעל, ניט קיין גלאז מיט א נומער גרעסער, ניט קיין בעטען וואס שאקלען זיך, און ניט קיין אלט שטיבעל.

און נחמן לעבט אב זיין גאנצען לעבען אין שרעק, און זיין גאנץ לעבען שאקעלט זיך.

די נקמה.

(אַ מעשה'לע)

אין אַ גרויס לאַנד, וואו עס האָט רעגיערט אַ בייזער הער־שער און אַלע זיינען עבדים ושרים האָבען געטהאָן דעם הער־שערס ווילען, דאָס הייסט — רשעות און רשעות — האָט גע־לעבט אַ נביא.

דער דאָזיגער נביא פלעגט אומגעהן איבער די גאַסען און מערק אין יעדער שטאָדט און פלעגט זאָגען מוסר און פלעגט ניט שוינען יונג און אַלט, אָרעם און רייך.

דאָס פאָלק פלעגט ניט שטענדיג הערען דעם דאָזיגען נביא'ס ווערטער. אַ גאַנצען טאָג האָט עס געאַרבייט אין די פעלדער, אין די געדיכטע וועלדער אָדער ביי די גרויסע און רייכע האַרען; אויך האָט דאָס פאָלק ניט אַלע מאָל פערשטאַנען וואָס דער נביא רעדט און דאָס גרעסטע טהייל פון פאָלק פלעגט בעסער אין אַ פרייער מינוט אוועקגעהן אין שענק אריין אויס־טרינקען אַ גלעזעל בראָנפען, כדי צו פערגעסען די צרות און די קנעכטשאַפט אונטער וועלכע יעדער האָט זיך געפונען אין דעם דאָזיגען לאַנד.

נאָר דעם נביא האָט ניט שטאַרק געאַרט, וואָס דאָס פאָלק הערט איהם ניט. ער האָט טיי גוי סיי ניט דאָס פאָלק גע־מוסר'ט, נאָר די פיהרער פון פאָלק און די דאָזיגע פיהרער — פעראירער — פלעגען זיינע ווערטער טרעפען ווי שאַרפע פיילען־בויגענס אין האַרץ אריין און זיי זיינען אויף איהם זעהר בייז געווען.

אָבער בייזער פאַר אַלע איז אויפ'ן נביא געווען איינער אַ גרויסער האַר. דיעם דאָזיגען האַר האָט זיך שטענדיג נעדוכט,

אז דאס גאנצע מוסר, וואס דער נביא זאגט איז אנגעמאסטען פונקט פאר איהם, ווייל יעדע זינד, וואס דער נביא האט אויסגערעכענט איז אויף זיין נשמה געלעגען און ער האט זיך געפיהלט שרעקליך בעליידיגט און איהם זיינען ניט איינגעגאנגען אלע זיינע תענוגים: ניט די וויינען, ניט די ווייבער, ניט די מוזיק, וואס פלעגט פאר איהם שפיעלען און זיין גרימצארן האט געפלאקערט ווי א פלאם־פייער און ער האט שטענדיג געטראכט וועגען עפעס א שטארקע נקמה אין דעם היילינגען נביא.

נאר שוואך און פערשטאפט איז זיין קאפ געווען און ער האט בשום אופן ניט געקענט דערקלערען קיין פאסינגע נקמה.

האט ער זיך איינמאל מישב געווען און זיך געווענדעט צו א גרויסען חכם אין לאנד און האט איהם צוגעזאגט א סך אוצרות מיט געלד, ער זאל איהם זעהן אן עצה געבען וואס פאר א נקמה ער זאל נעמען אן נביא.

— איך בין אויף איהם אזוי בייז! אזוי בייז! — האט ער זיך געקלאגט פאר'ן חכם. גיב אן עצה וואס איך זאל איהם אבטהאן. ווי מיינסטו גרויסער חכם, אפשר זאל איך ביי איהם אלע זיינע פעלדער און גיטער אבנעמען און לאזען איהם אויף דער וועלט ארעם און נאקעט, ווי אן איינפאכער פויער.

און דער חכם האט געענטפערט:

— די דאזיגע נקמה איז שוין צו שפעט, ווייל דער נביא האט אלע זיינע פעלדער און גיטער, וואס ער האט געהאט בירושה, ארעמע פויערן פערטהיילט און פאר זיך האט ער גארנישט איבערגעלאזט.

— אפשר זאל איך הייסען מיינע קנעכט זיי זאלען חאפען איהם ערגעץ אין א ווינקעל און גוט אנברעכען איהם די ביינער?

דער חכם האט געשמייכעלט און געענטפערט:

— ניין, גרויסער האר. ניט קיין נקמה וועט עס זיין נאר א טובה. דו ווייסט דאך, אז דער נביא וויל יסורים האבען פאר זיינע היילינגע ווערטער, וואס ער רעדט אין גאטס נאמען. די

קלעפּ — דאָס איז זיין שכר. און אנשטאָט נוקם זיין זיך — ווערסטו איהם בעלויהנען.

— אפשר מאכען אויף איהם א בלבול, אז ער איז א מורד במלכות און אין טורמע אריינוואַרפען איהם? האָט דער האַר ווידער פאָרגעלעגט זיינע פּלענער.

— ווידער ניט קיין נקמה, נאָר א טובה! — האָט דער חכם געשמייכעלט. צווישען די הונדערטער פער'משפט'ע אין טורמע, וועט ער זיך פיהלען ערשט גליקליך און פריי, ווייל די אונגליקליכע זיינען זיינע ברידער און חברים. אדרבא, פאר איהם גרויסער האַר, איז אונזער גאנצע לאַנד א טורמע.

דאַ האָט זיך דער האַר אנגעבוינען און אויפ'ן אויער דעם חכם עפּעס איינגערוימט.

— דאָס איז אויך ניט קיין נקמה פאר איהם. אזוינע מענ־שען ווי אונזער נביא האָבען קיין מורא ניט פאר'ן טויט. זיי, פערקעהרט, האלטען זיך פאר טויט בשעת זיי לעבען און פאר לעבענדיגע — נאָכ'ן טויט.

דאָ איז דער האר אין א העפטיגען צאָרן אריינגעבראכט געוואָרען און האָט קריצענדיג מיט די צייהן און דריקענדיג מיט די פויסטען, אויסגעשריען:

— קלעהר עפּעס אויס פּאָרט א נקמה! איך מוז מיך אין איהם נוקם זיין! איך קען ניט רוהען! ער איז מיין גרעסטער שונא!

דער חכם האָט רוהיג געשמייכעלט און געענטפערט:

— בערוהיג זיך גרויסער האַר. איך האָב אַן עצה, ווי אזוי זאָלסט זיך אין איהם נוקם זיין, אז ער זאָל פיהלען שטאַרק און טיעף די נקמה.

אנגעצונדען מיט א בייזער שמחה האָבען זיך די סאָרע אויגען פון האַר און ער האָט אויסגעשריען:

— גיכער, זאָג — ווי אזוי?

און דער חכם האָט געענטפערט:

— אויב דו ווילסט ווירקליך זיך נוקם זיין אין נביא, מוז־סטו מיט איהם שלום ווערען, ווערען זיינער א פריינד און ליבען איהם און ריהמען איהם און גרויסען איהם. ווארום קיין ערגערס איז ניטא פאר א נביא ווען עם ווערען מיט איהם שלום אזוינע מענשען ווי דו!...

די לבנה.

איינמאָל געהט חייקעל דער קירזשנער ארויס איינס א זיי־נער ביינאכט אויפ'ן הויף און ער ווערט מאָדנע פערוואונדערט. עפּעס איז דרויסען איז ליכטיג, פּונקט ווי עס וואָלט שוין טאָג געווען און פון די הייזער ליגען אויסגעצויגען גרויסע, ברייטע שאָטענס אזוי רוהיג און שטיל, אָבער מיט עפּעס א גאוה; און זיין שאָטען אליין איז אויך אזא מאָדנער גרויסער, א לאנגער און א דיקער, פּונקט ווי ער וואָלט אין דער אמת'ן טאקע א מענש געווען... עס זאָל שוין זיין „גרויסער טאָג“ קען ניט זיין: אויפ'ן גאס איז אזוי מאָדנע שטיל, אז ער הערט זיין אייגענעם אָטעם, די לאָדען פון די הייזער זיינען אומעטום פערמאכט, און אָט הערט ער אפילו די קאָלאָקאָטקע פון נאכט־וועכטער. וואָס־זשע בעדייט דאָס אזא מין ליכטיגקייט!

ער וואַרפט די אויגען אויף אלע זייטען, ווי ער וואָלט גע־זוכט יענעם לאָמפּ, וואָס האָט אזוי ליכטיג געמאכט די נאכט. ענדליך הויבט ער אויף די אויגען צום ריינעם הימעל, וועלכער איז נאָר וואו ניט וואו בעשפּרינקעלט מיט קליינע ווייסע וואָל־קענדלעך, און ער דערזעהט אין דער מיט א קיילעכדיגע ליכטיגע רעדעלע, אזוי קיילעכדיג און אָבגעטאָקט, פּונקט ווי א שטיקעל סחורה אויף א דעקע צו א היטעל... דאָס דאָזיגע שטיקעל קיי־לעכדיגע איז איהם מאָדנע בעקאנט, ער האָט עס אמאָל ערגעץ געזעהען... „מאָדנע בעקאַנט, ווארט לאָמיך זיך אקארשט דער־מאָנען“...

אלערליי עראינדערונגען פון זיין יונגענד הויבען אָן ווי פון א נעבעל ארויסגעהן פון איהם, טאנצען און שפּרינגען פאר איהם, און פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך דעם חדר, דאָס געהען ביי נאכט

יידישע

אהיים, די ליעדלעך „אדוני מלך“, „היי, היי העמעריל“; דער־גאכדעם דערמאָנט ער זיך דעם בית־המדרש: אידען דאַוונען מעריב, נאָך מעריב געהען אידען, א סך אידען ארויס פון די בתי־מדרשים. נאָר נישט אהיים געהט מען; מען שטעלט זיך אויס אין א רעדעל אויפ׳ן שול־הויף און מען הויבט אָן ווידער דאַוונען.

— אוי, דאָס איז דאָך די לבנה! — גיט זיך חייקעל א חאַפּ, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן אן אלטער שעהנער מעשה, וואָס ער האָט אין חדר אמאָל בין בנחה למעריב געהערט... אין זיין הארץ שפּרינגט שיער ארויס פאר שמחה.

— די לבנה, ווי איך בין א איד, די לבנה! — שרייט ער אויס הויך אויפ׳ן קול. אוי, אוי, אוי! ווי לאנג איך האָב זי ניט געזעהען, זינט איך ארבייט... קוים־קוים, זי דערקענט... אז ביי טאָג ארבייט מען און ביי נאכט שלאָפט מען, ברוך־השם— פערענטפערט ער זיך...

און ער הויבט אָן צו בעטראַכטען די אלטע בעקאנטע, אויף וועלכער ער פלעגט קינדווייז אזוי ליעב האָבען צו קוקען, דער הויפּט אויף דער נאָז, אויף די צוויי אויגען... ער הויבט אָן יעצט זוכען די נאָז מיט די אויגען, אבער — ניטאָ.

ער ווערט מאָדנע איבערראשט. ער קאָן שווערען, אז אמאָל האָט די לבנה געהאט א נאָז מיט צוויי אויגען, ער געדענקט דען נישט, וואָס?... וואו זשע איז עס אהינגעקומען?...

ער שטרענגט אָן די בליקען און זוכט. די לבנה, א קיילעכ־דיגע און א ריינע שווימט זיך רוהיג, דאכט זיך מיט א שמייכעלע, אבער קיין נאָז און קיין אויגען — ניטאָ...

חייקעל דארף געהן שלאָפען צוריק, א גאנצען טאָג האָט ער שווער געארבייט און היינט דארף מען טאקי פריה אויפשטעהן, נאָר עס פערדריסט איהם, פאר וואָס זאָל ער דאָס גלאט ניט געפינען די נאָז מיט די אויגען... כאָטש די נאָז אליין, און אפשר איז דאָס גאָר נישט די לבנה?

פאַר דעם געדאַנק דערשרעקט ער זיך צוליעב צוויי זאַכען: ערשטענס, אויב דאָס איז ניט די לבנה, טאָ וואָס זשע איז דאָס? און צווייטענס, ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ מענש זאָל ניט וויסען, וואָס יאָ לבנה און וואָס ניט... אַז אין מאַסטער־סקאַיאַ וואָלט מען זיך דערוויסען, וואָלט מען דאָך איהם גע־מאַכט פאַר אַ משוגענעם.

ער קוקט אויפמערקזאַם אַרויף אין דער הויך און זוכט... נאָר אויסער דער איין לבנה און עטליכע ווייסינקע וואָלקענדלעך איז גאָר נישטאָ.

אויב אַזוי איז דאָס טאַקע די לבנה! אייגענטליך איז זי די זעלבע ווי אַלע מאָל, ער וואָלט זי דערקענט אפילו, ווי מען זאָגט, אַז אַבגעשונדענע...

נאַרישקייטען! ער ווייס דען ניט וואָס אַ לבנה איז?... ווער ווייס דען ניט?

ער ווערט שוין זיכער, אַז דאָס איז די לבנה. און דער־פיהלענדיג, ווי די אויגען קלעפּען זיך איהם, וויל ער שוין געהן צוריק שלאָפען. נאָר פּלוצלונג גיט איהם ווידער אַ קלאַפּ אין קאָפּ: וואו איז אָבער פאַרט דער לבנה'ס נאָז, מיט די צוויי אויגען? אַז ער געדענקט אויף קלאָר, אַז אַמאָל האָט זי געהאַט אַ נאָז מיט צוויי אויגען...

ער הויבט זיך אָן אויף אָן אמת צו בעאונרוהיגען. עס אַרט איהם ניט אַזוי, וואָס די לבנה האָט פערלוירען די נאָז מיט די אויגען, ווי עס אַרט איהם דאָס, וואָס ער ווייס ניט ווי אַזוי איז דאָס אהינגעקומען...

קען דאָס זיין, אַז פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס ער האָט זי ניט געזעהען, האָט זי זיך געביטען...

ער מוז דאָס דערגעהן. פרעגען וועט ער ניט, מען וועט געוויס לאַכען, אָבער ער קען דאָס דערגעהן אין דעם ביכעל „אַ וועלט מיט וועלטעלעך"... דאָרטען שטעהט פון דער זון און פון דער לבנה און פון אַלץ... אַ שאָד, וואָס שבת לייענט ער אַלץ

די פּאַליטישע ביכלעך, און פון אנדערע זאכען הויבט ער ניט אָן צו וויסען... אין „א וועלט מיט וועלטעלעך“, גערעגקט ער, רעדט זיך דערפון. ער האָט דאס אמאָל געלייענט — נאָר ער האָט אינגאנצען פערגעסען...

פראַגמענטען.

1.

זיי און ער.

אויף די בעל־בתים, ביי וועמען הערמאַן האָט געוואָהנט אין אַ קליין זייטיג צימער'ל, האָט ער געקוקט מיט פעראַכטונג.

— בעל־בתים! — פלעגט ער שטענדיג אַ ברום טהאָן, בע־געגענדיג זיך מיט זיי.

טיעף אין הארצען אבער, אליין ניט וויסענדיג פון דעם נעפּיהל, האָט ער זיי געאַכט.

— דאָס זיינען מענשען! — פלעגט ער, אַראָבפּאַלענדיג ביי זיך, אַמאָל אַ מורמעל טהאָן.

זיי זיינען שוין אלט איבער פופציג יאָהר, און דאָך זיי־נען נאָך זייערע פּנים'ער פריש, די אויגען העל און קוקען זיכער אויף אַלץ און אויף אַלעם. אפילו די נעזער זייערע קוקען אויס אזוי פעסט אריינגעזעצט, ווי איינגעפונדרעוועט אין די פּנים'ער. „איינגעפונדרעוועטע!"

דורכגעהענדיג אַמאָל די קיך, פלעגט זיין אויג פאַלען אויף די שווערע קופּערנע כלים, פאַנען, טעפּ, שטויסלען און אנדרע־רע חפצים, מיט וועלכע די וועגד זיינען געוועזן אויסגעהאַנגען און איהם פלעגט זיך דאַכטען, אַז זייגע בעל־בתים זיינען אויך אזוי שטאַרק, פעסט, ווי אָט די קופּערנע כלים.

היינט דער קאַסטען, דער גרויסער קאַסטען אין קיך מיט די אייזערנע רייפען: ווי שווער ער איז, ווי פעסט, ווי איינגע־פונדרעוועט! היינט דער טיש אין מיטען שטוב! ווי פעסט ער שטעהט — אייזען!

און א געשעפט האבען זיי אויך א גרויסען, זיי האלטען די שטאדט־מיהל, וועלכע גיט שעהנע פרנסה. אויסדינגען קען זי קיינער ניט, זיי האבען א קאנטראקט אויף דרייסיג יאהר! איינגעפונדעוועט!

היינט די אמונה זייערע! — ווי זיכער זיי זיינען אין גאט, אין גיהנם, אין גן־עדן!

און ער ווייס ניט, וואס מיט איהם וועט מארגען זיין! עס קען זיין, אז מארגען ווארפען איהם אפ די איינגעפונדעוועטע לייט פון זיין צימער׳ל ארויס. ער קען זיך אפילו אויף איין חודש מיט א דירה ניט איינפונדעווען. ער און אלץ, וואס ער האט, הענגט אין דער לופט.

אפילו די פאר ביכלעך, וואס ער האט, וואס זיינען כלומר׳שט זיין גאנץ לעבען, זיינען ניט איינגעבונדען, איינציגע בלעטלעך, זיי צופאלען, צושיטען זיך... אפילו זיין פאספארט איז אלט, צעריסען, צוקנייטשט, צופאלט...

אפילו די פאר אידעען, וואס ער האט אין קאפ, זיינען ניט איינגעפונדעוועט. ביי דער מינדסטער בעוועגונג פון דער נשמה ווערט פון זיי רויך, גאר נישט. און ער בלייבט א פער־צווייפעלטער...

ער האט גאר ניט איינגעפונדעוועטעס...

2.

דער משכון.

מיין חבר יאנקעל, וואו איז ער איצטער? צו איז ער פאר זיין גוטסקייט פערלוירען געגאנגען?

יא, ער איז א גוטער געווען! זיין גוטסקייט האט דער־גרייכט יענע שטופע, ביי וועלכע מען קאן שוין ווייטער ניט געהן — די שטופע דערגרייכט דעם הימעל און קומענדיג צו איהר, קאן מען שוין מעהר אויף דער ערד ניט לעבען...

און איך זעה איהם שוין מעהר ניט!...

נאר ווען עס טרעפט מיט מיר אמאל, אז איך הויב אן זוכען דעם נוטען מענשען צווישען די טויזענדער, דאן זעה איך איהם, שטעהענדיג פאר מיינע אויגען, און איך צווייפעל, צו וועל איך צווישען אנדערע טויזענד געפינען נאך איינעם, ווי ער....

עס איז ווינטער געוועזן: דער פראסט האט געברענט. שנעל האב איך געשפאנט איבער די גרויסע רוישענדע גאסען. איך האב זיך אויף קיינעם פון די פערבייגעהענדע נישט אומגעקוקט, טאמער בעגעגען איך א בעקאנטען און וועל דארפען ארויסנעהמען די האנד פון טאש, אום זיך צו גריסען. און דאמאלס האב איך מיין חבר בעגעגענט און, ניט ווילענדיג, האב איך זיך אבגעשטעלט; ער האט זעהר קאמיש אויסגעזעהען. אויפ'ן פלייצע האט ער געטראגען א גרויסען פאק. געגאנגען איז ער אהן א היטעל און איהם איז נאכגעגאנגען א קליין אבגעריסען אינגעלע און האט פון איהם די אויגען נישט אראבגענומען.

— יאנקעל, וואס איז דאס?

— געה, געה, שפעטער וועל איך דיר דערצעהלען.

און שפעטער האט ער מיט אט וואס דערצעהלט:

— א נאריש אינגעל, פערשטעהסט... געהט אין גאס, פערשטעהסט, און טראגט אזא שווערען פאק... איך זעה, עס איז ניט נאך זיינע כחות, עס פאלט אונטער איהם, א קינד פון 12 יאהר, פערשטעהסט, און דארף שוין הארעווען... איך געה, ווייסט דאך, אין לעדינגען, זאג איך איהם: ווייז מיר, איננגעלע, דעם פאק, איך וועל דיר העלפען אונטערטראגען, וויל ער ניט... ד. ה. וועלען וויל ער זעהר, נאר ער האט מורא, פערשטעהסט, איך זאל מיט'ן פאק ניט ענטלויפען... פערשטעהסט, מיינע בגדים זיינען איהם נישט געפעלען... איך פערזיכער איהם, ער גלויבט

ניט. „ווייסטו גאר וואס, אינגעלע, פאל איך אויף אן המצאה, איך וועל דיר עפעס געבען פאר א משכון. איך דערמאהן זיך אבער, אז איך האב ביי זיך גאר נישט... מילא, פערפאלען, זאל ער טראגען אליין, וואס קאן איך איהם העלפען. איך זעה אבער, ער נעהמט עס אויפ׳ן פלייצע און ער פאלט... מילא, וואס האב איך געזאלט טהאן? איך האב איהם דאס היטעל פאר א משכון געגעבען...

—און איך האב געמיינט, אז דו האסט זיך מיט עמיצען גע־שלאגען, און מען האט ביי דיר דאס היטעל אראבגעכאפט — האב איך לאכענדיג געזאגט.

— ניין, ברודער, — האט ער זיך ווי דערשראקען, שלאגען שלאג איך זיך ניט, למאי זאל מען זיך שלאגען?...

3.

„ניט אין פוס“.

אמאל איז ערגעץ וואו אין א רעגימענט געווען א סאל־דאט. דער דאזיגער סאלדאט איז געווען טריי און בראוו, גע־פאלט אלץ וואס די עלטסטע האבען איהם געזאגט און גע־לעהרענט. די שוועריגקייטען וואס עס קומט אויס דורכטרא־גען ביי דיענען אין דער ארמעע, האט ער אנגענומען פאר ליעב, ווי א פילאזאף, וואס נעהמט אן פאר גוט יעדע אונפער־מיידליכע שלעכטס אויף דער וועלט. האט אבער דער דאזיגער סאלדאט געהאט א מאדנע אייגענשאפט, וואס האט איהם פערשאפט פיעל צרות. ער האט נעמליך געהאט זעהר א שארפען חוש פון הערען. אט צוליעב דעם דאזיגען פערשפיצטען געהער זיינעם האט ער געמוזט אויסשטעהן שפאט, שאנד, און אמאל פשוט קלעפ פון די עלטסטע און פיהרער.

יעדער ווייס, אז סאָלדאַטען מוזען מאַרשירען אַלע אין פוס. דאָס הייסט בײ'ן אַרויסגעהן מוזען די טויזענדער געהן ווי איינער. צום אָנפאַנג וואַרפט מען אַרוים דעם לינקען פוס, נאָכדעם דעם רעכטען, און אַזוי געהט מען שוין דעם גאַנצען וועג: איינס צוויי... איינס... צוויי. אונזער סאָלדאַט וואָלט אודאי אויך געוואָלט געהן גלייך מיט אַלע. האָט ער אָבער ניט געקענט זיין קיין פאַלשער, ווייל נאָך זיין געהער איז אויסגעקומען, אַז ע ר געהט ריכטיג און די איבעריגע טויזענדער נעהען פאַלש. זיין נישט גלייך געהן מיט אַלע האָט געשטאַמט דערפון, וואָס, ווי געזאָגט, זיין געהער איז געווען זעהר שאַרף און ווי דער קאָמאַנדיר האָט אויסגערופען: מאַרש! האָט ער עס דער ערשטער דערהערט און גלייך „אַרויסגעוואָרפען" דעם לינקען פוס. די איבעריגע אָבער האָבען דעם דאָזיגען אויסרוף: „מאַרש!" דערהערט מיט אַ סעקונדע שפּעטער, איז אויסגעקומען אַז ער דער איינציגער פלעגט געהן שטענדיג ניט אין פוס.

פלעגט אונטערלויפען אין מיטען מאַרשירען איינער פון די עלטסטע, אַ קלאַפּ טהאָן דעם דאָזיגען „ניט־פוסיגען" סאָלדאַט אין פוס און זיך צובייזערן:

— העי, דו, אידיאָט! ווי אַזוי מאַרשירסטו: איינס צוויי... איינס, צוויי.. מיט דער לינקער... שנעל! בייט איבער!...

אַ ברירה האָט ער געהאַט און געמוזט פאָלגען, אָבער אין האַרצען האָט ער שטאַרק פּראָטעסטירט:

— א י ך בין גערעכט... איך געה ריכטיג, און זיי געהען פאַלש...

זיין טעאָרי האָט ער איינמאָל אויסגעלעגט פאַר אַ צווייטען סאָלדאַט, וועלכער יענער האָט פון איהם, נאָכ'ן מאַרשירען, חוזק געמאַכט.

— פערשטעהסט... איך בין ניט שולדיג... איך געה ריכטיג...

— ווי אַזוי געהסטו ריכטיג — האָט דער צווייטער גע־

שמייכעלט — אז ווען אלע געהען מיט דער רעכטער געהסטו מיט דער לינקער און פערקעהרט.

— דאָס איז דערפאר, מיין פריינד, ווייל איך דערהער גלייך דעם קאָמאַנדירס מאַרש... איך מאַך דעם ערשטען טריט ריכטיג, איהר אבער זיינט טויב און דעם מארש דערהערט איהר שפּעטער ווי א ך, קומט אויס אז איהר געהט אלע גלייך און איך ניט, אבער איך וויים דאָך, אז רעכט האָב א י ך...

דער חבר האָט איהם אָנגעקוקט מיט חוזק און זיך אָנגע־רופען:

— הייסט עס, אז דו ביזט דער חכם און מיר די טויזענ־דער זיינען די אידיאָטען...

— אזוי מיין איך מאַנכעמאָל — האָט דער איינער שוואַך, אבער מיט גלויבען אין זיין גערעכטיגקייט געענטפערט.

— אויב אזוי — איז דער צווייטער בייז געוואָרען — וועט מען דיך אוועקשיקען אין וואַיענעם דול־הויז... דאָרטען וועסטו מאַרשירען לויט דיין טעאָרי...

דער איינער האָט זיך פערטראַכט און זיך דאָך ניט אונטער־געגעבען; און איז געגאַנגען ניט „אין פוס“.

4.

וואו איז די גערעכטיגקייט.

מיין פריינד האָט זיך געכאַפּט, אז אויף דער וועלט איז מעהר ניטאָ קיין גערעכטיגקייט. וואו איז זי פערפאַלען געוואָ־רען? ער האָט זי געזוכט און געזוכט און ניט געפונען. ער איז געוואָרען שטאַרק פערצווייפעלט, האָט זיך פערשפּאַרט ענדליך אין דער היים און גענומען זוכען א מיטעל, ווי אזוי צו געפינען די גערעכטיגקייט און אוועקזעצען זי צוריק אויף איהר טראָן.

טראַכטענדיג אַזוי היעגען דעם האָט ער ענדליך געפונען אַ וועג: ער וועט אַרויסגעבען אַ זשורנאַל און דער דאָזיגער זשורנאַל וועט טראָגען דעם טיטעל: די גערעכטיגקייט.

ער איז געוואָרען בעגייסטערט פון דער אידעע. ער איז זיכער געוועזן, אַז דער דאָזיגער זשורנאַל וועט צוריק אומקעהרען די גערעכטיגקייט אויף דער וועלט.

מיין פריינד איז געווען אַ מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען. האָט ער וואָס פאַרגענומען אין געדאַנק, האָט ער עס געמוזט אַרויסברענגען אין דער ווירקליכקייט.

אין אַ חודש אַרום האָט די גערעכטיגקייט שוין געזאָלט ערשיינען.

איך בין צו איהם אַריין.

אין זיין אַרבייטס־צימער איז ער געזעסען און נעבען איהם איז געשטאַנען זיין יונגע פרוי.

זי האָט גע'טענה'ט:

— דו ביזט דאָך שוין דריי טעג און נעכט ניט געווען אין דער היים. מיר איז אומעטיג... דאָס קינד בענקט אויך. וואו איז די גערעכטיגקייט?...

שפּעטער איז אַריין אַ יונגערמאַן. ער האָט ניט געזאָגט קיין גוט־מאָרגען, האָט בייז אָנגעקוקט דעם חבר מיינעם און גענומען טענה'ן:

— הערט, יונגערמאַן, איהר האָט ביי מיר געבאָרגט אויף צוויי טעג אַ סומע געלד אַרויסצוגעבען דאָרט אייער נאַרישען זשורנאַל, און אָט איז שוין באַלד אַ חודש און איהר האָט נאָך נישט בעצאָהלט. וואו איז די גערעכטיגקייט?

באַלד איז אַריין אַ דריטער:

— הערר רעדאַקטאָר, איך האָב איך מיט צוויי וואָכען צוריק געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט, איהר האָט צוגעזאָגט מיר געבען אַן ענטפער אין פערלויף פון דריי טעג... אָט איז שוין צוויי וואָכען און איהר ענטפערט ניט... איך האָב דעם מאַנוסקריפּט

שוין לאנג געקענט פערקויפען. פרעג איך אייך: וואו איז די גערעכטיגקייט?

שפעטער איז געקומען דער קאַרעקטאָר און גע'טענה'ט:

— אבער האָט איהר אָנגעמאַכט נייע בעמערקונגען אויף די אָבגעזעצטע בויגענס... וואָס מיינט איהר — איך האָב צייט אזוי פיעל צו ענדערן!... איך קען ניט בלענדען די אויגען אויף אייערע גרייזען דאָרטען... וואו איז די גערעכטיגקייט?

באלד איז געקומען נאָך איינער, דאָס איז געווען אן אגענט:

— העי, הערר רעדאקטאָר... איך האָב אייך בעצאָהלט פאָראויס פאר דרייסיג אבאָנענטען... דער זשורנאל איז נאָך ניטאָ... וואו איז די גערעכטיגקייט?

דאָ איז דער רעדאקטאָר צוטומעלט געוואָרען, זיך אויפגע־שטעלט און אויסגערופען:

— מיינע פריינד, די גערעכטיגקייט וועט ערשיינען אין צוויי טויזענד עקזעמפּליארען, עס וועט זיין פאר אלע...

איך האָב מיט מיטלייד אָנגעקוקט מיין חבר, בעטראכט זיין קאָמיש־תמימות'דיגען גלויבען און איהם פערלאָזט, מורמלענדיג פאר זיך:

די גערעכטיגקייט וועט דאָך ענדליך ערשיינען אין צוויי טויזענד שטיק...

ענדליך וועט זי ערשיינען...

דער רויבער.

(ניו־יאָרקער בילד)

די סטאָר איז געווען א לאַנגע און א שמאָלע. סחורות האָט זי געהאַט פון א „פאָרווערטס" און א „דזשוירנאַל" ביז אכט שטיקלעך קענדי פאַר א י י ן פעני.

איך פלעג דאָרט קויפען א „פאָרווערטס" און סיגאַרעטס. צוליעב דער דאָזיגער סטאָר האָב איך איינגעשפּאָרט עטליכע פענים א טאָג, א דאנק דעם, וואָס די בעסערע סאָרט סיגאַרעטען זיינען דאָרט ניט געווען צו קריגען און איך האָב געמוזט צוליעב מיין טריישאַפט צו די אייגענטימער פון סטאָר רויבערען א ביליגען און ערגערען סאָרט, אבי איך זאָל האָבען די געלעגענהייט אין דער פריה, גאָהענדיג צו מיין בעשעפטיגונג און פארנאכט, געהענדיג צוריק פון דער בעשעפטיגונג — אריינגעהן צו זיי און פערווייל'ען א פּאָר מינוט מיט איינעם פון די ליעבע מענשען, וואָס האָבען די דאָזיגע סטאָר געהאַלטען.

איך האָב ליעב געהאַט די מוטער פאַר איהר פיינקייט און עכט אידישע ערלעכקייט. אויף איהר גוטען פערעלטערטען פנים זיינען געלעגען פיינע גוטמוטיגע קנייטשען, ווי געמאַכט בכיון, עס זאָל צוגעבען איהר פנים מעהר גוטסקייט און טרויער; איך האָב ליעב געהאַט איהר עלטערע 19־יעהריגע טאָכטער פאַר איהר בעמיהען זיך צו רעדען מיט מיר אידיש, וואָס עס איז איהר ניט זעהר לייכט אָנגעקומען, א דאנק דעם, וואָס זי איז דאָ געבוירען געוואָרען.

און אפילו אז איך פלעג אמאָל טרעפען אין סטאָר דאָס אנגענעהמע קינד, א איינגעלע פון א יאָהר צוועלף, בין איך געווען

גליקליך. עס איז געווען א וואויל טייער באַיטשיקעל, מיט לע־
בעדינע אויגען און מיט זעהר זשיוואווע בעוועגונגען.

— יו וואָנט פּאַרוועדטס?

— סיגאַרעטען...

פלעגט ער ארויפקריכען אויפ'ן בופעט, זיך אוועקשטעלען און זוכען אויף די פּאָליצעס יענעם סאָרט וועלכען איך האָב געפאָדערט און נעפינענדיג, א גליקליכער מיר דערלאַנגען.

— דו ביזט א ביזנעס־מאַן! — פלעג איך איהם ריהמען.

פון דעם דאָזיגען קאָמפּלימענט האָט ער גאָר אָנגעקוואָלען, און אז די מוטער פלעגט אָנקומען פון וואָהנונג, וועלכע האָט זיך געצויגען ערגעץ פון א זייטיגער טהיר דורכ'ן סטאָר, פלעג איך מיין קאָמפּלימענט פערגרעסערען:

— אָ, אייער באַיטשיקעל איז גאָר א כוואַט!

די מוטער פלעגט אָנקוועלען און ענטפערען:

— יע, ער איז גראַד א גוטער באַי, ער ארבייט נעביך שווער: געהט אין סקוהל און אין תלמוד תורה און אז איך און מיין מיידעל זיינען פערנומען, העלפט ער צו אויך אין סטאָר...

וואָס ווייטער ביז איך מיט דער דאָזיגער ליעבער אָרימער פאַמיליע מעהר נאָהענט געוואָרען, זיך געפיהלט צו טהאָן פאַר זיי עפּעס, אבער זייער שטאָלץ און פאַרנעהמעם האַלטען זיך האָט מיר ניט דערלאָזט. דאָס איינציגע וואָס איך האָב געקענט טהאָן איז קויפען זונטאָג אָן איבריגען ענגלישען סאָנדוויי פּייפּער און אמאָל סתם עפּעס א זאַך, וואָס איך האָב ניט געברויכט, נאָר גלאַט אזוי, נעבען צו לייזען די דאָזיגע גוטע מענ־ען, וועלכע האָבען שווער געארבייט פאַר זייער עקזיסטענץ און זיינען געווען פול מיט לעבען, ליעבע און ענערגיע צום קאַמפּף פאַר'ן לעבען...

אָפּט האָט זיך מיר געדאַכט, אז זיי דאַרפען זיין ניט זעהר אָרים. די טאָכטער ארבייט און פערדיענט ביי א צעהן דאָלאַר א וואָך. די מוטער לייזט אין סטאָר נאָר ניט שלעכט. דער נעגענד

האָט געהאַט אין דער נאַכבאַרשאַפֿט אַ גרויסע סקוהל און אויסער קענדי האָט די סטאַר אויך פֿערמעגנט פּאַפּיער, טינט און פֿעדערס...

און דאָך, געניי בעקאַנט ווערענדיג מיט דער דאָזיגער קליינער און ריהרעוודיגער פֿאַמיליע, האָב איך דערזעהן די אָרימקייט אין איהר גאַנצער נאַקעטקייט. די צוויי צימערען מיט דער קיך, פֿון וועלכע די וואָהנונג הינטערן סטאָר איז בעשטאַנען, איז געווען אָרים מעבלירט. די פֿענסטער האָבען ארויסגעקוקט אין אַן ענגען שמאָלען רוף, וואו עס האָבען זיך געטריקענט און געפּלאַטערט וועש פֿון פֿערשיעדענע מינים און האָבען דאָס אָריכע פּאַנאָראַמע נאָך דייטליכער און בולט'ער געמאַכט.

די טאָכטער פֿערדיענט און די סטאָר טראָגט אודאי אריין אַ געוויסען פּראָפֿיט און דאָך, ווי אָרים די דאָזיגע ליעבע מענשען לעבען!

האָט זיך מיר געגומען דאַכטען, אַז זיי זאַמלען געלד.

יאָ, געוויס זאַמלען זיי געלד... אַ מיידעל אין הויז מוז דאָך פֿריהער אָדער שפּעטער חתונה האָבען. איך בין זיכער, אַז עס איז שוין אָנגעזאַמעלט פֿאַר איהר ערגיץ שווערע הונדערטער.

איינמאָל, אין אַ טאָג, ווען איך בין געווען פֿריי, בין איך אריין אין דער דאָזיגער סטאָר אַ זייגער צוועלף בייטאָג. נעבען טראָטואַר פֿון הויז, וואו די סטאָר האָט זיך געפֿונען, איז געשטאַנען אַ שעהנער קערידזש, מיט אַ שעהנעם שטאָלצען פֿערד. אין קערעדזש איז געזעסען אַן אַלטער דיקער מאַן און מיט פֿערגלייווערטע אויגען געקוקט ערגיץ און געוואַרט.

איך האָב מיך מיט דער דאָזיגער ערשיינונג פֿעראינטערעסירט.

— ווער איז דער מאַן אין קערידזש? — האָב איך געפֿרעגט די סטאָר־קיפּערין, וועלכע איז געווען פֿערנומען אין צעהלען פּאַפּיערענע געלד.

„...איינס, צוויי, זיעבען, ניין, צוואנציג, פינף און צוואנ־ציג... דאס איז דער לענדלארד, זיעבען און צוואנציג, הייגט איז דער ערשטער, ניין און צוואנציג, יעדען ערשטען קומט ער צו־פאהרען, דרייסיג... אט, פונקט ווי א זייגער, פינף און דרייסיג... יעדען ערשטען נעהמט ער צו ביז א פעני, זיעבען און דריי־סיג... דאס בלוט צאפט ער אויס... זיעבען און דרייסיג... אפשר האט איהר ביז מארגען דריי דאלאר...

איך האב שנעל ארויסגעכאפט דריי דאלאר און דערלאנגט דער פרוי.

זי האט עס צוגענומען מיט א ליידענדען שמייכעל. א זיפץ געטהאן און זיך אנגערופען:

— אט אזוי ארבייטען מיר אלע פאר דעם דאזיגען קריי־פעל....

— א קריפעל?

— געוויס. — האט די פרוי געקרעכצט ווי מיט רחמנות... ער קען זיך א פנים דען ריהרען?... שוין יאהרען, אז ער איז פאראליזירט... מעהר ווי די הענד דיענען איהם ניט... קיין קינד און קיין רינד... אזוי ווי א שטיין. האט ער אבער אן אויפזע־הערין, אן אלטע מויד... א מכשפה, קומט זי מיט איהם יעדען ערשטען און נעהמט אונז אלע ארום... דעם גאנצען בלאק... אכט טענעמענטס זיינען זיינע, אט דעם קריפעלס...

אויף די רייד איז ארײַן אן עלטערע ליידי מיט א פערשטיי־נערטען אויסדרוק און שטום אהן ווערטער דערלאנגט עפעס א צעטעל, א קבלה.

די פרוי האט איהר דערלאנגט דאס פעקעל פאפיר־געלד... יענע האט עס איבערגעצעהלט, בעהאלטען אין א לעדערנעם האנד זעקעל און איז ארויס... איך האב איהר נאכגעפאלגט מיט די בליקען און האב בעמערקט ווי דער אלטער אין קערידזש האט אויסגעצויגען די האנד, א לאנגע און א בעגעהרענדע. דער גאנצער קערפער און די געזיכטסציגע האבען זיך ניט בעוועגט.

די אלטע איז אריין אין קערידזש, זיך געזעצט נעבען אל־מען און שטומערהייד גענומען די לייצען און זיך אוועקגעפאה־רען...

— וואוהין פאהרען זיי דאס ?

—שוין אהיים — האט די פרוי פון געוועלב געענטפערט— הינטער'ן שטאדט אין זייער פאלאץ... אהער קומען זיי גאר איינמאל אין מאנאט, די רויבער, נעהמען אוועק די לעצטע פע־ניס און פאהרען אוועק...

אויף די רייד איז אריין דער באיטשיקעל מיט דער טאכ־טער:

— שוין, קינדער... ער איז שוין דא געוועו...

— דער לענדלארד ?... — האט די טאכטער טרויעריג גע־שמייכעלט.

— יא... — האט די מוטער געזיפצט. — דער מיסטער האט מיר דא צוגעבארגט דריי דאלאר... די לעצטע פעני אויס־גערוימט....

די טאכטער האט אויף מיר געווארפען א דאנקבארען שמיי־כעל און ארויסגענומען פון איהר פאקעטבוק א פאר דאלאר:

— איך האב נאך עטליכע דאלאר ביי זיך. נאט אייך.

— א, עס מאכט ניט... האב איך געפרואווט זיך וועהרען... עס קען זיין אין א וואך ארום און שפעטער...

— ניין, ניין ! — האט די טאכטער זיך געהיצט — עס איז אללראיט, מארגען האב איך מיין „פעי"... איך נעהם אפ א סך געלד....

— אויף איהם געזאגט געווארען, — האט די מוטער גע־שאלטען דעם לענדלארד... — אט אזוי יעדען ערשטען נעהמט ער צו די לעצטע פעני, ווי א רויבער... און פרעג, וואס דארף ער אזוי דאס געלד... אין גאנצען איז דאס א קריפעל....

דער באיטשיקעל האט זיך צולאכט פון דעם מאדנעם ווארט און די יונגע טאכטער האט זיך טרויעריג פערטראכט.

אין א אידישען קאבארעט.

(ניו־יארקער בילד)

א גרופע יונגע לייט, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפו־נען א פאר לעבע־קינדער, האבען זיך ארומגעשלעפט אין דער איסט־סייד און האבען זיך שטארק געלאנגווייליגט.

עס איז ערשט געווען צעהן א זייגער אין אווענד. וועגען געהן אהיים האט קיינער ניט געטראכט: דאס רוב פון דער גרופע זיינען געווען אונפערהייראטע און די צוויי דריי פער־הייראטע האבען נאך מעהר מורא געהאט פאר זייערע היימען, ווי די „סינגעל לייט".

דאן האט איינער פון די לעבע־קינדער פארגעלעגט: — לאָ־מיר געהן אין א קאבארעט, אויף בראדוויי.

דער גרעסטער טהייל פון דער גרופע האט זיך אויסגערו־פען גרייט צו געהן, און מאנכע האבען שוין אנגעהויבען חשבון'ען אין קאפ זייערע קאפיטאלען, וואס געפינען זיך אין זייערע טאשען. איינער אבער פון די לעבע־קינדער האט זיך געקווייט־קעלט.

— זיי זיינען מיר נמאס געווארען, די בראדווייער קא־בארעטס. טרוקען, אהן נשמה, אהן גייסט.

און טראכטענדיג א ווייל'ע האט ער זיך אנגערופען:

— איך וואלט זיך געוואלט אביסעל אנווארעמען... עפעס ערגעץ אין א היימישען פלאץ. אך, פאר וואס זיינען ניטא קיין אידישע קאבארעטס. איך וואלט איצט אזוי גערן אהין גע־גאנגען.

— עס איז דא א אידישער קאבארעט! — האט א יונגער־מאן פון דער גרופע געמאלדען.

— א אידישער קאבארעט — ווירקליך! — האָט זיך דער „לעבע־יונג“ בעגייסטערט — איך גלויב עס ניט!

— קומט, איך פיהר אייך! — האָט דער ענטדעקער זיך אונטערגענומען.

די גרופּע האָט זיך געלאָזען פיהרען. די נייגיעריגקייט איז געוואקסען מיט יעדען טריט, וואָס יעדער האָט געמאַכט.

— איז נאָך ווייט? — האָט געהענדיג א מאנכער פערלוירען דאָס געדולד און זיך פאַרגעשטעלט, אז דער אידישער קאַבאַרעט געפינט זיך אודאי ערגעץ ארום סמבטיון...

— אָט באלד! — האָט דער פיהרער געטרייסט און געגעבען האָפענונג.

די גרופּע האָט איהם נאָכגעפאָלגט. באלד האָט דער פיהרער, ווי א פעלדמארשאל זיך געווענדעט מיט'ן פּנים צו דער גרופּע, געגעבען א צייכען אין וועלכער סטריט צו פערקירעווען זיך און אריינפאלענדיג אין א טומעלדיגע ענג־בעפעלקערטע גאס, איז דער פיהרער ענדליך שטעהען געבליעבען נעבען א טענעמענט־הויז.

דער עולם האָט זיך געלאָזט געהן אין קארידאָר. אבער דער פיהרער האָט א שמייכעל געטהאָן:

— קריכט זייט מוחל אין קעלער, אונטען...

— אין קעלער! — האָט זיך דער עולם דערפרעהט — איז נאָך אינטערעסאנטער.

און אראבלאָזענדיג זיך אין דער ניעדער אויף טרעפּלאָך איז דער עולם אריינגעפאלען אין אידישען קאַבאַרעט.

די ערשיינונג פון אזא'ן עולם אין א מיטענוואָכעדיגען אבענד האָט דעם ווירטה פון קעלער אביסעל איבערראשט. די בעל הבית'טע איז גלייך אוועקגעלאָפען אין קיך אַנגרייטען מאכלים, וועלכע עס האָט קענטיג אויסגעפעהלט פאר אזוי פיעל מענשען.

דער צימבאליסט פון קאבארעט, א הויכער שעהנער יונגער־

מאַן מיט גרויסע דונקעלע, עטוואָס טרויעריגע אויגען, האָט די גרופּע מיט א פריינדליכען שמייכעל בעגריסט און אָבגעצים־בעלט פאר די געסט א לכבוד — א וואַלאַך...

דער ווייכער, מינאָרנער בענקענדער ניגון האָט זיך צוגאָ־סען איבער׳ן קעלער און ניט געפינענדיג גענוג פּלאַץ, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין די הערצער פון דער גרופּע, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעזעצט ביי דריי טישען, וואָס דער קעלנער, א מיל־דער גוטמוטהיגער יונגערמאַן, האָט אימפּראָוויזירנדיג צוזאַ־מענגעשטעלט.

די קליינע גרופּע געסט, וועלכע האָבען זיך געפונען נאָך פון פריהער זיינען אויך לעבעדיגער געוואָרען, מיט נייגיעריגקייט בעטראַכט די נייע אָנגעקומענע און האָבען בעשטעלט פרישע קריגלעך וויין.

דאָס זיינען געוועזן גוטמוטהיגע אידען אין די מיטעלע יאָהרען, קענטיג ארבייטער, וואָס זיינען אין דער היים, אין בע־סעראַביען אָדער רומעניען, פון וואַנען זיי האָבען אַלע גע־שטאַמט, געוועהנט געוועזן צו א גלעזעל וויין און צו א וואַלאַך... דאָס האָבען זיי דאָ געקריגען און זיי האָבען זיך געפיהלט, ווי אין דער היים.

די גרופּע נייע האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט דער אַלטער גרופּע. עס איז באַלד געשלאָסען געוואָרען פריינדשאַפט.

— וואָס עפּעס בעזונדער! — האָט איינער פון די פריי־הערדיגע זיך אויפגעשטעלט, ווי א טשערמאַן, און געקוקט צו די נייע — איהר זייט טאַקי געבילדעטע מענשען, אָבער מיר זיי־נען חלילה אויך ניט קיין פאַנאַטישע. אָט דער יונגערמאַן, זעהט איהר — האָט ער אָנגעוויזען אויף א הויכען אידען — ער איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א מעמבער אין ארבייטער רינג...

דער אָפּענהערציגער טאָן פון דעם איינפאַכען אידען, האָט

דער אינטעליגענטער גרופּע דערוואַרעמט. עס האָט זיך פער־בונדען אַן אינטימער געשפּרעך.

באַלד איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען נעבען צימבאַליסט. די אידישע גרופּע האָט איהם איינגעלאַדען זיך זעצען ביי זייער טיש.

— ער איז אַ זינגער... — האָט ער איהם פאָרגעשטעלט— ער האָט אַ זעלטענע כּלי!...

דער זינגער האָט זיך ווי פערשעהמט פון דעם קאָמפּלי־מענט, האָט זיך אויסגעהוסט און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך אייך זינגען?

— זינגט עס זאָל עפּעס נעהמען ביי'ן האַרץ — האָט זיך דער מעמבער פון ארבייטער רינג געבעטען.

דער זינגער האָט זיך ווי פערגעהוסט און זיך געווענדעט מיט אַ ריינע הויכע שטימע צום צימבאַליסט:

— יאָסעל, שפּיעל אַ חלום!...

צווישען דער ערשטער גרופּע פון די איינפאַכע אידען איז געוואָרען אַ בעוועגונג.

דער מעמבער פון ארבייטער רינג האָט זיך אָנגערופען צו דער פרעמדער גרופּע:

— אַ „מאָראַלישע" ליעד!

דער זינגער האָט אָנגעהויבען גלייך אויף דער העברערער אַקטאַווע. געזונגען האָט ער מיט געפיהל וועגען דעם ווי דאָס גאַנצע לעבען איז הבל הבלים און אַלץ איז אַ חלום...

דער צימבעל האָט נאָך יעדער פערז צוגעצימבעלט מיט אַ בעשטעטיגונג...

אַלץ איז הבל הבלים,

דאָס גאַנצע וועלט איז אַ חלום!

אז דאָס ליעד פון חלום איז אָבגעזונגען און אָבגעצימבעלט געוואָרען, איז די אידישע גרופּע פערזונקען געוואָרען אין געדאַנקען. ביז וואַנען דער ערשטער פון זיי וואָס האָט זיך

געהאלטען פאר, דעם געבילדעטען און אלץ־וויסענדען, האט אויס־געשריען:

— מילא, אז די וועלט איז א חלום דארף מען דאך ערשט טרינקען א גלעזעלע ווײַן... טא דערלאנגט טאקי נאך צו קרי־געלעך... און דו — האט ער זיך געווענדעט צום זינגער, זינג לכבוד די יונגע לייט, נאך א שעהנערע ליעד, דו האסט דאך זיי.

— איך וועל אייך זינגען דאס ליעד פון קישינעווער פאג־ראם! — האט דער זינגער מיט א שטראהלענדען פנים גע־מאלדען.

— א טהייערע ליעד — האט דער איד, וואס איז געווען טאקי א קישענאווער, זיך אנגערופען.—אבער זינג ריכטיג, ווייל איך ווייס די גאנצע מעשה...

דער זינגער האט זיך ווידער מכין געווען, זיך אויסגע־הוסט און אנגעהויבען:

טייכען בלוט האט געררונען
גאר אין מיטען העלען טאג,
הרוגים אין גאסען געפונען —
אוי, א יאמער און א קלאג...

— ריכטיג ווי גאלד! — האט דער קישינעווער בעשטע־טיגט.

אבער אז עס איז געקומען צו דעם ווייטערדיגען סטראף, וואו די צאהל הרוגים איז געווארען פון זינגער געניי אנגעגע־בען, האט דער קישינאווער איהם איבערגעשלאגען:

— דו האסט א טעות... עס איז געווען זיעבען און פער־ציג....

און דער זינגער האט געמוזט פעררריכטען, אויסזינגענדיג:

— זיעבען און פערציג הרוגים!...

אז דאס ליעד פון קישענאוו איז געווארען אבגעזונגען האט

זיך דער זינגער אויפגעשטעלט און געקוקט אויף די פּערזאַ־מעלטע:

— מיר ווייסען, מיר ווייסען! — האָט דער קישענאַוווער גוטמוטהיג געמורמעלט. — אידען! לאָמיר זיך צונויפלעגען!

עס איז באַלד געזאַמעלט געוואָרען א פּאָר דאָלאַר. דער מעמבער פון ארבייטער רינג האָט עס דעם זינגער איבערגע־געבען.

דער זינגער האָט די סומע שנעל אריינגעלאָזט אין טאַש, איז געוואָרען פרעהליכער און האָט זיך גענומען זינגען א ליעד, אויס דאנקבארקייט.

דאָס ליעד איז שוין געווען באמת א פרעהליכס. דאָס איז געווען וועגען א מיאוס'ע כלה, וואָס האָט א סך געלד, און יעדע סטראָפע האָט זיך געענדיגט:

— אוי, האָט זי אַן אוצר!...

ביי'ן וואָרט „אוצר" האָט ער צוגעוואונקען מיט די אוי־גען, ווי אַן אקטיאָר א קאָמיקער.

— דער יונג קען, זאָל איך אזוי געזונד זיין! — האָט דער קישענאָוווער ערשט גענומען איהם ריהמען:

אמאָל איז ער געווען פון די בעסטע זינגער אין טהעאטער. האָט ער זיך צוקריעגט מיט'ן „סטאַר" און איז געוואָרען א זינ־גער אין וויין־קעלערס... ער מאכט אבער איצט אויף א פיינעם לעבען — ניט צו פערזינדיגען...

און ווערענדיג גוט געשטימט פון די ליעדער און פון די פּאָר קריגעלעך וויין האָט ער בעשטעלט נאָך וויין, שוין פאר'ן גאנצען עולם!

— איך צאָהל! — האָט ער הויך געמאָלדען. די יונגע לייט פון דער גרופּע האָבען זיך געפיהלט אונבעקוועם, אז א ווילד פרעמדער איד זאָל צאָהלען פאר זיי. אבער דער ערפאַה־רענער לעבע־יונג האָט מתיר געמאכט.

— עס שאַדט נישט! אויף בראָדוויי פאסירט אזוינע

מעשיות זעהר אפט. עס פאלט אריין איינער און צאהלט פאר אלע. מיר געפעהלט עס.

און אין א פאר שטונדען ארום זיינען דיביידע גרופען אזוי נאהענט געווארען, אז זיי האט זיך געדוכט, אז זיי קענען זיך שוין יאהרען לאנג און נאך דעם ווי עס איז אויסגעטרונקען געווארען א צאהל קריגעלעך וויין, האבען זיי זיך צוזונגען:

אוי, אוי — אוי!

שכור איז א גוי!

פלוצים האט זיך דער עלטערער איד פון דער ערשטער גרופע אויפגעשטעלט. ווי ער וואלט זיך דערמאהנט אז א וויכטיגע זאך און איבערשלאגענדיג דאס ליעד מיט א פאטש איבער'ן טיש האט ער אויסגעשריען:

— אידען, עס איז נאך פאר צוועלף, איך וויל א דאווענען מעריב...

צו איהם זיינען צוגעשטאנען די איבעריגע פון דער ערשטער גרופע איינפאכע אידען. די נייע אנגעקומענע לייט האבען זיך אנפאנגס פערלוירען, דער לעבע-יונג פון בראדוויי האט זיך דערפיהלט ווי בעליידיגט: מעריב דאווענען אין א קאבארעט! די איבעריגע אבער איז דער ענין דוקא געפעלען און איינער האט פארגעשלאגען צו דאווענען בציבור!

און באלד האט אין דעם אידישען קאבארעט א קלונג געטהאן דער וואכעדיגער „והוא רחום" פון די אלטע אידישע שוהלען און בתי מדרשים אין דער היים...

דער לעבע-יונג האט געוואלט אויך מיט-דאווענען, אבער ער האט זיך ניט געקענט דערמאהנען קיין איין ווארט, דאך ווען דאס „פובליקום" האט זיך געשטעלט שמונה עשרה, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געמורמעלט אונדייטליכע אלטע ווערטער, וועלכע האבען איהם זיך נאך געבאמבעלט פון דער קינדהייט...

גאָלדע'ס פריינד.

דער נייער פּלאַץ, וואו גאָלדע האָט געקראָגען צו ארביי־טען איז געווען ניט בעזאָנדערס גרויס, אבער דערפאַר אינטע־רעסאַנט. די דרייסיג ארבייטער־מיידלעך וואָס דער שאָפּ האָט פּערמאַנט זיינען אין פערלויף פון די ערשטע עטליכע טעג געוואָרען איהר נאָהענט, מיט איינינע האָט זי זיך זאָגאַר בע־פריינדעט. איבערהויפּט מיט די צוויי, וואָס האָבען געארבייט מיט איהר ביי איין טישעל. דאָס זיינען געווען צוויי אמערי־קאַניזירטע אידישע מיידלעך, וואָס האָבען גערעדט א גוטען ענגליש און א שלעכטען אידיש. זייער שלעכט אידיש רעדען האָט גאָלדען מעהר אימפּאָנירט, ווי דאָס גוטע ענגליש אויף וועלכען זי איז געווען א קנאַפּע מבינטע. זי איז ערשט אין לאַנד דריי יאָהר און כאָטש זי האָט שוין בעזוכט א נייט־סקוהל האָט זי אָבער די נייע שפּראַך נאָך ווענינ בעהערשט. דערפאַר אָבער האָט זי גערעדט א שעהנעם ליטווישען אידיש, אבער דערמיט האָט זי ניט שטאָלצירט, ווי איהרע חבר'טעס מיט זייער ענג־ליש. זי האָט זיך געסטאַרעט צו רעדען וואָס מעהר ענגליש און וויסענדיג ווי שוואַך זי איז אין דער נייער שפּראַך, איז זי געווען זעהר פאָרזיכטיג מיט לאַנגע פראַזען און אויסדריקע. זי פלעגט אויף א פראַגע ענטפערען גאָר אנדערש, ווי זי וואָלט געוואָלט, בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געוואוסט ווי אזוי מען רעדט ארויס ריכטיג א געוויסען וואָרט. עס איז ביי איהר רעכט געווען אמאָל אנגעבען איהר וואוינונג אין אן אנדער־סטר׳ט בלויז דערפאַר, וואָס די סטריט, וואו זי האָט געוואוינט

איז איהר געווען שווער ארויסצוזאגען מיט'ן ריכטיגען אקצענט. זי האט למשל, ניט געקענט אויסרעדען ווי געהעריג איז פוירסט סטריט און דערפאר האט זי געזאגט, אז זי וואוינט אין סעקאנד סטריט...

איבערהויפט האט זי אויף פיעלע פראגען אין נייעם שאפ געענטפערט ניט ווי עס איז געווען, נאר ווי עס האט זיך ביי איהר סתם ארויסגערעדט, אמאל צוליעב דער שפראך, אמאל צוליעב פערוואררונג און אמאל גלאט אזוי נישט אראבצופאלען פאר די אמעריקאניזירטע מיידלעך. שפעטער אביסעל, פלעגט עס איהר פערדריסען. גאלדע איז פון דער נאטור נישט געווען קיין ליגנערין, אבער צוריק צו כאפען איז שוין איהר געווען שווער.

איבערהויפט איז זי אריינגעפאלען מיט דעם ענטפער אויף דער פראגע וועגען א „פריינד“. דאס רוב מיידלעך פון נייעם שאפ האבען גערעדט וועגען זייערע „פריינדס“. מיטוואך פלעגען זיך פיעלע נאך דער ארבייט, איילען מעהר ווי אלע טעג, ווייל מיטוואך איז ביי זיי געווען דער אויסגאנגס־טאג מיט זייערע בא׳עס, חתנים און „פרענדס“. איינע פון די צוויי נאהענטע מיידלעך. וואס האבען געארבייט מיט איהר ביי איין טישעל האט איהר מיט א שמייכעל א פרעג געטהאן:

— און דו, גאלדע, האסט נישט קיין פריינד?

איז זי געבליבען פערווירט און ניט בעטראכטענדיג זיך האט זי מיט א זיכערען טאן געענטפערט:

— שור... איך האב...

און איז גלייך רויט געווארען.

די חבר'טעס ביים טישעל זיינען געווארען נייגעריג, וואס פאר א סארט „פריינד“ א גרינע מיידעל קען האבען און זיי האבען זיך גענומען אויספארשען זי:

— שוין לאנג? — האט איינע געפרעגט.

— דריי מאנאט! — האט גאלדע געענטפערט און איז

נאך רויטער געוואָרען.

איז די אַנדערע חבר'טע שוין מעהר נייגעריג געוואָרען און האט געוואָלט וויסען זיין „טרייד"... עס איז באמת געווען טשיקאווע צו וויסען וואס פאר א סאָרט באי אזא גרינע, כאָטש חנו'דיג מיידעל קען ארייננקריגען. און זי האט גאָלדען העפליך געפרעגט:

— וואס פאר אַן ארבייט האט דיין פריינד?

— אַן ארבייט... איז גאָלדע ווי צומישט געוואָרען און נישט געפינענדיג גלייך קיין פאסיגע ארבייט פאר איהר אויס־געטראַכטען חתן האט זי ווי שיער וויינענדיג אויסגעברומט:

— מיין פריינד איז נישט קיין ארבייטער.

— נישט קיין ארבייטער! — האָבען זיךביידע אָנגעכאַפּט און אָנגעקוקט פערוואונדערט איינע די אנדערע און נאָכדעם גאָלדען — און איינע האט איבערגעפרעגט:

— אזוי? ניט קיין ארבייטער? א ביזנעס־מאַן...

— ניין! ניט קיין ביזנעס־מאַן — האט גאָלדע געשטאַ־מעלט און אויף איהר שטערען האט ארויסגעשלאָגען א שוויים.

— וואס דען? — האָבען ביידע מיידלעך זי געצויגען פאר דער צונג.

און אזוי ווי גאָלדע האט נעכטען געלעזען אין א צייטונג א מאָדנע מעשה וועגען א סיילעסמאן, אזוי אז דער דאָזיגער וואָרט איז איהר פעסט אין קאָפּ געבליבען, האט זי גלייך ארויס־געדעדט:

— ער איז א סיילעסמאן!

— אח! סיילעסמאן! — האט איינע ווי מיט קנאה אויס־געדופען.

און די צווייטע חבר'טע האט זיך נאָך מעהר זיך צוהיצט און ווי צוגעזונגען:

— א סיילעסמאן! פיין! פיין!

אבער דער דאָזיגער ליגען האט גאָלדען פערשאַפט אומרו־

היגע טעג און שלאָפלאָזע שטונדען ביי נאַכט. אין עטליכע טעג ארום האָבען שוין אַלע מיידלעך פון קליינעם שאַפּ געוואוסט, אז גאָלדע׳ס פריינד איז א סייליסמאַן און יעדע איז געווען טשיקאַווע צו וויסען וויפיעל ער בעקומט וויידזשעס. און וואו אהין ער נעהמט זי אוים און וויפיעל מאָל אין וואָך ער גיט איהר גוד־טיימס.

אויף די אַלע פראַגען איז גאָלדען ניט בעזונדערס געווען לייכט צו ענטפערען, ווייל זשעס האָט זי איהר פריינד בעשטימט צוואַנציג דאָלאַר א וואָך, האָט זיך איין מיידעל געוואונדערט וואָס אזוי ווייניג; דאַן האָט גאָלדע געמוזט פערשפּרעכען, אז אין אַ חודש ארום בעקומט ער א „רייז“ פינף דאָלאַר און ער וועט שפּעטער נאָך מעהר בעקומען.

האָט איהר א מעהר נייגעריגע מיידעל געפרעגט:

— ווען?

האָט גאָלדע דאָס געמוזט אָפּליינגען נאָך דעם ווי זיי וועלען חתונה האָבען, דאָס הייסט, זי מיט׳ן סייליסמאַן...

האָט זיך ביי די מיידלעך אָנגעצונדען די אויגען: זי רעדט שוין וועגען חתונה! אויב אזוי, איז דאָך כדאי צו וויסען ווען וועט זיין זייער חתונה?

האָט גאָלדע דאָס געמוזט אָפּלעגען אויף א גאַנצען יאָהר. דאַן האָט איהר איינע געראָטען, אז זי זאָל אזוי לאַנג ניט פערציהען, ווייל ניט אַלע סייליסלייטע זיינען רעעלע מענשען. דאָ האָט זיך גאָלדע געמוזט איינשטעלען פאַר איהר סייליסמאַן, אז ער איז ניט גלייך צו אַנדערע פון זיין סאָרט... זי ווייס אויך, אז עס זיינען דאָ סייליסלייט, וואָס זיינען גרויסע שאַר־לאַטאַנעס און פערפיהרען בלויז מיידלעך, מיט איהרען אבער איז זי זיכער. אַזאַ ווי איהר סייליסמאַן איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט נאָך איינער.

און נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען א סדרא מיט „ציהרונג“.

— האָט דיר דער סייליסמאַן שוין געקויפט מתנות? —

האט מען איהר אין א פאר טעג ארום געפרעגט.

די פראגע איז שוין געווען גאר אן אונגעריכטע, און גאל־דען האט שוין ניט געלונגען לייכט דערויף צו ענטפערען. זי האט א שטאמעל געטהאן, אז קיין וויכטיגע מתנות האט זי נאך דער־וויל פון איהם ניט, אבער ער וועט איהר קויפען די שעהנסטע ציערונג.

וואס ווייטער זיינען אבער די מיידלעך צודרינגליכער גע־ווארען. מאנכע האבען געוואלט זעהן איהר פריינד.

— פאר וואס זאלסטו טאקע, גאלדעלע ניט בעקענען אונז מיט דיין „פריינד“ — האט איינע פארגעשלאגען.

— וואס האסט מורא? מיר וועלען ביי דיר איהם אפנעה־מען? — האט שוין א צווייטע ווי א שטאך געטהאן, פעררריכ־טענדיג די פריזור מיט די שעהנע הענט. און פיעלע פון די מיידלעך האבען זיך א נעהם געטהאן צו גאלדען.

— בעקען אונז מיט איהם!

— אלרייט! — האט גאלדע א פערשעהמטע געזאגט — אויב איהר ווילט אזוי שטארק פאר וואס ניט... ער וועט זיין זעהר צופריעדען...

און עטליכע טעג נאכאנאנד האט גאלדע געטראכט ווי אזוי ארויסצופלאנטערען זיך פון איהר סיילסמאן, וואס זי האט אזוי אונשולדיג און אהן שום כונות איהם פאר איהר חתן געמאכט. דער אויסגעטראכטער סיילסמאן איז איהר געשטאנען פאר די אויגען, א שעהנער, אן אויסגעפוצטער און האט איהר פריינד־ליך צוגעשמייכעלט. זי האט זיך געשעהמט פאר זיך און פאר'ן דאזיגען יונגען מאן, וועלכער האט פאר איהר שוין עקזיסטירט. זי וויים בלויז ניט ווי אזוי צו געפינען איהם און פארצושטעלען איהם פאר איהרע חבר'טעס אין שאפ. אויב זי וועט איהם ניט פארשטעלען די טעג, וועט זיין די חרפה זעהר גרוים. זי וועט מוזען פערלאזען דעם שאפ.

דער שאפ איז איהר אבער געווען נויטיגער ווי דער סיילסמאן.

אהן דעם פריינד, דעם סייליסמאַן איז אומעטיג, דאָס לעבען האָט נישט קיין זין, אבער לעבען קען מען דאָך, אבער אָהן שאָפּ קען מען ניט אויסקומען א טאָג... אויב זי וויל זיך ראַטעווען האָט זי נאָר איין וועג, זיך אָבזאָגען פון סייליסמאַן...

און קומענדיג איין מאָל אין שאָפּ האָט זי זיך געמאכט טרויעריג און פערטראַכט.

— וואָס איז מיט דיר גאָלדע, ביזט היינט אזוי צורודערט — האָט איהר די חבר'טע ביין טישעל געפרעגט.

דאָ האָט גאָלדע געפונען א וועג ווי זיך צו בעפרייען און האָט נאָך טרויעריגער ארויסגעזיפצט:

— איך בין זיך צוגאנגען מיט מיין פריינד...

— מיט'ן סייליסמאַן! — האָט זיך די חבר'טע פער'חדושט.

— יא, מיט איהם... האָט גאָלדע בייז געענטפערט. עס ווייזט זיך ארויס, אז ער איז טאקע ניט בעסער פון אלע... בין איך זיך מיט איהם צוגאנגען.

דאן האָבען די מיידלעך זי געטרייסט און געראָטען איהר צו געפינען אן עהרליכען ארבייטער, ווייל די סייליסלייט זיינען שוין בעוואוסט פאר גרויסע פערפיהרער און גאָלדע דאַרף דאנקען גאָט, וואָס זי איז פון איהם פטור געוואָרען.

און גאָלדע האָט טאקי געדאנקט גאָט: פטור געוואָרען פון סייליסמאַן, זי קען צוריק ארבייטען אין שאָפּ. די מיידלעך זיינען אלע אזעלכע גוטע און פריינדליכע. ביז מען געפינט א רעכטען שאָפּ איז דאָך אזוי שווער...

אין וועג.

1.

דער ליטעראַרישער פעטער.

„דער ליטעראַרישער פעטער"
אַזוי הייסט אין בערלין אַ אידעל, הערר איקס, וועלכער וואוינט שוין דאָרט אַ יאָהר 15 — אַזוי בעריהמט ער זיך פאַר יעדען ניי־אַנגעקומענעם:

— שוין 15 יאָהר אַ בערלינער!

אויף איהם, נאַטירליך, קען מען קיין פעראיבעל ניט האָבען ווען ער רעדט דייטש, 15 יאָהר פון ליטאַ קען מען די אידישע שפּראַך פערגעסען; אויך אָבער דאַרף מען אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען וואָס זיין „דייטש" איז ניט פון דער שענ־טער פּראָבע — צו געטהע'ס דייטש קומט עס ניט. נאָר 15 יאָהר אַ'ז פאַר אַזאַ אידען ווי איקס אַ גענוג קורצע צייט אום אויס־צולערנען זיך גוט דייטש.

דייטש איז אַ קאַפּריזנער לשון — אַזוי האָט נעבעך אונ־זער בערלינער איד גאָר קיין לשון ניט. נאָר זאָרגט זיך ניט — רעדען רעדט ער און דוקא אַ סך, און כאָטש זיין לשון איז ניט קיין אידישער און ניט קיין דייטשישער, דאָך פערשטעהן פער־שטעהט איהם סיי אַ איד, סיי אַ דייטש, ווייל ערשטענס רעדט ער שטענדיג מיט פּתח'ן — זאָגען, האָבען, א. ד. ג. — וואָס דאָס איז פערשטענדליך סיי פאַר אַ דייטש, סיי פאַר אַ אידען, און צווייטענס איז ער אָביסעל מסביר מיט די הענד, מיט אַלע גליעדער ווי אין פּסוק שטעהט: כל עצמותי תאמרנה — ער רעדט מיט די ביינער, און ער איז ווירקליך אַ יונג מיט ביינער. פון דער פּראָפעסיע אַ זייגער־מאַכער, האָט ער שוין זייט צעהן יאָהר די אַרבייט געוואָרפען און לעבט ספּעציעל פון אַנאָנסען

זאמלען פאר אידישע און פאר דייטשע צייטונגען. און אזוי ווי אנאנסען האבען צו טהאן מיט דער ליטעראטור, בפרט די לעצטע פאר יאהר, ווען דער איינציגער צייכען פון א גוטער צייטונג איז, אז זי האט א סך אנאנסען, איז דער דאזיגער איד, הערר איקס, אין גאנצען אויסגעמישט מיט דער ליטעראטור, נאטירליך, אלס איד הויפטזעכליך מיט דער אידישער, אבער אויך די דייטשע ליטעראטור איז פאר איהם ניט קיין פערשלאסענער גארטען. דער אנאנסען טהייל איז, ווי בעוואוסט, אינטערנאציאנאל, — אויב איהר האט אן ענגלישע אנאנסע פאר א אידישער צייטונג קענט איהר זיך אויך ווענדען צו דעם דאזיגען הערר איקס, און ער וועט אייך פערזארגען על צד היותר טוב.

רייבענדיג זיך ארום אנאנסען, איז ער, ווי געזאגט, אויסגעמישט מיט ליטעראטור און מיט ליטעראטען. קומענדיג אין בערלין, וועט איהר זיך פון איהם ניט אויסדרעהען אויב איהר זענט נאר א ליטעראט מיט א נאמען, ווייל אלס אנאנסען־זאמלער, זוכט איקס נאר פירמעס, בעקאנטע פירמעס. זענט איהר א ליטעראט מיט א נאמען און קומט נאך בערלין, זאלט איהר קיין האטעל ניט נעהמען, ס'איז אומזיסט אייער טרחה: איקס וועט אייך שוין אויפזוכען און וועט אייך ניט לאזען שטעהן אין האטעל פאר קיין פאל.

— א אידישען ליטעראט — זאגט ער — איז ניט קיין מענדעלסאהן (ער מיינט נאטירליך דעם באנקיר מענדעלסאהן) קומט אריבער צו מיר, „שלאפט" איהר ווי א פריץ פאר איין מארק און איהר זענט צווישען אייגענע מענשען.

און ווירקליך האט דער איד א וואוילע קאנאפע, אויף וועלכע — לויט ער בעריהמט זיך — זיינען שוין געשלאפען די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער. איבערהויפט אבער שטאלצירט ער, וואס אויף דער קאנאפע איז שוין אויך געשלאפען שלום־עליכם.

— צוויי וואָכען איז ער דאָ געשלאָפען! — לאָזט ער ענדליך אויס מיט גדלות... און אַט אויף דעם טיש—ווייזט ער— האָט ער אָנגעשריבען זיין שעהנסטעס ווערק... פּרוואווט מיר געבען א מיליאָן פאר'ן טיש וועל איך אייך ניט אוועק געבען...

ביז איז ער נאָר אויף אש'ען, דער לעצטער וויל צו איהם אפילו ניט ארייַנשמעקען, דערפאר אבער איז ער זיך אין איהם נוקם און לייקענט אין גאנצען אין זיין טאלאנט.

— מיט זיין „גאָט דער ראַבע" — זאָגט ער — האָט ער בלאמירט דעם כלל ישראל, און בכלל טויג עס אויפ'ן פייער...

און אויב איך וויל איהם אויפווייזען אז די מעשה איז ניט אזוי, ווייזט ער מיר די „אידישע גאזעטען" פון נויארק, וועלכע ער בעקומט אלע וואָך, וואו עס איז געדרוקט שווארץ אויף ווייס — און איך מוז שווייגען...

א שטארקער חסיד איז ער פון פּראָפעסאָר „זעליקאָוויטש„ — אזא שרייבער ווי ער — זאָגט ער — איז ניטאָ אפילו צווישען די דייטשען... „די אידישע גאזעטען", וועלכע ער בעקומט שוין עטליכע יאָהר, זאמעלט ער ניט — זיין צימער איז צו קליין דערצו, — אבער זעליקאָוויטש'עס „שטיקלעך" שניידט ער אויס פון יעדער נומער, קלעפּט עס איין אין א בוך. קומט א ליטעראַט פון רוסלאנד צו אפילו פון אמעריקא, נעהמט ער ארויס און ווייזט, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— נאָ לערען זיך ביי גרעסערע...

אידישע שריפטשטעלער האָט ער אין הארצען ליעב, אבער ער האָט צו זיי טענות: „אין דיני־ממנות זיינען מאנכע נישט פּינקטליך". א פּאָר פון זיי זיינען איהם געבליבען שולדיג צו פּאָר מארק.

— פערפאלען, — טרייסט ער זיך, — איז עס אפילו ניט, אבער עס טאָר אזוי ניט זיין. פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש וואָלט

עס ניט געטהאן...

נאַטירליך האָב איך פון איהם זיך אויך ניט ארויסגע־דרעהט. געטראָפען האָט ער מיך טאקע אין קאפע הויז מאַנאַפאָל, און דערהערט, אז איך בין א אידישער שריפטשטעלער איז ער צו מיר צוגעגאנגען, זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט, אז נאָך שלום עליכם און פראָפעסאָר זעליקאָוויטש בין איך דער דריטער, הייסט עס, וואָס געפעלט איהם און וועלכען ער לעזט מיט „גראָ־סער הנאה" (לשונו ממש). פון איין זייט האָט מיך געפרעהט, וואָס אויך אין בערלין האָב איך א חסיד, אבער פון דער אנדער זייט בין איך געווען איינפערזיכטיג צו שלום־עליכם און צו פראָ־פעסאָר זעליקאָוויטש. וואָס מאכט מען אָבער? „מיט גוואלד וועסטו ליעב ניט זיין". פערפאלען! דערהערט, אז איך בין שוין דעם צווייטען טאָג אין בערלין און שטעה אין א האָטעל, איז ער א פארציטערטער געוואָרען:

— וואָס הייסט עס? — האָט ער מיר גע'מוסר'ט גאנץ פאמיליאריש — זענט איהר עפעס א מענדעלסזאָהן, צו ווער? קומט אריבער צו מיר וועט אייך קאָסטען ביליגער און איהר וועט זיין צווישען אייגענע מענשען...

און דעם אמת געזאָגט, האָב איך די פאָר נעכט ביי דעם דאָזיגען בערלינער ליטוואק זיך געפיהלט גאנץ נישקשה'דיג, ווען ניט זיין אידישער לשון מיט די דייטשישע אָדער ארץ־ישראל'דיגע פתח'ן, וואלט ער אפילו מיר גאנץ אנגענעהם גע־ווען, פאָרט אז אייגענער מענש, אויך וועמעס קאנאפע עס זיי־נען שוין געלעגען ווירקליך א סך אידישע שרייבער, אויסער דעם פערמאָגט ער אלע אידישע טעגליכע צייטונגען פון וועלכען יאָהר איהר ווילט, א שאד נאָר וואָס מען קען זיך צו זיי ניט צושטעקען. איך מיין ניט דעם שטויב, נאָר פשוט ער לאָזט ניט צו!

— זיא ווערדען מיר צומישען די נומערן, בין איך קאפוט!... — הויבט ער אָן צו ווארנען, אז מען געהט נאָר צו די פאָליצעס, וואו די צייטונגען זיינען אויסגעלעגט.

און ער ערקלערט מיר, אז די נומערען מוז ער היטען צו־ליעב אלטע חשבונות, וואס ער האט מיט יעדער רעדאקציע פאר אנאנסען.

ווירקליך א שאד! ווער ווייס וואס פאר אנטיקלעך איך וואלט צווישען די אלטע נומערען געפונען — דארף ער נאר האבען חשבונות מיט די רעדאקציעס. נאר צוריק געשמועסט, ווער האט דען ניט מיט זיי קיין חשבונות. עס וועט קומען א צייט וועט מען זיך שוין אויס'חשבונ'ען...

פאר מיין אוועקפאהר פון בערלין האב איך דעם ליטערא־רישען פעטער אויסגעדריקט מיין צופרידענהייט סיי פון דער קאנאפע סיי פון איהם אליין, און האב איהם צוגעזאגט שרייבען וועגען איהם אן ארטיקעל.

ער האט פאר גליק אין גאנצען געשיינט, האט מיך מיט א כלה'דיגער שעמעוודינקייט געפרעגט: וואו וועל איך עס דרוקען.

— אין „פארווערטס"! — האב איך ניט אהן שטאלץ געענטפערט.

— פאר וואס ניט אין די „אידישע גאזעטען" — שטעהט אייך ניט אן צו זיין אין שכנות מיט זעליקאוויטש'ען? מיט פראפעסאר זעליקאוויטש'ען!

— אדרבא... — האב איך איהם בערוהיגט. — נאר פער־שטעהט איהר מיך, איך בין א שטיקעל מיטארבייטער פון „פארווערטס". שוין אן אוואנס, פערשטעהט איהר מיך, גע־נומען...

— אויב אוואנס איז עפעס אנדערס. — איז ער מרוצה געווארען. — זאגען זי מיר אבער, געהט דער „פארווערטס" גוט?

— 72,072! — האב איך מיט אמת'ן שטאלץ אויסגע־רופען.

— אוי וועה! — האט ער עכט אידיש אויסגעשריען, פער־

נעסענדיג זיין גאנצעם דייטש — ס'איז דאָך עפּעס גאָר א מי־ליאָנערסקע צייטונג... וועט איהר מ״ר כאָטש שיקען אן אויסגע־שניטענעם שטיקעל פון דעם ארטיקעל וועגען מיר? שיקט, איך בעט אייך, — האָט ער זיך געבעטען.

— נאַטירליך! — האָב איך איהם פערזיכערט; — זאָ־גאָר דעם גאנצען נומער, איך האָף, אז דער „פאָרווערטס“ וועט דרוקען די דאָזיגע אויפלאגע מיט א נומער מעהר... ספּעציעל פאר אייך...

ער האָט אין גאנצען אויפגעשיינט, האָט מיר געדריקט די האנד און געוואונשען צו ווערען א נגיד און ניט דארפען לע־בען פון דער פּעדער:

— ווי דער תלמוד זאָגט... — האָט ער ערקלערט: על מנת שלא לקבל פרס... זאָ צו זאָגען...

בערלין, 1904.

2.

די וועטשערינקע אין פאריז.

ביי דער קאסע נעבען טהיר איז געזעסען אן עלטערע מיי־דעל מיט שפורען פון אמאליגער שעהנקייט, מיט גרויסע שווארצע אידישע אויגען, און האט פערקויפט בילעטען, דאס מעהרסטע טהייל צו האלבען פראנק. די קליינע צאהל טהייערע בילעטען האט זי נאר פארגעלעגט די בורזשואזנע געסט, וואס זיינען, איבריגענס, אויך געווען אלטע נעגאסען. נאר ביי איין גאסט, וואס איז געווען אן אמת'ער בורזשוי און בלויז צוליעב זיין יונג ווייבעל, פלעגט ער בעזוכען די דאזיגע בעלער, — האט די בילעטען־פערקויפערין גענומען א גאנצען צעהן פראנק־שטיק. זי האט עס גלייך פערצעהלט מיט שמחה דעם שעהנעם בונדיסט סערגיי, וועלכער איז געשטאנען ביים טהיר און אב־גענומען די בילעטען:

— צעהן פראנק אויסגעריסען! — האבען איהרע אויגען געשטראהלט און די קנייטשען פון פערעלטערטען געזיכט זיינען ווי אונדייטליכער געווארען.

— א מצוה! — האט דער בונדיסט געענטפערט, ווי זיין שטיינער איז, מיט א אידיש ווערטעל, און האט אויף דעם חשבון דורכגעלאזט 5 ארימע עמיגראנטען גאר אהן בילעטען.

דער זאאל האט ביסלעכווייז אנגעהויבען פול צו ווערען, נאר די גוטע שטימונג, צוליעב וועלכער דער עולם איז געקומען, האט זיך נאך ניט בעוויזען. דער עולם האט זיך ארומגעדרעהט אהן א שטאך ארבייט היין און צוריק, געכאפט א ווארט איינער מיט דעם אנדערן און יעדערער האט געזוכט עפעס אינטערע־סאנטעס, שארפעס, אונגעוועהנליכעס.

דאס איינציגע אינטערעסאנטע איז געווען אין א זייט דער

בופעט, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אויף טאצען פערשיע־דענע בוטער־בראָדען, הערינג און אפילו פיש. אינטערעסאנ־טער נאָך זיינען געווען די פלעשער מיט שנאַפּס און וויין, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן בופעט, ארומגערינגעלט פון א רייהע קעלישקעס און גלעזלעך.

צום דאָזיגען בופעט פלעגט יעדער צוגעהן און ווארפען א בליק פון דער ווייטען און צוריק אװעקגעהן אַן א זייט, ווי פון א פלאַץ, צו וועלכען מען טאָר ניט צו נאָהענט צוגעהן...

דאָס פריילין, וואָס איז געזעסען ביי'ן בופעט, אַן אלטע בונדיסטין, וואָס איז אַקאָרשט געקומען פון וואָלאָגדע, וואו זי איז געווען פערשיקט, האָט אויסגעזעהן טרויעריג און עלענד און האָט דערמאָהנט א קליין־שטעדטעלדיגע אידישע קרעמע־רין, וואָס וואַרט אויף קונים.

ענדליך איז צום בופעט צוגעגאַנגען א פּאָר'ל: איונגערמאַן מיט רוסישע געזיכטס־ציגע, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, געקליי־דעט אין אַן אָרימען אָבגעטראָגענעם אנצוג, מיט א אידיש מיי־דעל פון א יאָהר פינף און צוואַנציג, אין ברילען. ער האָט גע־בעטען געבען צוויי שנאַפּסען און וועגדענדיג זיך צו דער מיי־דעל, האָט ער מיט זיין רוסישען באַסען־שטימע ארויסגעברומט:

— מיר וועלען טרינקען פאַר דער צוקונפט פון רוסלאַנד.

דאָס פריילין אין ברילען איז ווי פערשעהמט געוואָרען, איהר געזיכט האָט זיך געררויטעלט, וואָס עס האָט איהר ניט בע־זאָנדערס שעהנעם געזיכט צוגעגעבען א געוויסען חן, און זי האָט שוואַך געענטפערט, נעהמענדיג דעם כוס אין האַנד:

— פאַר דער צוקונפט און וואָהל פון די אַלע צובראָכענע לעבענס, וואָס געפינען זיך דאָ.

דאָס מיידעל ביי'ן בופעט האָט ווי א ציטער געטהאָן און האָט פון זיך צוגעגעבען:

— אייער וואונש, חבר'טע, איז אונערפילבאַר...

דער רוסישער יונגער מאַן האָט דערויף ניט איינגעשטיכט:

— איהר האָט א טעות, געגאָסין, דאָס לעבען איז נאָך פאָראויס...

אין אָנגעהמענדיג זיין פריילין, דאָס אידישע קינד, אונ־טער'ן אָרעם, איז ער מיט איהר אוועק אין א צווייטער זייט.

דאָס מיידעל ביי'ן בופעט האָט ווי בגנבה ארויסגענומען א קליין שפיגעלע פון האנד־טאַש, וואָס זי האָט געהאלטען נעבען זיך, זיך שנעל איינגעקוקט, איבערגעזעצט דעם קאָם פון קאָפ אביסעל נידריגער און האָט, אריינלעגענדיג צוריק דאָס שפּיג־געלע אין האנד־טאַש, טיעף אָבגעזיפצט...

שפּעטער א ווײלע האָבען זיך ביי'ם בופעט בעוויזען מעהר געסט. דאָס מיידעל איז פרעהליכער געוואָרען: דער פראָפּיט געהט פאר די פערשיקטע חברים און ווער ווי זי ווייס נאָך אזוי נוט ווי גרויס איז דאָרט דער עלענד! זי איז ביסלעכווייז אריין אין דער ראָל פון א פערקויפערין, און ווען א רייכערער גאַסט פלעגט צוגעהן עפּעס נעהמען פון בופעט און פרעגען א פרייז, פלעגט זי מיט א חבר'שען שמייכעל ענטפערען:

— פאר אונזערע חברים אין סיביר איז קיין פרייז ניט צו פיעל!

אין די דאָזיגע מינוטען איז זי הערליך געווען!

דער עולם איז געוואָרען וואָס ווייטער געדיכטער, דער גע־רויש — פרעהליכער און אינטימער, נאָר די נשמה פון דער וועטשערינקע האָט נאָך אַלץ געפעהלט.

שולדיג דערין איז געווען אז אלטער געגאָסע, וועלכער האָט געזאָלט האלטען די פעסט־רעדע און איז ניט געקומען.

פאר וואָס איז ער ניט געקומען? — פיעלע האָבען בע־הויפּטעט, אז ער איז עפּעס קראַנק געוואָרען, נאָר דער אלגע־מיינער איינדרוק איז געווען, אז פרעהליכעס האָט ער ניט גע־האט וואָס צו זאָגען און וועקען די וואונדען האָט ער ניט געוואָלט.

— זאָל גענאָסע ב. האַלטען די פעסט־רעדע! — האָט מען פאַרגעשלאָגען.

נאָר גענאָסע ב., איינער פון די אמאָליגע פיהרער פון דער „בעוועגונג“ איז יעצט געזעסען אַן א זייט ביי א קליין טישעל און האָט פערבראַכט מיט אַן אַלטען עמיגראַנט.

הערענדיג די פאָדערונג פון עולם, האָט ער זיך געווענדעט צום אַלטען שכן:

— היינט וועט זיי ניט געלינגען!

— פאַר וואָס? — זאָגט עפּעס! — האָט דער אַלטער נע־בעטען — עס וועט ווערען א שטיקעל שטימונג.

— אַ, גיכער וועל איך זיי קאַליע מאַכען די שטימונג, — האָט דער אמאָליגער פיהרער מיט א ביטערען שמייכעל געענט־פערט — זאָלען זיי נעהמען צו ביסלעך שנאַפּס וועט בעסער ווירקען ווי מיין רעדע...

דער אַלטער האָט געשוויגען.

באַלד האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף: חברים, זאָל מען עפּעס זינגען.

— זינגען, זינגען! — האָבען פיעלע אונטערגעכאַפּט.

און באַלד האָט זיך געגענאיבער דעם בופעט נעבילדעט א רעדעל און א מאַן פון א יאָהר פינף און דרייסיג האָט אויס־געדופען:

— די שבועה!

— די שבועה, די שבועה! — האָבען אַלע מסכים געווען, אפילו די עטליכע רוסען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען.

און גלייך האָט א דונער געטהאַן א כאָר פון צעהנדליגע שטימען דאָס ליעד, וואו מען גיט זיך אַלע א הייסע שבועה צו קעמפּפען... די איינפאַכע, אָבער שטאַרקע, אויפמונטערנדע ווערטער, דער האַלב־מינאָרנער ניגון, האָט אַלעמען ווי עלעק־טריזירט.

אַלע געסט, ניט אויסגעשלאָסען די עטליכע סטודענטישע

פערליעבטע פּאַרלעך, וואָס זיינען געקומען אהער מעהר צוליעב ניגונים, אלס צוליעב דער „אידעע“, זיינען אויך היינגעריסען געוואָרען און גלייך מיט די איבעריגע מיטגעזונגען.

נאָך׳ן זינגען איז די שטימונג גלייך געוואָרען געהויבען. דאָס מיידעל ביי׳ן בופעט האָט אָנגעגאָסען א גלעזעל בראַנפען, בעצאָהלט מיט איהרע לעצטע עטליכע סו און האָט הויך אויסגעשריען:

— פאַר דעם געזונד פון אונזערע פערשיקטע חברים!

א „הורראה“ האָט פערהילכט דעם זאַאל.

דער שעהנער בונדיסט, וואָס איז געשטאַנען ביים טהיר און אָפּגענומען די בילעטען, האָט פערלאָזט זיין אָרט, טראַכטענדיג: זאָל אריינגעהן ווער עס וויל, און צוגעהענדיג צום בופעט האָט ער געפאָדערט מיט א פרעהליכען טאָן:

— שאַמפּאַניער!

דאָס מיידעל ביי׳ן בופעט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט א פרעהליכען געלעכטער. עס איז געוועזען קענטיג, אז זי האָט שוין לאַנג, לאַנג אזוי ניט געלאַכט, ווייל טרעהרען זיינען איהר באַלד געקומען אין די אויגען, און זי איז קוים אים שטאַנד געוועזען אויסצורעדען:

— שאַמפּאַניער טאָר מען ניט — אונזערע חברים אין סיביר...

— איך וויל נישט הערען — האָט דער שעהנער בונדיסט איבערגעהאַקט — די שבועה האָט איהר געהערט, ווי איך... פרעהליך לאָמיר זיין!

און גלייך בערוהיגענדיג זיך, האָט ער גענומען א פלאַש וויין און אויסגערופען הויך:

— בונדיסטען אהער!...

— מיר זיינען אַלע בונדיסטען! — האָבען זיך געהערט פיעלע שטימען און א גאַנצע מעננגע האָט זיך א לאָז געטהאָן צום טישעל.

— עס זאָל לעבען דער בונד! — האָט דער שעהנער בונ־
דיסט אויסגעקנאַקט.

און ווידער האָט א הוראה פערהילכט דעם זאאַל.

— איצט וועט עס ערשט פרעהליך ווערען! — האָט
דאָס מיידעל פון בופעט געשטראַהלט פאַר אמת'ער פרייד.

— אז דער „בונד" איז דאָ מוז זיין פרעהליך! — האָט
דער שעהנער בונדיסט, האָבענדיג שוין אויסגעטרונקען א גלאָז
רויטען וויין — פעסט געזאָגט און זיינע שווארצע אויגען האָבען
איהם געגלאַנצט.

די איבעריגע געסט, נישט בונדיסטען, האָבען זיך די ערש־
טע מינוטען געפיהלט ווי אונבעקוועם, נאָר נישט וועלענדיג צו־
שטערען די אלגעמיינע הארמאָניע, וואָס קומט אָן אזוי זעלטען
צו שאפען אין דאָס רוב פערזאמלונגען, האָבען זיי זיך צוזאַמענ־
גענאָסען אין איין פרייד. איין רוס, א פייערדיגער „עס דעק" האָט
זאָגאַר, אויסטרינקענדיג א גלאָז וויין, זיך אָנגערופען אויף א
הויכער שטים אין רוסיש, נאַטירליך:

— חברים, איך בין אויך א בונדיסט!...

דער עולם האָט זיך צולאַכט און דאָס מיידעל ביים בופעט
האָט עס אָנגענומען פאַר גוט־געלד און ערנסט, כאָטש גענוג
פרעהליך האָט זי אָבגעענטפערט:

— נו, וואָס איז? מיין ערשטער לעהרער, א רוס, איז גע־
וועזן א פייערדיגער בונדיסט און זיין כלה — א אידיש מיידעל,
פלעגט מיט איהם שטענדיג דיסקוטירען. זי איז געוועזן א פיי־
ערדיגע „איסקראָווקע".

דער עולם האָט זיך ווידער צולאַכט, נאָר באַלד האָט מען
אָנגעהויבען אויף דאָס נייע די שבועה צו זינגען און די „וועטשע־
רינקע" האָט זיך אָנגעהויבען...

פאריז, 1907.

3.

א גרויסער מענש.

אויסריכטענדיג מיך אין וועג אריין, קיין לאָנדאָן, האָבען מיינע פאריזער פריינד, פון וועלכע א טהייל האָבען לאָנדאָן גע־קענט, מיך שטארק געוואָרענט פון ווהייטשעפעל.

— ווי גאָט איז אייך ליעב, פארפאָהרט נאָר נישט אין א האָטעל אין ווהייטשעפעל.

פון ווהייטשעפעל האָב איך נאָך אין דער היים, אין רוס־לאנד, געהערט און אָבדאנקענדיג מיין פאריזער פריינד פאר זייער אויפמערקזאמקייט צו מיר, בין איך, אנקומענדיג קיין לאָנדאָן, גלייך פערפאָהרען אין א באָרדינג־הויז און דוקא אויף ווהייטשעפעל.

איך האָב שוין אזא טבע: ניט צו פאָלגען קיין עצות פון פריינד. איך הער שטענדיג אויס וואָס מיינע פריינד זאָגען מיר, מאַך אָ מינע פון דער העכסטער אויפמערקזאמקייט, דאנק זעהר פיעל מאָל פאר זייער פריינדשאפט און טהאָן טהו גראד ווי דער בעסטער פריינד מיינער הייסט מיר, און ווער איז מיר אזא פריינד, ווי איך אליין? ווי חיינע זאָגט ערגיץ.

אָנגעקומען בין איך אין לאָנדאָן דוקא אין א שעהנעם חע־לען זונען־טאָג. און דא האָב איך מיך דערמאָהנט אבן עזרא'ס טייערע ווערטער: ווען איך זאָל האנדלען מיט תכריכים וואלט קיינער ניט געשטאָרבען; און ווען איך קום אין לאָנדאָן, איז דער שטאָדט פון נעבעל און פאָגעס איז דוקא א שעהנער טאָג און איך בלייב פער'חדוש'ט און וויל שיער ניט פרעגען ביי מענשען, צו האָב איך נ'ט פערבלאָנדזשעט. צי איז דאָס אמאָל ניט לאָנדאָן?

ווארום נישט איין מאָל האָב איך שוין אין מיין לעבען גע־בלאָנדזשעט.

ווייזט זיך ארוים, אז דאָס מאָל האָב איך טאַקע געטראָ־פען דעם ריכטיגען וועג: איך בין געקומען אין לאָנדאָן, און פערבלאָנדזשעט האָט עס גאָר די זון.

און איך האָב זי העכסט בעדויערט. ווייל פאר דער זון איז לאָנדאָן ווירקליך קיין אָרט נים. אין א סך גאסען האָט זי דאָרט אפילו ניט וואו איהרע שטראַהלען אהין צו טהאָן. אזוי שמאָל זיינען לאָנדאָנער גאסען, אזוי שווארץ זיינען איהרע בילדינגס און באנק־הייזער.

קיין סך אָבער האָט די זון דאָרט ניט געבלאָנדזשעט. איך בין געקומען א זייגער צוויי און פיער האָט זיך שוין די זון אָב־געטראָגען, אודאי פערדרייזט אין דעם שעהנעם פרעהליכען פאַ־ריז, וואו זי פאסט זיך אזוי פאר די ליעבע פאריזער שמייכלענ־דיגע בירגער און איבערהויפט פאר די ליעבע בירגערינס...

און לאָנדאָן האָט איינגעהילט א דיקער שלייער.

— אָט דאָס הייסט עס איז א פאָגע! — האָב איך גע־פרעגט מיין נייעם פריינד, וואָס האָט מיך געפיהרט ווייזען לאָנדאָן.

דער פריינד האָט געשמייכעלט אויף מיין גרינקייט און האָט גוטמוטהיג געענטפערט:

—דאָס איז דאָס געוועהנליכע טעגליכע וועטער פון לאָנ־דאָן. א פאָגע, ברודער, וועט איהר געהן און ניט זעהן ווי אזוי איהר געהט. אין א פאָגע מוז מען זיך פעסט האלטען איינע אן די אנדערע און טאפען דעם וועג.

און איך האָב בשעת מעשה געטראכט — יא, יא, ביי אייך אין לאָנדאָן לעבט מען טאקי אין גרוים חושך...

רי באָרדינג הויז אויף ווהייטשעפעל, וואו איך בין פער־

פאַהרען, האָט געהערט צו מיסעס, לאָמיר זי רופען, איקס, ווייל קיין סך גוטס וועגען איהר, ווי ווייניג איך פאַרער נישט פון מענשען, האָב איך נישט צו זאָגען, דאָך וויל איך ניט שאדען איהרע ביזנעס און וויל נישט ענטדעקען איהר אמת'ן נאָמען. כאָטש פון דער צווייטער זייט וואָלט איך געקענט טהאָן א טובה פיעל וואַנדרערער, וואָס וועט אויסקומען צו פערפאָהרען צו איהר, נאָר מיט דעם דאָזיגען ארטיקעל בין איך ניט אויסען קיינע מענשען־פריינדליכע צוועקען. איך וויל מיך פשוט טהיילען מיט מיינע איינדריקע, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין מיין אַרי־מען הארץ, זייענדיג אין לאָנדאָן און פאר דעם וואויל פון אונ־זערע וואַנדרערער וועלען שוין וואהרשיינליך זאָרגען די עמיג־ראַציאָנס־געזעלשאַפטען וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט אזוי פיעל געגרינדעט געוואָרען ביי אונז...

מיסעס איקס איז א אידישע פרוי אין פולען זין פון וואָרט: רעדט פשוט מאַמע לשון און טראָגט א שייטעל. דער שייטעל איז שוין דוקא ניט פשוט. ער ליגט איהר אויפ'ן קאָפּ ווי א בארג. עס ווייזט אבער אויס, אז דער דאָזיגער בארג איז איהר ניט שווער. דער קאָפּ איז איהר שטענדיג לייכט און קלאָר און איבערהויפּט ביי א חשבון מיט א באָרדער וועט זי קיינמאָל ניט מאכען קיין טעות. לויט איך האָב בעמערקט געדענקט זי, ניט נאָר די צאָהל פון די גלעזער טהיי וואָס יעדער באָרדער טרינקט ביי איהר, זי געדענקט אפילו די צאָהל פון די שטיקלעך צוקער.

ביי מיסעס איקס איז דער פּרייז פאַר א צימער נישט טייער. צום אונגליק האָט די מיסעס אבער א שוואכהייט, זי וויל נישט אז איהרע געסט זאָלען ערגעץ אנדערש עסען: צו וואָס זאָל מען זיך ערגעץ אנדערש פערדארבען דעם מאָגען? און אַט ווען מיסעס איקס מאכט א חשבון פאַר'ן „רום“ מיט'ן עסען צוזאַמען, פאַהרט שוין אריין דער חשבון אין פונטען. און א פונט איז א גרויסע מטבע: די ענגלענדער זיינען א רייך פאָלק

און פון ניקעלס און קוואָדערס ווייסען זיי ניט, איבערהויפּט ווייס דערפון ניט מיסעס איקס: זי האָט שטאַרק ליעב פונטען...

אַ מעלה האָט אָבער מיסעס איקס, וואָס איהרע באָרדערס, סיי די שטענדיגע, סיי די געסט אויף עטליכע טעג, לאָזט זי זיך נישט לאַנגווײלען. זי האָט פאַר זיי פּעק מעשיות, און דעם אמת געזאָגט, זעהר אינטערעסאַנטע. מיסעס איקס האָט, צום גליק פון די באָרדערס, געהאַט אַ מאָל אַ מאַן און כאָטש דער מאַן איז שוין פונפצעהן יאָהר טויט, לעבען נאָך זיינע מעשים טובים אין דער אלמנה׳ס מויל, און אָט מיט די מעשים טובים פון איהר מאַן אמוזירט זי איהרע באָרדערס, איבערהויפּט ווען די לעצטע זיצען ביים טיש און עסען. אַ פּנים, אַז מיסעס איקס ווייס פון דער נייעסטער טעאָריע פון דער היגיענע, אַז ביים עסען דאַרף מען זיך פּיהלען אין אַ גוטער לויהנע. און מיסעס איקס איז עס מאַקי אין שטאַנד צו שאַפען מיט איהרע העכסט פּיקאַנטע עפּיזאָדען פון איהר מאַנ׳ס לעבען, איבערהויפּט ביי יענער שטעל, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז ער, עליו השלום, האָט זעהר ווייניג געגעסען...

מיך האָט מיסעס איקס בעהאַנדעלט נאָך פריינדליכער ווי די איבעריגע. זי האָט געהאַט ברעה, אַז איך זאָל דערמאַהנען איהר באָרדינג הויז ערגעץ אין אַ צייטונג. זי האָט עס מיר דייטליך געגעבען אַנצוהערען.

אַדווערטייזען איז אַ שאָד דאָס געלד — אָבער דערמאָנען אַזוי ערגעץ אין אַן ארטיקעל איהר באָרדינג הויז מיט די גרויסע בעקוועמליכקייטען, וואָס דאָרטען געפינט זיך — וואָלט זעהר, זעהר כדאי געווען — זאָל די וועלט ווייסען. און איך בין ניט קיין שלעכטער מענש און איך טהו עס איהר צוליעב. בפרט, אַז זי האָט עס ווירקליך פּערדיענט.

די לעצטע פּאַר טעג איז זי אַ פּערסאָפּעטע אריין אין מיין „רום“ און מיר זעהר העפליך געמאָלדען, אַז דעם רום מוז זי

איצט נויטיג האָבען און מיר וועט זי געבען אַן אַנדער רום, אויי־בען! (זי האָט גאָט צו דאַנקען רומס גענוג!)

— זי וואָלט מיך נישט בעמיהט, — האָט זי מיך פערזיי־כערט, נאָר עס איז געקומען צו איהר צו פאָהרען איהרער אַן אַלטער בעקאַנטער: זעהר אַ גרויסער מענש!

דערהערט זעהר אַ גרויסער מענש, האָב איך זיך דער־פרעהט, איך האָב בטבע ליעב גרויסע מענשען און איך האָב געפּרעגט אויף זיין נאָמען: אַ קשיא אויף אַ מעשה — אפשר אַ בעקאַנטער.

— אַ שרייבער? — האָב איך געפּרופּט טרעפען.

— חלילה! — האָט זי זיך פערקרימט...

ווייזט זיך אַרויס, אַז עס זיינען דאָ אַנדערע מינים גרויסע לייט — ער אַליין איז ניט פון מיין פאַך, ער האַנדעלט גאָר מיט וואַלד.

— ער האָט אין דעם יאָהר פערדיענט אויף זיין חלק — האָט זי אַ צוהיצטע געענדיגט — פינף טויזענד פונט! זעהר אַ גרויסער מענש!

איך בין געבליעבען אַ פערציטערטער און האָב איהם גלייך אָבגעטראָטען מיין צימער.

לאָנדאָן, 1907.

דער פּערלאַרענער שטאָלץ.

עס איז געוועזען איינער פון די געמיטליכסטע בעלער, וואָס הערמאַן האָט די לעצטע צייט בייגעוואוינט. דאָס פּובליקום איז ניט געוועזען בעזונדערס גרויס, דערפאַר אבער א זעהר נעטס און פיינס. איבערהויפּט די פרויען. הערמאַן האָט גראַד דעם אָבענד געהאַט ערפאָלג. אנשטאָט צו יאָגען זיך נאָך זיי, ווי זיין שטייגער איז געוועזען אויף די פאַריגע בעלער, האָט מען זיך דאָ גע־יאָגט נאָך איהם. דאָס האָט איהם געמאַכט שטאָלץ. „אויב אזוי, לאָך איך פון אייך אלע... ברויך איך אייך גאָר ניט..."

דער דאָזיגער שטאָלץ האָט איהם, דעם פינף און דרייסיג יאָהריגען מאַן, צוגעגעבען מעהר מענליכען חן... און די פרויען האָבען אָנגעווענדעט , יעדערע אויף איהר שטייגער, אלע מיטלען צו געווינען איהם. ער איז אָבער געוועזען שטאָלץ און גרויסמוטיג: איינער געשענקט א שמייכעל, דער צווייטער א פריינדליכען בליק, דער דריטער זאָ־גאַר בעמערקט, אז איהר האָר־נאָדעל אויפ'ן קאָפּ איז ניט אין אָרדנונג, פאַר וואָס זי האָט איהם הערצליך בעדאַנקט — אָבער מעהר ניט. פערבראַכט האָט ער מעהר מיט מענער, געוויצעלט זיך, ארומגעשפּאַצירט און האָט זיך ענדליך נוקם געוועזען אָן דעם שעהנעם געשלעכט פאַר לאַנגע, פיעלע און מאַנכמאָל שווערע בעליידיגונגען, וואָס ער איז פון צייט צו צייט, פון באָל צו באָל פון זיי אויסגעשטאַנען...

איצט וועט ער שוין וויסען, ווי אזוי מיט דער דאָזיגער „חברה" צו האנדלען: אויסערליך איגנאָרירען זיי און ערשט דאַן וועט ער איבער זיי זיעגען, בעזיצען וועלכע ער וועט נאָר

וועלען. אט די שעהנע ברונעטע מיט די צולאזטע האר אין צי־גיינער־קאסטיום, און אפשר גאר אט די גאלדענע־בלאנדע, מיט די גרויסע בלאהע אויגען — ווען ער וויל נאר א גוט ווארט זאגען און ער ווערט דער בעזיצער, דער אייגענטימער.

א צופריעדענקייט האט זיך אויסגעגאסען אויף זיין פנים. א שעהנע, יונגע ווייבעל, נישט גאר קיין נאהענטע בעקאנטע, האט איהם געכאפט אונטער'ן ארעם און געצויגען:

— הערמאן, קומט איבער'ן זאל...

— אך, איך דאנק אייך... איך האב ליעבער צו שטעהן און צו בעטראכטען די פארלעך. עס איז קאמיש, אבער אנגע־נעהם און אינטערעסאנט... לאזט מיך אליין..

דאס שעהנע ווייבעל האט זיך בעליידיגט, זי האט אבער נים געקענט פון איהם אוועקגעהן און זי האט זיך געחנ'דעלט:

— איך בין דא איינע אליין... איהר זייט א שלעכטער...

— א, ניין! — האט הערמאן זיך צוריק גע'חנ'דעלט — גאר נים קיין שלעכטער... אבער אייער מאן וועט דאך זיין אייפערזיכטיג...

— א, ניין, מיין מאן איז אזא גוטער, אזא גוטער... איברי־געגס איז ער גאר ניטא היע... ער איז אוועקגעפאהרען אויף א פאר וואכען... א, איך בענק אזוי נאך איהם.. וועט איהר מיר אפשר שפעטער בעגלייטען א היים..

הערמאנען איז אויסגעקומען אויסצושטעהן א נסיון... דאס ווייבעלע איז ווירקליך שעהן... אבער ער האט דאך ערשט אב־געמאכט צו זיין שטאלץ און ערשט דאן ווערען א זיעגער, — האט ער זיך אנגערופען שטרענג, אבער גרויסמוטיג.

— ליידער קען איך אייך דאס מאל נים בעגלייטען... איך וויל היינט אבענד אין גאנצען זיין פריי. איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען. איך קען נים...

ער האט געמיינט אז ער האט איבערגעכאפט די מאס. דאס ווייבעלע וועט ווערען בייז און וועט איהם אבזידלען און ענטלויי־

פען פון איהם. אָבער ניין, זיין שטאָלצער טאָן האָט איהם אין איהרע אויגען נאָך מעהר אויפגעהויבען. זי האָט אויף איהם גע־קוקט מיט פערליעבטע בליקען און געפליסטערט:

— איך האָב היינט צו אייך קיין גליק ניט... איהר זייט היינט אזוי אנציהענד... קומט הערמאן... איך האָב אייך היינט ליעב...

הערמאנס געזיכט האָט זיך צושמראהלט. אויב אזוי וועל איך שוין דערפיהרען ביז'ן סוף.

— „ניין, מיין גנעדיגע פרוי, — האָט ער קאָקעטירט.— איך בין היינט ניט געשטימט פאר די פרויען... איך וויל בלויז בעאָבאכטען, זעהן, הערען און אליין בלייבען אָן דער זייט, ניט אנטהייל נעהמען. איך בין שוין, שליסליך, ניט קיין יונגער מענש — האָט ער געענדיגט מיט א מענערליכען קאָקעטישען שמייכעל.

— ווירקליך, ווירקליך! — האָט זיך דאָס ווייבעל צושריען פאר כעס, וואָס ער איז אזוי הארטנעקיג, — ווירקליך, זייט איהר שוין אָן אלטער מאָן, אז איהר זאָגט זיך אָב פון גליקען...

ביים וואָרט גליקען, האָט איהר יונג שעהן פנימ'על בעקו־מען א ראָזעווע פארב. די אויגען, וועלכע זי האָט אויף איהם אויסגעשטעלט, האָבען געפינקעלט מיט א ספּעציפישען פייערל.

— ליידער, ליידער... — האָט זיך בערמאן ניט אונטער־געגעבען... ליידער, ליידער...

און א נויג טהוענדיג זיך, איז ער אוועק פון איהר.

ער איז געבליבען שטעהן ביי א קליין טישעל, ביי וועל־כען עס איז געזעסען א פרוי אָנגעשפּארט אָן צוויי שעהנע לאנגע הענד מיט ענטבלויזטע ארעמס דעם שעהן פריזירטען קאָפּ מיט א געפלאָכטענע קרוינדעל אין פריזור... ער האָט זי אָנ־געקוקט און געוואָלט שוין אוועקגעהן, אבער די פרוי האָט אויפ־געהויבען אויף איהם איהרע אויגען און האָט בלויז איין קוים־

בעמערקבארען שמייכעל געטהאן... ער האט איהר צוריק א שמיי־
כעל געטהאן... זי האט איהם א וואונק געטהאן מיט איין פינ־
גער, א לאנגער, א ווייסער, א ליליען פינגער... מיין גאט... האט
ער שיער נ׳ט אויסגערופען — וואס פאר א פינגער... ער וועט
זיך בלויז צווענען... א, ער איז היינט אין א שטאלצער שטי־
מונג — ער וועט זיכער אויסהאלטען!...

— איהר זייט מיר ווי בעקאנט... — האט ער אנגעהויבען
און געפיהלט, אז א געוויסע מאס שטאלץ, מיט וועלכער זיין
הארץ איז נאר וואס פול געווען, האט שוין די פאר אויגען איה־
רע אויסגעצאפט... — יא, מיר דאכט איך האב אייך ערגעץ
וואו געזעהען...

— איהר זאגט ליגען... — האט זי דרייסט געשמייכעלט—
וואו האט איהר מיך געקענט זעהען, אז איך בין ערשט דא אין
שטאדט אייניגע טעג, ביי א טאנטע...

— אך, ענטשולדיגט, — האט ער שוין געשטאמעלט און
געפיהלט, ווי פון זיין שטאלץ איז שוין אויסגעצאפט א גרויסער
טייל... — יא, מיר האבען אפט טעות׳ן... — ער האט געוואלט
זיך נעהמען מיט זיין פריהערדיגען שטאלץ, איגנארירען זי און
בעהערשען זי, אבער אזוי ווי קיין שטאלצע פראזע האט ער ניט
געפונען אין דער דאזיגער הייסער מינוט, האט ער א זאג געטהאן
פון העפליכקייט וועגען:

— וועלכע שעהנע פינגער איהר האט!...

זי האט אויסגעצויגען איהר האנד, בעטראכט איהרע פינ־
גער, ווי זי וואלט זיי אליין דאס ערשטע מאל געזעהען און זיך
אנגערופען:

— ווירקליך?...

ער האט זיך שוין אינגאנצען פערלארען: ניט נאר די פינ־
גער, נאר א׳הר שטים... אזא שטים האט ער נאך קיינמאל נ׳ט
געהערט...

— א, איהר זייט א קעניגין!

— אך, איהר רעדט שוין ווי א פערליעבטער, — האט זי אפען חוזק געמאכט און געשפּיעלט אויפ'ן טיש מיט איהרע לאנגע פינגער.

ער האט געוואלט עפּעס זאגען שטאלצעס, מוטיגעס, גרויסעס, אבער דער שטאלץ איז שוין געווען אין גאנצען אויסגעצאפּט, און ער האט זיך געבעטען:

— ערלויבט מיר קושען אייערע פינגער!

זי האט איהם ווי א קעניגין אויסגעצויגען איהרע הענד. ער איז ווי פער'שכור'ט געבליבען פון זיסען דופט און אראמאט, וואס האט פון זיי געשלאגען. ער האט זי א קוש געטהאן אין ארם...

— אך, איהר ערלויבט זיך צופיעל! — איז זי געווארען שטרענג — איהר האט דאך געבעטען אין די פינגער...

ער האט זיך געפיהלט פערזינדיגט און פערשולדיגט... זי איז דאך גערעכט: וואס געהט ער אזוי ווייט — פון איהרע פינגער ביז די ארעמס איז דאך אזא ווייטער וועג... ווי אזוי האט ער פערבלאנדזשעט... און וואס איז עפּעס וועגען זיין שטאלץ?...

זי האט אויף איהם אנגעשטעלט איהרע אויגען, גרויסע גרינע און אפשר בלאהע אויגען. ער האט דעם קאליר ניט געקענט בעצייכענען. אזוינע אויגען האט ער זעהר זעלטען געזעהן. די אויגען האבען אויף איהם געקוקט מיט שטרענגקייט און מחילה...

— דאס מאל בין איך אייך מוחל... — האט זי ענדליך א שמייכעל געטהאן.

עס איז פערביי א קעלנער.

— בעשטעלט עפּעס — האט זי ווי בעפוילען.

— אך, מיט פערגניגען! — האט ער זיך אנגעכאפּט.— וואס טרינקט איהר... וויין?

— וויין?... — האט זי זיך געקווינקעלט — עס איז דען דא גוטער וויין?

דער קעלנער האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט אַ ווײַן־קאַרטע, אָנגעוויזען מיט אַ פינגער אויף אַ געוויסען סאָרט. ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ שטרענגע ציפער — דער פרייז... הערמאַן האָט זיך דערמאָהנט, אַז אין טאַש האָט ער ניט פיעל... מאָמער קומט אויס צו נעהמען אַ פּיאַקער!... פערפאַלען!... ער האָט גלייך בעשטעלט.

זי האָט אויף איהם געוואָרפען אַ גוטמוטיגען בליק און געפרעגט:

— איהר זייט רייך?...

— אָ, ניט זעהר, אָבער...

— איך האָב נישט ליעב קיין אָרימע לייט... — האָט זי געלאַכט.

— אָ, ניין — האָט זיך הערמאַן דערשראָקען — איך בין ניט אָרים...

הערמאַן האָט זיך גענומען גריבלען אין זיין האַרץ, אויס־צוגעפינען אַ שטיקעלע שטאָלץ, כאָטש אַ קליין טיילכעל, ווען ניט, איז ער פערלאָרען.. די דאָזיגע פרוי וועט איהם מאַכען צום נאַר. ער פיהלט עס, ער זעהט עס פאָר... אָבער קיין וועג צוריק איז שוין ניט געווען... דער וויין איז שוין געבראַכט גע־וואָרען... דער קעלנער האָט עס גראַציעז אויפגעמאַכט און אָנ־געגאָסען צוויי בעכער...

— פּראָזיט! — האָט זי אויסגערופען און מיט גראַציע אָבגעטונקט אין בעכער איהרע ראָזע ליפען מיט אַ קליין שפּי־צעל פון רויט־בלוטיגען צינגעלע

הערמאַן האָט זיך פערלוירען, פערגעסען, ער איז ענטציקט געוואָרען...

— ערלויבט מיר אייך צו קושען אין די ליפען...

— אָ, האָט זי געשמייכעלט — דאָס איז נאָך צו־פריה...

ער האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער וויין מיט איין מאָל,

ווי ער וואָלט געוואָלט לעשען אַ גרויס פייער, וואָס עס האָט אַנגעצונדען זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין גאַנץ וועזען.

— ווי רופט מען איך?

— בעללאַ! — האָט זי ווי אויסגעזונגען...

— פון וואַנען קומט איהר?

— פון דער וועלט... — האָט זי חוזק געמאַכט.

— צו וועמען און וואוהין?...

— צו אַלע און צו קיינעם ניט, איבעראַל און ערגעץ ניט...

— איהר זייט אַ קעניגין! — האָט ער געזאָגט נאָכ'ן צווייטען גלאָז וויין.

— אָבער אַ בייזע... — האָט זי געלאַכט, אַ זעלבסטהערשערין... קיין גנאָד פאַר מיינע אונטערטאַנען...

— פאַר מיר יאָ! — האָט ער זיך געבעטען.

— ניין... איבריגענס בין איך היינט דאָ ניט אַליין...

און איידער הערמאַן האָט געהאַט צייט עפּיס צו פרעגען, איז ווי אויסגעוואַקסען נעבען טישעל אַ הויכער, גראַציעזער, רייכגעקליידעטער יונגער מאַן...

ער האָט געוואָרפען אַ בייזען בליק אויף הערמאַנ'ען, אַ פריינדליכען צו דער קעניגין און געזאָגט:

— מיר געהען...

— יאָ...

זי האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט, אויסגעצויגען נאָכלעסיג די האַנד הערמאַנען, און קיין איינציגס וואָרט...

זי איז פערשוואונדען פון די טרעפּ. הערמאַן איז געבליבען ביי אַ האַלבען בעכער ניט דערטרונקענעם וויין. איהר בעכער איז געשטאַנען פול... און האָט אַנגעקוקט מיט חוזק הערמאַנ'ס בעכער.

ער האָט האַסטיג אויסגעטרונקען ביז'ן רעק זיין בעכער און האָט זיך געלאָזט איבער'ן זאַאַל.

ער האָט שוין געגאַרט און געזוכט דאָס פריהערדיגע שעהנע ווייבעלע... יענע אָבער האָט ארויסגעשפּאַצירט מיט א צווייטען.

בעמערקענדיג הערמאַנ׳ען האָט זי אויף איהם געוואָרפען א איגנאָרירענדען בליק און האָט זיך הויך געווענדעט צו איהר קאַוואַליער:

— לאָמיר געהן... יא?

— מיר געהען...

הערמאַן איז געבליבען אליין...

ער האָט געטראַכט פון זיין פריהערדיגען שטאָלץ און פון דער פרוי בעלא, וואָס געהערט צו אלע און צו קיינעם ניט, און וואָס אלע מיטלען זיינען נישטיג צו דערגרייכען דאָס, וואָס יאָס מענשליכע הארץ בעגעהרט...

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

דער פראלעטאריער.

בעריל דער ישיבה־בחור אין נייעם קלויז האט קיינמאל ניט געהאלטען פון זיך און איז געווען שטענדיג שטארק אראב־געפאלען ביי זיך מיט זיין תורה, וועלכע ער האט געלערנט ניט לשמה, נאר טאקע צוליעב די „טעג" און צוליעב דער הארטער באנק אין בית־המדרש, וואו ער האט יעדע נאכט זייטע ביינער אויסגעגלייכט. אודאי קען מען אויף זיך אליין קיין גרויסען כבוד ניט לעגען. אז עסען עסט מען פרעמדם און שלאפען שלאפט מען אין קלויז, צוזאמען מיט א פאר בטלנים און אויך אמאל, אין א ווינטער נאכט, מיט דעם שטאדט־משוגע'נעם, וואס גנב'עט זיך אריין שפעט ביי נאכט און כאפט א „משוגע'נעם" דרעמעל אויף דער געגענאיבערדיגער באנק, וואו ער, בעריל, שלאפט.

און אזוי ווי בעריל האט קיינעם ניט געקענט, אויסער די בעלי־בתים און יונגע לייט פון בית־מדרש, וואו ער האט געלערנט, איז זיין השגה וועגען מאכט און גדולה ווייטער פון דעם דאזיגען „קלאס" ניט געגאנגען. זיי האט ער בעטראכט פאר די גרויסע, פאר די שטארקע, פאר די פרייע, פאר די מענשען מיט א „בחירה", און אין פערגלייך מיט זיי האט ער זיך געפיהלט, ווי א ווערימעל.

און געטרוימט האט שטענדיג בעריל צו ווערען אויך אמאל א בעל־הבית, א יונגערמאן מיט א ווייב, מיט א „שטאדט" אין בית־מדרש און מיט אן איינענעם „טיש".

ווי אזוי אבער ווען ער עס דערגרייכען, האט ער ניט גע־וואוסט. ער האט אפילו געגלויבט, אז פריהער אדער שפעטער

וועט ער חתונה האָבען. אבער פון חתונה האָבען ביז ווערען אליין א בעל־הבית איז זעהר ווייט. אַט איז דאָ אין בית־מדרש דער בריסקער פּרוש, אויף א בעווייבטער, און פונדעסטוועגען איז ער אין אזא מצב, ווי בעריל אליין. און אז יענער האָט שוין א „שבת“ ביי א שעהנערען בעל־הבית, איז דען שוין גוט? ווען דער „שבת׳דיגער“ בעל הבית זיינער איז א חסיד, מוז ער זינגען זיינע חסיד׳ישע זמירות, כאָטש בערל אליין איז א מתנגד.

און בעריל איז געווען שטענדיג אומעטיג, פערטראַכט. און אויף די בעלי־בתים פון בית־מדרש האָט ער געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט שטארק אראָבגעפאלענקייט. דערזעהענדיג א בעל־הבית נישט ווייט פון זיך, פלעגט ער זיך אויפשטעלען און נישט וויסען, וואוהין צו טהאָן זיין קליינעם, דארען גוף...

אַ בעל־הבית האָט ביי בערלען געהייסען יעדער, וואָס איז נישט קיין בעל־מלאכה. אפילו לייב דער געפאלענער, וואָס לעבט שוין צעהן יאָהר פון קצבה, איז ביי איהם געשטאַנען העכער פון חיים דעם שניידער, וואָס האָט געהאַט אן אייגענע שטוב און איז בכלל געווען נישט קיין עם־הארץ און פלעגט אמאָל נאָכ׳ן דאַווענען זעצען זיך אין בית־מדרש ביי א ספר.

— ס׳איז פאָרט א בעל־מלאכה! — פלעגט בעריל בע־שליסען, קוקענדיג דאן אויפ׳ן שניידער — עס איז גאָר אנ׳אנ־דער שניט!... — ווענען די יונגע ארבייטער האָט בעריל גאָר נישט געוואָלט טראכטען — אויף זיי האָט ער שוין לאַנג א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. — דאָס זיינען חמורים!

און פּלוצלונג, אין דער לעצטער צייט, דערוויסט זיך בע־ריל, אז אַט די בעלי־מלאכות זיינען די גרעסטע יחסנים אויף דער וועלט. אז זיי הייסען גאָר נישט קיין בעלי־מלאכות, נאָר אויף לעטיין — פּראָלעטאריאט, און נאָר דער פּראָלעטאריאט איז דער בעל־הבית פון דער וועלט, אַלץ געהערט צו איהם, ער

האט אלץ בעשאפען און מיט דער צייט וועט ער טאקי אלץ אר־
נעהמען און ער וועט געוועלטיגען איבער דער גאנצער וועלט
ווי אזוי דאס וועט ווערען, קען בעריל נאך נישט משיג זיין.
די עטליכע אידישע בראשורען, וואס ער האט די לעצטע צייט
וועגען דעם געלעזען בשתיקה אין בית־מדרש, האבען דאס נאך
איהם נישט דערקלערט. נאר וואס איז שייך? דעם גן־עדן האט
איהם די גמרא אויך נישט דערקלערט און פונדעסטוועגען
גלויבט ער דאך. היינט פאר וואס זאל ער נישט גלויבען אין
פראלעטאריאט, אין וועלכען די גאנצע וועלט גלויבט.

און בעריל זעהט טאקע בחוש, אז דער יחסן איז דער בעל־
מלאכה, דער פראלעטאריאט; די בעלי־בתים — שטעהט אין
די ביכלעך געשריבען — וועלען אונטערגעהן — „אזוי ווי א
מעקענע פון א ווינד“ — גיט בעריל א משל פון תהילים אין גע־
דאנק, און זעהט נקמה און ער האט אויף זיי גאר קיין רחמנות
נישט. און וואס וועט ער זיי אין דער אמת'ן זשאלעווען? דעם
גרויסען נחת, וואס ער האט פון די בעלי־בתים געהאט!... סך־
הכל האט ער אויף אלע „טעג“ זיך זאט נישט אנגעגעסען —
זאלען זיי פערשוואונדען ווערען! רעדט ער אוים מיט כעס.

אבער וואס וועט זיין מיט איהם, ווער איז ער? דער גע־
דאנק האט איהם קיין רוה נים געגעבען... צום בעל־הבתי'שען
קלאס געהערט ער געוויס נים, א שענער בעל־הבית איז ער, אז ער
האט אפילו קיין קעסטיל נים, און די איינציגע פאר העמדער,
וואס ער פערמאגט, ליעגען אין א שטענדער, וואס האט גראד א
טהירעלע מיט א שלאס.

אבער קיין פראלעטאריער איז ער דאך אויך נישט. ארביי־
טען ארביים ער נים.

און ווער וויים? אפשר יא. לערנען לערנט ער דאך נישט
לשמה, נאר צוליעב די טעג, הייסט דאך דאס „טויש“, ווי אין
די בראשורען שטעהט. ער גיט תורה, און זיי גיבען עסען. —
עס איז אבער א דרש, צווייפעלט ער ביטער — וואס דארפען

די בעלי־בתים סיין תורה, נאר צוליעב יענער וועלט. און יענע וועלט איז אפשר א זאך שלא בא לעולם...

אלענפאלס גלויבען דאך נישט די פראלעטאריער אין יע־נער וועלט. קענען זיי דאך מיר אין זייער חברה נישט ארייג־נעהמען.

אַס, למשל, האבען די ארבייטער געמאכט א שטרייק. אז ער וואלט געווען א פראלעטאריער, וואלט ער דאך אויך געדארפט שטרייקען. ער איז אבער געזעסען אין בית־המדרש און געלע־רענט, ווי אלע מאל. און זאל שוין זיין, אז ער וואלט נישט גע־לערנט, הייסט עס דען געשטרייקט! קיינער וואלט זיך אפילו נים ארומגעקוקט.

— טא וואס בין איך, ווער בין איך? — פלעגט בעריל די לעצטע צייט אלץ מעהר און מעהר זיך פערטיפען אין דער פראגע.

צי וועט ער צוזאמען מיט אלע הענדלער און קרעמער אויך אונטערגעהן, פערשווינדען, ווי א מעקעגע פון א ווינד?...
טרויעריגע געדאנקען!...

ערשט נאך פורים, אז בעריל האט זיך געשטעלט אין א פאדריאד רעדלען מצה, האט ער זיך א ביסעל בערוהיגט.
—איצט בין איך א פראלעטאריער, ווי אלע, האט ער נישט אהן שטאלץ געטראכט, — איך ארבייט 14 שעה אין טאג.

דער לעצטער ארגומענט האט איהם אבער בעאונרוהיגט. די ארבייטער, די אמת'ע פראלעטאריער, האבען שוין אויסגע־קעמפפט א סך א קירצערען ארבייטס־טאג. נאר די רעדלער אר־בייטען נאך אלץ צו פיערצעהן שעה אין טאג און אמאל — זעכצעהן.

צו וועמען ווענדט מען זיך וועגען דעם? ווער וויים, צו

וואלטען די אמת'ע פּראָלעטאריער איהם נישט אויסגעלאכט, ווען ער זאָל זיך צו זיי ווענדען דערמיט.

און בכלל, ווען קען ער זיך צו זיי ווענדען? ביז פּסח האָט ער אפילו קיין צייט נישט אָבצוקעהרען זיך פון בלעך, און נאָך פּסח איז ער ווידער אויס פּראָלעטאריער.

טאָ ווער איז ער פאַרט? און וואָס וועט מיט איהם זיין, ווען דער פּראָלעטאריאט וועט הערשען אין דער וועלט און די בעלי־בתים, די קרעמער און די הענדלער, הייסט עס, וועלען פערשווינדען, אונטערגעהן?...

וועט ער אויך אונטערגעהן? אוי, ווי איהם ווילט זיך נישט אונטערגעהן!

די פרעמדע תפלה.

(א בילד פון לעבען אין קאזארמע)

שטיל, טרויעריג, מיט אראבגעלאזטע קעפּ און מיט א נאָגענדיגע בענקעניש אין הארצען זיינען די מוזיקאנטען פון דאָנער פאָלק אריין אין קאזארמע, נאָכדעם ווי זיי האָבען בעגלייט צום צוג דעם „זאפּאס“.

אויפהענגענדיג אויף די הילצערנע הענגערס די אינסטרומענטען, האָבען זיי אפילו זיך נישט גענומען אָבצורייניגען די קאזיאָנע שטיוועל, ווי זייער שטייגער איז שטענדיג. שטום, אָהן ווערטער, האָט זיך ווער אויף דער נארע אויסגעצויגען, ווער אנידערגעזעצט און געטראכט פון דער היים, פון וועלכע זיי זיינען אלע אזוי ווייט און פון וועלכער זיי דארפען נאָך אזוי לאנג זיין אָבגעריסען. ווענינסטענס האָבען זיך אזוי געפיהלט די אידישע מוזיקאנטען, וועלכע זיינען בעשטאנען פון 35 מאן. די דריי קריסטען, וואָס זיינען איבערגעבליבען, האָבען אויסער דאָס בענקעניש נאָך דער היים, וואָס דער אוועקגאנג פון זאפּאס האָט ביי זיי ארויסגערופען, נאָך א בעזונדער ביטער געפיהל דורכגעלעבט: דריי קריסטען, דריי פּראוואָסלאוונע צווישען אזוי פיעל „נישט גע׳צלמ׳טע“!

די אלע דריי, איוואנאָוו, יעמעליאנאָוו און סטעפּאנאָוו, האָבען זיך צוזעצט אויף איין נארע, הארט איינער נעבען דעם אנדערען און האָבען פון איוואנאָוו׳ס בייטעלע מיט מאַכאָרקע גענומען זיך שטום אָהן ווערטער, דרעהען פּאפּיראָסען א׳ן גראָבע גאזעטען־פּאפּיער.

— נעהם נאָך אביסעל! — האָט ענדליך איוואנאָוו, וועלכער איז שטענדיג קארג געוועזען אויף אן איבעריג קערענדיל

מאכארקע—זעהר ברייטהערציג, אבער מיט א קול פון אן אבל, ארויסגעזאגט.

— עס, גענוג! — האט יעמעליאנאוו, ווי געריהרט ווערענדיג פון זיין חבר'ס גוטסקייט, ווייך געענטפערט, און אום דאך צוליעב צו טהאן זיין חבר, האט ער צוגעשאטען צו זיין פאפיראס, וואס איז נאך נישט פארקלעפט געווען, נאך א דריי קערענדלעך.

— נעהם דו אויך נאך אביסעל, עס איז ווענינ! — האט איוואנאוו אויך סטעפאנאוו'ן פארגעלעגט.

סטעפאנאוו האט זיך שטום ענטזאגט.

אז זיי האבען שוין די צונויפגעדרעהטע פאפיראסען פערדויכערט איז צו זיי צוגעגאנגען דער „דרעזשורנער", דער איד חיים קאץ, און האט זיי ווייך געמאלדען:

— שוין פארטיג דער אוזשין!

— מיר דארפען נישט דעם אוזשין — האט איוואנאוו זיך טרוקען ענטזאגט, ווי ער וואלט זיך וועלען נוקם זיין.

דער דעזשורער, אן אונטער־אפיציער, האט זיך נישט קוקענדיג אויף זיין צווייענדיגע ממשלה, וואס ער האט היינט, ווי פערלארען זיך, און האט הכנעה'דיג געפרעגט:

— פארוואס?

— עס וועט זיין ווענינ פאר דיינע „ברידער" — אז וויפיעל זיי זיינען! — האט סטעפאנאוו אונטערגעהאלטען.

— א גאנצע סינאגאגע! — האט יעמעליאנאוו א שטאך געטהאן.

דער דעזשורנע איז אבהענדיג אוועק פון זיי.

— זיי זיינען ברוגז! — האט ער צוגעהענדיג צו א פאר אידישע סאלדאטען געשמייכעלט.

די אידישע סאלדאטען האבען טרויריג געשוויגען.

2.

אין א שעה ארום איז רער דניעוואַלניע, בערקע שיף, צו־געגאַנגען צום דעזשורנעם און האָט איהם געמאָלדען:

— איך שטעה שוין צוויי איבריגע שעה — שוין צייט מיך צו בייטען.

— אהא! — האָט זיך דער דעזשורנער א כאַפּ געטהאָן — ביזט, ברודער לעבען, גערעכט, און נאָך א קליינער פּאוזע האָט ער הויך איבער דער קאַזאַרמע אויסגערופען:

— וועמעס „אַטשערעד“ איז דעם דנעוואַלניע צו בייטען?

די אידישע מוזיקאַנטען האָבען זיך איבערגעקוקט און האָבען נישט געענטפערט. אַנדערע האָבען געקוקט אויף איוואַנאָוו׳ן, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער נאַרע און האָט זיך געמאַכט ווי איהם געהט די גאַנצע פראַגע ניט אָן.

— נו, קיינער איז זיך נישט מודה! — האָט דער דעזשורנער גוטהערציג געשמייכעלט און געוואַרט אויף אן ענטפער. ניט דערוואַרטענדיג זיך, האָט ער ווידער געזאָגט:

— מיר האָבען, דאַכט זיך, ערגעץ א „טאַבליצע פון אַטשערעד“. עס וועט אייך שוין דער שוואַרץ־יאָהר אליין נישט העלפען.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנד, וואו עס איז געהאַנגען א צעטעל מיט די נעמען פון די אַלע מוזיקאַנטען, און האָט גענומען לעזען מיט די אויגען, דורכלאָזענדיג יענע נעמען, וואָס זיינען בעצייכענט געוועזען מיט א קרייצעלע, ווער עס האָט שוין אָבגעפּטר׳ט זיין אַטשערעד.

— איוואַנאָוו! — האָט ער פאַר זיך א מורמעל געטהאָן — זיין אַטשערעד!

דער דעזשורנער האָט זיך א קראַץ געטהאָן אין קאָפּ, ווי ער וואָלט זוכען עפּעס אן עצה. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן.

אוועקגעהענדיג פון דער טאבליצע, האָט ער זיך מיט קליי־נע, ניט דרייסטע טריט געלאָזט צו איוואנאָוו׳ן, בלייבענדיג שטעהן נעבען איהם אין אן אונבעהאָלפענער פּאָזע.

— איוואנאָוו! — האָט ער איהם שוואך א ריהר גע־טהאָן פאר׳ן פּוס.

— ניע לאפאי! — האָט איוואנאָוו ווינענדיג אויף וואָס ער דארף איהם, אויפגערעגט אויסגערופען.

דער דעזשורנער האָט איהם געוואָלט זאָגען: דיין אָטשע־רעד, געה בייט דעם דנעוואלניע, ער האָט אבער קיין מוט נישט געהאט דאָס ארויסצורעדען.

ער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די אידישע מוזיקאנטען.

— בלאָהשטיין! זיי א גוטער ברודער, בייט דו דעם דניע־וואלנעם!

— עס איז דען מיין אָטשערעד?

— ניין — איוואנאָוו׳ס...

— נו, איז ער חולה?

— לאָז איהם געמאך, נישט כדי צו עסק׳ן מיט זיי. דריי שטיקלעך גוים... שטעל זיך דו!

— שטעל זיך! שטעל זיך! — איז צוגעגאנגען נאָך א אידישער מוזיקאנט. — זעהסט נישט ווי בייז זיי זיינען.

— זיי וועלען דאָך צולאָזט ווערען! — האָט בלאָהשטיין בעמערקט, און האָט געביטען דעם דנעוואלניעם.

איוואנאָוו האָט זיך שטום איבערגעקוקט מיט יעמעליאנאָוו, און סטעפּאנאָוו האָט שוין הויך ארויסגערעדט:

— וואָס דען? נאָך דניעוואלנע שטעהן: ווענינ זיינען זיי דאָ.

און די דריי „איבערגעבליבענע" פּראוואָסלאַוונע זיינען מיט א בייזען שמייכעל ארויס אונטען, אין בופעט, פערגיסען די צרות.

3.

ניין א זייגער אין אוונד איז אריין דער פעלדפעבעל, א הויכער קריסט, מיט א גלאט־געגאלטער מארדע. זיינע וואנסען זיינען געווען פערדרעהט און זייערע צוויי שפיצען האבען גע־קוקט מיט בייזקייט ווי זיינע אויגען, אזוי, אז עס האט גע־דאכט, אז ער האט פיער אויגען.

— זיינען אלע דא? — האט ער געפרעגט מיט א טאן פון אן אליינהערשער, ווארפענדיג בליקען אין יעדער ווינקעל.

— אלע! — האבען די אידישע סאלדאטען, ווי א כאר, הארמאניש אויסגערופען.

— זעהט־זשע! — האט ער בייז־שמייכלענדיג זיך גע־ווענדעט צו די אידען — זאל מיר פרובען איינער פעהלען! נא פאוויערקו — האט ער א קאמאנדעווע געטהאן.

די אלע אידישע סאלדאטען האבען זיך אויסגעשטעלט פאר־ווייז. איוואנאוו האט זיך געשטעלט נעבען יעמעליאנאוו'ן, סטעפאנאוו האט זיך געדריקט צו זיי.

דער פעלדפעבעל האט אנגעהויבען אויסרופען די נעמען, פריהער די אידישע. די דריי רוסישע האט ער ווי מיט א כיון געלאזט צום סוף. ווי אברייניגען מיט זיי די צונג... צוקומענדיג צו די דריי רוסישע נעמען האט ער דעם טאן אומגעביטען און נאך יעדער נאמען זייערען האט ער געמאכט א קליין פאוזעלע, ווי ער וואלט זיך בעלעקט...

— נא מאליטוואו! — האט דער פעלדפעבעל א קאמאנדע־ווע געטהאן, ווי ער וואלט ניט געוואוסט, אז עס זיינען נאר גע־בליבען דריי פראוואסלאווניע.

אלע מוזיקאנטען האבען געמאכט א טריט לינקס, לויט מי־ליטערישען שטייגער, און כהרף עין זיינען זיי אלע געשטאנען מיט'ן פעלדפעבעל בראש קעגען די הייליגע בילדער.

— אטשע נאש ! — האט דער פעלדפעבעל, אלס חזן, אנ־געהויבען מיט זיין באסאווען קול צו זינגען.

עס האט געהערשט א שטילשווייגען.

די אידישע סאלדאטען זיינען געשטאנען בלייך. אין דער שטילקייט האבען זיי געהערט הויכע שטעכיגע ווערטער. זיי האַבען געשפירט, אז אין דעם שווייגען ליעגט פערבארגען א בייזע כונה... זיי האבען מורא געהאט א קוק צו טהאן אויפ'ן פעלד־פעבעל, אויף די דריי רוסען...

— נו, וואס ווארט מען ? — האט דער פעלדפעבעל מפסיק געווען.

שטיל.

פלוצים, ווי צונויפרעדענדיג זיך געהיים איינע מיט די אנדערע, האט א זעץ געטהאן א גאנצער כאר הויך, הארמאניש און ערנסט. די ווערטער און דער ניגון פון דער פרעמדער תפלה האבען זיך צוגאסען איבער דער גאנצער קאזארמע. די קרים־טען האבען דאס מויל נישט געעפענט. אבער שוין נישט להכעים צו טהאן, נישט צו ווייזען, אז דא זיינען צופיעל אידען, נאר פון ערשטוינונג און איבערראשונג...

נאך דער תפלה, אז דער פעלדפעבעל איז שטום, אהן קיי־נע בשפעהלונג, ארויסגעגאנגען, האט ווידער גענומען הערשען א שטילקייט. די אידישע מוזיקאנטען האבען, ווי בעטראכטענ־דיג, וואס זיי האבען געטהאן, געשוויגען.

די דריי קריסטען האבען זיך, אוועקזעצענדיג זיך אויף איין נארע און זעהר שטיל זיך גע'סוד'עט.

ענדליך האט זיך איבער דער קאזארמע דערהערט איוואַ־נאוו'ס שטים :

— זשידי היטרי !

די אידען האבען זיך איבערגעקוקט און געשוויגען.

אין דער קאזארמע האט געהערשט א דריקענדע שטילקייט.

די הייליגע בילדער אין ווינקעל האבען געקוקט מרה־שחורה'דיג.

דער שכור.

חיים דער מלמד איז געווען א איד א חלוש, האָט געהאט א סך מיחוש'ן און דערפאר האט ער געהאט די בעסטע תלמידים: ווייל די מיחוש'ן, האבען אלע געוואוסט, איז איהם געקומען נאָר פון דער תורה, און די שטעדטעלשע אידען לאָזען א תלמיד־חכם ניט פאלען.

מעהר פון אלץ האָט חיים געליטען פון קאָפּ־וועהטאָג.

— איך בין נאָר אַהן א קאָפּ! — פלעגט זיך חיים אמאָל קלאָגען פאר זיינע נאָהנטע בית־מדרש אידען — טאָמער פער־גלוסט זיך אמאָל מיין אלטער פרעגלען א שטיקעל הערינג, הרג'ט זי מיר גאָר אוועק — פאר טשאד ציטער איך...

נאָר נאָך מעהר ווי פאר טשאד האָט חיים מורא געהאט פאר בראַנפּען. בראַנפּען, האָט ער געזאָגט, איז א מלאך־המות, דאָס קענען נאָר גוים פערטראָגען.

און חיים האָט ניט נאָר קיינמאָל קיין בראַנפּען ניט גע־טרונקען, ער האָט עס אפילו קיינמאָל ניט אָנגעזעהן... דער ריח פון בראַנפען איז איהם אפילו פרעמד געווען. עס האָט זיך אמאָל געמאַכט, אז, דורכגעהענדיג דעם מאַרק אין בית־מדרש אריין, איז ער פערטראַכטערהייט צוגעגאַנגען צו ליבע ישעג־קערס הויז. עפּעס א מאָדנער ריח האָט איהם דעם אטהעם פערהאלטען.

— וואָס זאָל דאָס זיין פאר א ריח? — האָט חיים זיך גענוואונדערט — אפשר סמאַלעניש חלילה, עס קען נאָך א שרפה, חלילה זיין.

און חיים האָט געהאַלטען פאַר א חוב אריינגעהן צו לייבען אין שענק אריין און וואָרענען איהם.

— איך בין געגאַנגען פאַרביי — האָט ער געזאָגט אריינגע־הענדיג — הער איך עפּעס א ריח, אפשר איז דאָס סמאַלעניש— אין שטוב דאָ הערט זיך אויך... א גרויל!... וואָס איז דאָס פאַר א ריח?

— וואָס זאָל זיין פאַר א ריח, ר' חיים? — האָט לייב געקוועטשט מיט די פּלייצעס — איך הער קיין שום ריח ניט. עס הערט זיך געוועהנליך אין א שענק — בראָנפען...

— אזוי גאָר — בראָנפען! — האָט חיים ווי עפּעס זיך דערמאָהנט — האָט בראָנפען אזא שאַרפען ריח, הייסט עס? פּלאי פּלאים!...

און חיים האָט זיך דערנאָך א גאַנצען וועג גע'חדוש'ט, וואָס פאַר א שאַרפען ריח בראָנפען האָט... און ער האָט פאַר בראָנפען נאָך מעהר מורא בעקומען. שמחת־תורה האָט חיים געזעהן, ווי אַלע אידען זינגען און מאַכען משוגענע הויות. ער איז אפילו געוועזען צופרי׳עדען, וואָס אידען זיינען זיך משמח מיט דער תורה, דאָך אינווענינג אין האַרצען איז עס איהם געוועזען פריקרע: די שמחה זייערע איז דאָך אייגענטליך פון בראָנפען, פון די ביסעל פראָסטע בראָנפען, וואָס זיי האָבען געטרונקען. און חיים פלעגט זיך גראָד דאַמאָלס דערמאהנען אָן נח׳ן, אָן חם׳ן, אָן לוט׳ן, און כדי צו פערטרייבען די מיאוסע געדאַנקען, פלעגט ער אריינקוקען אין א ספר...

האָט זיך אבער אמאָל שמחת־תורה געמאַכט א מעשה, אז אונזער חיים האָט זיך אָנגעשכור׳ט...

ער האָט גראָד דעם זומער געהאַט א שלעכטע קנעלונג, ניט חלילה דערפאַר, וואָס ער האָט זיינע מיחוש׳ן פערלוירען און דערפאַר איז ער געפאַלענער געוואָרען ביי די בעלי־בתים, — ניין, אזא אונגליק האָט חיים׳ן ניט געטראָפען. ער האָט געהאַט

די זעלבע מיחוש'ן, פערקעהרט, דעם לעצטען זומער איז איהם צוגעקומען נאָך גאָר א פרישער, עכט אידישער מיחוש: דער גאָלדענער אדער... נאָר די שלעכטע קנעלונג האָט געשטאַמט דערפון, וואָס א פאָר בעלי־בתים, יוו״דים, האָבען איהם ניט בע־צאָהלט, חיים האָט אפילו קיין פאָר נייע לאַטעס אויף סכות ניט געקענט לאָזען לעגען; זיינע שטיוועל האָבען שטארק גערונען, און דאָס האָט געשאַדט צו זיין געזונד; דעריבער האָט חיים שמחת־תורה זיך מתיר געמאכט און געדראָוועט אין דער פריה אין א נאָהנטען בעל־הבית'ישען מנין. אין מנין האָבען געדאַוועט עטליכע פרעהליכע יונגע לייט און האָבען חיים'ן פון זיך איבער'ן גאַנצען דאַוונען ניט אָבגעלאָזט:

— מיר וועלען אייך, ר' חיים, היינט ביי אונז איינ־שכור'ן! — האָט איינער איהם אין מיטען דאַוונען פרעהליך א זאָג געטהאָן.

— חס וחלילה! — האָט זיך ר' חיים דערשראָקען — זי אייך גאָט בעהיטען... פאַר מיר איז דער ריח פון בראַנפען — חיות!

— נישקשה, לכבוד שמחת תורה שאַדט ניט! — האָט נאָך איינער אונטערגעהאַלטען.

— ניין, ניין! רעדט בעסער גאָר ניט! — האָט זיך חיים אָבגעטרייסעלט.

נאָכ'ן דאַוונען האָט דער עולם אָנגעהויבען פרעהליך אונ־טערהאַלטען זיך.

דער בעל־הבית פון מנין האָט צוגעשטעלט שטוהלען צום טיש, ארויסגענומען לעקעך און בראַנפען און זיך אָנגערופען:

— נו, אידען צום טיש!

חיים האָט א קוק געטהאָן אויף די גרויסע פלאַש בראַנפען און איז א פערציטערטער געוואָרען.

— אזא פלאַש! — האָט ער געמורמעלט — עס פאַלט אָן א פחד...

ער האָט אָנגעהויבען מיט ציטעריגע הענד צונויפלעגען דעם טלית.

— נו, ר׳ חיים צום טיש געהט, וואָס אנטלויפט איהר ?— האָט זיך דער בעל־הבית פון מנין צו איהם געווענדעט.

— ניין, ניין ! — האָט חיים צוטומעלטערהייט ארויסגע־מורמעלט — איך טרינק ניט — חלילה !

— א שטיקעל לעקעך האָטש...

— א שטיקעל לעקעך... מהיכא־תיתי... א שטיקעל לעקעך וועל איך נעהמען.

— ניין ! ניין ! ר׳ חיים מוז טרינקען מיט אונז לחיים !— האָט א יונגער מאן אויסגערופען — אנדערש ניט. ר׳ חיים מאכט קדוש !

— קדוש וואָלט איך געמאכט מיט׳ן גרעסטען כבוד, נאָר אויף מעד... איהר וואָלט געהאַט אביסעלע מעד, וואָלט טאקי זעהר גוט געווען...

— וואָס טויג אייך די מעד ? פסח צו די סדרים וועט איהר טרינקען מעד — אָט נעהמט א קעלישעק און מאכט קדוש.

— נעהמט, ר׳ חיים, נעהמט ! — האָט דער עולם אונטער־געהאַלטען.

חיים איז געבליבען ווי צומישט. עפעס א עולם אידען בע־טען איהם, מען קען קיין גראָבער יונג ניט זיין.

— זאָגט מיר, עס איז ניט, חלילה, קיין שפּירעטעס ? — האָט ער ווי מיט א געבעט געפרעגט.

— חלילה, חלילה...

— און ניט צו שאַרף ? — האָט ער ווייטער געפרעגט, און א טרעהר האָט זיך איהם אין אויג געשטעלט.

— ניין, ר׳ חיים, ניין ! שוואכע בראַנפען, גאָר שוואכע...

— נו, איך וועל מאכען קדוש, איך וועל נעהמען א ביסע־לע, — האָט חיים זיך געמאַכט האַרץ...

ער האט געזאגט די ברכה און האט דעם קעלישעק צוגעטראגען צום מויל. די הענד האבען איהם געציטערט.

— נו, נו! — האט איהם דער עולם געטריבען.

— לח — — — — — קח. — קח. קח. !... האט ער זיך פונ־אנדער געהוסט און אוועקגעשטעלט דעם קעלישעק אויפ'ן טיש.

— איהר האט דאך גאר ניט געטרונקען, ר' חיים?

— נע — קח. — קח. — גענוג! קח. — קח. — קח. !...

— נו פערבייסט א שטיקעל לעקעך!

חיים האט גענומען א שטיקעל לעקעך. דער הוסט האט איהם געשטיקט און ער האט קוים ארויסגערעדט:

— שארפע בראנפען!... קח. — קח. — קח!...

דער עולם האט זיך פונאנדערגעלאכט.

חיים איז געקומען א היים, געזאגט קוים „גוט יום־טוב", האט זיך אוועקגעשטעלט צום מזרח־וואנד און האט זיך פונאנ־דערגעוויינט.

— מאמע, דער טאטע וויינט? — האבען די קינדער אויס־געשריען דערשראקען.

— וואס איז? הא? חיים? — האט זיך אויך דאס ווייב דערשראקען.

— ניין! ניין! גאר נישט! גאנץ גוט... א מחיה... האט חיים געשמאמעלט. — איך בין שכור... שכור... עפעס וויינט זיך מיר.

— שכור איז ער, בריה מיינער... — האט דאס ווייב זיך געקרימט. געטרונקען?

— גאר נישט, גאר נישט... — האט חיים זי געטרייסט — א מחיה.. עס וויינט זיך.. שארפע משקה...

— משוגענער, געה וואש זיך, אין מיט'ן שמחת תורה גאר וויינען !... לייט טאנצען — און ער וויינט !...

אויף מארגען, אז חיים האט זיך אויסגעניכערטט, האט ער דערצעהלט פאר זיינע נאהנטע אידען אין בית־המדרש בזה הלשון :

— איהר ווייסט, אז בראנפען איז א טהייערע סגולה צו טרעהרען ! איך האב נעכטען זיך איינגע'שכור'ט, האב איך דעם גאנצען טאג אבגעוויינט, אבער אזוי געשמאק, אז איהר קענט זיך ניט משער זיין. טעם גן־עדן !

אונזער אננאַ איסאַקאָוונאַ.

(דערצעהלט פון אַן אַרבייטער).

אונזער אננא איסאַקאָוונא איז אַ פריילין פון מיטעלען וואוקס מיט צוויי שווארצע אויגען און מיט אַ קאָפּ שווארצע האָר.

צי זי איז שעהן?

לויט די מבינות פון אַ בורזשוי איז זי אפשר ניט קיין שעהנהייט. זיי פאָדערען עפּעס אנדערש; ביי אונז אבער איז אננאַ איסאַקאָוונאַ די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט, און מיר אלע ארבייטער זיינען אין איהר פערליעבט און זי איז אין אונז.

„פערליעבט" — קענט איהר אודאי מיינען, אַז ווער פון אונז האָט טאקע רעיונות וועגען איהר אויף חתתה האָבען, ווי ביי אייך פיהרט זיך, זאָגען מיר אייך, אַז איהר האָט ניט גע־טראָפען דעם אָרט. אונזער אננא איסאַקאָוונא איז ניט פון די מיידלעך, וואָס רעדען און קלערען פון חתונה האָבען, זי איז גאָר אַן׳אנדערע, און מיר ארבייטער האָבען זי ליעב אויף אַן׳אנ־דער שטייגער. איהר קענט עס ניט פערשטעהן.

וואָס איז אונז אננא איסאַקאָוונא?

ווי זאָל איך אייך זי אָנרופען? מיין טאַטע איז אַ חסיד, וואָלט איך איהר וועלען אָנרופען אַ רבי, אונזער רבי, איך וויל זי אָבער ניט בעליידיגען מיט אַזא פערגלייך... איך האָב אמאָל געלערענט תנ"ך, באַמבעלט זיך מיר שטענדיג אין קאָפּ, אַז אננא איסאַקאָוונא איז אַ נביאה, אַזוי ווי דבורה, וואָס אין שופטים. זי משפט אונז ארבייטער. עפּעס אַזוי שטעלט זי זיך מיר פאָר... עס קען זיין, אַז דער משל איז אַ נאַרישער. נאָר מיר געפעהלט

ער. אונזער אננא איסאקאוונא איז א מין דבורה הנביאה, און זי לערנט אונז, ווי צו בעגעהן זיך מיט די פלשתים.

איהר מיינט, אז דא איז נישטא קיין פלשתים? — האט איהר א טעות. ביי אונז אין רוסלאנד איז דא א סך פלשתים...

קומען מיר זיך צונויף אלע פאר נאכט נאך דער ארבייט אויפ'ן טראטואר, וואו אונזער בירזשע איז, און וואו דבורה הנביאה, איך מיין אננא איסאקאוונא, ווארט שוין אויף אונז, און מיר, אין קופקעלעך, געהען איהר נאך, און זי דערצעהלט אונז, לערענט אונז און ווארענט אונז.

איך זאג אייך, טאקע א נביאה'טע! זי ווייסט פריהער ווען א רעוויזיע וועט זיין. און זי האט קיינמאל קיין טעות ניט, און מיט איהר נביאות פערהיט זי א סך אונזערע ארבייטער פון די פלשתים...

אונזער אננא איסאקאוונא איז א גרויסע געלערענטע, זי האט געענדיגט גימנאזיום און איז געווען אין אויסלאנד אין אוניווערזיטעט. זי איז, דאכט זיך, שוין א דאקטארקע, און פון דעסטוועגען רעדט זי מיט אונז אידיש. און אז זי רעדט אידיש, דאכט זיך, אז זי גלעט אונז און טרייסט אונז. איך ווייס ניט, וואס דאס איז; מיר זיינען דאך ניט קיין נאציאנאליסטען, און אידיש האבען מיר מאדנע האלט... עס איז עפעס אונזער לשון... איך ווייס ניט, צי מעגען מיר זיך אזוי אויסדריקען, אבער פאר אייך מאכט דאך ניט אויס. איהר זענט דאך ניט קיין פארטייגער... יא, רעדט זי אידיש... וואלט איהר הערען א אידיש! ריין ווי קריסטאל, קיינמאל וועט זי ניט ארייננמישען קיין רוסישען ווארט, ווי אנדערע....

ווי איך האב אייך שוין געזאגט, איז אונזער בירזשע אויפ'ן טראטואר, אויף איינער פון די רייכסטע גאסען. הייגט שטעלט זיך פאר, אז מיר ארימע ארבייטער, פילען אן דעם טראטואר אין אונזער ארימען הלוך... פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאגען אז אויף אונזער טראטואר איז, דאכט זיך, יום טוב'דיגער

ווי אומעטום... ביי אונז איז פארהאן נאך א פארטיי, איך וויל אייך ניט אנרופען איהר נאמען, האט זי געמאכט איהר ביר־זשע — איהר ווייסט וואו? אויפ׳ן סקווער... געפעהלט אייך א בירזשע אויף א סקווער?.. אונזער אננא איסאקאוונא מאכט פון זיי חוזק! א בירזשע דארף זיי אויף א גאס, דעמאנסטרא־טיוו, אלע זאלען זעהן די מאכט פון ארבייטער־קלאס און מען זאל מורא האבען... און זיי, אויפ׳ן סקווער, צומישען זיך מיט דער בורזשואזיע... אז זיי אליין, דאס הייסט פון יענער פארטיי זיינען אויך בורזשואזנע געשטימט... אזוי ערקלערט זי אונז ניט איינמאל און אננא איסאקאוונא קען דערקלערען א זאך, גע־לערנט איז זי געגוג, און א מויל האט זי—פערל! און וואס זי זאגט אונז, איז ביי אונז הייליג.

מיינט איהר אפשר, אז זי איז אנ׳ארימע ווי מיר, האט איהר א טעות; איהר טאטע האט אנ׳אייגענעם מויער, און איז א בורזשוי מיט אלע ברעקעלעך, נאר זי איז אנ׳אמת׳ע פרא־לעטאריערקע, נעהמט ניט ביי די עלטערען וואס א האר איז ווערט און האט טאקע קיינמאל קיין גראשען ניט, חאטש אז זי וואלט וועלען, וואלטען די עלטערען איהר געגעבען ווי פיעל זי וויל, זי וויל אבער ניט. אויב איהר האט חשק זי צו זעהען, קומט אמאל אויף דער בירזשע, איהר וועט זי שוין דערקאנען. זי געהט פאמעלעך, טריט ביי טריט, און ארום איהר א גאנצע קאמפא־ניע, און פון הינטען א קלענערע קאמפאניע. נאר זייט פארזיכ־טיג ווי איהר קוקט זיך איין. דער עולם קען אייך אננעהמען פאר א שפיאן... עס האט שוין געטראפען אזוינע מעשיות! אננא איסאקאוונא׳ס „אכראנע" שלאפט ניט...

דער פרומער.

אין דער צייט, ווען דער אלטער בער איז געזעסען אין בית־מדרש א פער'חלש'טער פון יום־כפור'דיגען תענית, א היי־זעריגער פון די תפילות, און האט זיך נאר פון צייט צו צייט געמינטערט מיט א שמעק פון א פלעשעלע „שלאק־וואסער", וואס ער פלעגט נעהמען ביי זיין שכן, און מיט א שמעק טאַ־באק, צוליעב וואס ער פלעגט שוין דארפען ארויפגעהן אויף דער בימה צום שמש, — אין דער דאַזיגער צייט איז לייבע, זיין זוהן, געזעסען אין זיין צימער, וואו ער וואהנט שוין, זינט ער האט זיך אבגעטהיילט פון פרומען טאטען, און ארום איהם א גאנצע חברה יונגע לייט, נאהנטע און ווייטערע חברים, און האט זיך עוסק געווען אין הכנסת אורחים, זיך געסטארעט, אז קיין הונגעריגער זאל קיינער פון איהם ניט ארויס.

אזוי פיהרט ער זיך שוין פון עטליכע יאהר, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען און איז דערגאנגען, אז אלץ איז א גרוי־סער טעות; און סטארעט זיך דערפאר זיין טעות צו פעררינכטען, אז זיינע אלטע זינד זאלען פערגעבען ווערען.

נאך ערב יום כפור, בשעת זיין טאטע איז אודאי געלעגען אין בית המדרש נעבען בימה און האט בעקומען מלקות, זאגענ־דיג דערביי תחנון, האט לייבע בעגעגענדיג זיך מיט חברים און בעקאנטע, יעדען אפגעשטעלט און פערבעטען:

— קום, ברודער, ארויף מארגען א זייגער צוויי, מיר וועלען צובייסען און גוט פערברענגען.

און די חברים האבען זיך נישט געלאזט בעטען און זיינען געקומען.

און יום־כּפּור א זייגער דריי, ווען אין די בתּי מדרשים און אין די קלויזען איז אויף א שעה רוה, האָט זיך ביי לייבען אין צימערל אָנגעהויבען די „עבודה“.

און כּאָטש דער עולם איז געווען א וואַכענדיגער, דער בעל־הבית פון צימער׳ל אויך דאָס גלייכען, פון דעסטוועגען איז דאָס גאנצע בילד אויסגעקומען יום־טובדיג. ווענינגסטענס ניט ווי געוועהנליך. דער בעל־הבית אליין, לייבע, איז געגאַנגען אהן א ראָק און האָט אלע פינף מינוט דערגאָסען דעם טשייניק און אָנגעצונדען די טהע מאַשינקע, וועלכע האָט געברענט מיט א יום־טוב׳דיגען געוויש; געשטאַנען איז די דאָזיגע מאַשינקעלע אין מזרח־וואנט און דאָס פייער האָט אויסגעזעהען ווי אפּיקורסיש־הייליג... די חברה איז בעשטאַנען פון א מאן 15, אין צימערל האָט זיך געפונען בלויז איין שטוהל און א בעט. אויף וועלכער עס זיינען געזעסען די פּני... די איבריגע זיינען געזעסען אויף דר׳ערד און דאָס האָט נאָך דעם בילד צוגעגעבען א מעהר יום־טוב׳דיגען אויסזעהן, אלענפאלס, קיין וואַכענדיגע זאַך איז עס ניט געווען.

אז לייבע פלעגט זיך אָבפּארטיגען מיט דעם טהעע קאָכען. פלעגט ער פערנאַנדערטראָגען ישׂרען צו גלאָז טהעע און הייסען שמירען ברויט מיט פּוטער און שניידען וואורשט. געקויפט טאקי היינט ביי א גוי...

— שמירט, ברידער, פּוטער און עסט מיט קאָלבאָס. איין מאָל יום־כּפּור!...

— עס פערשטעהט זיך! — האָט איינער פון דער חברה, א דארער בחור, מיט א הונגעריגען פּנים — פּאַרטאַקעוועט, און האָט אָנגעשמירט א שטיק ברויט מיט פּוטער, און ארויפגעלעגט דערויף דריי קיילעכדיגע שטיקלעך וואורשט. געדאכט האָט זיך, אז דער יונגער מאן וויל שוין יוצא זיין פאר נעכטען און אפשר פאר מאָרגען.

דער דאָזיגער יונגער־מאן האָט אביסעל געשטערט לייבעס

שטימונג. ניט דאס מיינט ער! ער איז דאך ניט אויסען צו געבען עסען גלאט הונגעריגע, נאר אזעלכע וואס האבען יום־כפור ניט וואו צו עסען. אויף א הונגעריגען פון א גאנץ יאהר איז היינט גאר ניט אזא מצוה...

אבער קיין סך קלערט ער דעריבער ניט. ער טרייסט זיך גלייך, אז אפילו געבענדיג אזא יונגען־מאן היינט עסען איז אויך עפעס ווערט. דער אמונה איז דאס אויך א פאטש אין פנים, און מעהר איז ער נים אויסען.

און א צופריעדענער, א גליקליכער פון זיין שליחות, רופט ער אוים, נאכדעם, ווי אלע זיינען שוין אנגעגעסען, אנגעטרונקען און אנגעדויכערט:

— מ'האט עפעס געדארפט א זונג־טהון... „דובינושקא"...

און די גאנצע חברה, חוץ דעם הונגעריגען יונגען־מאן, וועלכער האט זיך פלוצים מישב געוועז און האט אבגעשניטען גאר אויף דאס ניי א שטיק ברויט און בעשמירט מיט פוטער, בעלעגט מיט ווארשט — האט א דונער געטהאן „דובינושקא"...

דער בעל־הבית אליין, לייבע, האט קיין שטימע ניט געהאט, ער האט נאר אין דער שטיל אונטערגעזונגען, גלאצענדיג ביי די שארפע ווערטער פון ליעד פרום די אויגען.

— און נאך א ליעד! — האט ער א קאמאנדעווע געטהאן.

„אטרעטשיאמסיא!" האט איינער אנגעוויזען.

און דאס צימער'ל איז ווידער פול געווארען מיט געזאנג, נאך שטארקער ווי פריהער, ווייל דער הונגעריגער יונגער־מאן האט שוין געענדיגט עסען און, זייענדיג שוין זאט אויף אנ'אמת און צוליעב דעם — פרעהליך, האט ער זעהר הויך געזונגען.

— אט אזוי, האב איך ליעב! — האט לייבע בעגייסטערט גערעדט, בעטראכטענדיג זיין חברה, און בלייבענדיג שוין צופריעדען אפילו מיט דעם הונגעריגען יונגען־מאן.

אין מיטען זינגען האט זיך דערהערט א קלאפ אין טהיר.

— שא! — האט דער בעל־הבית איינגעשטילט דעם כאר. ווער ווייטער?

— טעלעגראמא! האט זיך דערהערט א גראב קול.

— א רעוויזיע! — האט אייגער פון די חברה דערשראקען אויסגעשריען.

די טהיר האט זיך געעפענט און עס זיינען אריין מיט א הילכיגען געלעכטער דריי מיידלעך.

— אהא, דערשראקען? — האט איינע מיט א מאנסביל־שען קול לאכענדיג געפרעגט.

דער בעל־הבית איז פון די נייע געסט געווארען צוטומעלט. מען האט שוין אלץ אויפגעגעסען. זיי זיינען אודאי הונגעריג.

— איהר ווילט דאך עסען... הא?... — האט ער בעזארגט געפרעגט.

— נאך א מין וועלען! — האט די מיידעל מיט'ן מאנס־בילשען קול אויסגעשריען. — מיר האבען דאך עפעס א חזקה צו עסען ביי אייך אלע יום־כפור.

לייבע ניט ענטפערענדיג א ווארט, האט גלייך ארויפגע־כאפט אויף זיך דאס רעקעל און אבגעבענדיג א בעפעהל דעם הונגעריגען יונגען־מאן אנצינדען די מאשינקע און מאכען טהעע, איז ער ארוים געלאפען עסענווארג קויפען...

אין עטליכע מינוטען ארום איז ער געקומען מיט א פאפירענעם זאק, וועלכען ער האט ארויסגענומען פון אונטערן פאלע.

—זיך בעגעגענט מיט א פאר יודען... — האט ער לא־בענדיג דערצעהלט... — סכנות נפשות...

— נישקשה, — האט דער הונגעריגער יונגער מאן גע־טרייסט — שליחי מצוה אינן נזקין.

און דער עולם האט זיך גענומען ווידער צו דער עבודה. דער בעל־הבית האט נאר אכטונג געגעבן, אז די פרויען זאלן עסען: אז זיי איז איצטער מעהר מצוה.

און מיט א פרום פנים, מיט שטראהלענדע אויגען האט ער זיי אלע ווײלע געבעטען.

— עסט און טרינקט! באלד וועלען מיר אלע עפּעס זינגען...

דער רעוואָלוציאָנער.

ניט געזעהן האָב איך חיים'ען שוין אַ פּאָר יאָהר, זייט די רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבען, און איך האָב געמוזט פערלאָזען די שטאָדט, וואו איך האָב אָנגעפיהרט, צוזאַמען מיט איהם מאַקע, דריי סטרייקען. קומענדיג צוריק אין דער זעלבער שטאָדט אונטער אַן אַנדער נאָמען, בין איך אריין צו זיינע עלטערען פרעגען אויף איהם.

— ווי אַזוי האָט ער זיך ארויסגעדרעהט? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע.

— איהם האָט אָפּגעשפּיעלט אַ גליק — האָט מיר זיין פאָטער, אַ ליבעראַלער איד, געענטפערט, — נאָך אייער אוועקפאָהרען האָבען זיך אָנגעהויבען די שרעקליכסטע און דומסטע ארעסטען... מען האָט ארעסטירט קרעמער, מלמדים אפילו. עס האָט געהאַלטען מען זאָל דעם ראַבינער ארעסטירען און פערשיקען... איהר פערשטעהט אונזער ראַבינער!... איהם אבער, חיים'ען הייסט עס, האָט מען גראד צו רוה געלאָזט...

— איז וואָס־זשע מאַכט ער? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

דער פאָטער איז טרויעריג געוואָרען און האָט געענטפערט:

— מאַכען מאַכט ער ניט אַזוי גוט — ער איז מעלאַנכאָליש געוואָרען... בענקט נאָך דער רעוואָלוציע...

— ווער בענקט דען ניט... — האָב איך אַ זיפץ געגעבען.

— יאָ... יאָ... מיר בענקען אַלע, אָבער ביי איהם דריקט זיך עס אויס אין אַן אַנדער פאָרם... איבריגענס איז ער ביי זיך אין צימער. ער זיצט אַ גאַנצען טאָג אין צימער... געהט

ערגעץ ניט ארויס...

איך בין אריין צו איהם אין צימער...

ער האט מיך גלייך דערקענט, איז אבער ניט נתפעל גע־ווארען פון מיין קומען. פונקט ווי ער וואלט מיך ניט בעמערקט...

— חיים, וואס מאכסטו, וואס ביסטו אזוי מוטהלאז.... דערקענסט מיך ניט?

ער האט אויפגעהויבען זיינע גרויסע שווארצע, ברענענ־דע אויגען, א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ בעדעקט מיט גע־דיכטע לאנגע האר, וועלכע האבען זיך צושאטען אין לאקענס אויפ'ן ווייסען הויכען שטערן און האט ארויסגעמורמעלט:

— איך דערקען דיך אויסערליך...

— וואס הייסט אויסערליך? — האב איך מיך פערוואונ־דערט און איהם מיט חשד אנגעקוקט...

— אויסערליך זייט איהר אלע די זעלבע מענשען.

— און אינערליך?...

— אינערליך זייט איהר שעפעלעך...

איך בין געבליבען א ווײלע פערווירט און האב קוים גע־פרעגט:

— און דו?...

— איך? — האט ער איבערגעפרעגט — איך בין ניט גלייך צו אייך...

— וואס טהוסטו א גאנצען טאג, חיים?... — האב איך איהם געפארשט.

— איך? — א שמייכעל האט בעדעקט זיין שטאלצען געזיכט — איך לעב אין א וועלט פון רעוואלוציעס...

— וואס הייסט?

— דו ועסט עס ניט פערשטעהן... האט ער זיך מרחה געווען פון אנ'ערקלערונג...

— לעזסטו עפעס צייטונגען... אינטערעסירסטו זיך מיט דער דומע?...

ער האָט אויף מיר מיט אַ שפּאָטיש מינע אַ בליק געוואָר־פען און געזאָגט:

— פאַר מיר עקזיסטירען ניט קיינע צייטונגען און קיין דומע... איך האָב מיינע צייטונגען...

— װעלכע?...

— װעלכע? — האָט ער איבערגעפּרעגט — אָט די אַלע צייטונגען, װאָס זיינען ערשינען אין יענע פרעהליכע, פרייע און היסטאָרישע טעג...

— אַלטע צייטונגען? — האָב איך אויסגעשטעלט די אויגען...

— אַלטע, זאָגסטו! — האָט ער געלאַכט — פאַר מיר זענען זיי אייביג נייַ...

דערביי האָט ער גענומען זיך גריבלען אין אַ פּאַק צייטונ־גען, ארויסגענומען פון דאָרט איין נומער און מיט שטראַהלענ־דע אויגען מיר אָנגעקוקט:

— דערקענסטו אָט דעם נומער, װאו עס איז געװען גע־דרוקט דער מאַניפעסט פון די ארבייטער־דעפּוטאַטען. נאַ, לעז דורך... לעז! — האָט ער מיר געררוקט די צייטונג אין פּנים אריין... דאָס זיינען װערטער... דאָס איז אַ פּליה!

— ס'איז דאָך אָבער אַן'אַלטער נומער... — האָב איך שוואַך און דערשראָקען געזאָגט...

— נו, טאָ לעז די היינטיגע צייטונג, װאו מען בעט זיך, װאו מ'רעדט תחנונים... א י ך קען זיי ניט לעזען, ברודער, מיך עקעלט... איך האָב מיך אָבגעװעהנט... מיין האַרץ דורשט נאָך אַ פרייען, דרייסטען װאָרט...

— און אַז דו לעזט איבער די אַלע נומערען, װאָס טהוסטו דאַן?...

—דאַן? איך האָב גענוג צו לעזען... — האָט ער שטאָלץ געענטפערט — ביי מיר אין צימער זיינען דאָ די בעשרייבונגען פון אַלע רעװאָלוציעס פון דער גאַנצער װעלט און פון אַלע ציי־

מען... די אַטענישע, די רוימישע, די פראַנצויזישע, די איטאַ־ליענישע, די עסטרייכישע, די היספּאַנישע... מיין צימער איז אַ נעסט פון רעוואָלוציעס...

זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט... איך האָב אויף איהם געקוקט מיט בעוואונדערונג און נאָך אַ קליינער פּויזע האָב איך איהם געפרעגט:

— און די רעאַקציע אין רוסלאַנד?...

— די רעאַקציע... — האָט ער בייז אויסגעשריען און זיין געזיכט האָט זיך ווילד פאַרקרימט... ביי מיר אין צימער איז ניטאָ קיין זכר פון איהר... איך לאָז איהר ניט צו... קיין קלאַנג דרינגט פון איהר ניט אריין אהער... ביי מיר אין צימער הערט זיך דער דונער פון באָמבעס; מיניסטאָרען, זשאַנדאַרען ווע־רען צוריסען אויף שטיקער... שטעדט ווערען באָמבאַרדירט פון רעוואָלוציאָנערען... מאַטראָזען דערשיסען זייערע קאַפּי־טאַנען... לעטען ערקלערען אַ רעפּובליק...

און אָבבאַפּענדיג דעם אָטהעם, האָט ער הויך זיך געבויי־זערט:

— ביי אייך איז אַ רעאַקציע, ביי מיר איז אָבער די רע־וואָלוציע אין רעכטען פייער... אָט־אָ! — האָט ער מיר ווילד אַנגעוויזען אויף אַ פּאַק צייטונגען... אָט דאָס איז עס... איך היט זיי ווי די אויג אין קאָפּ...

— ער איז קראַנק! — האָב איך אין געדאַנק אויסגע־שריען.

דאָך האָב איך איהם מקנא געווען...

1908.

אנזיכטס־קארטען.

בער שאבשאוויטש איז א מוכר ספרים בן מוכר ספרים. זיין קראם מיט די ספרים איז איהם געבליבען בירושה פון זיין אלטען טאטען. זיינען אבער געקומען אנדערע צייטען און א סך ספרים ליעגען ווי שטיינער ערגעץ אין די הינטער רייהען. פארקעהרט. די נייע ביכער און ביכלעך ליעגען אדער אויפ'ן טיש אדער אין די פאדערשטע רייהען און זייערע פאדערבלעט־לעך מיט די פערשיעדענע פארבען קוקען, ווי מיט העזה און חוזק...

בער שאבשאוויטש איז שוין אליין א איד פון א יאהר עטליכע און פופציג מיט א גראהליכער בארד און מיט לאנג־ליכע פאות. נישט קוקענדיג, וואס ער האט שוין שעהנע עטליכע יאהר צוטהון מיט די נייע סארט ביכלעך, קען ער זיך נאך אלץ צו זיי נישט צוגעוועהנען. און פאר זיינע נאהענטע עלטערע קונים איז ער זיך מודה, אז אנ'אמת'ע הנאה פון פדיון האט ער ערב פסח, ווען ער לייזט פאר הגדות, ערב תשעה באב — פאר קינות און אלול־צייט — פאר מחזורים. דאס איז ער־שטענס — ערקלערט ער — א סחורה, אין וועלכער איך בין א בקי. צווייטענס, איז דאס א יודישע סחורה, וואס געהט קיינמאל נישט אויס פון מאדע. זאל זיין טויזענד מאל רעוואָ־לוציע און טויזענד מאל קאנסטיטוציע און הונדערט דומעס — תשעה באב וועט א יוד קויפען א קינה... דאס איז אן אייביגע סחורה! און די היינטיגע, די נייע, איז היינט פערקויפט זיך דאס הונדערטער־ווייז, און נאכדעם בלייבט עס ליעגען ווי א שטיין. נאך ערגער ווי די אלטע ספרים...

אז עס וואלט זיך געווענדט אז איהם, וואלט ער עד היום געהאנדעלט מיט רומ׳ל אליין, צו אלדע שווארץ־יאהר די נייע! ער האט זיי פיינד, ווי חזיר, ווארום אייגענטליך זענען דאך אלע נייע ביכער און ביכלעך זיינע דם שונאים. מאכען חוזק פון זיין בארד און פון פאות און פון זיין גאנץ אידישקייט און ווילען פון איהם אש מאכען... ער לייענט זיי אפילו נישט, נאר זייערע נעמען אליין קלעקט שוין... אבער זיין זוהנדעל, וועלכען ער האט שוין עטליכע יאהר אריינגענומען אין געשעפט, וויל נישט אנדערש, ווי האנדלען מיט די נייע. „מיט די אלטע, טאטינקע, וועט מען אפילו נישט האבען פאר וואס קראם־געלד צו צאה־לען!“ און אט אזוי איז ביסלעכ־ווייז די קראם פול געווארען מיט טריפה סחורה.

און נישט נאר מיט די נייע סחורה אליין איז ער נישט צופרידען, נאר אפילו מיט די נייע קונים. יונגלעך אין בלויע און רויטע העמדלעך, גרויסע עזות־פנימ׳ער, קומען צוגעהן כאפטעס־ווייז און מען רעדט על ה׳ ועל משיחו... טרייבען זיי קען מען נישט צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס האט ער א מסורה, אז מיט קונים דארף מען זיך בעגעהן עדעל, און צוויי־טענס איז פשוט א מורא... א קליינינקייט — היינטיגע חברה! בשעת עס איז געוועזן דער שטרייק און ער האט נישט געוואלט פערמאכען די קראם, האבען זיי איהם געוויזען פיסטוילען... אמת׳ע פיסטוילען! פון דאמאלסט אן ציטערט ער פאר זיי און זאגט זיי אפילו א מאל א חניפה־ווארט... מען מוז!... אז אידען זיינען אין גלות ביי גויים און ביי אידען...

נאר ער וואלט שוין צו אלץ צוגעוועהנט ווערען, אי צו די נייע ביכלעך, אי צו די נייע קונים, בפרט, אז די לעצטע צייט לייזט זיך טאקע גאנץ געשמאק.... האט זיך אין מיטען דרינען זיין זוהנדעל פערוועלט גאר א נייער מין סחורה — קארטלעך מיט צאצקעס, אנזיכטס־קארטען בלע׳ז. פארטרעטלעך אזעלכע, שטות׳עריי! מיט פאטרעטען האט ער אפילו שטענדיג געהאנדעלט.

אבער דאס זיינען געווען פארטרעטען פון ווילנער גאון, פון ר׳ מענדעל ליבאוויטשער; דאס זיינען געווען הייליגע פנים׳ער, וואס די שכינה האט אויף זיי גערוהט. אבער די פאסטקארטען מיט די צאצקעס—אמת׳ע „פסלים“. אפילו כלומר׳שט אויך אי־דישע. אבער אז אך און וועה צו די אידישקייט! מילא. די קארטען מיט זכרים איז נאך ווי עס איז, אבער מיט די נקבות זאל זיך דער אויבערשטער מרחם זיין — הענד און פיס ציטערען איהם. מוטער־נאקעטע נקבות! און נאך כלומר׳שט פון תנך... דבורה, אביגיל, בת שבע און נאך און נאך...

קומט אריין א קונה, בשעת ער איז אליין אין קראם און בעט אנ׳אנזיכטס־קארטע, בלייבט ער ווי אין קלעם... ער נעמט ארויס דאס גאנצע קעסטעל, וואו די דאזיגע סחורה ליגט און דערלאנגט מיט אראפגעלאזטע אויגען.

— קלייבט אייך אויס... זאגט ער פערשעהמט, ווי ער וואלט עפעס גע׳גנב׳עט.

דער קונה קלייבט, קלייבט, ביז ער קלייבט עפעס אויס און דערלאנגט עס שאבשאוויטש׳ען.

בער שאבשאוועטש נעמט עס אין די הענד און קוקט עס אן, ערשט: הגר — א נאקעטע הגר!...

— א צעהנעריל, נישט ווענליגער... זאגט ער קוים ארויס און קעהרט אום דאס קארטעל אויף דער צווייטער זייט, ווי מען קעהרט אום אין אנ׳אבל־שטוב דעם שפיגעל...

— און וואס קאסט א די — אויך אזוי? פרעגט דער קונה ווייטער, דערלאנגענדיג נאך א קארטע.

דער אלטער מוכר־ספרים נעמט זי ווידער אין האנד און ווי אנ׳אבגעבריהטער שטעקט ער עס אב צוריק דעם קונה, אב־שטאמלענדיג בייז:

— א צעהנעריל!

דאס האט איהם אזוי אבגעבריהט אותזער מוטער חוה...

— א בעלנות אזוינס צו קויפען! מורמעלט ער, אז דער

קונה געהט שוין ארוים, און נעמט דאָס קעסטעל און וויל עס אוועקשטעלען ערגיץ.

נאָר ער פיהלט, ווי דאָס הארץ קלאַפּט איהם שטארק... און עס ציהט איהם, ציהט צום קעסטעל...

ער קוקט זיך אום, צו געהט עמיצער נישט אריין און נעהמט זיך כלומר׳שט סאָרטירען די קאַרטלעך.

פריהער סאָרטירט ער די צעהנערדיגע, הגר׳ס צו הגר׳ס, און חוה׳ס צו חוה׳ס. און דבורה׳ס צו דבורה׳ס... ווי ער קומט צו בת־שבע, בלייבט ער לענגער — אזא יפת־תואר... אבער באלד קומט אריין דאָס זוהנדעל.

— וואָס טהוסטו דאָס, טאַטע?

בער ווארפט אראָב פאר שרעק דאָס קעסטעלע און מור־מעלט א ברוגז׳ער.

— איך סאָרטיר דיינע שעהנע סחורה... אז אַך און וועה צו מיר!...

דער זוהן דערפיהלט עפּעס און שמייכעלט...

ווי אזוי איך בין געוואָרען אַ ציוניסט.

די בעסטע צייט צו לעזען צייטונגען איז קאפע „אָריענטאַ“ אין בערלין איז אין דער פריה. דאָס קאפע־הויז מאכט דעמאָלט דעם איינדרוק פון אַ קלויז, אין וועלכער עס איז שוין נאָכ'ן דריטען מנין, און עס זיינען בלויז געבליבען עטליכע אידען לומדים, וואָס זיצען נאָך איבער אַ פרק משניות, אַ בלאַט גמרא אָדער איבער אַ ספר סתם.

די געסט אין דער־פריה זיינען געצעהלטע, אבער דערפאַר שטענדיגע. און דאריבער טאַקע הייסען זיי „שטאַם־געסט“. צווישען זיי געפינען זיך אַ פּאָר בטלנים, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס לייענען די צייטונגען זעהר ווייניג, מעהר זיצען זיי אַזוי מיט דער צייטונג אין דער האַנד און טראַכטען פון נעכטיגע טעג און רויכערען דערביי זייערע ציגאַרען; אַ פּאָר אָבער זיי־נען דאָ אמת'ע מתמידים, וואָס זיצען על התורה ועל העבודה און שטודירען די „פראַנקפורטער צייטונג“, נאָך דער פראַנקפור־טער“ נעמט מען זיך צו דער „פּאָסישער“ און אז די „פּאָסישע“ צייטונג איז שוין אויך דורכגעלערענט, נעהמט מען זיך צום „פרעמדען־בלאַט“.

עס איז דאָ, גאָט צו דאַנקען, וואָס צו לייענען, אבי מען וויל נור!

אָבער דער גרעסטער מתמיד פון די צייטונגס־לומדים איז דאָרט איינער אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דריי־סיג, נישט רייך, אָבער אַנשטענדיג געקליידעט. דער דאָזיגער יונגער־מאַן קומט אין „אָריענטאַ“ כמעט צו ותיקו'ן, טאַקע באלד, ווי מען עפענט עס אויף. קומט ער צוגעהן מיט אַ שוואַר־

צען רימענעם פול־געפאקטען פארטפעל, וואס מאכט דעם איינ־דרוק פון א טלית־און־תפילין־זאק...

ער זעצט זיך אוועק אויף זיין שטענדיגער „שטאט" אין מזרח, וואו עס געפינען זיך די פאליצעס מיט די צעהנדליגער צייטונגען און זשורנאלען, און בעשטעלט א „בערלינער קאפע".

נאכדעם געהט ער צו מיט א פרומער, ערנסטער מינע צו די פאליצעס און נעהמט זיך אויסזוכען דאס זייניגע. קודם גע־פינט ער די „וועלט" מיט'ן געלען שער בלאט. האבעדיג זי שוין, בעקומט זיין פנים א צופרידענעם איינדרוק, נאכדעם זוכט ער אוים „די יודישע רונדשוי". מיט די דאזיגע צוויי וואכענבלע־טער זעצט ער זיך צוריק אוועק אויף זיין שטענדיגען פלאץ און הויבט אן מיט התמדה צו לייענען.

דעם דאזיגען יונגען־מאן האב איך א לאנגע צייט „בעאב־אכטעט". ער איז מיר וואס אמאל מיט זיין לעזען די ציוניסטישע צייטונג אינטערעסאנטער געווארען. אבער איך דריק זיך ניט ריכטיג אוים — די צייטונגען האט ער ניט געלעזען, ער האט זיי געלערענט.

דער אויסדרוק פון זיין פנים האט ביים לייענען ביי איהם זיך געענדערט. דא איז עס געווארען קאנצענטרירט ביי א שווע־רער פראגע, דא האט עס געגומען לויכטען, ווי ביי א גוטער בשורה, דא האט עס אויסגעדריקט פראטעסט, ווי ביי א מיינונג פון א געגנער און דא האט עס געשמייכעלט כמעט קינדיש, ווי עס וואלט געזאמעלט געווארען ערגיץ א גרויסע צאהל שקלים.

דאס איז א פייערדיגער ציוניסט! — האב איך בעשלאָ־סען,— און כאטש נישט נור פייערדיגע, אפילו לעבליכע ציוניס־טען זיינען מיר נישט שטארק נאהענט צום הארצען, האב איך דאך שטארק געוואלט קענען לערנען דעם דאזיגען זאנדערבארען „לעזער".

עס האט מיר געלונגען.

ערפאחרענדיג, אז איך בין ניט קיין ציוניסט, האט ער

לכתּחילה געפּרוּבט מיך בּעקעהרען מיט גוּטען. קודם האָט ער מיר בּעוויזען, אַז אין „גלות" זיינען ניטאָ קיינע אויסזיכטען פאַר א נאַציאָנאַל־קוּלטוּרעל לעבּען.

האָבּ איך עס איהם, נאַטירליך, אָבּגעלייקענט. האָט ער זיך אָנגעהויבּען צו אַמפּערען מיט מיר, און האָט מיר פאַר־געוואָרפען דעם זשאַרגאָן, וואָס מען רעדט אין גלות.

האָט מיר שוין די מעשה שטאַרק פערדראָסען און איך האָבּ איהם אָבּגעענטפערט, אַז דער העבּרעאיש אין ארץ־ישראל איז ערשט אַן אמת'ער זשאַרגאָן און האָבּ איהם געבּראַכט צי־טאַטען פון „הפּועל הצעיר" און פון „האחדות".

האָט ער מיר צוריק פאַרגעוואָרפען, אַז דער זשאַרגאָן אין אַמעריקא איז געמישט העלפט מיט ענגליש.

האָט דאָס מיר ערשט אַ בּריה געטהאָן: סטייטש, איך קען אַזוי גוּט דעם אַמעריקאַנער „יודייש" און דער ציוניסט קוּמט און דערצעהלט מיר מעשיות... האָבּ איך איהם געזאָגט, אַז ציוניזם איז נעגען גייסט פון פאָלק און ער פיהרט צו אַסימי־ליאַציע און האָבּ איהם געבּראַכט אַ ראיה לרבר די שטאָרט וויען.

— וויען, זאָג איך איהם, איז פאַר'ן ציוניזם געווען אַ אידישע קהלה און איצט האָבּען די וויענער אידישע צייטונגען אַלע וואָך אַ רוּבּריק פאַר די אַרויסגעטראָטענע פון יוהענטוּם.

האָט ער מיר אויפגעוויזען צוריק, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אין ניו יאָרק האָבּען אידישע מיידלאך חתונה פאַר אי־טאַליענער.

האָבּ איך איהם תּוך כּדי דבּור געזאָגט, אַז ווי די אַראַבּער וועלען נור ווערען קוּלטוּרעלער, וועלען אידישע מיידלעך חתונה האָבּען דוקא מיט אַראַבּער.

האָט ער, פון זיין זייט, מיט גרויס בּקיאוּת מיר קלאָר גע־מאַכט, אַז די העבּרעאישע קוּלטוּר אין ארץ־ישראל וועט בּע־הערשען די אַראַבּישע...

דאָס האָט ערשט מיר פערבריענט: שוין ווילסטו בעהער־
שען! און איך האָב אויסגעשאָסען מיט גרימצאָרן:
— יאָ, מיר ווייסען אייערע ציעלען. דער ציוניזם האָט
אפעטיט, אָבער מען וועט געבען איבער די הענד...
און איך בין אזוי בייז געוואָרען, אז איך האָב פאר כעס
אזש געציטערט.
ער ווידער האָט אין גאנצען געפיבערט.
— איהר זייט אַ פאָלקס־פערראַטער! — האָט ער געשריען.
— און איהר זייט אַ בורזשואזנע פארטיי. מען קען אייך
גור מיר וועלען קעמפּפען מיט אייך!
און אזוי איז געוועזן יעדען פריה־מאָרגען.
צוקריגט זיך, זיינען מיר ווי צוויי העהנער געזעסען איינער
נעגען דעם אַנדערען און פאר כעס מעהר ניט גערעדט.
ער איז שרעקליך בעז, וואָס איך בין אזוי איינגע'עקשנ'ט.
איך בין שטארק אויפגערעגט, וואָס אזוינע יונגע־לייט, וואָס
וואָלטען מיט זייער עקסטאַז געקענט פיעל נוצען ברענגען דעם
פאָלק, זיינען אזוי פערבלאָנדזשעט און געהען אויף אַ פאלשען
וועג...

* * *

קום איך אַמאָל אין דעם זעלבען קאפע־הויז שפעט אין
אבענד, ווען די געסט זיינען וועניג און עס בלייבען בלויז, אויך
ווי אין אַ קלויז, די לומדים.
ערשט מיין געגענער, דער ציוניסט, זיצט אויף זיין
„שטאָדט" מיט די ציוניסטישע צייטונגען נעבען זיך און קוקט
ערגיץ שטארק אַנגעכמורעט.
איך זעץ מיר אוועק נעבען איהם און בעגרים איהם קאַלט.
— שאָלאָם! ציהט ער מיר אוים פריינדליך די האַנד.
ענטפער איך איהם צוריק, אויף צו להכעיס, דוקא אויף
אידיש:

— שלום־עליכם!

שמייכעלט ער טרויעריג.

אז מען שמייכעלט טרויעריג, ווירקט אויף מיר ווי די גרעסטע אַנטיזציאָנס־רעדע.

איך קוק מיך אויפמערקזאם איין אין דעם יונגען־מאַן און בעמערק צום ערשטען מאָל, אז ער האָט פּערטריקענטע ליפּען, און אונטער די אויגען — גרויסע, שוואַרצע פּאסען.

לאָז איך אוועק דעם גאַנצען קאַמפּף מיט איהם וועגען ציוניזם און פרעג איהם מעשה־פריינד:

— וואָס זענט איהר עפּעס אַזוי טרויעריג? — און אום איהם נאָך מעהר צו דערוואַרימען, פּערטייטש איך עס איהם אויף העברעאיש:

— למה פניך כה זועפים?

שמייכעלט ער נאָך טרויעריגער און ענטפערט אויף גאַליציאַנישען יודיש (ער איז פון גאַליציען!):

— עס איז שווער צו לעבען!

— איהר מיינט, אין גלות? — פּאַרש איך איהם אויס.

— איך מיין טאַקע פּשוט פּערזענליך... מען מוטשעט זיך...

און גלייך אָבהאַקענדיג די פראַזע, קוקט ער מיך אָן מיט פאַרשענדע בליקען און גיט שנעל א פרעג:

— האָט איהר ניט א „מאַרק“?

צום גליק האָב איך געהאַט.

און איך האָב ערפאַהרען, אז דער דאָזיגער ציוניסט, וואָס האָט געזאָלט זיין, ווי דער שטייגער איז, א בורזשוי, געהט מאַנכמאָל אום גאַנצע טעג ניט געגעסען.

— אויב אַזוי איז די מעשה — קום איך צום שכל — וואָס־זשע האָב איך זיך מיט איהם געקריעגט? און איך בעשליס — אין זיין אַנוועזענהייט צו ווערען א ביסעל קיהלער מיט מיין געגנערשאַפט.

בעקומענדיג פון מיר געבאָרגט דעם מאַרק, ווערט ער

אויפגעלעגט און לעגט מיר פאר דורכצולייענען דעם לייט־ארטיקעל אין „דער וועלט“.

איך פערשפרעך עס איהם און זיינע אויגען קוקען מיך אן מיט דאנקבארקייט. איך לעז עס בערך שנעל דורך און ענטפער איהם:

— א שעהן ארטיקעל.

און מיר צוריידען זיך ווידער וועגען ציון.

— ס'שאפט זיך דארט א נייע לעבען! — מורמעלט ער פער'חלום'ט און די אויגען קוקען ערגיץ ווייט...

— יא — מורמעל איך צו, ווי מען טרייסט א חולה — מעגליך, אז א מאל זאל דארט עפּיס געשאפען ווערען...

ער איז מיר אזוי דאנקבאר, אז באלד, דאכט זיך, צוואוויינט ער זיך.

— פון אייך קאן נאך א מאל ארויסקומען א גוטער ציוניסט — שמייכעלט ער מיר צו מיט פריינדשאפט.

— אפשר — שמייכעל איך צוריק גוטמוהטיג...

— איך בין זיכער! — זאגט ער ארוים מיט בטחון.

— הלואי! — ווינש איך מיר צו אליין... און בעזאלץ עס מיט א העברעאישען אויסדרוק:

— מי יתן והיה!

— אט אזוי! אט אזוי! — קוועלט ער פון מיר אן.

אין א פאר טעג ארום דערצעהל איך איהם שוין אליין א פרעהליך נייעס.

— א חברה לאדזער אידען — האט איהר געלעזען? — נעהמען קויפען קרקע אין ארץ־ישראל.

— ניין! — ענטפערט ער איבעראשט, און די אויגען גלאנצען איהם — דאס איז נאך אין „דער וועלט“ ניטא. זעהט איהר... איך זאג אייך, אז דארט שאפט זיך א נייע לעבען.

און אזוי ווי דאס מאל זיינען נאך די ליפּען ביי איהם פער־טריקענטער און די פאסען אונטער די אויגען שווארצער און

גרעסער, בעשלים איך איהם אנצוזאגען נאך א גוטע בשורה, וואס איך האב געלעזען.

— די העברעאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים האלט ביי ווערען א פאקט.

גאר דאס ווייס ער שוין פון „דער וועלט“. אבער ער איז מיר זעהר דאנקבאר פאר דער ידיעה און ער ענטפערט:

— דארט ווען מיר אלץ האבען!

און ער הויבט זיך אן צו גראבלען אין די וועסט־טאשען:

— מיר פעהלט־צו צעהן פעניג פאר דער טאסע קאפע צו בעצאהלען, — מעלדעט ער מיר.

— נו, קיין בעז ניט — טרייסט איך איהם, און נעהם דאס איבער אויף זיך.

איז ער שוין גאר גליקליך. א העברעאישע אוניווערזיטעט וועט ער זיכער האבען און דאס קאפע וועט אויך בעצאהלט זיין און איך — זעהט ער בעשיינפערליך — ווער — א דאנק זיין ווירקונג — אלץ מעהר ציוניסט...

א גליקליכער מענש!

און ער דריקט מיר ווארעם די האנד און הויבט זיך אויף אוועקצוגעהען.

ער קנייטשט דעם שטערען און טראכט עפעס שווערעס.

— וואס זענט איהר פערטיעפט?

— איך קלעהר — ענטפערט ער — צי זאל איך היינט פרובען געהן אהיים שלאפען, צי ניט.

— וואס איז דאס פאר א קלער? — פער'חדוש איך זיך.

— איך בין פערשטעהט איהר מיך, שולדיג פאר א מאנאט, און די הויז־פרוי האט מיר שוין אייגענטליך „געקינדיגט“...

אזוי ווי קיין פלאץ פאר איהם האב איך ניט ביי זיך, טרייסט איך איהם מיט ציוניזם:

— אין פאלעסטינא וועט יעדער יוד האבען אן ארט.

— יא, — זאגט ער אויפגעלעגט — קיין ארץ־ישראל וועל

איך אמאָל זיכער פאַהרען... און איהר? — ווענדעט ער זיך צו מיר און קוקט מיך פאַרשעהנדיג אַן.

איך קוק אן זיין פערצווייפעלטען פּנים און ענטפער ברייט:

— וואָס הייסט! איך רעכען אַ מאָל אין ארץ־ישראל צו בעזעצען זיך.

— דאָס בעסטע, וואָס מיר קענען טהאָן! — ענטפערט ער בעגייסטערט — דאָרט שאַפט זיך אַ ניי לעבען...

איך בעשטעטיג עס איהם און דערמאָהן איהם דאָס העב־רעאישע גימנאזיום, דאָס פּאָליטעכניקום אין חיפה און די העב־רעאישע אוניווערזיטעט, וואָס דאַרף בקרוב ווערען אַ פאַקט...

— יאָ, יאָ! — מורמעלט ער... און, פערטיעפענדיג זיך, גיט ער צו:

— ווייסט איהר, וואָס איך האָב בעשלאָסען?

— וואָס?

— איך וועל מיר די נאכט דורכשפאצירען אין „טיערגאַר־טען“. איך וויל ניט אַנזעהן איהר נאַרישען פּרצוף!...

אויך מיט זיין נייער אידעע בין איך מיט איהם איינפער־שטאַנען און ווינש איהם זיך גוט אַמוזירען...

און מיר צושיידען זיך, ווי צוויי אמת'ע פריינד, וואָס זיי פעראייניגט איין אידעאַל, איין ליכטיגע צוקונפט...

דער בדחן.

גדליה איז אין דער יוגענד געווען א שניידער. נאר אזוי ווי ער איז געווען א צו ריהרעוודיגער מענש און האט ניט געקענט איינזיצען א גאנצען טאג ביי דער ארבייט, האט ער געזוכט אן אנדער פרנסה. זייענדיג א בחור האט ער ניט געקענט געפינען קיין פאסיגע בעשעפטיגונג, אבער אז ער האט חתונה געהאט מיט ביילע'ן, לייבע דעם שוסטער'ס טאכטער, דוקא א שטיל און רוהיג וועזען, און האט זיך ערווארבען א צוויי־דריי קינדערלעך, האט ער זיך אריינגעמאכט אין שניידערשען קלייזעל פאר אן אויבער־שמש.

דאס שניידערשע קלייזעל איז בעשטאנען פון א קליינער הילצענער געביידע, האט פערמעגט א פאליש, א ווייבערשע שול און א קעלער. די אפיציעלע דירה פון דעם אויבער־שמש האט זיך גערעכענט דער קעלער, אזוי איז געווען בפירוש געשריעבען אין „כתב“, וואס דער אויבער־שמש האט בעקומען פון די גבאים, — אין דער ווירקליכקייט אבער האט גדליה בעוואוינט דאס גאנצע שניידערשע קלייזעל. דער קעלער איז נאר געווען פאר די כלי בית און פאר'ן ווייב מיט די קליינע קינדער.

בכלל איז די דאזיגע שמשות געווען פאר גדליה'ן א פרייליכער ענין. די שניידער זיינען בטבע א פאלק, וואס האבען ליעב א ווערטיל, א וויצעל און א מאל, א ביסעל בראנפען. א שאד איז נאר דאס, וואס זיי זיינען ניט זעהר רייך, א טייל פון זיי דוקא גרויסע קבצנים. דעם וואכער אויסרייסען פון זיי איז גדליה'ן אנגעקומען נישט גאר גרינג און דערפאר פלעגט

ער, פרייטאג געהעננדיג נאכ'ן „וואכער", מוזען פערבלאנזשען אויך צו אנדערע בעלי־בתים מיט דער פושקע. ארויסגעהאלפען האט איהם זיין פרעהליכקייט און זיין אויפגעלעגקייט. גדליה פלעגט דאס מאכען גלאט מיט א וויצעל, מיט א ווערטעל און איבערהויפט מיט א גראם.

דאס „געפיהל" צו גראמען האט זיך ביי גדליה'ן ענדעקט גאנץ פריה, ווען ער האט נאך געארבייט ביי שניידעריי. יעדער חפץ האט ביי איהם געהאט א גראם. די שער האט זיך גע־גראמט מיט „גיעב אהער", די פרעס מיט נס און די נאדעל מיט גדול... די פועלים מיט וועלכע ער האט דעמאלט צוזאמען גע־ארבייט, האבען נביאות געזאגט, אז ער וועט אמאל זיין א בדחן... גדליה האט די דאזיגע נביאות געהיט אין הארצען און שטענדיג זיך געאיבט אין גראמען. געהאפט האט ער, אז ער וועט אמאל ווערען אין שטעדטעל דער בדחן און דאמאלט וועט ער לאכען פון דער וועלט...

אבער די ערשטע פאר יאהר פון זיין שמשות אין שניי־דערשען קלייזעל האט ער ניט געהאט קיין אויסקוק אויף ווע־רען א בדחן. דאס שטעדטעל האט טאקע קיין בדחן ניט געהאט, אבער העניך דער „קאנטראבאס", א הויכער, מאגערער איד, אויף וועלכען דאס „שטעדטעל" האט געזאגט, אז דער קאנ־טראבאס נעהמט ביי איהם ארויס דאס חיות און ער וועט לאנג ניט לעבען — דער דאזיגער העניך איז געוועזען אויף חתונות דער ממלא מקום פון א בדחן. נאטירליך האט דער עולם קיין סך פון איהם ניט געפאדערט: זיין נוסח איז געוועזען קורץ: „חתן מיט דער רעכטער פוס!" „כלה אין א גליקליכער שעה". און נאך א פאר נויטיגע פראזען, פאר וואס ער האט בעקומען עקסטרא פון די כלי־זמר א גרעסערען פראצענט פון די הכנסות, וואס די חתונה האט אריינגעטראגען...

אבער גדליה האט געפיהלט, אז דאס שטעדטעל מוז הא־בען נויטיג ווי לעבען א בדחן. אלס אויבער־שמש פון שניידער־

שען קליזעל, פלעגט איהם אויסקומען זיין אויף שניידערשע חתונות. ער פלעגט שוין דעמאלט, אויסער זיין שמשות'דיגע ארבייט, זיך אריינמישען צווישען די כלי־זמר און איינמאל נאך א שטארקע כוסה, וואס ער האט געמאכט, האט ער א זינג געטהאן:

הערדרדיי, רעררררדיי, וויוואט,
לעבעדיג, פרעהליך,
די כלה איז א מלכה, דער חתן
איז א מלך...

נאכדעם ווי דער מגושמ'דיגער עולם האט זיך דערפיהלט פון דעם דאזיגען אונערווארטעטען זמר ווי בערוישט און אנקוקענדיג גדליה'ן מיט אנערקענונג האט מען געווארט אויף נאך פון דעם זעלבען מין, האט העניך דער קאנטראבאס אויסגעשטעלט זיינע וואסערדיגע אויגען, א פאך געטהאן מיט דעם גרויסען „סמיק" וואס האט דעמאלט אויסגעזעהן ווי א וואפע און האט אויסגעברומט:

— גענוג! איהר זענט א שמש! — און גדליה האט זיך אבגעטראגען אין א וויקעל צו די כלי־קודש און האט דארט אין דער שטיל חוזק געמאכט פון העניך'ן און דוקא צום גראם: ווי געפעלט אייך דער דאזיגער פלאקען — איך מיין, אז וועט נ"ט זיין קיין זקן... די איבעריגע כלי־קודיש, וואס האבען אויך געמאכט א כוסה, האבען פרעהליך געלאכט און דער חזן, וואס איז געשטאנען גרייט צו מאכען דער כלה'ס פאטער, וואס איז געשטארבען פאר דער חתונה, א „מלא" און אוועקלעגען דעם עולם אין א ים פון טרעהרען, האט אויך מסכים געווען, אז גדליה וואלט געווען א בעריהמטער בדחן, ווען העניך קאנטראבאס וואלט איהם נישט געשטערט:

— אל־מ־לא־רח־מי־מ־מ־מ! האט ער זיך מכין געווען אין דער שטיל, שמועסענדיג מיט גדליה'ן אין איין צייט — איהר טויגט ר' גדליה, איהר טויגט! שו־כן־במ־רו־מי־מ־מ־מ!

—איהר וועט אמאל... המצא־מנו־חה —... יא, איהר וועט אמאל זיין בדחן... און רעפעטירענדיג דעם אל מלא רחמים, האט ער אין דערזעלבער צייט ליכטיגע נביאות געזאגט אויף גדליה דעם שמש, וואס וועט פריהער אדער שפעטער זיין א גוואלדיגער בדחן... אל מלא רחמים!...

געוועהנליכע מענשען לעבען ניט אויביג, בפרט כלי זמרים, בפרט הענוך דער קאנטראבאס: ער איז אוועק פאר דער צייט פון דער וועלט, ווייל דער קאנטראבאס האט איהם דאס חיות ארויסגעצויגען. עס איז שווער צו בעשטימען וואס פאר א טאג גדליה האט געהאט, ווען הענוך איז געשטארבען... ער איז ארומגעגאנגען אין שניידערשען קלייזעל הין און צוריק, געצופט דאס בערדיל און געזונגען:

אל מלא רחמים... המצא מנוחה... הערריי — הערריי וויי־וואט... לעבעדיג פרעהליך... די כלה איז א מלכה, דער חתן איז א מלך... אל־מלא־רחמים... חתן מיט דער רעכטער פוס... אל־מלא רחמים... הערררריי — הערררריי. —

קיין גרויסע לויה האט הענוך ניט געהאט, עס איז געוועזען קוים א צוויי מנינים מענשען, שוין אריינגערעכעט די פיער קאלעגען, די כלי־זמר, און גדליה דער שמש...

די מטה, אויף וועלכער עס איז געלעגען דער מת אויסגע־צויגען אין זיין גאנצען לענג און איבערגעדעקט מיט א שווארצער דעקע, האבען געטראגען זיינע חברים, די כלי־זמר. גדליה האט זיך געישוב׳ט, צי זאל ער נעהמען אנטייל אין דער דאזיגער מצוה, צי ניט... ער איז ענדליך, אהן ווערטער, צוגעגאנגען צו דעם פארענט פון מטה, איבערגענומען דעם שטאנג און זיך איינגעשפאנט אין איהר. זיין אקסעל, ניט געוועהנט צו א שווערער משא, האט זיך געבראכען אונטער׳ן שטאנג און ער האט שוין חרטה געהאט אויף זיין אויפטהו... די זאך איז שוין

אבער געווען פערפאלען, מיט א מת שפּיעלען זיך איז נ׳ט קיין שכל און ער האָט געשפּאַנט ביז׳ן בית־עולם און אין קאָפּ איז איהם געקראַכען דער אלטער גראַם מת — פּרעס.. מת — פּרעס..

ערשט אז מען האָט די מטה אוועקגעשטעלט ביים אויס־געגראָבענעם קבר איז ער פון דעם דאָזיגען גראַם פּטור געוואָ־רען, איז געוואָרען ערנסט געשטימט און האָט זיך פאַרבערייט צו בעטען דעם מת מחילה...

אויך ביי דעם מחילה בעטען האָט ער זיך שיער ניט ארויס־געכאפּט מיט א גראַם, פאַר וואָס ער האָט זיך שטארק דער־שראָקען...

אָבער אז ער איז געגאַנגען צוריק פון בית־עולם איז ער גאָר אַן אנדערער געוואָרען. זיין שטימונג איז געוואָרען שטארק געהויבען. די נביאות פון דעם חזן, וואָס האָט רעפּעטירט אין איין צייט דעם „אל מלא רחמים“, אז ער וועט זיין א בעריהמ־טער ברחן, האָט איהם איצט אָבגעקלונגען אין זיינע אויערען ווי א געזאַנג. ער איז געגאַנגען אהיים מיט זיכערע און פעסטע טריט... אין קאָפּ האָט זיך איהם געבאָמבעלט אבגעריסענע שטיקלאך ניגונים פון חזן׳ס „אל מלא רחמים“ און פון זיין אייגע־נער קאָמפּאָזיציע:

הערריי, הערריי, ווי־וואט — לעבעדיג, פרעהליך!...“

ניו־יאָרקער בילדער.

1.

וואַרשעווער בלוט

שוין יאָהרען אַז די פאַמיליע וואָהנט אין ניו יאָרק. די מו־טער, — אַן אַלטע אלמנה, אַ זוהן און דריי טעכטער.

דאַכטען דאַכט זיך זיי, אַז זיי וואָהנען אין וואַרשוי. אין וואָס פאַר אַ גאַס זיי ציהען זיך פון צייט צו צייט איבער איז דאָס אַלץ די וואַרשעווער „טוואַרדע גאַס“, פון וואַנען זיי זיי־נען אהשר אַנגעקומען מיט יאָהרען צוריק...

עס מאַכט גאָר ניט אויס, וואָס זיי וואָהנען אין אַ טענע־מענט הויז. פרעגט בחרם די אַלטע מוטער, וואָס אַ טענעמענט הויז איז. זי וועט עס גאָר ניט קענען אַראָבשלינגען אַזאַ טשיקאַ־ווע וואָרט. ביי איהר הייסט עס נאָך אַלץ אַ „האָאז“. די טענע־מענטס — לאָקאַטאָרען און די נעקסט־דאָריגע — די שכנה...

דער זוהן און די טעכטער אַרבייטען אַלע אין די שעפּער. אָבער דאָס וואָרט שאָפּ ווערט כמעט אין הויז ווי ניט דער־מאָהנט. די מיידלעך „נעהען“ און דער בחור איז אַן „אַרבע־טאָריער“....

די טעכטער האָבען נאָך זייט זיי זיינען אין ניו יאָרק ניט גענומען קיין וואַק. זיי מאַכען אַנשטאָט דעם אַ שפּאַציער... זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעצט אויף אַ טשער. אויב זיי זיצען יאָ, זיצען זיי אויף אַ שטוהל, פונקט ווי אין וואַרשע דאָרט אויף דער טוואַרדע גאַס.

און ניט נור אין רעדען זיינען זיי נאָך אַלץ וואַרשאַווער, מיט׳ן „סאַרנע“ און מיט׳ן „דרינען“ און מיט די אַלע חנ׳דלעך, וואָס דער וואַרשאַווער אידישער לשון פערמאָגט—אפילו די

„קיך" איז א היימישע. די אַלטע מוטער מאכט נאָך ביז היינטי־געו טאָג ווארשאווער מיטאָגעו, זופּ — בעבלעך מיט קליסקעלעך, און פלייש בראָט זי אויפ'ן ווארשאווער שטייגער. פיש קאָכט זי נאָך אַלץ מיט צוקער און אַהן פעפער...

ווענן קליידער איז אָבגערעדט — דער שייטעל, וואָס די מוטער טראָגט, איז אופ'ן ווארשאווער סטייל, די טוך אופ'ן פלייצע איז נאָך פון ווארשע און וועט נאָך איבערלעבען צעהנדליגע הינגע פּאַציילעס...

אָבער אויך די סביבה אין וועלכע די פאמיליע לעבט זיך אוים איז א ווארשאווער. דער קצב איז פון קראַכמאַלנע גאַס און דער איד פון'ם געוועלב איז פון סליזקא... אמת'ע ווארשאווער. דערפאר פערברענגט די מוטער סיי אין יאַטקע און סיי אין געוועלב לענגער ווי זי האט צייט. ארויסגעהענדיג פון דאָרט מיינט זי, אז דאָס געהט זי אַהיים ניט דורך דער סעקאָנד עוועניו, נור דורך דער טוואַרדע. בלויז דער נומער פון הויז איז א לענגערער: 715. איבריגענס קוקט זי גאָר ניט אויפ'ן נומער.

אַ פערטעל נאָך זעקס קומען די מיידלעך פון דער ארבייט. דער בחור קומט מיט א פערטעל שעה שפּעטער. אין הויז הערט זיך דער גערוך פון די עבטע ווארשאווער שפּייז. פערגעסט זיך די אַלטע, אז איהרע קינדער זיינען פון א שאָפּ געקומען און זי מיינט, אז זיי האָבען דאָס געשפּאַצירט אין זאַקסישען גאָרטען פרעגט זי:

עפּס שעהן דאָס וועטער?

אָבער באַלד פערכאַפּט זי זיך. זי האָט זיך דאָך דערמאָנט, אז די קינדער ארבייטען. זי קוקט זיי אָן יעדען בעזונדער מיט מוטערליכע בעזאָרגטער ליעבע און הייסט זיי געהן עסען.

זי וואָלט אמאָל געוואָלט וויסען, ווי אזוי געהט זיי דאָר־טען אין שאָפּ. שעהמט זי זיך צו דערמאָהנען דאָס וואָרט. עס איז א מיאוס וואָרט — „שאָפּ"... די אַלטע האָט נאָך זייט זי

לעבט קיין מיאוס וואַרט ניט אַרויסגערעדט.

די קינדער אַליין האָבען דאָס וואָרט אויך ניט בעזונדערס ליעב. זיי ווילען עס פערגעסען און מען רעדט וועגען וואַרשעווער נייעס, וואָס זיי ווערען געוואָהר פון בריעף און לאַנדסלייט:

— מאַמישע, רחל־גאָלדע איז אַ כלה געוואָרען!...

יאָ, איך האָב שוין געהערט. — ענטפערט די מאַמע און שמייכעלט.

רחל גאָלדע אַליין געפינט זיך אין וואַרשע, אָבער פאַר די מוטער מיט די קינדער האָט רחל־גאָלדע מעהר אינטערעס, ווי אַלע נעקסט־דאַריגע פון זייער טענעמענט...

— מען דאַרף איהר שיקען אַ מזל־טוב! לעגט פאָר דער זוהן...

— אודאי... זאָגט די אינגערע טאָכטער.

און די צווייטע שלאָגט פאָר צו שיקען אַ דרשה־געשאַנק...

נאָר פון אַ דרשה־געשאַנק וויל ניט הערען די מוטער: וואָס קען מען דאָ קריגען?..

פון אַמעריקאַנער חפצים האַלט זי ניט... אויך מיר אַ שטאָדט!...

די דריי טעכטער זיינען הויך, שלאַנק און גראַציעז. דער חן פון וואַרשאַ ליעגט אויסגעגאָסען אויף זייערע געשניצטע פּנים׳ער. אין די אויגען רוהט יחוס פון לאַנגע דורות שוואַרץ־אויגיגע.

דערצו קליידען זיי זיך אין וואַרשעווער שטאָפען, אין וואַרשעווער מאָדע... דאָס גיט זיי צו נאָך מעהר שילטען און איינערליכען „שיק“. געהען זיי אַמאָל אין גאַס שטעלט מען זיך אָב קוקען אויף זיי. אָבער ניט ווי אויף גרינע, נאָר ווי אויף אויסלענדער... מאַנכע ווילען האָבען, אַז זיי זיינען פון שפּאַניען און מאַנכע פון אַן אַנדער ווייטען שעהנעם לאַנד. די נאָהענטע בע־

קאַנטע וואונדערען זיך: פון וואַנען קומט צו זיי אַזאַ חן? דאַכט זיך גרינגע מיידלעך און יעדער האָט פאַר זיי דרך ארץ... ליעבע? ניין, פון זייער ליעבע האָט נאָך קיין יונגער מאַן ניט געוואַגט צו רעדען.

דאָס האָט זיי אַי פערדראָסען, אַי הנאה געטהאָן: מען וואַגט ניט!... אַמאָל פאַלט אריין אַ יונגער מאַן אין הויז. אָנ־פאַנגס ווילען די מיידלעך איהם געפעלען, מען נעהמט איהם אויף פר·ינדל·ך און מען שמייכעלט צו איהם מיט אַן ספּעצ־ציפישען וואַרשעווער שמייכעל. אָבער דאָ ווייזט זיך דער יונ־גערמאַן ארויס מיט זיין אַמעריקאַניזמוס: עהערנעכטען, — דערצעהלט ער, איז ער געווען אין אַ בורלעסק...

וואו?... — דערשרעקט זיך די מוטער...

— אין אַ בורלעסק!... אַ בורלעסק. אַזאַ שאַו... אַ פריילי־כע שאַו...

די מיידלעך וואָס ווייסען יאָ די בעדייטונג פון וואָרט, שמייכלען מיט פעראַכטונג. און בכלל האַלט ער זיך זעהר גראָב, דער דאָזיגער „פעללאָו"... ער לאַדט זיי איין נעמען אַ וואָק און נאָכהער וועט מען אריינגעהן אין אַן אייז־קרים פּאַרלאָר. אָבער די מיידלעך זאָגען זיך אָב איינע נאָך די אַנדערע...

— וואָואי? — מאַכט דער אַמעריקאַניזירטער פעללאָו חנ׳דלעך אויפ׳ן ניו־יאָרקער שטייגער.

— אַזוי... ניטאָ קיין „חיישעק"... — שמייכלען זיי גוט־מוטיג אָבער שטאָלץ... און אַז ער געהט ארויס פיהלען זיי זיך ווי בעפרייט פון אַן אָנשיקעניש, פון אַ ווילד פרעמדען, און מען הויבט איהם אָן ארומרעדען מיט וואַרשאַווער אויסדריקע:

—ווי געפעלט איהן דער פּאַצעט...

— ער וואַלט זיך געפּאַסט פאַר דער אוואַצאַווע אַלעע אין זאַקס·שען גאָרטען...

די מוטער האַלט אויך אונטער...

— אַ שוטה אַ יונגערמאַן...

— אן אמעריקאנער „באי"... — העלפּט צו דער זוהן.

און די אלע פּיער לאָזען זיך ארוים אויף דרויסען מאכען א שפּאַציער...

די מוטער בלייבט אליין... זי איז פערנומען מיט איהרע געדאנקען.

וואס איז דער תכלית? דריי טעכטער. זיי מוזען דאָך חתונה האבען... אבער קיינער געפעלט זיי ניט...

אין הארצען אבער איז די אלטע צופרידען: איהר געפעלען זיי נאָך ערגער... זי קען ניט פערשטעהן, ווי אזוי וועט זיך ארייננמישען אין זייער פּריוואטען ווארשאווער לעבען עפּעס א פרעמדער יונגערמאן מיט'ן „אללראיט" און מיט'ן אלבעטשיו... און ווערען איינער פון דער משפּחה... פון די ווארשעווער...

און די אלטע דאנקט אין הארצען גאט, וואס איהרע טעכטער פּיהלען דאס זעלבע ווי זי: קיין פרעמדע בלוט אין דער ווארשעווער משפּחה...

אפשר וועט מען נאָך אמאל פאָהרען צוריק...

2.

אין בוכהאנדלונג.

שלמה גאָלדין, א איד אין די פופציגער, געפינט זיך שוין אין ניו־יאָרק איבער צעהן יאָהר. געקומען איז ער מיט דער־וואקסענע זיהן און טעכטער. א דאנק זייער געראטענקייט און גוטסקיים האט שלמה ניט דורכגעמאכט די אלע צרות, וואס אן עמיגראנט דארף דורכמאכען די ערשטע צייט, ווען ער קומט אין נייעם לאנד. די קינדער, סיי די זיהן און סיי די טעכטער, האבען פון דער ערשטער צייט אן גוט פערדיענט און שלמה גאָלדין האט זיך געקענט ערלויבען צו פיהרען דאס שעהנע בעל־בתישע און למדנישע לעבען פון דער היים אויך דא אין ניו יאָרק.

שלמה גאָלדין האָט ליעב געהאַט פון צייט צו צייט אריינ־כאַפּען זיך אין א אידישען בוך־געשעפט אין דאון־טאון און פרעגען אויב עס איז אנגעקומען עפּעס נייע ספרים. און דער מוכר ספרים פלעגט איהם ענטפערען: ניין, פלעגט ער א זיפץ טהאָן און שמאַרק בעדויערן.

— איך וואָלט געוועזן א בעלן צו וויסען, צי דרוקט מען שוין דאָרטען מעהר ניט פון דעם מין ספרים, אָדער איהר שרייבט זיי ניט אויס, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין בעלנים.

און אויסהערענדיג די ערקלערונג פון מוכר ספרים, אז אי מען דרוקט דאָרטען ניט אזוי פיעל, אי עס לוינט זיך ניט אלץ צו ברענגען אהער, פלעגט שלמה זיך פיהלען ווי בעליי־דיגט און פלעג דעמאָלט א מורמעל טהאָן.

— וואָס האָט איהר עפּעס פון די אלטע אַנטיקען? אפשר א יערות דבש?...

פלעגט זיך ארויסווייזען, אז דער ישרות דבש איז שוין אויך ניטאָ, אז דאָ פרעגט עס קיינער ניט — נאָר אויב שלמה וויל, האָט דער מוכר ספרים פאַר איהם א נייעם גאַנג חומשים, טאקי דאָ געדרוקט...

אָבער די היגע געדרוקטע חומשים איז פאַר שלמה'ן ניט געווען קיין סחורה, אויב שוין א נייעם גאַנג חומשים, וויל ער פון ווילנער דרוק.

— פון ווילנער דרוק קאָסט טייערער, מר. גאָלדין, — פלעגט דער מוכר ספרים איהם אפּשלאָגען.

— איך דינג זיך דען מיט אייך? — פלעגט שלמה פער־דריסליך אנקוקען דעם מוכר ספרים — איהר גיט מיר נאָר א היימישען גאַנג חומשים און מיר וועלען שוין דורכקומען...

קומט אז ערב יום־טוב ווייזט זיך שלמה ווידער אין בוך־האנדלונג. ער איז א בעלן צו קויפען א רעכטען גאַנג מחזורים".

דער מוכר ספרים ווייזט איהם א גאנג מחזורים, וואס א צייטונג האט ניט לאנג דא געדרוקט אלס א פרעמיע פאר איהרע לעזער.

דאן בעטראכט זיי שלמה ווי מיט פעראכטונג, גיט א בלעטער פון ערשטען ביז'ן לעצטען זייטעל. און אף דעם לעצטען זייטעל געפינט ער א פגימה: אן אדווערטייזמענט וועגען א „רעעלער" באנק, וואס צאהלט זעקס פראצענט, ער לעגט אוועק מיט א געפיהל פון עקעל דעם גאנג מהזורים און רופט אויס:

— ניין, אדווערטייזמענטס האב איך געגוג אין די פייפערס... איהר גיט מיר טאקע א ריכטיגען גאנג מחזורים, אזוי ווי אין דער היים אין יוראפ.

און שלמה צאהלט אפ פינף מאל אזוי פיעל, אבי א היימישען.

א וואך פאר פסח לאזט ער זיך ארוים אין סטריט איינקויפען פסח'דיגע זאכען.

ביים „סטיישאן" שטעהען אינגעלעך און רופען אויס: אן הגדה פאר א פעני...

איינער פון זיי כאפט אן שלמה'ן פאר'ן האנד און שטופט איהם אן הגדה...

שלמה נעהמט ארויס א פעני, דערלאנגט דעם אינגעלע, און זאגט:

— נעהם די פעני, די הגדה דארף איך ניט...

דאס אינגעלע וויל אבער קיין נדבה ניט נעהמען, און ער שטופט שלמה'ן צוריק די פעני.

דא איז שוין שלמה געצוואונגען צו נעהמען די בילינע הגדה.

א פערשעהמטער פאר דעם ביליגען פרייז וויל ער אפילו אויף איהר ניט א קוק טהאן. „א פעני אן הגדה", — שמייכעלט

ער מיט טרויער. ער קען זיך אבער ניט איינהאלטען און בע־טראכט זי. ער ווערט איבערראשט: די הגדה פערמאגט אלע פרושים, די משלים פון דובנער מגיד, צום סוף די גאנצע שיר השירים.

— אזוי ביליג! — וואונדערט ער זיך, אבער ענדליך גיט ער זיך א כאפ צום לעצטען בלעטעל און דער סוד פון דער בי־ליגקייט ערקלערט זיך פאר איהם: ווידער די אדווערטייז־מענט פון דער רעעלער באנק!

ער פערקרימט זיך, לעגט זי אריין ווי א שטיקעל אוננוי־טיגע פאפיער אין קעשענע און לאזט זיך צו דער בוכהאנדלונג.

— איך וויל איהר זאלט מיר עפעס געבען א רעכטע הגדה...

— פאר דריי סענט?... — פרעגט דער מוכר ספרים.

— ניין! ניין! — שרייט ר' שלמה — איך וויל א רעכטע!

— אויב אזוי וועל איך אייך גיבען פאר א ניקעל... — זאגט דער מוכר ספרים.

— און קיין טייערערע האט איהר שוין ניט? — פרעגט ר' שלמה און קוקט מיט פעראכטונג אויפ'ן מוכר ספרים.

— איך האב א טייערערע אויך... — ענטפערט דער מוכר ספרים — איך האב אן הגדה פאר צעהן סענט, אבער האלב אויף ענגליש...

— און אהן ענגליש פאר צעהן סענט, האט איהר ניט? — פארשט ר' שלמה און קוקט נאך מיט מעהר פעראכטונג אויפ'ן מוכר ספרים.

— ניין! — ענטפערט באלד דער מוכר ספרים — אזוינע טייערע הגדות אהן ענגליש איז ניטא. מען פרעגט דא אויף זיי קיינער ניט....

און שלמה איז געצוואונגען צו קויפען די ענגלישע הגדה אבי ניט אזוי ביליג. ער גיט זי א בלעטער און שטו־סט זיך

אַן גליַיך אויף דער ענגלישער איבערזעצונג — די ווערטער קו־קען איהם אַן אַזוי קאַלט און פרעמד.

און בעצאַהלענדיג דעם „טייערסטען" פּרייז געהט ער אַ ברוגז'ער ארויס פון סטאָר און מורמעלט: אַלץ איז ווי בייַ זיי אַזוי ביליג!...

3.

די טראַגעדיע פון רייכקייט.

(פון אַ שמועס מיט אַן אויפגעקומענעם).

לייט זיינען מיר מקנא: אַ איד אַ גביר! נאַטירליך, מען שאַצט איבער מיין פערמעגען... אבער בעקלאַגען זיך דאַרף איך נישט. איך האָב, ניט צו פערזינדיגען, אַ קאַפּיטאַל... וויפיעל גלויבט מיר — געגוי וויים איך אַליין נישט! עס לויהנט ניט צו וויסען! עס האָט ביי מיר פערלאָרען די ווערטה, עטליכע טויזענדער מעהר, צי עטליכע טויזענדער ווענינער. סיי ווי סיי — קיין גרויס הנאה פון מיין געלד האָב איך ניט... אַז מען האָט ניט קיין געלד איז דאָס טאַקי אַ גרויס אומגליק, אבער אַז מען האָט יאָ — איז עס ניט קיין גליק. פאַר אַנדער'ן אפשר יאָ — פאַר מיר ניט! איהר פערשטעהט — איך בין אַן אויפגעקומענער! מיין שטאַם איז אַן אָרימער! פון קליינע מענשען! אַלס קליינע מענשען זיינען זיי געווען גאַנץ שעהנע! אבער אַז אַ קליינער מענש ווערט גרויס, ווערט ער נאָך קלענער! איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין? מען דאַרף דאָס פערשטעהן!

איך בין שוין רייך אַ שעהנע עטליכע יאָהר! און דאָך קען איך נאָך אַלץ מיין רייכקייט ניט פערדייען. אין אַלע פּרטים מיין איך דאָס! קודם טאַקי דער מאַגען! מיין מאַגען איז אַ קליינער — אין אַמאָליגע יאָהרען האָט דאָס ביסעל

עסען פערדייעט אויפ'ן בעסטען אופן. ביים עסען האָב איך געפיהלט אַן אמת'ע הנאה. אויפ'ן עסען האָב איך געוואָרט: אַט באַלד וועט מען געהן עסען... וואָס האָט דאָס ווייבעל מיינס געקאָכט? — אודאי פעריל גריץ מיט קאַרטאָפּפעל! עס איז געווען מחיה נפשות. נאָכ'ן עסען איז צוגעקומען אַ שטיק געזונט! ווער רעדט אַ שבת'דיגער עסען איז דאָך אודאי געווען אַן עונג! אַ גאַנצע וואָך געוואַרט אויפ'ן טשאָלענט. געשאַדט האָט ער ניט! דער מאַגען האָט אַלץ פערדייעט. עסען זאָל שאַדען — דערפון האָט קיינער ביי אונז ניט געוואוסט. שאַדען שאַדט, אַז מען עסט ניט. אַז מען הונגערט זיך אויס שווינדעלט דער קאָפּ און עס פינטעלט אין די אויגען. קוים אָבער עסטו — מוזטו זיין געזונד און זיך פיהלען גוט איצט אָבער — די מאכלים זיינען אַ סך, די קעכין מאַכט זיי אויפ'ן שעהנסטען אופן — ווער אָבער האָט פון זיי הנאה? ווער קען זיי פערדייען? דער מאַגען איז צו קליין פאַר זיי!

מוז מען אַנקומען אַלע וואָך צום דאָקטאָר: „העררר דאָקטאָר, אַזוי און אַזוי" — און דער העררר דאָקטאָר האָט שוין אַ פיינעם אויטאָמאָביל און, גלויבט מיר, אַז אין דאָזיגען אויטאָמאָביל האָב איך דעם גרעסטען חלק... אָבער פאַרט איז זיך דאָ צו ווענדען צו ווענדען! העלפט דער דאָקטאָר ניט, דאָכט זיך כאָטש, אַז ער וועט דיר העלפען — און מיט'ן מאָגען גיסטו זיך שוין ווי עס איז אַן עצה...

האָט אָבער דער מענש אויך אַ נשמה און וואָס טהוט מען ווען די נשמה איז קליין און קען ניט פערדייען קיין גרויסע זאַכען?... צו דער נשמה איז שוין קיין דאָקטאָר ניטאָ!

מוטשעט זי זיך נעביך! אַמאָליגע יאָהרען, אַז איך האָב קיין געלד ניט געהאַט פלעגט מיין נשמה הנאה האָבען פון אַ נדבה. געהסט אין גאַס און זעהסט אַ הינקעדיגען בעטלער. קודם פלעג איך בעטראַכטען צי נאַרט ער מיך ניט אָב, צי איז זיין פוס טאַקי ריכטיג אַ לאָמע. קוים האָב איך זיך איבער־

ציינט, אז יאָ, האָב איך איהם געגעבען א גראָשען. דעם דאָזיגען גראָשען האָט מיין נשמה פערדייעט, עס האָט איהר וואויהל געטהאָן: געגעבען א הינקעדיגען אָרימען א גראָשען, אקוראַט אזא סומע, ווי מיין קליינע נשמה האָט געקענט פערטראָגען...

איצט אָבער — זעה איך גאָר ניט די דאָזיגע אָרימע לייט. צו־פוס געה איך זעהר זעלטען. עס איז דאָ אן אויטאָמאָביל... פליהסט דורך די גאַס ווי א טייפעל... נאָך א נדבה קומט מען צו מיר אין הויז אריין... דאָס זיינען נדבות, וואָס שמעקען מיט הונדערטער און טויזענדער... דאָס געלד איז מיר ניט קיין שאד... איך בין ניט קיין קאַרגער, אבער די עצם נדבה קען מיין נשמה ניט פערדייען, עס איז צו גרויס פאַר איהר. א נדבה פאַר רוסישע רעוואָלוציאָנערען... איך קען זי ניט אראָבשלינגען, זי שטעהט מיר ווי א ביין... א נדבה פאַר א גרויסען פרייהייטס־קעמפער!... מיין נשמה בענקט נאָכ'ן הינקענדיגען בעטלער... וואָס געהען מיר אָן רעוואָלוציאָנערען און פרייהייטס־קעמפער?....

אודאי וואָלט איך ניט געוואָלט ווערען צוריק א אָרים־מענשעל, ווי אמאָל. אבער וואָס איך האָב יאָ געוואָלט — איז איך זאָל בעקומען א גרעסערע נשמה... נאָר צוריק געשמועסט, איז דען מעגליך צו האָבען א סך געלד ווען דו האָסט א גרויסע נשמה... זעהט איהר, אַט דאָס איז די גאַנצע טראַגעדיע פון רייכקייט...

4.

„סטאָרס" פון פרייד, גליק און שעהנקייט.

דרויסען רעגענט. דער ברוק פון דער בויערי איז נאַס, קויטיג און גליטשיג. אין דער הויך טראָגט זיך אלע ווײַלע

דורך מיט א גרילצענדען געשריי א קאר, אונטען ציהען זיך אהין און אהער „בירגער" פון דער בויערי. די מענער אָהן אוי־בער מאנטלען, אין צוריסענע קורצע רעקלעך, מיט פּנים'ער פערצלטשרטע, פערטרונקענע און איינגעשרומפּענע, מיט אוי־גען אָנגעפילטע מיט טהירישער גלייכגילטיגקייט. די פרויען מיט גראָב געפּארבטע געזיכטער און אונטערגעשלאָגענע אוי־גען, די ברעמען בעשמירט מיט א שווארצען פארב.

אַלץ ארום זעהט אויס פערצווייפעלט, האָפנונגלאָז און מיאוס. געהענדיג דורך דעם דאָזיגען ברודיגען און טרויריגען מענשען ווינקעל, ווערט מען ערשט שטארק הונגעריג נאָך א ביסעלע פרייד, גליק און שעהנקייט, און ווילענדיג ניט ווי־לענדיג כאפּט מען זיך אריין, אויב מען האָט א ביסעל צייט און א ניקעל אין טאש, אין א פּלאַץ פון פילמס, — אין א „מואווינג־פּיקטשור".

און בעטראכט מען דאָס פּובליקום פון אזא מין פּלאַץ אויף דער בויערי, דערפיהלט מען ערשט, ווי דער דאָזיגער גע־פאלענענער מין פון דער מענשהייט גיט אויס זיין לעצטע ני־קעל, אבי צו זעהען כאָטש אויפ'ן לייווענט דאָס פרעהליכע, דאָס שעהנע.

זייערע אויסגעלאָשענע אויגען צינדען זיך אָן און בלאַנ־קען, זייערע קאלט געוואָרענע הערצער דערוואָרעמען זיך און שלאָגען שטאַלצער; זייערע הענד, וואָס ווייסען נאָר צו רייבען זיך איינע די אנדערע פון קעלט, פּאַטשען אזוי הילכיג פאר ענטציקונג און אינערליכער אויפלעבונג.

אָט האָט זיך אויפ'ן לייווענט בעוויזען א פּלאַץ מיט א פּאראדנעם איינגאנג, וואָס בעשטעהט פון לויטער מארמארענע טרעפּ און זיילען. פון די טרעפּ לאָזען זיך אראָב פאָטער און קינדער, רייך געקליידעט, מיט שטראַהלענדע געזיכטער און מיט שווארצע און בלאָהע אויגען.

דאָס גראָהע פּובליקום אויף די בענק שלינגט יעדער בע־

וועגונג, וואס קומט פאר אויף דעם לייוועגט. און אט דאכט זיך יעדען פון זיי, אז די אלע פערזאנען אויף דער לייוועגט זיינען זייערע נאהענטע אדער גאר זיי אליין זיינען עס מיט זייערע ברידער און שוועסטער, טאטעס און מאמעס...

שא אט איז א חתונה. א יונגע פאר, די כלה איז א גיר־לאנדרע פון וועלכער עס קוקט ארויס דאס בליהענדע, שטראה־לענדע געזיכט, שטעהט געארעמט מיט'ן חתן, א הויכער, שלאנקער מאן מיט לאכענדיגע אויגען, דער גלח, שוין אן על־טערער מענש, אבער אויפ'ן לייוועגט איז ער נאך אזוי שעהן. און די גלח'טע אן עלטערע פרוי, אבער אויפ'ן לייוועגט איז זי נאך אזוי פריש, — שטעהען נעבען חתן־כלה. און מען פראוועט די פייערליכע צערעמאניע און דערנאך דריקט מען זיך די הענד, און דער נאך געהען חתן־כלה ארויס און מען צו־קושט זיך מיט אזא מין חן און ליעבליכקייט, אז אלע פון פובליקום, דער געפאלענסטער מין פון דער מענשהייט, הויבען זיך פון פלאץ, ווי זיי וואלטען געוואלט אנטייל נעהמען אין דער דאזיגער שמחה, וועלכע זיי אליין איז נישט בעשערט גע־ווען דורכצומאכען.

און די טיהר פון דאזיגען פלאץ עפענט זיך אלע ווייל־ע אויף און עס קומען אן אלץ נייע בעזוכער. קיין פלאץ צו זי־צען פאר זיי איז שוין ניטא — שטעהען זיי געדריקט איינע צו די אנדערע, מענער מיט פרויען, יונגע מיט אלטע און די אויגען צום לייוועגט געווענדעט. די קליין געוויקסיגע הויבען זיך אויף די שפיץ פינגער — אלע זיינען דורשטיג, נאך א ביסעלע גליק, פרייד און שעהנקייט, וואס מען ציינט פאר זיי אויף דעם לייוועגט פאר א ניקעל...

אינהאלט:

די אבשפיגלונג — — — — — — — 7
די צוויי מוטערס — — — — — — — 12
דער שריפטשטעלער און זי — — — — — 17
די פרוי וואס ארבייט — — — — — 25
די לעזערין פון „וואירלד“ — — — — — 34
דער שלום — — — — — — — 39
די תשובה — — — — — — — 45
די מציאה — — — — — — — 53
גאלד — — — — — — — — — — 60
דעם ברודער'ס קוילען — — — — — 67
די פערטיידיגונג — — — — — — 74
דער אפטייקער — — — — — — 78
דער יוניע־היטער — — — — — — 85
די גרעניצען — — — — — — — 91
דער ערשטער שאס — — — — — — 97
מענדיל'ס פעלדער — — — — — — 101
„ניטשע“ — — — — — — — 106
שטענדיג א בעל־חוב — — — — — 112
געשפיעלט פאר'ן קייסער — — — — — 118
דער געפונענער נאמען — — — — — 125
עס שאקעלט זיך — — — — — — 131
די נקמה — — — — — — — 133
די לבנה — — — — — — — 137
פראגמענטען:
1) זיי און ער — — — — — — 141

2) דער משכון — — — — — 142
3) ניט אין פוס. — — — — — 144
4) וואו איז די גערעכטיגקייט — — 146
דער רוביבער — — — — — — — 149
אין א אידישען קאבארעט — — — — 154
גאָלדע'ס פריינד — — — — — — 161
אין וועג:
1) דער ליטעראַרישער בעטער — — 167
3) די וועטשערינקע אין פאריז — — 173
3) א גרויסער מענש — — — — 179
דער פערלאַרענער שטאָלץ — — — — — 184
דער פראָלעטאריער — — — — — — 192
די פרעמדע תפלה — — — — — — 197
דער שכור — — — — — — — 203
אונזער אננא איסאקאָוונא — — — — — 209
דער פרומער — — — — — — — 212
דער רעוואָלוציאָנער — — — — — — 217
אנזיכטס־קארטען — — — — — — 221
ווי אזוי בין איך געוואָרען א ציוניסט — — — 225
דער בדחן — — — — — — — 233
ניו־יארקער בילדער:
1) ווארשאווער בלוט — — — — 238
2) אין בוכהאנדלונג — — — — 242
3) די טראגעדיע פון רייכקייט — — — 246
4) „סטאָרם“ פון פרייד, גליק און שעהנקייט 248

פאָלקס ביבליאָטעק • ייִדישע • טאָראָנטאָ
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Oc 8 1954	MAR 26 '78	
DEC 5 '65	MAY 2? '78	
FEB 18 '68		
[illegible] '68		
MAY 31 '68	JUN 18 '78	
JUL 9 '71	AUG 10 [illegible]	
APR 27 '73		
Aug 20/74		
FEB 21 '75		
JAN 4 '76		
JAN 2 '77		
JAN 23 '77		
AUG 1 [illegible]		
OCT 30 '77		
NOV 27 [illegible]		

ספריה עממית בטורונטו
JEWISH LIBRARY, TORONTO

אברהם רייזען
IX X
#523
#523 Fict